STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09400

VELTGESHIKHTE FUN URALTER TSAYTEN BIZ HAYNTIGEN TOG

Y. G. Fogt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ג. פאָגט.

וועלטגעשיכטע

פון אוראַלטע צייטען ביז היינטיגען טאָג.

בעאַרבייט אין אידיש פון

א. ח. ראָזענבערג.

אונטער דער רעדאַקציאָן פון

אלכסנדר האַרקאַווי.

אילוסטרירט.

צוועלפטער באנד : די נייעסטע צייט.

ניו יאָרק :
היברו פאבלישינג קאמפאני.
1918.

Copyright 1918 by the Hebrew Publishing Company, New York.

אינהאַלט־פערצייכניס

פון צוועלפטען באַנד.

די צייטען פון דער צווייטער עמאַנציפּאַציאָן.

זייט

די עמאַנציפּאַציאָן אין דייטשלאַנד 1

גבריאל ריעססער ז. 2. יאָהאַן יאַקאָבי ז. 2. די רעאַקציאָן פון די 50ער יאָהרען ז. 3. דער זיג פון דער עמאַנציפּאַציאָן ז. 6. עדואַרד לאַסקער ז. 8. די שפּאַלטונג אין די געמיינדען ז. 10. ר׳ שמשון רפאל הירש ז. 11. מ. לאַצאַרוס ז. 12. די געזעלשאַפטליכע שטימונג אין דער ליטעראַטור ז. 13. זכריה פראַנקעל ז. 14. היינריך (הירש) גראֶטץ ז. 14. בערטהאָלד אויערבאַך ז. 16.

די עמאַנציפּאַציאָן אין עסטרייך און אונגאַרן . . . 17

אַדאָלף פישהאָף ז. 18. קריזיס אין גאַליציען ז. 20. פּאָגראָמען אין אונגאַרן ז. 20. די רעאַקציאָן און די גלייכבערעכטיגונג ז. 23. דער קולטור־קאַמף ז. 25. גאַליציען, בעהמען, מעהרען ז. 27. ליטעראַטור ז. 28. לעאָפּאָלד קאָמפּערט ז. 29. קאַרל עמיל פראַנצאָז ז. 29.

דער איבערגאַנג צו רעפאָרמעס אין רוסלאַנד 30

אידישע צרות ז. 32. סאַראַטאָווער בלוט־בלבול ז. 33. 10 יאָהר רע־פאָרמעס אין רוסלאַנד ז. 35. וואוינרעכט פיר אידען ז. 37. „קאַזיאָנע“ שולען און ראַבינער־שולען ז. 39. רעאַקציאָן אין רוס־

זייט

לאַנד ז. 41. יעקב בראַפמאַן ז. 42. פּאָגראָם פון 1871 ז. 43. איפּפּאָליט ליוטאָסטאַנסקי ז. 46. די צייט פון דער השכלה ז. 47. דאָסטאָיעווסקי'ס מיינונג וועגען אידען ז. 49. די מפיצי השכלה ז. 51. אַלכסנדר צעדערבוים ז. 52. אָסיפּ ראַבינאָוויטש ז. 52, 62. די מאָנאַטשריפט „וואָסכאָד" ז. 52. די בעלעבונג פון דער אידישער ליטעראַטור ז. 53. מיכה יוסף לעבענזאָהן ז. 54. אברהם מאַפּו ז. 54. יהודה ליב גאָרדאָן ז. 55. שלום יעקב אַבראַמאָוויטש ז. 57 פּרץ סמאָלענסקין ז. 59. משה ליב ליליענבלום ז. 61. איליאַ אָרשאַנסקי ז. 63. מ. מאַרגאָלים ז. 63. לעוו לעוואַנדאַ ז. 63. ג. באַגראָוו ז. 64. פראַנקרייך אין דער צייט פון דער צווייטער רעפּובליק און דער צווייטער אימפּעריע ז. 64. אַדאָלף קרעמיע און מישעל גודשאָ ז. 64. אַשיל פולד ז. 65. סאַלוואַדאָר ז. 66. „אַלליאַנס איזראַעליט" ז. 67. אידישע גלייכבערעכטיגונג אין איטאַליען ז. 68. איסאַאַק אַרטאָמאַ ז. 68. ליבעראַליזם פון פּיאוס דעם 9טען ז. 69. געשיכטע מיט דעם אידישען קינד מאָרטאַראַ ז. 70. דורכפיהרונג פון אידישער עמאַנציפּאַציאָן אין ענגלאַנד ז. 72. דזשאָרדזש עליאָט ז. 73. עמאַנציפּאַציאָן אין דער שווייץ ז. 75. עמאַנציפּאַציאָן אין דענעמאַרק ז. 77. געאָרג בראַנדעס ז. 78. שוועדען און נאָרוועגען ז. 78. רומעניען און די נייע באַלקאַנישע מלוכות ז. 78. בראַטיאַנאָ'ס מיניסטעריום ז. 80. סערביען און בולגאַריען ז. 82. גריכענלאַנד ז. 83. טערקיי ז. 83.

נייעסטע אידישע געשיכטע.

אידען אין רוסלאַנד 85

פּאָביעדאָנאָסצעוו ז. 85. איגנאַטיעוו ז. 86. קאָמיסיאָן פון גראַף פּאַהלען ז. 87.

ניקאָלאַי דער 2טער (1894—1917) 90

פּאָגראָמען אויף אידען אין 1905 ז. 91. פאָן פּלעהווע ז. 92. קישינעווער פּאָגראָם ז. 93. דער ביילים פּראָצעס ז. 95. אידען אין פּוילען ז. 98. באָיקאָט אויף אידישע סוחרים אין פּוילען ז. 99. די רעוואָלוציאָן פון 1917.

זייט

די באַלקאַנישע לענדער 102
גריכענלאַנד, בולגאַריען ז. 103. סערביען ז. 104. רומעניען ז. 106.

אַמעריקאַ 111
די ספרדישע און דייטשע פּעריאָדעס ז. 111. רעפאָרם־יודענטום אין אַמעריקאַ ז. 117. „היברו יוניאָן קאָללעדזש“ ז. 119. אייזעק מאיר וויס ז. 116. דר. מאַקס ליליענטהאַל ז. 120. אידען אין אַמעריקאַ אין דער צייט פון בירגער־קריג ז. 123. יהודה פּיליפּ בענדזשאַמין ז. 123. אידישע אָרדענס אין אַמעריקאַ ז. 127. די שפּאַניש־פּאָרטו-געזישע געמיינדע ז.127. יהודה טוראָ ז. 127. רעבעקקאַ גראַטץ ז.128. פּנינה מאָאיס ז. 129. עממאַ לאַזאַרוס ז. 129. די רוסישע פּעריאָדע ז.130. חיים סאָלאָמאָן ז.130. איינוואַנדערונג פון רוסלאַנד ז.131. קאָ-לאָניזאַציאָן ז.133. קאָלאָניעס אין אַרגענטינאַ ז.137. אידישע אַרבײ-טער־בעוועגונג אין אַמעריקאַ ז.139. בילדונג און וויסענשאַפט ז.140. פֿעראיינען און חברות ז. 143. העברעאישע צייטשריפטען ז. 145. ליטעראַטור אין אידיש ז. 148. אידישער טעאַטער ז. 149. אינסטי-טוציאָנען ז. 151. ציוניזם ז. 153. ציוניסטישער פעראיין ז. 155. אידישער קאָנגרעס ז. 159.

די אידען אין די ווייטע קאָלאָניעס 161
אויסטראַליען ז. 161. ניו זעלאַנד ז. 163. זיד־אַפריקאַ ז. 163. מאַראָקקאָ ז. 166. יעמען ז. 166. אינדיען ז. 166.

ארץ ישראל און די האָפנונג פון די ציוניסטען 167
מרדכי עמנואל נח ז. 170. ר׳ צבי הירש קאַלישער ז. 174. משה העסס ז. 175. פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און קאָלאָניזאַציאָן אין פּאַ-לעסטינאַ ז. 177. די קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינאַ ז. 179. דר. לעאָ פּינסקער ז. 180. אשר גינצבערג („אחד העם“) ז. 183. גייסטיגער ציוניזם ז. 188. מאָדערנער ציוניזם, טהעאָדאָר הערצל ז. 190; זיין „יודענשטאַאַט“ ז. 191, 195. געגנער פון ציוניזם ז. 199. די שטרעבונג צו בעקומען אַ טשאַרטער ז. 201. מנחם מענדל אוסישקין ז. 204. אוגאַנדאַ ז. 205. אידישע טעריטאָריעלע אָרגאַניזאַציאָן („איטאָ“) ז. 207. ישראל זאַנגוויל ז. 208. הערצל׳ס טויט ז. 210. דוד וואָלפזאָהן ז. 210. אידישע לעהר־אַנשטאַלטען אין ארץ ישראל

ז. 211. שפּראַך־קאַמף מיט'ן הילפסכעראיין ז. 213. די „בצלאל־
שולע" ז. 215. אַנטייל פון ציוניסטען אין וועלט־קריג ז. 216.
וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי ז. 216. דער „ציון מיול קאָרפּוס" ז. 217.
ענגלאַנד'ס דעקלאַראַציאָן וועגען פּאַלעסטינאַ פיר אידען ז. 219.
ד"ר חיים וויצמאַן ז. 220. ענגלענדער נעהמען ירושלים ז. 222.

אידען.

די צייטען פון דער צווייטער ע־אַנציפּאַציאָן

(1881—1848).

א. די עמאַנציפּאַציאָן אין דייטשלאַנד

די מערץ־רעוואָלוציאָן און די פּראָקלאַמירונג פון גלייכע רעכטען. נאָך דעם, ווי די רעאַקציאָן האָט 30 יאָהר כסדר געדריקט די מערב־לענדער פון אייראָפּאַ, איז געקומען די רעוואָלוציאָן פון מאָנאַט מערץ 1838 און האָט בעפרייט די פעלקער פון דעם שרעקליכען דרוק פון די דעספּאָטען. דער שטרייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין בערלין דעם 18טען און 19טען מערץ צווישען די קעניגליכע סאָלדאַטען און די רעוואָלוציאָנערען, פון וועלכע עס זיינען דאַמאָלס געפאַלען 230 פּערזאָן, צווישען זיי 20 אידען. האָט געצוואונגען דעם פּרייסישען קעניג פּריעדריך ווילהעלם דעם 4טען נאָכצוגעבען די פאָדערונג פון פאָלק. ער האָט בעשטימט אַ נייעם ליבעראַלעם מיניסטעריום און האָט פעררופען פאָרשטעהער פון פאָלק צו שאַפען אַ פרייע קאָנסטיטוציאָן. נאָך איידער פּרייסען האָט נאָכגעגעבען די פאָדערונגען פון פאָלק האָבען שוין די הערשער פון אַנדערע טיילען פון דייטשלאַנד: באַדען, ווירטעמבערג, באַיערן, זאַקסען, האַננאָווער און העססען נאָכגעגעבען אָהן שום בלוט־פערגיסונג. אין יענע מקומות האָבען אין צייט פון דער רעוואָלוציאָן די אידען געליטען פון דעם המון, וועלכער האָט געמאַכט פּאָגראָמען אויף זיי. אין איינִיגע ערטער האָט די רעאַקציאָנערע רעגירונג זעלבסט געהעצט די מאַסען געגען אידען. אָבער ווען די רעוואָלוציאָן האָט אָפען אויסגעבראָכען האָבען די פּאָגראָמען אויפגעהערט.

דעם 18טען מאַי 1848 האָט זיך אין פראַנקפורט אַם מיין געעפענט דער אַלגעמיינער דייטשער פאָלקס־פּאַרלאַמענט. צווישען אַנדערע פראַגען האָט זיך דאָרט געהאַנדעלט וועגען געבען גלייכע רעכטען צו אַלע פעלקערשאַפטען פון דייטשלאַנד. צווישען די דעפּוטאַטען פון דעם פּאַרלאַמענט

האָבען זיך געפונען 4 אידען: דער בעריהמטער אדוואָקאַט, פּובליציסט און רעדנער גבריאל ריעססער, דער בעריהמטער בערלינער בוכהענדלער פייט, קוראַנדאַ און האַרטמאַנן פון עסטרייך. ווען דער שטוטגאַרטער דעפּוטאַט מאָריטץ מאָל איז אַרויס מיט אַ רעדע, דאָס מען זאָל די אידען ניט געבען קיין גלייכע רעכטען, ווייל זיי האַלטען זיך פיר אַ בעזונדער נאַציאָן און בעשעפטיגען זיך איבערהויפּט מיט נעהמען גרויסע פּראָצענטען, איז אַרויס געגען איהם ריעססער מיט אַ שאַרפער רעדע, אין וועלכער ער האָט בעוויזען, דאָס דיזעס פערברעכען איז אַ פּראָדוקט פון רעכטלאָזיגקייט און מוז אָפּגעשאַפט ווערען נאָר מיט געבען דעם אידען רעכט צו בעשעפטיגען זיך מיט אַלעס, וואָס מען מעג, און בעשטראָפען אַלעמען, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט זאַכען, וואָס מען טאָר ניט. וואָס אָנבעטרעפט די אידישע נאַציאָנאַליטעט האָט ריעססער פערזיכערט, דאָס די אידען ווילען זיך אַסימילירען מיט׳ן דייטשען פאָלק, אָבער דאָס פאָדערט פון אידען זיך שמד׳ען, און דאָס האַלט זיי אָפּ. ריעססער׳ס רעדע איז אויפגענומען געוואָרען פון דער פערזאַמלונג מיט גרויס בייפאַל און אַפּלאָדיסמענטען. אין פריהלינג פון 1849 זיינען פערפאַסט געוואָרען די גרונד־רעכטען פון דייטשען פאָלק, אין וועלכע עס זיינען געגעבען געוואָרען גלייכע רעכטען צו יעדען אָהן אונטערשייד צו וועלכער רעליגיאָן ער געהערט. אָבער עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבען די נייע רעאַקציאָן, און אין פיעלע דייטשע לענדער זיינען די גרונד־רעכטען ניט אָנגענומען געוואָרען און די דעפּוטאַטען, וואָס האָבען פערפאַסט דיזע גרונד־רעכטען, זיינען פון סאָלדאַטען צוטריבען געוואָרען.

אין פּרייסען האָט דער לאַנדטאַג אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט פון אַ קאָנסטיטוציאָן (6טען אַפּריל 1848), אין וועלכען עס איז געווען אַ פּונקט צו געבען גלייכע רעכטען צו יעדען אָהן אונטערשייד צו וועלכער רעליגיאָן ער געהערט. צווישען די דעפּוטאַטען פון דער בערלינער פערזאַמלונג זיינען געווען דריי אידען, איינער פון וועלכע איז געווען דער ראַדיקאַלער פּובליציסט יאָהאַן יאַקאָבי. אַלס פריעדריך ווילהעלם האָט אומגעביטען די ליבעראַלע מיניסטאָרען אויף רעאַקציאָנערען, האָט די פערזאַמלונג געשיקט אַ דעפּוטאַציאָן צום קעניג מיט אַ פּראָטעסט געגען זיין האַנדלונג. צווישען דער דעפּוטאַציאָן איז געווען דער ראַדיקאַל יאַקאָבי. ווען דער קעניג האָט איבערגעלעזען דעם פּראָטעסט האָט ער זיך אָפּגעקעהרט פון דער דעפּוטאַציאָן און האָט גאָר ניט געענטפערט. יאַקאָבי האָט דעם קעניג דאַן נאָכגע-

שריען: „דער אונגליק מיט די קעניגען איז, דאָס זיי ווילען קיין מאָל קיין אמת ניט הערען”. דאָס האָט געווירקט אויף'ן קעניג און ער האָט איבערגעלאָזען אין דער קאָנסטיטוציאָן דעם פונקט פון גלייכע רעכטען פיר אַלע בירגער אָהן אונטערשייד פון רעליגיאָן. אָבער דער פונקט איז נאָר געווען אויף'ן פּאַפּיר און איז נאָך ווייט געווען פון פערווירקליכונג.

גענעצליך איז דער פּרינציפּ אָנגענומען געוואָרען אין גאַנץ דייטשלאַנד. אָבער פּאַקטיש האָט נאָך פיעל געפעהלט די אידען צו זיין גלייכבערעכטיגט צו אַלעם. די אידישע לאַגע איז דאַמאָלס געווען זעהר ניט נאָרמאַל. פון איין זייט האָבען זיי געהאַט דאָס רעכט צו זיין ערוועהלט אַלס דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט, אָבער פון דער אַנדער זייט האָט זיי געפעהלט עלעמענטאַרעס בירגער=רעכט. מעהר פון אַלע אַנדערע דייטשע לענדער איז באַיערן געווען איינגעשפּאַרט ניט צו געבען אידען פולעס בירגער=רעכט. דער קעניג האָט דעם 6טען מערץ 1848, ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך שטאַרק געלאָזט פיהלען, אַרויסגעגעבען אַ פּראָקלאַמאַציאָן, אין וועלכער ער האָט צוגעזאָגט פיעלע פרייהייטען, און וואָס אָנבעטרעפט אידען האָט ער פערשפּראָכען צו פערבעסערן זייער לאַגע. די אידען האָבען אָנגעהויבען צו שטורמען דאָס הויז פון דעפּוטאַטען, דאָס זיי זיינען ניט צופריעדען מיט פערבעסערן זייער לאַגע, נאָר זיי פאָדערן גלייכע רעכטען מיט די קריסטען. זיי האָבען געבעטען די דעפּוטירטע פּאַסען אַ געזעץ, וואָס זאָל געבען אידען פולע גלייכע בירגער=רעכטען; „אָבער גיט אַ גאַנצע זאַך, ניט קיין האַלבע”, האָבען זיי געבעטען אין זייער פּעטיציאָן. אויך די מאַגיסטראַטען פון די גרויסע שטעדט אין באַיערן האָבען געבעטען דעם קעניג און די קאַמער מען זאָל געבען אידען פולעס רעכט. אָבער דאָס אַלעס האָט ניט געהאָלפען. די קאַמער האָט גאָר ניט געפונען פיר נעטיג צו פערהאַנדלען די אידען=פראַגע און מאַקסימיליאַן דער 2טער, וואָס איז געוואָרען קעניג אַנשטאָט זיין פאָטער לודוויג, וועלכער האָט געגעבען אַ צוזאָג אַ ביסעל צו פערבעסערן די אידישע לאַגע, האָט ניט געפונען פיר נעטיג מקיים צו זיין די הבטחה פון זיין פאָטער. די בויערן=אונרוהען האָבען נאָך פערערגערט די אידישע לאַגע, וויל עס האָבען זיך געפונען שונאים, וואָס האָבען זיי געהעצט געגען אידען און די העצעס האָבען ערטערווייז אַרויסגערופען פּאָגראָמען אויף אידען.

די רעאַקציאָן פון די 50ער יאָהרען. דער שטורם פון פרייהייט פון 1848 איז רוהיג געוואָרען. דער „פריהלינגס=יאָהר” איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ „נאַרישען יאָהר”. די דייטשע רעגירער האָבען אָנגעהויבען

צו טראַכטען ווי אָפּצונעהמען פון פאָלק די פרייהייט, וואָס מען האָט איהם געגעבען. די יונקערס האָבען אָנגעהויבען צו זוכען מיטלען, ווי צו דערשטי-קען די „קאַנאַליע” דעמאָקראַטיע. שוין אין 1849 האָט זיך אָנגעהויבען ווייזען דער שוואַרצער פּנים פון דער רעאַקציאָן. דער פראַנקפורטער פּאַרלאַ-מענט איז צוטריבען געוואָרען; די „גרונד־רעכטען פיר דייטשע בירגער” זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרען, און צוזאַמען מיט דעם איז אויך די אידישע גלייכבערעכטיגונג פערשוואונדען געוואָרען.

אין פרייסען האָט מען גיך געמאַכט אַן ענדע צו דער ליבעראַלער קאָנ-סטיטוציאָן. ערסטענס האָט מען געענדערט דאָס געזעץ וועגען שטימרעכט. דאָס געזעץ האָט מעהרסטענס געטראָפען אידען, וועלכע האָבען לויט דעם נייעם געזעץ כמעט קיין מעגליכקייט ניט געהאַט צו ווערען ערוועהלט אין פּאַרלאַמענט. דער ניי־ערוועהלטער פּאַרלאַמענט איז געווען גרייט אָנצור-פאַנגען מאַכען נייע געזעצען געגען אידישער עמאַנציפּאַציאָן. מען האָט אָנ-געהויבען צו אויסאַרבייטען געזעצען, דאָס נאָר קריסטען זאָלען צוגע-לאָזען ווערען צו רעגירונגס־שטעלען. איבערהויפּט האָט אונטערשטיצט דעם דאָזיגען פּאָרשלאָג דער פּראָפעסאָר שטאַהל, אַ משומד. אין דיזען גייסט איז פערפאַסט געוואָרען די קאָנסטיטוציאָן פון 1851. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס די רעגירונג האָט אָנגעהויבען ניט צולאָזען אידען צו אַדוואָקאַטור, צו לעהרער־שטעלען, ווי אויך צו רעגירונגס־שטעלען. אין 1852, ווען דער פּאַרלאַמענט האָט געפאָדערט פון דער רעגירונג מען זאָל אין דער קאָנסטיטוציאָן קלאָר אריינברייננגען, דאָס די אידען טאָרען קיין רעגי-רונגס־שטעלע ניט פערטרעטען, האָט די רעגירונג פון דעם רעאַקציאָנער גע-זאָגט, דאָס עס איז ניט נעטיג — די אידען ווערען סיי ווי סיי ניט צוגעלאָ-זען צו קיין אמט אין דער רעגירונג.

אָבער פיר די רעאַקציאָנערען איז דאָס נאָך ווענינ געווען. אין 1856, ווען אין פּאַרלאַמענט איז די קלעריקאַלע און יונקערסקע פּאַרטיי שטאַרק געוואָרען, איז אַ דעפּוטאַט אריין מיט אַ פּאָרשלאָג מען זאָל דעם פּונקט פון דער קאָנסטיטוציאָן, וועלכער גיט גלייכע רעכטען יעדען אָהן אונטערשייד צו וועלכער רעליגיאָן ער געהערט, אין גאַנצען אָפּשאַפען, ווייל דאָס פּאַסט ניט פיר אַ קריסטליכעס לאַנד מיט אַ קריסטליכער רעגירונג. ווען די אי-דען האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָבען זיי בעשלאָסען אריינצוברייננ-גען אַ פּעטיציאָן געגען דער פרעכהייט פון די רעאַקציאָנערען. דער הויפּט פון דיזער בעוועגונג איז געווען לודוויג פיליפּפּסאָן, דער רעדאַקטאָר פון

דער „אַלגעמיינער ציימונג דעם יודענטהומס". אין א צייט פון צוויי וואָ-כען זיינען אריינגעקומען איבער 200 פעטיציאָנען אין פּאַרלאַמענט מיט פּראָטעסטען געגען דער פרעכהייט פון די דעפּוטאַטען, וואָס ווילען אונטער-גראָבען די הויפּט־פּרינציפּען פון דער קאָנסטיטוציאָן, וועלכע גיט פולעס בירגער־רעכט צו אַלע דייטשע אונטערטאַנען אָהן אונטערשייד צו וועלכער רעליגיאָן זיי געהערען. צו דיזע פּראָטעסטען פון אידישע געמיינדען זיינען צוגעשטאַנען פיעלע קריסטליכע פּראָטעסטען. דיזע פּראָטעסטען האָבען געווירקט, דאָס די רעאַקציאָנערען האָבען זייערע פאָדערונגען געענדערט. זיי האָבען ערקלערט, דאָס זיי פערלאַנגען נאָר מען זאָל צונעהמען פון אידען פּאָליטישע רעכטען, אָבער ניט קיין בירגערליכע. אָבער ווען עס איז געקו-מען צו פערהאַנדלען די פראַגע אין פּאַרלאַמענט, האָט אַ גרויסע מעהרהייט פערוואָרפען דעם פּראָיעקט, ווייל דער מיניסטער האָט פערזיכערט, דאָס די רעגירונג לאָזט סיי ווי סיי ניט צו אידען צו קיין רעגירונגס־שטעלעס.

אין באַיערן איז דער אידישער צושטאַנד געווען נאָך פיעל ערגער. דאָרט איז פון פולער עמאַנציפּאַציאָן פיר אידען נאָך גאָר קיין רייד ניט גע-ווען. אין דער זיצונג פון לאַנדטאַג (דעצ. 1849) האָט מען נאָר פערהאַנ-דעלט וועגען געבען אידען דאָס רעכט צו בייטען דעם וואוינאָרט אונגע-שטערט. אָבער די קלעריקאַלען זיינען געווען אויך געגען דיזער קליינער הנחה. די רעאַקציאָנערען האָבען אָנגעפאַנגען אַ קאַמף געגען וועלכע עס איז אידען־רעכטען און האָבען עס געבראַכט דערצו, אז דאָס הויז פון דעפּוטאַטען האָט אין גאַנצען פערוואָרפען דעם פאָרשלאַג וועגען געבען אי-דען וועלכע עס איז רעכטען (16טען פעב. 1850). די אידען האָבען בעשלאָ-סען ענערגיש צו פּראָטעסטירען געגען דעם בעשלוס פון דעם דעפּוטירטען־-הויז. זיי האָבען אָנגעהויבען צו שיקען פעטיציאָנען צום קעניג מאַקסימי-ליאַן דעם 2טען. אָבער די רעגירונג האָט קיין אויפמערקזאַמקייט ניט גע-שענקט צו די אידישע פעטיציאָנען און די אידען זיינען געבליבען ביי זיי-ערע אַלטע בעשרענקונגען; זיי האָבען זאָגאַר ניט בעקומען דאָס רעכט צו ענדערן זייער וואוינאָרט. אויך דאָס אַלטע געזעץ, וועלכעס בעשרענקט די צאָהל פון די אידען אין יעדען אָרט, איז פערבליבען אין קראַפט.

פערלירענדיג די האָפנונג צו בעקומען בירגער־רעכט אין זייער גע-בורטס־לאַנד האָבען זיך די אידען פון באַיערן גענומען צו דעם וואַנדער־שטע-קען, און האָבען אָנגעפאַנגען צו עמיגרירען נאָך די פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקאַ. די, וואָס זיינען געבליבען אויף'ן אָרט, האָבען אָנגעהויבען

צו בעטען מען זאָל זיי געבען קליינע הנחות אום א ביסעל צו פערגרינגערן זייער צושטאַנד, ווי צ. ב. דאָס רעכט צו ענדערן זייער וואוינאָרט. אָבער אויך דאָס איז זיי ניט גרינג און ניט גיך אָנגעקומען.

די רעאַקציאָן מיט איהר שנאה צו די אידען איז געווען פערשיידען אין פערשיידענע לענדער פון דייטשלאַנד. צ. ב. אין זאַקסען האָט די רעגירונג ניט געהאַט די חוצפה צונעהמען פון אידען די רעכטען, וואָס די רעוואָלוציאָן פון 1848 האָט זיי געגעבען. זי האָט אָבער געמוזט נאָכגעבען דעם פערלאַנג פון די דרעזדענער און לייפּציגער קויפלייט, וועלכע האָבען עס געפאָדערט פון דער רעגירונג (1852). דאַגעגען אין מעקלענבורג האָט די רעגירונג זיך גענומען אָפּנעהמען פון די אידען זייערע רעכטען, און דער מאַגיסטראַט האָט געענטפערט דעם מיניסטער ביולאָוו, דאָס עס איז ניט אין זיין מאַכט אָפּצונעהמען פון אַ קלאַס מענשען זייערע רעכטען, דאָס מוז געטאָן ווערען דורך אַ געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט, ניט דורך אַ מיניסטער; אויסער דעם איז עס אַ פערברעכען צו מאַכען רעכטלאָז אַ קלאַס מענשען, וועלכע זיינען זעהר נוציליך דעם לאַנד מיט זייער ענערגיע און זייער קולטור, וועלכע האָבען אַרויסגעגעבען גרויסע מענשען, וואָס זיינען אַ צירונג אין דייטשלאַנד (מענדעלסאָן, ריעססער, היינע, באָרנע או. אנד.). אָבער דער פּראָטעסט פון דער געזעלשאַפט האָט ניט געהאָלפען און די רעגירונג האָט אויסגעפיהרט איהר וואונש. די עפּידעמיע פון דער רעאַקציאָן האָט דערלאַנגט אויך אין אַזעלכע ערטער, וועלכע זיינען געווען זעהר ליבעראַל צו אידען נאָך פאַר דער רעוואָלוציאָן פון 1848טען יאָהר. קורהעססען האָט געגעבען אידען עמאַנציפּאַציאָן נאָך אין 1833. אָבער אין 1852 האָט דער לאַנדטאַג איבערגעמאַכט די קאָנסטיטוציאָן און האָט אַריינגעשמוגעלט אַ פּונקט, אַז גלייכע רעכטען האָבען נאָר די, וואָס גלויבען אין קריסטענטום. אין ווירטטעמבערג און אין באַדען, וועלכע זיינען געווען זעהר ראַדיקאַל אין 1848, האָט די רעאַקציאָן אָפּגענומען פון אידען פיעלע פון זייערע רעכטען.

דער זיג פון דער עמאַנציפּאַציאָן. די בעפרייהונג פון די איטאַליענער דורך גאַריבאַלדי האָט געגעבען אַן אַנדער ווענדונג דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק. עס האָבען אָנגעהויבען צו בלאָזען פרישע ווינטען אויך אין דייטשלאַנד. דער ליבעראַליזם האָט ערוואַכט און האָט בעקומען נייעם מוט. אין דעם נייעם לאַנדטאַג פון 1859 זיינען ערוועהלט געוואָרען צוויי אידישע דעפּוטאַטען. דאָס האָט צוגעגעבען מוט די אידישע כלל-טוער אין

דייטשלאַנד איבער־אַ־ניים זיך נעהמען מאַהנען די רעכטען, וואָס די קאָנסטי־טוציאָן האָט זיי געגעבען. לודוויג פיליפפסאָן האָט געשאַפען 225 פעטיצי־אָנען פון אידישע געמיינדען, וועלכע האָבען געפאָדערט גלייכבערעכטיגונג, וואָס קומט זיי לויט דער קאָנסטיטוציאָן. די פעטיציאָנען זיינען פערהאַנ־דעלט געוואָרען אין צוויי זיצונגען, דעם 25טען און 26טען אפּריל 1860. די זיצונגען זיינען געווען זעהר שטורמישע. די ליבעראַלען האָבען געפאָ־דערט פון דער רעגירונג אַן ערקלערונג, וואָרום פאָלגט זי ניט דער קאָנסטי־טוציאָן און גיט ניט די אידען רעגירונג־שטעלען. דער מיניסטער פון יוסטיץ, סימאָנס, האָט געענטפערט, דאָס די רעגירונג קען ניט געבען אידען קיין יוסטיץ־שטעלען, ווייל זיי קענען ניט שווערען די שבועה, וואָס דאָס געזעץ האָט בעשטימט פיר בעאַמטע — די שבועה „אין דעם נאָמען פון יעזוס קריסטוס”. דער מיניסטער פון בילדונג, בעטהמאַנן האָללוועג, האָט ער־קלערט, דאָס אַלע שולען אין דייטשלאַנד זיינען דורכגעדרונגען מיט׳ן קריסט־ליכען גייסט און כאַראַקטער, און דעריבער קען מען ניט אָנפערטרויען אַ אידען אַ שטעלע אין דיזען מיניסטעריום. אַנדערע דעפּוטאַטען האָבען גע־ענטפערט, דאָס אידען אין זייערע געבעטען דריקען אויס אַ שאַרפען האַס צו קריסטען, און דעריבער קענען זיי ניט ווערען עכטע דייטשען ביז זיי ענט־זאַגען זיך פון יודענטום און נעהמען אָן דאָס קריסטענטום. מען האָט אויך אָנגעוויזען אויף דעם „כל נדרי”, וועלכער בעפרייט אידען פון אַלע זייערע פליכטען צו דער רעגירונג און צום לאַנד. דער אידישער דעפּוטאַט פייט האָט צונישט געמאַכט אַלע טענות פון די אידען־פיינד. די ליבעראַלען האָבען איהם געשטיצט, און דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס די מעהרהייט האָט בעשלאָסען צו געבען אידען גלייכע רעכטען (169 שטימען פיר און 110 געגען).

דער פּראַקטישער רעזולטאַט איז אָבער געווען אַ זעהר אונבעדייטענדער. מען האָט אידען אָנגעהויבען צולאָזען צו נידריגע שטעלען אין געריכטס־הייזער, אָבער דאָס אויבער־הויז האָט ניט געוואָלט ענדערן די פאָרמע פון דער שבועה, אום די אידען זאָלען ניט קענען בעקומען קיין העכערע שטעלען אין יוסטיץ־מיניסטעריום. די רעגירונג איז נאָך אַלץ געווען געגען געבען אידען פולע רעכטען. דערווייל האָט אויסגעבראָכען די מלחמה צווישען פּרייסען און עסטרייך (1866). אין דיזער מלחמה האָבען זעהר פיעלע אידען אָנטייל גענומען. ווי בעוואוסט האָט פּרייסען געוואונען די שלאַכט, און דאָס האָט געפיהרט צו דער פעראייניגונג פון דייטשלאַנד. דיזער פאַקט

האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די פראַגע וועגען אידישע רעכטען אין דייטשלאַנד, וועלכע איז גינסטיג געלעזט געוואָרען. נאָך דער מלחמה האָט זיך געבילדעט דער „נאָרד־דייטשער בונד" אונטער דער אויבערהערשאַפט פון פּרייסען. אין דעם רייכסטאַג, וואָס האָט זיך געעפענט אין בערלין אין 1867 פון דעם בונד, איז די מאַיאָריטעט געווען פון ליבעראַלען. צווישען די מיטגלידער פון רייכסטאַג זיינען געווען 4 אידען; איינער פון זיי איז געווען דער בעריהמטער עדואַרד לאַסקער. צו דיזען פּאַרלאַמענט האָבען זיך געווענדעט 421 אידישע געמיינדען מיט פּעטיציאָנען וועגען גלייכע רעכטען. איבערהויפּט שטאַרק זיינען געווען די קלאַגען פון די אידען אין מעקלענבורג־שווערין אויף דעם שקלאַפישען צושטאַנד, אין וועלכען די פּרעה'ס פון דיזער מלוכה האָבען זיי געהאַלטען. די ליבעראַלע דעפּוטאַטען פון מעקלענבורג־שווערין האָבען געשטיצט די פאָדערונג פון די אידישע דעפּוטאַטען. אָבער דער רייכסטאַג האָט זיך ניט געוואָלט מישען אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון די איינצעלנע רעגירונגען. דיזע האַלטונג האָט אויך דער אידישער דעפּוטאַט לאַסקער געשטיצט, ווייל איהם איז דאַמאָלס וויכטיגער געווען די שטרעבונג פון ביסמאַרק'ן צו פעראייניגען גאַנץ דייטשלאַנד. איידער געבען אידען איבעראַל אין דייטשלאַנד פולע פרייהייט. לאַסקער האָט זאָגאַר פּערזיכערט, דאָס די אידען זעלבסט פון מעקלענבורג־שווערין פאָדערן גאָר ניט קיין פולע רעכטען. אָבער געגען דיזער בעהויפּטונג האָבען די אידישע געמיינדען פון מעקלענבורג־שווערין אַריינגעשיקט אַ צווייטע פּעטיציאָן, אין וועלכער זיי האָבען דייטליך געבעטען פון רייכסטאַג ער זאָל זיי העלפען צו בעקומען גלייכע רעכטען; דער רייכסטאַג האָט דאַמאָלס געפאַסט אַ רעזאָלוציאָן, דאָס אַלע בירגער פון אַלע לענדער פון דייטשלאַנד האָבען דאָס רעכט צו בעזעצען זיך אין וועלכען לאַנד עס איז פון דייטשען בונד, און געניסען אַלע פרייהייטען און רעכטען אָהן אונטערשייד פון גלויבען און נאַציאָנאַליטעט (סעפּטעמבער 1867).

די זאַקסישע רעגירונג האָט באַלד נאָכדעם געגעבען אידען פולע רעכטען. שווערער איז עס צוגעגאַנגען אין מעקלענבורג, וועלכע האָט ניט געוואָלט ערלויבען אידען אָננעהמען שטעלען אין דער לאַנד־רעגירונג און דער שטאָדט־רעגירונג. דער דעפּוטאַט וויגגערס האָט געפאָדערט פון רייכסטאַג אָנצונעהמען אַ רעזאָלוציאָן, דאָס אין אַלע לענדער פון נאָרד־דייטשען בונד זאָלען אָפּגעשאַפט ווערען אַלע בעשרענקונגען, וועלכע שטאַמען פון דעם אונטערשייד אין רעליגיאָן. גראַף באַססעוויטץ איז אַרויס געגען דעם

פארשלאג פון ווינגערס. לאסקער האט קיין גוט ווארט ניט געוואלט זאגען פיר זיינע ברידער די אידען, נאר דער קריסטליכער ליבעראל ווינגערס און פיעלע אנדערע קריסטליכע ליבעראלען האבען אנגענומען די רעזאלוציאן, דאס דער רייכסטאג האט דאס רעכט צו שאפען נייע געזעצען פיר אלע לענדער פון בונד. דעם 3טען יולי 1869 האט דער קעניג ווילהעלם און ביסמארק אונטערגעשריבען דעם דעקרעט, דאס קיין רעגירונג פון דייטשען בונד האט קיין רעכט ניט צו מאכען וועלכע עס איז בעשרענקונגען צוליב דעם אונטערשייד פון רעליגיאן.

צוויי צעהנדליג יאהר האט עס גענומען ביז די דייטשע רעגירונגען האבען אין דער פראקטיק איינגעפיהרט וואס די רעוואלוציאן פון 1848 האט פון זיי מיט גוואלד ארויסגעריסען — גלייכע רעכטען פיר יעדען אהן אונטערשייד פון זיין רעליגיאן. פרייסען האט אנגעהויבען צו געבען אידען שטעלען אלס ריכטער (1869), ווי אויך אלס לעהרער אין די גימנאזיומס (1874) און אלס פראפעסארען אין די אוניווערזיטעטען. אויך אנדערע לענדער פון דייטשען בונד האבען אנגעהויבען צולאזען אידען צו רעגירונגס־שטעלען, אבער דער איד האט איבעראל דאך געפיהלט, דאס די רעגירונגען טוען עס זעהר ניט גערן, און זוכען דאך אלע מיטלען ניט צולאזען א אידען צו א רעגירונגס־שטעלע.

אין די דריי לענדער פון זיד־דייטשלאנד: באיערן, באדען און ווירטעמבערג, האבען די אידען נאך לאנג געמוזט שטרייטען צו בעקומען גלייכע רעכטען. דיזעס איז געשעהען אין באיערן ערסט נאך דער מלחמה מיט פראנקרייך אין 1870, ווען אויך דיזע לענדער זיינען אריינגעטראטען אין דייטשען בונד. באדען און ווירטעמבערג האבען נאכגעגעבען די אידישע פאדערונגען א ביסעל פריהער.

די אידען האבען פיעל געהאלפען צו דער פעראייניגונג פון דייטשלאנד. זיי האבען פיעל בלוט פערגאסען אין דער רעוואלוציאן פון 1848, אין דער מלחמה מיט עסטרייך אין 1866 און אין 1870 אין דער מלחמה מיט פראנקרייך. אויך די אידישע דעפוטאטען אין פארלאמענט: ריעססער, לאסקער, באמבערגער, האבען פיעל מיטגעווירקט צו דער פעראייניגונג פון דייטשלאנד. עס האט אויסגעוויזען, דאס די אידען־רעכטען זיינען געווארען א פאקט, ניט נאר א געזעץ אויף'ן פאפיר. מען האט דאמאלס ניט גערעכענט, דאס מיט איינינע יאהר שפעטער וועט זיך ווידער אנהויבען א שטרייט וועגען אידישע רעכטען אין נאמען פון דער דייטשער קולטור. אין יענער

צייט האָבען די אידען אָנגעהויבען אַריינדרינגען אין אַלע קלאַסען פון דער דייטשער געזעלשאַפט, און אַלע געביטען פון סאָציאַלען לעבען; זיי האָבען פערנומען אַ זעהר וויכטיגען פּלאַץ אין דער פּאָליטישער פּרעסע. אין רייכסטאַג האָבען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די דעפּוטאַטען לאַסקער און באַמבערגער. אָבער דיזע גליקליכע צייט האָט ניט לאַנג געדויערט. עס איז באַלד אַרויס געגען דעם אידישען איינפלוס די דייטשע געזעלשאַפט זעלבסט. עס האָבען אָנגעהויבען זיך ווייזען מיקראָבען פון אַנטיסעמיטיזם, און צו ענדע פון די 70ער יאָהרען זיינען די אידען שוין געשטאַנען אויף'ן שוועל פון אַ נייער היסטאָרישער עפּאָכע — פון אַן עפּאָכע פון אַ צווייטער רעאַקציאָן.

די שפּאַלטונג אין די געמיינדען. אין דער צייט צווישען 1848 און 1870 איז די שטרעבונג צו רעליגיעזער רעפאָרמע פיעל שוואַכער געוואָרען, ווייל אין דיזע יאָהרען איז דער פּרינציפּ פון אידישער עמאַנציפּאַציאָן אַריין אין אַלע קאָנסטיטוציאָנען פון דייטשלאַנד, און דיזער פּרינציפּ איז געווען דער הויפּט־מאָטיוו פון דער רעפאָרמע. אין דיזער צייט איז אויסגעוואַקסען אַ נייער דור, וועלכער איז געווען גלייכגילטיג צום רעפאָרמירטען יודענטום ווי צום אַלטען יודענטום. אמת, די שמד־מגפה איז פיעל שוואַכער געוואָרען, אָבער דערפאַר איז גרעסער געוואָרען די צאָהל פון געמישטע חתונות צווישען אידען און קריסטען. די קינדער פון דיזע חתונות זיינען שוין געבליבען קריסטען. דער געדאַנק, אַז אידען זיינען קיין בעזונדער נאַציאָן, איז איינגעפלאַנצט געוואָרען טיעף אין די הערצער פון די דייטשע אידען, און די רעליגיאָן, וועלכע איז דאַמאָלס אין אַלגעמיין שוואַך געוואָרען, האָט זיי ניט געקענט צובינדען צום יודענטום.

די רעפאָרמע, וועלכע האָט פריהער געהאַט אַן אידעאַל, ווען געלעהרטע ראַבינער ווי גייגער און האָלדהיים זיינען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דיזער בעוועגונג, האָט יעצט, ווען די הויפּט טאָן־געבער אין רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען זיינען געוואָרען די געמיינדע פאָרשטעהער, בעקומען אַן אַנדער ווענדונג — צו שאַפען אַ ניי־מאָדנע פאַסאָן פון געטליכען דינסט. דיזע פאָרשטעהער, וועלכע זיינען געווען פאָלשטענדיג אונוויסענד אין יודענטום און זיין געשיכטע, האָבען אָנגעהויבען אַרויסוואַרפען פון אידישען געבעט־בוך (סדור תפלה) אַלעס, וואָס צייגט, דאָס די אידען זיינען אַ לעבעדיגע נאַציאָן. די יעניגע אָרטהאָדאָקסען, וואָס זיינען פערבליבען, האָבען זיך אָפּגעטיילט פון די רעפאָרמער און האָבען געגרינדעט אַ בעזונדער געמיינדע

אונטער דער לייטונג פון ר׳ ש מ ש ו ן ר פ א ל ה י ר ש (אין פראנק־פורט). זיי האָבען געגרינדעט אַן אייגענע רעאַל־שולע אום צו ערציהען זייערע קינדער אין אָרטהאָדאָקסישען גייסט. דערצו האָבען זיי אָנגעהויבען ארויסגעבען אין דער דייטשער שפּראַך אַ זשורנאַל „ישורון" — אַ מאָנאַט־שריפט צו פערטיידיגען די אָרטהאָדאָקסיע געגען דער רעפאָרמע (1854). פון דאמאָלס אָן איז פראנקפורט געוואָרען דער צענטער פון דער דייטש־אידישער אָרטהאָדאָקסיע. אום צו שטרייטען געגען דיזער נייער אָרטהאָ־דאָקסיע האָט זיך גייגער בעזעצט אין פראנקפורט (1863). אָבער ער האָט גאָר ניט געקענט ווירקען מיט זיינע דרשות געגען דער אָרטהאָדאָקסיע און ער האָט זיך בעזעצט אין בערלין (1869). דאמאָלס האָט זיך אין בערלין גע־גרינדעט אַ בעזונדער אָרטהאָדאָקסישע געמיינדע אונטער דער לייטונג פון ר׳ ע ז ר י א ל ה י ל ד ע ס ה י י מ ע ר. צווישען די צוויי עקסטרעמע שטרעבונגען — רעפאָרמע און אָרטהאָדאָקסיע — האָט דער בעוואוסטער גע־לעהרטער און תלמודיסט ר׳ זכריה פראנקעל געגרינדעט אין ברעסלאַו אַ אי־דישע ראבינער־סעמינאריע, וועלכע איז געווען אַ גאָלדענער מיטעל־וועג צווישען אַ שטרענגער אָרטהאָדאָקסיע און אַ פרייער רעפאָרמע (1854).

אויך אין אַנדערע לענדער פון דייטשלאַנד זיינען די אידישע געמיינדען צושפּאָלטען געוואָרען. די רעגירונגען האָבען זיך אין ערגעץ ניט אריינגע־מישט אין די אידישע רעליגיאָנס־אַנגעלעגענהייטען, אויסער אין מעקלענ־בורג־שווערין. אין 1847 — 1851 איז דער הויפט־ראבינער דאָרט געווען ד ו ד א י י נ ה א ר ן. ער איז געווען מעהר ראדיקאַל פון זיין פאָרגעגנער האָלדהיים. ער האָט ארויסגעשטויסען די העברעאישע תפלות פון דער סי־נאגאָגע, האָט אָפּגעשאַפט אַלע תפלות וועגען משיח׳ן און דער אויפלעבונג פון דער אידישער נאציאָן, און האָט אויך ערקלערט, דאָס מילה איז ניט נע־טיג. די אָרטהאָדאָקסישע רבנים זיינען ארויס מיט שאַרפע פּראָטעסטען געגען איהם, און ער איז געצוואונגען געווען אַוועקצוגעהן נאָך אַמעריקא. אָבער די שפּאַלטונג אין דער געמיינדע איז געוואָרען שאַרפער און שטאַר־קער. די רעגירונג האָט זיך אריינגעמישט אין דער מחלוקה און האָט אָנגע־נומען די זייט פון די אָרטהאָדאָקסען און האָט אָנגעהויבען זאָגען אַ גרויסע דעה אין דעם. די רעפאָרמער האָבען געבראַכט אַ פּראָטעסט צום הערצאָג געגען מיניסטעריום, אָבער דער הערצאָג האָט נאָך שטרענגער צוגעדריקט די רעפאָרמער און האָט אַליין בעשטימט בעאַמטע פיר די אידישע געמיינדען אין הערצאָגטום. אין דיזען צושטאַנד איז די רעליגיעזע לאַגע אין מעקלענ־

בורג פערבליבען ביז 1869, ווען די אידען האבען דארט בעקומען פולע עמאנ-ציפאציאן און זיינען ארויס פון דער אפיטרופסות פון דער רעגירונג.

צו ענדע פון די 60ער יאהרען, ווען דייטשלאנד איז געווארען פער-איינינגט, האבען די אידישע רעפארמירטע געמיינדען פון דייטשלאנד אויך אנגעהויבען זיך צו פעראייניגען. אין 1868 האבען זיך די רעפארם-רבנים פערזאמעלט אין קאססעל מיט'ן צוועק צו בעשטימען א געוויסע ארדנונג אין דעם געטליכען דינסט און די בעציהונגען פון די רעפארמירטע געמיינ-דען צו די תלמודישע געזעצען. די פערזאמלונג איז צו קיין בעשלוס ניט געקומען, ווייל די מיינונגען זיינען געווען פערשיידען. און עס איז בע-שלאסען געווארען צוזאמענרופען א סינאד, אין וועלכען עס זאלען אנטייל נעהמען רבנים און כלל-טוער. דער סינאד איז צוזאמענגעקומען אין לייפ-ציג דעם 29טען יוני 1869. דער פארזיצענדער איז געווען מ. לאצא-רוס, פראפעסאר פון בערלינער אוניווערזיטעט. די ערסטע פראגע, וואס דער סינאד האט פערהאנדעלט, איז געווען — אויב עס קען זיין א האר-מאניע צווישען יודענטום און דער נייער קולטור. עס איז אנגענומען גע-ווארען פיליפפסאן'ס פארשלאג, דאס אין היינטיגער צייט, ווען דער האס צווישען נאציאנען האט אויפגעהערט און דער אונטערשייד צווישען רעלי-גיאנען איז כמעט אין גאנצען פערשוואונדען, זאלען אפגעשאפט ווערען אלע אידישע געזעצען, וועלכע האבען געהאט דעם צוועק צו האלטען דאס אי-דישע פאלק אפגעזונדערט פון אלע אנדערע פעלקער, אום די אידישע רעלי-גיאן זאל ערשיינען פאר דער געבילדעטער וועלט אלס א לעהרע, וואס פער-שפרייט דעם גייסט פון ברידערליכקייט צווישען מענשען און א זעהר הוי-כען מאראל, ווי די נביאים האבען עס געפאדערט. די תפלות וועגען משיח און וועגען דעם אויפלעבען פון דער אידישער נאציאן האט מען אין גאנצען אפגעשאפט. די פראגען וועגען מילה, שבת, כשרות, חתונות און גט'ן זיי-נען אפגעלעגט געווארען צו פערהאנדלען אויף'ן קומענדען צוזאמענפאהר פון סינאד, וועלכער איז בעשטימט געווארען אויף 1870. צוליב דער מלחמה צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך איז דיזער סינאד צוזאמענגעקומען אין 1871 אין אויגסבורג. וועגען חתונות האט דער סינאד בעשלאסען, דאס „ציוויל-עהע" איז נעטיג. מילה דארף בלייבען, אבער א ניט גע'מל'טער איז אויך א איד. חליצה איז אין גאנצען אפגעשאפט געווארען. פאהרען אום שבת און יום טוב פיר געשעפט טאר מען ניט, אבער פיר פערגניגען מעג מען. דער אויגסבורגער סינאד איז געווען דער לעצטער. די געפלאנטע פער-

איינינונג איז ניט פערווירקליכט געוואָרען. די רעפאָרם־רבנים זיינען גע־גאַנגען יעדער אין זיין וועג. די רעפאָרמע האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט דעם רעליגיעזען געפיהל, און די אַסימילאַציאָן האָט געדראָהט צו פערניכטען דאָס יודענטום. די לייט פון סינאָד האָבען ניט פערשטאַנען, דאָס אַ רעלי־גיעזע גרופּע קען ניט לאַנג עקסיסטירען, ווען עס פעהלט איהר דער נאַציאָ־נאַלער פערבאַנד. דער אידען־האַס, וואָס האָט זיך באַלד אָנגעהויבען אין דייטשלאַנד, האָט קלאָר בעוויזען, דאָס די אידעע פון ברידערליכקייט צווי־שען מענשען איז נאָך זעהר וויט פון פערווירקליכט ווערען.

די געזעלשאַפטליכע שטימונג אין דער ליטעראַטור. דער הויפּט־אינטערעס אין דער אידישער ליטעראַטור אין דעם 2טען פערטעל פון דעם 19טען יאָהרהונדערט איז געווען די בעאַרבייטונג פון דער אידישער געשיכטע. דער פאָטער פון דער אידישער וויסענשאַפט (חכמת ישראל), לעאָפּאָלד צונץ, האָט נאָך פאָרגעזעצט זיינע פאָרשונגען אויף׳ן געביט פון אידישער געשיכטע. ער האָט דאַמאָלס געשריבען זיינע ווערק איבער די אידישע סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע, און האָט סיסטעמאַטיזירט די געשיכטע פון די אי־דישע ליידען אין מיטעלאַלטער. אויך גייגער האָט פיעל גוטע ארבייט גע־טאָן פיר די אידישע וויסענשאַפט. אין 1857 האָט ער ארויסגעגעבען זיין קלאַסישעס ווערק „אורשריפט”, אין וועלכען ער בעהאַנדעלט די געשיכ־טע פון דעם טעקסט און די איבערזעצונגען פון דער ביבעל מיט זייער איינ־פלוס אויף די ענטוויקלונג פון יודענטום, און האָט פיעל ליכט פערשפּרייט אויף׳ן צוזאַמענהאַנג פון דער תורה שבעל פּה מיט דער תורה שבכתב. גייגער האָט אויך ערנסט בעהאַנדעלט איינינע מאָמענטען פון דער אידישער געשיכטע אין מיטעלאַלטער אין אַ רייהע פון ביאָגראַפיעס: פון ר׳ יהודה הלוי, פון די קמחי׳ם (רד״ק און ר׳ יוסף קמחי), פון ר׳ יהודה אריה מודינא, פון ר׳ יצחק מטראָקי, וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין די אידישע זשור־נאַלען „כרם חמד”, „אוצר נחמד”, „החלוץ”, ווי אויך אין זיין זשורנאַל „די אידישע צייטשריפט פיר וויסענשאַפט אונד לעבען” און אין זיין ווערק: „דאָס יודענטהום אונד זיינע געשיכטע”. אין זיינע ווערק האָט גייגער זיך גע־געבען די מיה צו בעווייזען, דאָס די מיסיאָן פון אידען איז — צו פערשפּריי־טען דעם וואָהרען גלויבען אין אחדות הבורא. דאָס קריסטענטום האָט גע־זוכט איבערצונעהמען דיזע מיסיאָן פון יודענטום, אָבער האָט זי פערווירק־ליכט אין אַ ניט פאָלקאָמענער פאָרמע, געבענדיג דער וועלט אַ מענש־גאָט, אַ דריי־איינינקייט און אַ דאָגמאַ וועגען דעם חטא פון אדם הראשון. אַלס

פּאָלק, וועלכעס איז געשאַפען געוואָרען צו פערווירקליכען אין דער וועלט דיזע בעשטימטע גייסטיגע מיסיאָן, האָט ישראל ניט געקענט פערבלייבען אין די ענגע ראהמען פון שטאַאט און נאַציאָנאַליטעט. דער גייסט האָט צו־שטערט דיזע ראהמען און האָט זיך ארויסגעריסען פון זיי. די אויפגאַבע פון יודענטום איז איינצופיהרען אין דער וועלט דעם מאָנאָטהעאיזם, וועל־כער שטימט מיט די פאָדערונגען פון פערשטאַנד און פון זיטליכקייט. פיר דאָס גליק פון דער וועלט זיינען אידען צושפּרייט צווישען די נאַציאָנען.

אָבער ניט אַלע היסטאָריקער זיינען געווען איינפערשטאַנען מיט גייגער׳ס טעאָריע. אַנדערע אידישע געלעהרטע האָבען דורך וויסענשאַפט־ליכע פאָרשונג ענטדעקט גאַנץ אַנדערע וועגען אין דער געשיכטע. ר׳ זכריה פראַנקעל, דער פאָרשטעהער פון דער פּאָזיטיווער היסטאָרישער ריכטונג, האָט בעוויזען אין זיינע ווערק „דרכי המשנה" און „מבוא הירושלמי" (1859 און 1870) דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון תורה שבעה פה — פון משנה און תלמוד, ניט צושרייבענדיג צו איהם מאָדערנע טענדענצען. זיין „מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע אונד וויססענשאַפט דעס יודענטהומס" האָט אריינגעבראַכט א לע־בעדיגען שטראָם אין די וויסענשאַפט פון געשיכטע, וועלכע איז דאָ בע־האַנדעלט געוואָרען ניט אונטער דעם איינפלוס פון טהעאָלאָגיע. אַלס די־רעקטאָר פון דעם אידישען טהעאָלאָגישען סעמינאַר אין ברעסלאַו (פון 1854), האָט פראַנקעל זיך מעהר געקימערט ארויסצוגעבען געלעהרטע ווי ראַבינער. אין דיזער אַטמאָספערע פון וויסענשאַפט האָט זיך ענטוויקעלט דער גרוי־סער טאַלאַנט פון דעם אידישען היסטאָריקער ה י י נ ר י ך (הירש) ג ר אֶ ט ץ (1817—1891).

גראָטץ איז געבאָרען געוואָרען אין פּרייסיש־פּוילען, וואו ער האָט גע־קראָגען זיין ערציהונג אין דעם אַלטען אידישען גייסט. אָנפאַנגס איז ער געווען אַן אָנהענגער פון זיין לעהרער ר׳ שמשון הירש, דעם גרינדער פון דער נייער אידישער טהעאָלאָגיע אין דייטשלאַנד, וועלכע האָט בעטראַכט דאָס יודענטום אַלס א מומיע, וועלכע מען מוז בעדעקען מיט א מאָדערנעם געוועב פון סימבאָלען. אריינדרינגענדיג אין דער אידישער געשיכטע האָט גראָטץ געפונען, דאָס אין אַלע רעליגיעזע איינריכטונגען הערשט דער אידישער נאַ־ציאָנאַל־גייסט. ער האָט בעשלאָסען צו אויפבויען די לאַנגע אידישע גע־שיכטע אויף קריטישע פאָרשונגען פון אָריגינעלע קוועלען. דאָס איז געווען א קאָלאָסאַלע ארבייט, אָבער גראָטץ האָט די ארבייט דורכגעפיהרט אַלס א גענִיאַלער ארכיטעקט. ער האָט אָנגעהויבען פון דער תלמודישער עפּאָ־

כע און האָט צוערסט געדרוקט דעם 4טען באַנד פון זיין געשיכטע (1853). אין דיזען באַנד האָט ער באַלד געצייגט דער וועלט דעם גרויסען אונטערשייד צווישען איהם און זיין פאָרגענגער אין אידישער געשיכטע, י. מ. יאָסט. אין דיזען באַנד האָט גראַעץ פאָרגעשטעלט די תלמודישע פערזאָנען אַלס לעבעדיגע פיגורען, וואָס שאַפען זייערע געזעצען אויף'ן גרונד פון היסטאָרישע פאַקטען — פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע. דער באַנד פון זיין געשיכטע, וועלכער בעהאַנדעלט די צייט פון די חשמונאים (מאַקאַבעער) און דער רוימישער הערשאַפט אין יודעאַ (ארץ ישראל), האָט נאָך מעהר ארויסגעצייגט דעם גלענצענדען טאַלאַנט פון דיזען געניאַלען היסטאָריקער (1856). „די אידישע געשיכטע אויך נאָך דער תלמודישער עפּאָכע", זאָגט גראַעץ אין זיין 5טען באַנד, „טראָגט אין זיך אַ נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, ווייל פיעלע פון די רעליגיעזע אָרדנונגען האָבען דעם צוועק צו פערשטאַרקען דעם אידישען נאַציאָנאַל־געפיהל, וועלכער ווערט געשטיצט אין אַ פאָלק, וואָס זיצט אין זיין אייגענעם לאַנד און לעבט אַן אייגענעם פּאָליטישעם לעבען. אין זיין 11טען באַנד דריקט ער זיך שאַרף אויס געגען די רעפאָרמער און געגען דער שטרעבונג פון די דייטשע אידען אַלעס צו פערדייטשערן און אָפּצופאַלען פון דער אידישער נאַציאָן.

גראַעץ'ס געשיכטע האָט געהאַט אַן אונגעהייערן איינפלוס אויף דעם גייסט פון דעם בעריהמטען פּובליציסט פון יענער צייט, משה העסס (1812—1875). גאַנץ פריה איז העסס אַוועק פון די אידישע אידעאַלען, אין וועלכע זיינע עלטערן האָבען איהם ערצויגען. ער איז דורכגעגאַנגען אַלע פאָרמען פון אייראָפּעאישען דענקען. ער איז געוועזען אַן אַנהענגער פון ספּינאָזאָ'ס פילאָזאָפיע, אַ העגעליאַנער, אַן אַנאַרכיסט, אַ קאָמוניסט, אַ סאָציאַליסט, און איז אין אַלגעמיין געוועזען דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון אינטערנאַציאָנאַליזם. פּלוצלינג איז פאָרגעקומען אין איהם אַ גאַנצע איבערקעהרעניש און ער איז געוואָרען אַ פייערדיגער נאַציאָנאַליסט. דער בלוט־בלבול פון דמשק האָט איהם קלאָר געצייגט, ווי טיף דער גיפט פון אידען־האַס איז איינגעוואָרצעלט אין די הערצער פון די אייראָפּעאישע ציוויליזירטע פעלקער. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס די אידישע נאַציאָן מוז אַרויס צו קעמפען פיר איהר פרייהייט. ער האָט אָנגעהויבען שטודירען די אידישע געשיכטע פון גראַעץ און איז געקומען צום שלוס, דאָס די אידעע, אַז אידען זיינען מעהר ניט קיין נאַציאָן, איז פאַלש. אין יאָהר 1862 האָט ער אַרויסגעגעבען זיין ווערק: „ראָם אונד יערוזאַלעם",

אין וועלכען ער האט מיט שמחה ערקלערט, דאס ער קעהרט זיך צוריק צו זיין פאלק נאך דעם, ווי ער האט זיך 20 יאהר דערוויטערט פון איהם. דער איד, וואס זאגט זיך אפ פון זיין נאציאן געפינט זיך אימער אין אן אוננאר־מאלען צושטאנד. ער מעג אנטאן טויזענד מאסקעס, בייטען זיין נאמען, זיין רעליגיאן, זיינע מאניערען, אום מען זאל ניט דערקענען, דאס ער איז א איד — דאס אלעס וועט איהם ניט העלפען דערשטיקען אין איהם זיין נאציאנאל־געפיהל, און יעדע בעליידיגונג פון א אידישען נאמען וועט איהם שטארק וועה טאן. העסס ווענדט זיך צו די אידען אין רוסלאנד און פוילען, וועלכע גיסען נאך אוים זייער טרויער און בענקשאפט נאך נאציאנאלער פרייהייט אין זייערע ניט־רעפארמירטע תפלות, און וועלכע האבען זיך אין די לעצטע צייטען גענומען צו בעלעבען די העברעאישע שפראך. ווארום זאלען דיזע אידען, פרעגט העסס, ניט קענען רעבנען צוריקקעהרען זיך צו זייער אלטער היים, און אנהויבען צו לעבען א פרייעס נאציאנאלעס לעבען צו גלייך מיט אלע אנדערע פעלקער? מען מוז אנהויבען א שטארקע אגיטאציאן וועגען דעם אין דיפלאמאטישע קרייזען, צוציהען צו דיזער אידעע די אידישע געלט־מאגנאטען, די ראטהשילדס, די מאנטעפיארעס, מען מוז טאן אלעס מעגליכעס צו העלפען דער „געזעלשאפט צו קאלאניזירען פאלעסטינא", וועלכע איז פראיעקטירט געווארען פון דעם טהארנער רב ר' הירש קאלישער, דעם פערפאסער פון דעם בעריהמטען ווערק „דרישת ציון". געגען דיזע אידעען פון העסס'ן איז ארוים גייגער און האט געזוכט צו בעווייזען, דאס אידען טארען יעצט ניט דענקען וועגען אויפלעבען זייער נאציאנאליזם נאך דעם, ווי מען האט זיי געגעבען גלייכע רעכטען. העסס האט איהם געענטפערט אויף זיינע ארגומענטען אין זעהר א בייסענדען טאן אין א בעזונדערער בראשורע, ווייל קיין רעדאקציאן האט דאמאלס ניט געוואלט אננעהמען צו דרוקען אן ארטיקעל פון א אידען א נאציאנאליסט.

די דייטשע יהודים האבען איגנארירט גראטץ'ן מיט זיין נאציאנאליזם און האבען אויסגעלאכט העסס'ן. פראפעסאר מ. לאצארוס איז ארוים מיט א ווערק „וואס איז אזעלכעס נאציאנאליזם?" אין וועלכען ער האט פערזוכערט, דאס אידען זיינען קיין נאציאן, נאר א רעליגיעזע גרופע פון דייטשען פאלק. דער אלטער פאפולערער שרייבער ב ע ר ט ה א ל ד א ו י ע ר ־ ב א ך (1812—1882) איז געווארען שטארק צורודערט, ווען ער האט זיך דערוואוכט, דאס זיין פריינד העסס האט בעשלאסען ארויסצוגעבען זיין ווערק „ראם אונד יערוזאלעם". אין דער צארטער זעעלע פון אויערבאך האבען זיך

גערוואַנגעלט צוויי געפיהלען: איינער פיר די אידישע נאַציאָן און אַ צווייטער פיר דייטשלאַנד. אָנפאַנגס האָט ער געשריבען אַ פּאָאַר ראָמאַנען פון אידישען לעבען, נאָכדעם האָט ער זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו דער אַלגעמיינער דייטשער בעלעטריסטיק. און צו ענדע פון 70ער יאָהרען, ווען אין דייטשלאַנד איז דער אַנטיסעמיטיזם ארויף אויף די סצענע, האָט אויערבאַך געזאָגט: „מען מוז זיך צוריקקעהרען צו מיינע שטאַם־גענאָסען". מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט ער מיט אַ טיעפען זיפץ אויסגעשריען. „אומזיסט האָב איך געלעבט, אומזיסט האָב איך געאַרבייט!" דיזע טרויעריגע געפיהלען האָבען איהם מקרב געווען זיין טויט.

זעהר ווייט פון דיזע געפיהלען זיינען געווען מענשען ווי פּ ע ר ד ינ אַ נ ד ל אַ ס ס אַ ל ל (1869—1875), וועלכע זיינען אין גאַנצען אוועק פון דעם אידישען פאָלק. ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגעל האָט אויף איהם געמאַכט אַ טיעפען טרויעריגען איינדרוק דער בלוט־בלבול אין דמשק (1840). ער האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי קען עס אַ גאַנצע נאַציאָן דולדען אַזאַ שרעקליכעס מאַרטירערטום און נעהמט ניט ראַכע פון איהרע פערפאָלגער, זאָגאַר ווען זי זאָל וויסען, דאָס זי וועט פערניכטעט ווערען אין דעם שטרייט. אָבער דיזע געפיהלען צום אידישען פאָלק האָבען ניט לאַנג אָנגעהאַלטען ביי איהם. ער איז באַלד אוועקגעשוואומען אין דער דייטשער קולטור און מיט'ן פּאָליטישען שטראָם פון 1848. ער האָט זיך מיט זיין גאַנצער ענערגיע אריינגעוואָרפען אין דער אַרבייטער־בעוועגונג און האָט אין גאַנצען פערגעסען זיינע אונגליקליכע ברידער, די אידען. אַזוי זיינען אוועק פון אידישען פאָלק פיעלע אַנדערע אין יענער צייט, ווי דער בעריהמטער רעדנער לאַסקער און זיין מיטקעמפער באַמבערגער, און דער ראַדיקאַל יאַקאָבי, וועלכע האָבען געווידמעט זייער גאַנצעס לעבען און ענערגיע דער דייטשער קולטור און האָבען ניט געוואָלט זאָגען אַ גוט וואָרט אין פּאַרלאַמענט פיר זייערע ברידער, וועלכע דער אַנטיסעמיטיזם האָט דאַמאָלס אָנגעהויבען פערשאַפען גרויסע צרות.

ב. די עמאַנציפּאַציאָן אין עסטרייך און אונגאַרן.

די רעוואָלוציאָן פון מערץ 1848 און די עמאַנציפּאַציאָן פון מערץ 1849. דעם 13טען מערץ 1848 האָט אַן ערנסטע פאָלקס־פּראָצעסיאָן דורך די גאַסען פון וויען שטאַרק געפאָדערט אָפּצושאַפען די קייזערליכע זעלבסטהערשאַפט. די אַרמעע האָט געשאָסען אויף די רעוואָלוציאָנערען. אָבער

דאס האט נאך מעהר אויפגערעגט דעם צארן פון פאלק. דאס פאלק האט זיך בעוואפענט און האט געבילדעט א נאציאנאלע גווארדיע. דער קייזער פערדינאנד האט נאכגעגעבען און האט פערשפראכען צו געבען א קאנסטיטוציאן מיט פאליטישער פרייהייט. דער מיניסטער מעטטערניך, וועלכער האט 33 יאהר געפיהרט אייראפא פיר'ן נאז, איז ענטלאפען פון וויען. די אידען האבען געשפילט א וויכטיגע ראלע אין דיזער רעוואלוציאן. דער הויפט־פיהרער פון דער רעוואלוציאן צווישען אידען איז געווען דער אידישער דאקטאר א ד א ל ף פ י ש ה א ף (1816—1893). ער אייז געווען דער ערסטער רעדנער אין דער עסטרייכער רעוואלוציאן. ביים קבר פון די געפאלענע רעוואלוציאנערען האבען געהאלטען רעדעס קריסטליכע גייסטליכע און אויך דער אידישער ראבינער און בעריהמטער רעדנער מאננהיימער. די אידישע לײדען און די פאדערונג פון א נייעם לעבען האבען געקלונגען אין דעם הספד פון דעם אלטען אידישען פרעדיגער אויף דעם קבר פון די געפאלענע רעוואלוציאנערען. „איהר האט געוואלט — האט ער געזאגט צו די דייטשען — אז די געפאלענע אידען זאלען ליגען דא צוזאמען מיט אייך א י ן דער ערד, ערלויבט זשע אויך די, וואס האבען מיט אייך צוזאמען אנטייל גענומען אין דעם שווערען קאמף, צו לעבען א ו י ף דער ערד פריי און רוהיג ווי איהר!"

די וויענער אידישע געמיינדע האט ארויסגעשיקט א פעטיציאן וועגען גלייכע רעכטען. מאננהיימער איז געווען געגען דער פעטיציאן, ווייל ער האט גערעכענט, דאס די ליבעראלען וועלען אליין זארגען מען זאל אידען געבען גלייכע רעכטען. אבער די צייט האט בעוויזען, דאס מאננהיימער האט געהאט א טעות.

דער קייזער פערדינאנד האט ניט געהאלטען זיין ווארט — צוזאמענרופען די פארשטעהער פון פאלק צו ערוועהלען א פארלאמענט און פערפאסען א קאנסטיטוציאן. דעם 25טען אפריל 1848 האט די רעגירונג זעלבסט ארויסגעגעבען א קאנסטיטוציאן, וואס האט פערשפראכען גלייכע רעכטען פיר אלע בירגער, אויסער אידען — זייער פראגע מוז געלעזט ווערען דורך די געזעצגעבענדע מאכט. דעם 18טען מאי איז פארגעקומען א צווייטער אויפשטאנד אין וויען, אין וועלכען אידען האבען א גרויסען אנטייל גענומען. פישהאף האט אויך אין דיזען אויפשטאנד געשפילט א וויכטיגע ראלע. ווען דער קייזער האט פערלאזען וויען און די שטאדט האט ערוועהלט א קאמיטעט צו האלטען ארדנונג איז פישהאף ערוועהלט געווארען פיר פרע-

זירענט פון דיזען קאָמיטעט. און אַזוי איז ערוועהלט געוואָרען פון פאָלק א רייכסטאַג, אין וועלכען עס זיינען ערוועהלט געוואָרען אידישע דעפּוטאַטען: פישהאָף, מאננהיימער און גאָלדמארק. קוראַנדא און הארטמאַנן זיינען ערוועהלט געוואָרען אַלס דעפּוטאַטען אין אַלגעמיינעם דייטשען פּאַרלאַמענט אין פראַנקפורט. דעם 5טען אָקטאָבער האָבען די אידישע דעפּוטאַטען געהאַט גענוג אַרבייט צו פערטיידיגען די אידישע רעכטען אין וויענער רייכסטאַג. מאַננהיימער האַט געהאַלטען א גלענצענדע רעדע, אין וועלכער ער האָט געפאָדערט צום ווענינסטען אָפּצושאַפען די שענדליכע געזעצען געגען אידען. אייניגע האָבען געפאָדערט מען זאָל אָפּלעגען די פּערהאַנדלונג וועגען דעם אויף א יאָהר אָדער א האַלבען יאָהר. דערויף האָט זיי מאַננהיימער געענטפערט: די אידען זיינען געוועהנט צו ליידען פון אונגערעכטע געזעצען און זיי וועלען מיט געדולד קענען אויסהאַלטען ערנידריגונגען און אונגערעכטיגקייט נאָך א האַלבען אָדער גאַנצען יאָהר, אָבער פיר אייך איז עס א שאַנדע און א פערברעכען צו פערלענגערן די אונגערעכטיגקייט, וועלכע איהר קענט אָפּשאַפען. זיין רעדע האָט געווירקט, און מיט א מעהרהייט פון 243 שטימען געגען 20 זיינען פיעלע ספּעציעלע בעשרענקענדע געזעצען אָפּגעשאַפט געוואָרען. באַלד נאָכדעם האָט אין וויען ווידער אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד. דער קייזער פערדינאַנד האָט זיך ענטזאַגט פון טראָן און דער יונגער פּלימעניק זיינער פראַנץ יאָזעף איז אַרויף אויף'ן טראָן (2טען דעצעמבער 1844). מיט דריי מאָנאַטען שפּעטער האָט דער נייער קייזער אָפּגעשאַפט דעם רעוואָלוציאָנערען רייכסטאַג און האָט אייניגע דעפּוטאַטען בעשטראָפט. פישהאָף איז נאָך 9 מאָנאַטען אַרעסט בעדרויבט געוואָרען פון פּאָליטישע רעכטען, און גאָלדמאַרק איז פער'משפט געוואָרען צו טויט־שטראָף. איהם איז אָבער געלונגען צו ענטלויפען נאָך אַמעריקאַ.

דעם 4טען מערץ 1849 איז פּובליצירט געוואָרען די נייע קאָנסטיטוציאָן פון קייזער פראַנץ יאָזעף, וועלכע האָט געגעבען בירגער־רעכט צו אַלע זיינע אונטערטאַנען אָהן אונטערשייד צו וועלכער רעליגיאָן זיי געהערען. די וויענער אידישע געמיינדע האָט געשיקט א דעפּוטאַציאָן צום קייזער צו דאַנקען איהם פיר זייער עמאַנציפּאַציאָן. די דעפּוטאַציאָן איז פריינדליך אויפגענומען געוואָרען. די אידען האָבען באַלד פריי אָפּגעאָטעמט. זיי האָבען זיך באַלד אָנגעהויבען בעזעצען אין אַזעלכע ערטער, וואו פריהער האָבען זיי קיין רעכט ניט געהאַט צו וואוינען. זיי האָבען גלייך זיך גענומען ערווערבען אונבעוועגליכע גיטער, זיך בעזעצען אין דערפער, פיעלע זיינען

געוואָרען אדוואָקאַטען. אָבער דיזער צושטאַנד האָט ניט לאַנג געדויערט. עס האָבען זיך אָנגעהויבען אין עסטרייך רייסערייען צווישען די פערשיידענע פעלקערשאַפטען און דיזע רייסערייען האָבען געהאַט אַ טראַגישען אויסגאַנג פיר די אידען אין עסטרייך.

אין בעהמען האָבען זיך די אידען געפונען צווישען צוויי פיינדליכע לאַגערן — די דייטשען און די טשעכען. די אידען זיינען געוועזען מעהר גענייגט צו דער דייטשער פּאַרטיי, דערפאַר האָבען די טשעכען זיי געהאַסט. ענדע אַפּריל האָבען די טשעכען אין פּראַג געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף אידען. אָבער די קאָנסטיטוציאָן פון 1849 האָט געמאַכט אַן ענדע פון די ספּעציעלע בעשרענקונגען פיר אידען.

פיעל בעסער איז עס צוגעגאַנגען מיט'ן קריזיס אין גאַליציען. דאָרט זיינען די אידען צוגעשטאַנען צו די פּאָליאַקען, און דעריבער האָבען די פּאָליאַקען אין זייערע פּעטיציאָנען געפאָדערט גלייכע רעכטע פיר אידען. די אידישע יונגע לייט אין לעמבערג און קראַקאָוו זיינען אריינגעטראָטען אין דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, און זיינען געוואָרען מיטגלידער פון די פּאָליטישע קלובען. ווען אין פּאָזען האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד געגען פּרייסען, האָט דער קראַקאָווער אידישער קלוב זיך געווענדט צו די אידען פון פּאָזען און האָט פערלאַנגט פון זיי זיי זאָלען צושטעהן צו די פּאָליאַקען, ווייל זיי זיינען אימער גוט געווען צו אידען און האָבען זיי געגעבען שוץ ווען מען האָט זיי געטריבען פון דייטשלאַנד. פּאָזענער אידען האָבען זיך ענטזאַגט דאָס צו טאָן און זיינען געבליבען דייטשע פּאַטריאָטען. אין גאַליציען זיינען ניט נאָר די ניי־מאָדנע אידען געוועזען אויף דער זייט פון די פּאָליאַקען, נאָר אויך די אָרטהאָדאָקסישע אידען. דער קראַקאָווער רב ר' ב ע ר ו ש מ י י ז ע ל ס , אַלס דעפּוטאַט, איז געוועזען אויף דער זייט פון די לינקע (פּאָליאַקען) אין פּאַרלאַמענט. ווען מען האָט איהם געפרעגט ווי קומט עס, דאָס ער, אַן אָרטהאָדאָקסישער רב, זאָל צושטעהן צו די לינקע, האָט ער געענטפערט וויציג: „אידען האָבען קיינע רעכטע". די פריינדשאַפט מיט די פּאָליאַקען האָט די אידען נאָר בעשיצט פון פּאָגראָמען, אָבער עס האָט זיי ניט געבראַכט קיין גלייכע רעכטען, וועלכע זיי האָבען געבעטען ביים פּוילישען רייכסטאַג. גלייכע רעכטען האָט זיי געגעבען די קאָנסטיטוציאָן פון 4טען מערץ 1849.

אין אונגאַרן איז די אידען־פראַגע אויפגענומען געוואָרען אין דער צייט פון דער מערץ־בעוועגונג אין 1840. דער אונגאַרישער סיים האָט דאַמאָלס

פערהאנדעלט וועגען רעפאָרמעס פיר דאָס פאָלק, אָבער וועגען אידען האָט מען ניט געוואָלט פערהאנדלען. זאָגאר דער ליבעראַלער קאָססוטה (קאָשוט) האָט געפונען, דאָס וועגען אידען איז געוועזן צו פריה צו רעדען. אָבער די פאָלקס־פערזאמלונג אין פעסט האָט געפאסט אַ רעזאָלוציאָן צו געבען אי־רען גלייכע רעכטען. דיזע רעזאָלוציאָן האָט געפיהרט דערצו, דאָס די אי־רען האָבען גענומען אַ גרויסען אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָן. אָבער די בורזשואַזיע, די סוחרים, האָבען פּראָטעסטירט געגען געבען אידען גלייכע רעכטען. „מיר פאָדערן פרייהייט", האָבען זיי גע'טענה'ט, „אָבער וואָס איז עס פאַר אַ פרייהייט, ווען מיר האָבען ניט דאָס רעכט אַרויסצוטרייבען די אידען?" די אידען־פיינד האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אַ פּאָגראָם אויף אידען אין פּרעסבורג אום צו איבערצייגען די ליבעראַלען, אַז דאָס פאָלק איז געגען געבען אידען גלייכע רעכטען. דיזען טייפלישען פּלאַן האָבען זיי דורכ־געפיהרט דעם 19טען און 20טען מערץ 1848. דער המון האָט גערויבט אי־דישע האָב און גוטס, געבראָכען שויבען, געשלאָגען די אידען מכות רצח, און האָט ביז צום גרונד צושטערט די אידישע סינאַגאָגע. די רעגירונג האָט קיין מיטלען ניט גענומען צו בערוהיגען דעם צובושעוועטען המון. דער בע־ריהמטער ליבעראַל קאָססוטה האָט געזאָגט, דאָס ווען די רעגירונג זאָל זיך אַריינמישען געגען די פּאָגראָמשטשיקעס צו שיצען די אידען, וועט דער המון אָנמאַכען אַ שרעקליכע שחיטה צווישען זיי. ענדליך האָט דער מאַגיסטראַט בעשלאָסען צו בעשיצען די אידען, בתנאי אַז זיי זאָלען אַרויסציהען פון שטאָדט צוריק אין זייער געטאָ. הגם דאָס איז געוועזן אונגעזעצליך, ווייל דאָס געזעץ האָט שוין לאַנג אָפּגעשאַפט דעם געטאָ. פיעלע אַנדערע שטעדט האָבען געפאָלגט דעם בייזשפיעל פון פעסט און האָבען אויך געמאַכט פּאָגראָ־מען אויף אידען. די פּאָגראָם־אַגיטאַציאָן האָט געווירקט אויף'ן סיים ניט צו געבען די אידען וואַהל־רעכט. דעם 19טען אַפּריל האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסער המון אַרום דעם מאַגיסטראַט אין פעסט און האָט געפאָדערט מען זאָל אַרויסטרייבען פיעלע אידען פון שטאָדט, און מען זאָל אַרויסשי־קען די אידען פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. ווען דער המון האָט זיך געוואָלט מיט גוואַלד אַריינרייסען אין מאַגיסטראַט, האָט אַ אידישער סאָלדאַט פער־וואונדעט די האַנד פון איינעם פון המון. עס איז באַלד געוואָרען אַ געשריי: „אידען שלאָגען קריסטען!" דער המון האָט זיך באַלד אַ לאָז געטאָן אין די אידישע גאַסען און האָט געמאַכט אַ שרעקליכען פּאָגראָם. די אידען האָ־בען זיך געווענדט צום מיניסטער באַטטיאַני און דיזער האָט זיי געגעבען אַן

עצה נאָכצוגעבען די פאָדערונג פון פאָלק און ארויס פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. די אידען האָבען נאָכגעגעבען דיזע פאָדערונג און די פּאָגראָמען האָבען אויפגעהערט.

די אידען אין אונגאַרן האָבען אָנגעגעבען אין יולי 1848 צום נייעם סיים, וואָס האָט זיך דאַמאָלס פערזאַמעלט, אַ לאַנגע און אויספיהרליכע פּע-טיציאָן וועגען געבען זיי גלייכע רעכטען. זיי האָבען עס געפאָדערט אין דעם נאָמען פון דעם פּאַטריאָטיזם, וועלכען זיי האָבען בעוויזען מיט טאַט אין די לעצטע צייטען. אָבער די פּעטיציאָן האָט קיין ווירקונג ניט געהאַט נאָר דריי סעקציאָנען פון סיים האָבען געשטימט פיר געבען אידען גלייכע רעכטען. די איבריגע זעקס האָבען עס אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדער צייט, נאָך דעם, ווי אַנדערע וויכטיגערע פראַגען וועלען געלעזט ווערען.

די לאַגע האָט געגומען אַן אַנדער ווענדונג, ווען אונגאַרן האָט בעשלאָ-סען אָראָפּוואַרפען פון זיך די הערשאַפט פון דער האַבסבורגער דינאַסטיע. קאָססוטה איז דאַמאָלס געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער רעוואָלוציאָן גע-גען עסטרייך. דאַמאָלס האָט מען זיך געווענדעט צו אידען און מען האָט זיי אויפגעפאָדערט אָנטייל צו נעהמען אין דער רעוואָלוציאָן. יעצט האָט מען זיי געגעבען דאָס רעכט צו שטאַרבען פיר דאָס פאָטערלאַנד אַלס בירגער, אַלס וועלכע זיי זיינען פריהער ניט אָנערקענט געוואָרען. די אידען, וואָס זיינען פון אייביג אָן געוועהנט מוחל צו זיין דאָס שלעכטעס, וואָס מען טוט זיי, האָבען אונגאַרן אויך יעצט מוחל געווען אַלע רדיפות און האָבען זיך אַ לאָז געטאָן אין טויזענדער אַלס וואָלונטירען אין די אונגאַרישע אַרמעע. עס זיינען אַריין אין דער אַרמעע אויך רבנים ווי שוואַב פון פּעסט און לעאָ-פּאָלד פון פּאַפּאַס. אין זענט איז דער רב אולמאַן ערמאָרדעט געוואָרען פון די סלאַווען פיר די סימפּאַטיע פון די אידען צו די אונגאַרען. די אידי-שע געמיינדען האָבען געאָפּפערט גרויסע סומען געלט פיר מלחמה-צוועקען. איינ־יגע שולען האָבען פערקויפט דאָס גאָלד און זילבער און האָבען עס אוועקגעגעבען אויף די הוצאות פון דער מלחמה. די עסטרייכישע רעגירונג האָט זיי שרעקליך בעשטראָפט דערפאַר. די אידישע געמיינדען פון פּעסט און אָפען האָבען געמוזט צאָהלען דערפאַר קאָנטריבוציאָן, וואָס האָט בע-טראָפען מיליאָנען פלאָרינס.

די פערפאָלגונגען, וואָס די אידען האָבען געליטען פון דער עסטרייכי-שער רעגירונג צוליב זייער אָנטייל אין דער אונגאַרישער רעוואָלוציאָן, האָט ערוועקט דעם געוויסען פון די אונגאַרען. דער מיניסטער סעמערע האָט

געהאַלטען אַ זעהר וואַרימע רעדע אין דער פאָלקס־פערזאַמלונג אין סעגעדין (28טען יולי 1849) און האָט געפאָדערט מען זאָל גלייך געבען אידען גלייכע רעכטען. די פערזאַמלונג האָט גלייך אָנגענומען אַ רעזאָלוציאָן אין איינשטימונג מיט'ן מיניסטער'ס פאָדערונג. דערביי האָט די פערזאַמלונג געפאָדערט פון מיניסטער ער זאָל צוזאַמענרופען די אידישע רבנים און פאָרשטעהער און פערלאַנגען פון זיי צו מאַכען איינינע רעפאָרמעס אין יודענטום לויט די פאָדערונגען פון הייגטיגער צייט.

אָבער צו שפּעט האָבען זיך די אונגאַרען מישב געווען געבען די אידען גלייכע רעכטען. מיט דער הילף פון דער רוסישער אַרמעע, וואָס ניקאָלאַי דער 1טער האָט צוגעשיקט צו שטיצען די עסטרייכער, זיינען די אונגאַרען בעזיגט געוואָרען. די אידען האָבען געמוזט צאָהלען אַ קאָנטריבוציאָן פון איבער 2 מיליאָנען פלאָרינס. אָבער דער קייזער פראַנץ יאָזעף האָט די אידען געשענקט אַ העלפט פון דער קאָנטריבוציאָן און די אַנדערע העלפט האָט ער בעשטימט אויף גרינדען אידישע לעהרער־שולען.

די רעאַקציאָן און ענדליך די גלייכבערעכטיגונג. דעם 31טען דעצעמבער 1859 האָט דער קייזער פראַנץ יאָזעף אָפּגעשאַפט די קאָנסטיטוציאָן פון 4טען מערץ 1849 און צוריק איינגעפיהרט אַן אבסאָלוטע מאָנאַרכיע. די אידען־פיינד האָבען אָנגעהויבען צו פאָדערן פון דער רעגירונג מען זאָל אָפּנעהמען פון אידען איינינע רעכטען און אויף דאָס ניי איינפיהרען דעם אָפּגעשאַפטען געטאָ. די רעגירונג האָט נאָכגעגעבען דעם וואונש פון די אידישע שונאים און האָט אַרויסגעגעבען דעם 2טען דעצעמבער 1853 אַ דעקרעט, דאָס די אידען האָבען קיין רעכט ניט צו ערווערבען גיטער, נאָר זי האָט דערביי געגעבען אַ הנחה צו די, וואָס האָבען שוין אין דער קורצער צייט פון דער עמאַנציפּאַציאָן ערוואָרבען גיטער, דאָס זיי טאָרען ניט געצוואונגען ווערען צו פערקויפען צו קריסטען דיזע גיטער. מען האָט אָנגעהויבען איבער־אַ־ניים פערוועהרען אידען געמישטע חתונות, מען האָט צוריק איינגעפיהרט דעם נוסח פון דער שבועה, וואָס פערשאַפט דעם אידישען פאָלק פיעל שאַנדע. מען האָט אָנגעהויבען אַרויסשטויסען אידען פון פיעלע פּראָפעסיאָנען — פון אַדוואָקאַטור, לעהרער־שטאַנד, נאָטאַריאַט. אין די לעהרער־שולען, וואָס די רעגירונג האָט געגרינדעט פיר די אידען, האָט זי געשטרעבט צו גערמאַניזירען די אידען אום אָפּצושוואַכען זייער פּאַטריאָטיזם צו די אונגאַרען, צו וועלכע זיי זיינען צוגעשטאַנען אין דער צייט פון רעוואָלוציאָן.

די מפּלה, וואָס עסטרייך האָט געהאַט אין איטאַליען אין 1859, האָט זי געצוואונגען צו מאַכען רעפאָרמעס אין לאַנד און איינפיהרען אַ קאָנסטי־טוציאָנעלע אָרדנונג, און צו געבען אידען גלייכע רעכטען. אין אויגוסט 1859, באַלד נאָך דעם זיג פון די איטאַליענער אין סאָלפערינאָ, האָט די עסט־רייכישע רעגירונג אַרויסגעגעבען אַ מאַניפעסט, דאָס זי האָט בעשלאָסען צו געבען אידען גלייכע רעכטען. אין פעברואַר 1860 איז אַרויס אַ געזעץ, דאָס אידען מעגען ערווערבען ערד־אייגענטום איבעראַל, און עס זיינען אָפּ־געשאַפט געוואָרען פיעלע בעשרענקונגען. די פּאָליטישע אַטמאָספערע האָט זיך פיעל אָפּגערייניגט פון די אידען־פיינדליכע באַצילען. אין 1866, נאָך דער מפּלה, וואָס עסטרייך האָט געהאַט אין איהר מלחמה מיט פּרייסען, האָט די עסטרייכישע רעגירונג געפונען פיר נעטיג צו געבען אידען פולע עמאַנציפּאַציאָן. און אין יאָהר 1867, ווען עסטרייך איז געוואָרען אַ קייזערטום אונטער'ן נאָמען עסטרייך־אונגאַרן, איז די אידען־פראַגע ענדליך אין גאַנצען געלעזט געוואָרען, און די אידען האָבען בעקומען פולע רעכטען אין ביידע טיילען פון דעם קייזערטום.

אַלס צוגאָב צו דער קאָנסטיטוציאָן האָט די עסטרייכישע רעגירונג דורכגעפיהרט נייע געזעצען, וועלכע האָבען בעפרייט דאָס פאָלק פון דעם איינפלוס פון די קלעריקאַלען. די רעליגיאָן האָט גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט די שולען. געמישטע חתונות זיינען געוואָרען געזעצליך, עס איז ער־לויבט געוואָרען קריסטען איבערגעהן צום יודענטום. די צאָהל פון אידי־שע יונגע לייט אין די גימנאַזיומס און אוניווערזיטעטען איז געוואָרען זעהר גרויס. אידען האָבען געהאַט דאָס רעכט צו פערנעהמען שטעלען אין דער רעגירונג, אָבער די אידען־פיינד האָבען אַלע קרעפטען אָנגעווענדט ניט צו־לאָזען זיי, און דעריבער איז זייער צאָהל אויף דיזע שטעלען געוועזען זעהר קליין. דערפאַר זיינען פיר זיי אָפען געוועזען אַדוואָקאַטור, מעדיצין און די פּרעסע. אין דעם אויבער־הויז פון פּאַרלאַמענט זיינען ערוועהלט געוואָרען צוויי אידען: באַראָן קאָניגסוואַרטער און באַראָן ראָטהשילד. אין עסט־רייכישען לאַנדטאַג און רייכסטאַג זיינען זעהר וועניג אידען ערוועהלט גע־וואָרען. דער וויכטיגסטער פון זיי איז געוועזען א י ג נ א ץ ק ו ר א נ ד א (1821—1884). ער איז געוועזען אַ בעריהמטער פּובליציסט און איז געוועזען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דער אידעע צו גערמאַניזירען די סלאַווישע עלע־מענטען, וואָס זיינען אונטער'ן שוץ פון עסטרייך. פיר אידען האָט ער קיין בעסערען מיטעל ניט געהאַט ווי זיך צו אַסימילירען מיט די דייטשען, ווייל

לויט די אידעען פון יענער צייט זיינען אידען ניט געוועזן בעטראכט אלס א נאציאן. אויך פיעלע אנדערע אידישע פארשטעהער פון יענער צייט האבען געשטרעבט צו אסימילירען די אידען. און דעריבער האבען זיי אלע זיך נאכגעשלעפט נאך אנדערע פעלקערשאפטען אין פאליטישע פראגען, און האבען ניט געוואגט צו דענקען וועגען אידישע נאציאנאלע אינטערעסען.

אין אונגארן איז די עמאנציפאציאן פון אידען געווען אפהענגיג פון זייער אפזאגען זיך פון נאציאנאליזם. און דעריבער ווען די אונגארען האבען אין 1867 געשאפען א נייע קאנסטיטוציאן מיט פולער גלייכבערעכטיגונג פיר אידען, האבען זיי געפאדערט פון אידען זיי זאלען רעפארמירען זייער רעליגיאן און ענטזאגען זיך פון זייער נאציאנאליזם.

דער קולטור־קאמף. די שפאלטונג צווישען די אסימילאטארען און די ארטהאדאקסען אין אונגארן איז דאמאלס געווארען פיעל שטארקער. די שטרענגע ארטהאדאקסען פון די אנהענגער פון ר׳ משה סופר און די פרייגעזאנענע אסימילאטארען פון דער שולע פון לעאפאלד ליעוו האבען זיך ניט געקענט פעראייניגען אויף קיין שום פונקט. שוין פריהער ווי דער אונגארישער סיים האט פערשפראכען אין 1849 געבען אידען גלייכע רעכטען בתנאי זיי װעלען זיך אפזאגען פון זייער נאציאנאליזם, האבען די אסימילאטארען געגרינדעט אין פעסט א צענטראלען פערבאנד צו רעפארמירען דאס יודענטום אום פארצובערייטען דאס אידישע פאלק צו זיין ווערט צו בעקומען גלייכע רעכטען. די עסטרייכישע רעגירונג, ווען זי האט בעזיגט די אונגארען, האט אין 1852 פערמאכט דעם רעפארם־טעמפעל פון די רעוואלוציאנערע אסימילאטארען. דער רעפארם־ראבינער פון דיזען טעמפעל, דוד איינהארן, איז שפעטער, אין 1858, אוועק נאך אמעריקא און האט דא דורכגעפיהרט זיינע רעפארם־פלענער אין יודענטום. ווען די רעאקציאן איז פאריבער האבען די רעפארמער ווידער אויפגעהויבען דעם קאפ און האבען צוזאמענגערופען לויט דעם וואונש פון מיניסטער אטוועש א אידישען קאנגרעס צו רעפארמירען דאס יודענטום.

די פארבערייטונגען צום אידישען קאנגרעס האבען ארויסגערופען א שטארקע אגיטאציאן פון ביידע פארטייען — די ארטהאדאקסען און די רעפארמער. דער פעסטער רב ר׳ בנימין סופר (דער זוהן פון ר׳ משה סופר) און אנדערע זיילען פון ארטהאדאקסיע האבען געגרינדעט א פעראיין מיט׳ן נאמען „שומרי הדת" (די היטער פון דער רעליגיאן) אום צו פיהרען א קאמף געגען יעדער רעפארמע אין יודענטום. אבער נאך אלע אנשטרענגונגען איז

די ארטהאדאקסען ניט געלונגען צו האבען א מאיאריטעט אין קאנגרעס. דעם 14טען ד'עצעמבער 1868 האט זיך דער קאנגרעס פערזאמעלט. ער איז בעשטאנען פון 220 מיטגלידער. וואס אנבעטרעפט די פראגע, וואס פיר א פיהרונג עס זאל אנגענומען ווערען פיר די אידישע געמיינדען, האבען זיך געבילדעט אין קאנגרעס צוויי פארטייען: איינע האט געוואלט איינפיהרען אין אונגארן די זעלבע ארדנונג ווי אין פראנקרייך, א צענטראלע קאנסיסטאריע; די צווייטע פארטיי האט פערלאנגט דאס יעדע שטאדט אדער זאגאר יעדע סינאגאגע זאל זיין זעלבשטענדיג אין איהר פיהרונג און ניט זיין אפהענגיג פון א געוויסען צענטער. די מעהרהייט פון קאנגרעס איז געווען געגען צענטראליזאציאן. אין אנדערע פראגען, וועגען רבנים, וועגען חינוך, או. ד. גל. האבען די רעפארמער געהאט א מאיאריטעט. איבערהויפט היים איז געווען די דעבאטע וועגען גרינדען א ראבינער־סעמינאר. די ארטהאדאקסען זיינען געווען שטארק דאגעגען, ווייל אזא אנשטאלט, האבען זיי מורא געהאט, וועט ארויסגעבען רבנים, וועלכע וועלען זיין כופרים און אפיקורסים.

צוויי חדשים האט דער קאנגרעס געארבייט ביז ער האט אלע פראגען פערהאנדעלט און געלעזט. דער מיניסטער אטוועש האט צושיקט צירקולארען צו אלע אידישע געמיינדען, אין וועלכע ער האט זיי מיטגעטיילט די רעזאלוציאנען פון קאנגרעס און האט זיי געלאזען וויסען, דאס די רעזאלוציאנען זיינען יעצט א געזעץ, ווי אלע אנדערע רעגירונגס־געזעצען. דיזער צירקולאר האט ארויסגערופען א שטורמישען פראטעסט פון דער ארטהאדאקסישער פארטיי. עס זיינען אין אונגארישען סיים אריינגעקומען איבער 300 פעטיציאנען, וועלכע האבען געפאדערט פון דער רעגירונג צו מבטל זיין די רעזאלוציאנען פון קאנגרעס, ווייל זיי זיינען געגען די פרינציפען פון דער אידישער רעליגיאן. דער סיים האט געפונען, דאס די ארטהאדאקסען זיינען גערעכט (1870) און דער מיניסטער איז געווען געצוואונגען צוריקציהען זיין צירקולאר צו די אידישע געמיינדען. די ארטהאדאקסען האבען דאן גערופען א פערזאמלונג פון זייער פארטיי, האבען אויסגעארבייט סטאטוטען פיר זייערע געמיינדען און די רעגירונג האט זיי בעשטעטיגט (1871). די רעפארמער האבען אין 1877 געגרינדעט אין בודאפעסט א ראבינער־סעמינאר. אזוי זיינען געגרינדעט געווארען צוויי פארטייען אין אונגארישען יודענטום. איינע האט געשטרעבט צופאסען דאס יודענטום צום מאדיארענטום און די אנדערע האט בעשלאסען צו פערבליי־

בען ביים מיטעלאַלטערליכען יודענטום אָהן אַ שום ענדערונג. דער נאַצי־אָנאַלער קולטור־וואוקס איז געבליבען פרעמד צוביידע פּאַרטייען.

אין גאַליציען האָבען די רעפאָרמער געהאַט זייערע געגנער אין די חסידים. פריהער זיינען דאָרט געווען נאָר צוויי דינאַסטיעס פון גוּטע אידען: גאַליצישע און בוקאָווינער. אין די 40ער יאָהרען איז צוגעקומען אַ דריטע דינאַסטיע פון ר' ישראל רוזשינער, וועלכער איז ענטלאָפען פון רוסלאַנד און האָט זיך בעזעצט אין דעם בוקאָווינער שטעדטעל סאַדאַגורע. דיזע אַלע דינאַסטיעס, און איבערהויפּט די סאַדאַגורער, האָבען געשטערט די פּראָגרעסיסטען דורכצופיהרען זייערע רעפאָרמעס. אין לעמבערג האָט זיך געבילדעט אַ רעפאָרם־געמיינדע מיט אַ ראַבינער אברהם קאָהן אָן דער שפּיץ, אָבער ווי מען דערצעהלט האָבען די גאַליציאַנער חסידים אונטערגעשיקט אַ מאַן, וואָס האָט אים פערגיפטעט, און די רעפאָרם־געמיינדע איז אונטערגעגאַנגען. ערסט אין 1867 האָט זיך אין לעמבערג און קראָקאָוו ווידער אָנגעהויבען אַ בעוועגונג פיר רעפאָרמע. אין 1869 האָבען די רעפאָרמער געגרינדעט אַ פעראיין „שומרי ישראל" מיט'ן צוועק צו פערברייטערן די אידעע פון אסימילאַציאָן צווישען די אידען. דיזער פעראיין האָט געהאַט זיין אָרגאַן „דער איזראַעליט". געגען זיי האָבען די אָרטהאָדאָקסען אויך געשאַפען אַן אָרגאַן „מחזיקי הדת" אונטער דער פיהרונג פון דעם קראָקאָווער רב ר' שמעון שרייבער, דער צווייטער זוהן פון ר' משה סופר. די אַלגעמיינע מיינונג וועגען דיזע פּאַרטייען איז געווען, דאָס די פּראָגרעסיסטען קענען ניט זיין קיין נאַציאָנאַליסטען און די אידישע נאַציאָנאַליסטען קענען ניט זיין קיין פּראָגרעסיסטען.

אין בעהמען און מעהרען איז דער פּראָצעס פון אסימילאַציאָן צוגעגאַנגען אָהן אַ שום קאַמף. אַ גרויסער טייל פון די אידען פון דיזע צוויי לענדער האָט זיך בעזעצט אין וויען באַלד נאָך דעם, ווי זיי האָבען בעקומען דאָס רעכט זיך צו בעזעצען אין וויען נאָך דעם 1848טען יאָהר. אין אַ קורצער צייט איז די צאָהל אידען אין וויען געוואַקסען פון 5,000 ביז 73,000. וויען האָט כמעט ניט געוואוסט פון אַ קאַמף צווישען רעפאָרמע און אָרטהאָדאָקסיע. די געבילדעטע קלאַס אין דיזער שטאָדט איז געווען דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון אסימילאַציאָן. דאָרט זיינען שטאַרק פערברייטעט געוואָרען געמישטע חתונות און שמד. די, וואָס זיינען געבליבען טריי דעם יודענטום, האָבען זיך פעראייניגט אונטער דער פיהרערשאַפט פון

צוויי בעריהמטע מענער: אַדאָלף יעללינעק און משה גידעמאַן.

ליטעראַטור. דער קאַמף צווישען דער אַלטער און נייער אידישער קולטור האָט אין גאַליציען אָנגענומען אַ זונדערבאַרע ווענדונג. די קריטיק פון דער אַלטער ליטעראַטור, וועלכע איז פריהער געווען מעסיג און אויף היסטאָרישע גרינדען, ווי די קריטיק פון ראַפּאָפּאָרט און קראָכמאַל, איז געוואָרען זעהר ראַדיקאַל. דער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „החלוץ“, יהושע העשיל שור, איז אַרויס אויף אַ שטרייט געגען דעם תלמוד און דער גאַנצער רבנישער ליטעראַטור. ער האָט אָהן רחמנות געהאַקט ניט נאָר די צווייגען, נאָר ער האָט מיט גרויס אכזריות אַלעס געוואָלט אויסרייסען מיט'ן וואָרצעל. ער האָט געקעמפּט געגען תלמוד ווי געגען אַ פּערזענליכען שונא. איינער פון די הויפּט־מיטאַרבייטער פון „החלוץ“ (ערשינען, מיט אונטערברעכונגען, פון 1857 ביז 1889) איז געווען אברהם קראָכמאַל, דער זוהן פון דעם בעוואוסטען פילאָזאָף און מבקר ר' נחמן הכהן קראָכמאַל. אין יודענטום זיינען איהם געפעלען געווען נאָר די ריינע זיטענלעהרע און דער פּרינציפּ פון אחדות הבורא (פון דער איינהייט פון גאָט), אָבער די דאָגמאָס (עקרי הדעת) און די צערעמאָניעס (מצוות המשיות) מוזען נאָך זיין מיינונג נאָך מיט דער צייט אין גאַנצען אָפּגעשאַפט ווערען. נאָך א. קראָכמאַל'ס מיינונג איז דער אידישער גייסט געוואַקסען נאָך דעם, ווי דאָס פאָלק האָט פערלאָרען די מלוכה, און יעצט איז די הויפּט־מיסיאָן פון אידישען פאָלק „להיות לאור גוים“, צו פערשפּרייטען מאָראַל צווישען די פעלקער פון דער וועלט.

אָבער די פילאָזאָפישע בעטראַכטונג פון דעם צוועק פון יודענטום האָט געמוזט מאַכען פּלאַץ פיר אַן אַנדער פערשטענדניס פון דעם יודענטום — אַלס אַ היסטאָרישע ענטוויקלונג פון דעם אידישען ־גייסט. דיזער געדאַנק איז ריכטיג אויסגעדריקט אין דעם ווערק פון ר' אייזיק הירש ווייס (1815—1905) אין זיין ווערק „דור דור ודורשיו“. ווייס איז ערצויגען געוואָרען אין אונגאַרישע ישיבות, ווי אויך אין מעהרען. זינט 1864 האָט ער פאָרגעלעזען תלמוד אין דעם וויענער ראַבינער־סעמינאַר (בית המדרש). ער האָט געפאָרשט די געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון דער אידישער „תורה שבעל פה“ (תלמוד און רבנישע ליטעראַטור) און האָט זי ערנסט און טיפזיניג בעהאַנדעלט. אין דיזען ווערק פיהרט ער דורך די אידעע, דאָס די תורה שבעל פה איז אימער געווען אַ בעגלייטערין פון דער

תורה שבכתב, און זי האָט זיך ענטוויקעלט צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון אידישען פאָלק. פראַנקעל, גראַטץ און וויים האָבען מיט זייערע פאָרשונגען אריינגעבראַכט נייעס ליכט אין דער אַלטער אידישער ליטעראַטור און האָבען געווירקט, דאָס דיזער געגענשטאַנד איז געוואָרען אַ טהעמאַ פיר היסטאָרישע פאָרשונגען.

וואָס אַנבעלאַנגט די העברעאישע שפּראַך, האָט זי געהאַט דעם זעלבען שיקזאַל אין עסטרייך, וואָס זי האָט געהאַט אין דייטשלאַנד: זי איז אַרויסגעשטויסען געוואָרען דורך די דייטשע שפּראַך. זעלטען ווען אַ אידישער מחבר האָט געשריבען זיינע פאָרשונגען אין העברעאיש, ווי וויים. די אַנדערע געלעהרטע, ווי יעללינעק און גידעמאַן, האָבען געשריבען אין דער דייטשער שפּראַך. יעללינעק (1821—1893), וועלכער האָט אַרויסגעגעבען פיעלע אַלטע העברעאישע מאַנוסקריפּטען אין אָריגינאַל (אין זיין זאַמלונג „בית המדרש" און אנד.), האָט געשריבען צו זיי הקדמות און אַנמערקונגען אין דייטש. גידעמאַן האָט בערייכערט די אידישע געשיכטע מיט זיין „אונטערריכטסוועזען וואָהרענד דער שפּאַניש אַראַבישען פּעריאָדע" (1873), ווי אויך מיט זיין ווערק „געשיכטע דעם ערציעהונגסוועזענס אונד דער קולטור דער אַבענדבלאָנדישען יודען" (1880—1888). גאָר אַן אַנדער טיפּ געלעהרטער איז געווען דער רעפאָרם־ראַבינער פון סעגעדין לעאָפּאָלד לעוו. אין פיעלע אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבען אין זיין זשורנאַל „בן חנניה", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען אין סעגעדין פון 1858 ביז 1867, האָט ער זיך די מיה געגעבען צו בעהאַנדלען די פערשיידענע פּעריאָדען פון דער אידישער געשיכטע, פון די חסידים הראשונים ביז די יעצטיגע חסידים, פון די אנשי כנסת הגדולה ביז דעם איינגסטען קאָנגרעס, און האָט אַרויסגעבראַכט פון זיינע פאָרשונגען, דאָס די אידען זיינען קיין פאָלק ניט, נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע. דאָס ווערק פון משה העסס „רוים און ירושלים" האָט ער אָנגערופען אַ פוסטע פאַנטאַזיע. אַזוי האָט געשריבען אַ געלעהרטער איד אין 1867, וועלכער איז געווען פּשוט היפּנאָטיזירט פון אַסימילאַציאָן.

אויך די אידישע בעלעטריסטען אין יענער צייט זיינען געווען אונטער דעם איינפלוס פון דעם גייסט פון אַסימילאַציאָן און זיינען געווען פערליבט אין די קריסטליכע געזעלשאַפט. די וויכטיגסטע פון זיי זיינען געווען לעאָפּאָלד קאָמפּערט (1822—1886) און קאַרל עמיל פראַנצאָז (1848—1904). קאָמפּערט'ס בעליבטע טהעמאַ איז געווען די ליבע צווישען אַ קריסט און אַ אידישער מיידעל, אָדער צווישען אַ אידי-

שעו יונגען מאַן און אַ קריסטליכער מיידעל. ער האָט איבעראַל געלויבט געמישטע חתונות און ער האָט געגלויבט, דאָס נאָר די ליבע קען לעזען די אידישע פראַגע. ביי אַלעם דעם גלויבט ער אָבער, אַז דאָס יודענטום וועט ראָך ניט אונטערגעהן דערפון. אין דעם זעלבען גייסט האָט געשריבען פראַנ-צאָז. ער האָט געטאַדעלט די גאַליצישע פאַנאַטישע אידען, וועלכע האַלטען זיך פעסט ביי זייערע אַלטע נארישקייטען און געפינט דאָס אידישע גליק נאָר אין צונויפמישען זיך מיט די קריסטען.

ג. דער איבערגאַנג צו רעפאָרמעס אין רוסלאַנד.

די לעצטע יאָהרען פאַר די רעפאָרמעס אין רוסלאַנד. די צייט פון דער צווייטער עמאַנציפּאַציאָן אין די מערב-לענדער איז די זעלבע, ווען אין רוסלאַנד איז געקומען דער סוף פון די פערפאָלגונגען און דרוק. זעהר פינסטער זיינען געווען די לעצטע זיבען יאָהר איידער די רעפאָרמעס האָבען זיך אָנגעהויבען אין רוסלאַנד, פון 1848 ביז 1855. דיזע יאָהרען זיינען גע-ווען פינסטער פיר אַלע רוסישע אונטערטאַנען, אָבער פיעל ערגער איז גע-ווען די פינסטערנים פיר אידען. דער פאַקט, דאָס אין מערב-אייראָפּאַ איז די זעלבסטהערשאַפט פון די קעניגען און קיסרים אָפּגעשאַפט געוואָרען, האָט פערגרעסערט און פערשטאַרקט די רעאַקציאָן אין רוסלאַנד. דאָ האָט מען ניט געקענט בעשטראָפען וועלכען עס איז פּאָליטישען פערברעכען, ווייל עס איז אונמעגליך געווען צו בעגעהן אַזעלכען וואו די אויגען פון דער „דריי-טער אָפּטיילונג" (די געהיים-פּאָליציי) האָט יעדען נאָכגעקוקט. דאָ האָט מען בעשטראָפט זעהר שטרענג פיר אַ פרייעס וואָרט, פיר אַ פרייען גע-דאַנק. די געהיים-פּאָליציי פלעגט זיך זעהר אָפט אריינרייסען אין די היי-זער פון דער רוסישער אינטעליגענציע און ארויסכאַפּען פון דאָרט איהרע אָפּפער, אויף וועלכען זי האָט געהאַט דעם קלענסטען חשד, אַז זיי זיינען צו פרייגעזאָנען און טראַכטען וועגען פיעל-ווייניג פערבעסערן די אונגליקליכע לאַגע פון רוסישען פאָלק. דיזע אָפּפער האָבען זעהר אָפט געענדיגט זייער לעבען אויף דער תליה אָדער אין קאַטאָרגע. אָבער מעהר פון אַלעמען האָ-בען געליטען די אידען. די רעגירונג האָט איינגעטיילט די גאַנצע אידישע בעפעלקערונג אין ראַזריאַדען, אָדער קלאַסען. צום לעצטען ראַזריאַד האָ-בען געהערט אידען, וואָס האָבען ניט קיין שטענדיגע בעשעפטיגונג. דיזע זיינען אָנערקענט געוואָרען אַלס בראָדיאַגעס (וואַגאַבונדען) און האָבען גע-דאַרפט לויט געזעץ פערשיקט ווערען אין סיביר. עס פערשטעהט זיך, דאָס

די אידען, ניט האָבענדיג קיין רעכט צו בעזיצען אַ שטיקעל ערד־אייגענטום און דערוויייטערט דורך דאָס געזעץ פון פיעלע בעשעפטיגונגען, האָבען ניט גע- קענט אַלע האָבען בעשטימטע בעשעפטיגונגען. דעם 23טען נאָוועמבער 1851 איז דיזער פּראָיעקט בעשטעטיגט געוואָרען פון קיסר ניקאָלאַי דעם 1טען, און די רעגירונג האָט געגעבען די אידען צייט ביז דעם 1טען אַפּריל 1852 זיך פערשרייבען אין די ראַזריאַדען, צו וועלכע זיי געהערען. די צייט איז אָבער געווען צו קורץ דורכצופיהרען אַזאַ שווערע אויפגאַבע און די גע- נעראַל־גובערנאַטאָרען פון די מערב־גובערניעס האָבען געבעטען דעם קיסר ער זאָל געבען די אידען מעהר צייט צו פערשרייבען זיך צו די געהעריגע ראַזריאַדען. מען האָט די ביטע ערפילט און מען האָט זיי פערלענגערט די צייט ביז דעם הערבסט פון 1852. אָבער אַזוי ווי די אידען האָבען ניט גע- קענט עס דורכפיהרען אויך צו דעם לעצטען טערמין, האָט די רעגירונג שוין אָנגעהויבען טראַכטען צו בעשטראָפען די „אומזיסטע פרעסער". צום אי- דישען גליק האָט דאַמאָלס אויסגעבראָכען דער קרימער קריג, און די רעגי- רונג האָט ניט געהאַט קיין צייט זיך צו בעשעפטיגען מיט די אידען.

דער פּלאַן פון דער רוסישער רעגירונג צו אסימילירען די אידען מיט גוואַלד האָט נאָר געבראַכט צרות אין אידישען לעבען. דעם 1טען מאַי 1850 האָט ניקאָלאַי ארויסגעגעבען אַן אוקאַז, דאָס פון 1טען יאַנואַר 1851 מוזען אַלע אידען אין רוסלאַנד און פּוילען ענדערן זייערע אַלטמאָדישע קליי- דער און זיך אָנטאָן אין קליידער נאָך'ן רוסישען אָדער דייטשען שניט. דער זעלבער אוקאַז האָט אידען אויך פערבאָטען צו טראָגען פּאות. אַ ביסעל שפּעטער האָט ניקאָלאַי ארויסגעגעבען אַן אוקאַז, דאָס אויך די אידישע פרויען מוזען זיך אָנטאָן אייראָפּעאיש און מען זאָל זיי מעהר ניט אַפּשערען אָדער אָפּגאָלען די האָאָר פון קאָפּ, ווי עס איז געווען איינגעפיהרט ביי זיי צו טאָן באַלד נאָך דער חופּה. דיזעס געזעץ איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט גרויסער ברוטאַליטעט. די פּאָליציי־בעאַמטע פלעגען אין מיטען גאַס בעפאַלען אַ אידען, אָפּשניידען איהם די פּאָלעס און די פּאות, די אידישע פרויען פלעגען זיי אַריינשלעפּען אין פּאָליציי־הויז צו אונטערזוכען, אויב דער קאָפּ איז אָפּגעגאָלט אָדער אָפּגעשאָרען, אום צו בעשטראָפען זיי אָדער זייערע עלטערן דערפאַר. לויט געזעץ האָט דער רב אויך געמוזט ליידען אַ שטראָף, ווען מען האָט אויסגעפונען, דאָס אַ אידישע טאָכטער האָט אָפּגע- גאָלט איהרע האָאָר באַלד נאָך דער חופּה. די אידישע מאַסען האָבען זיך אָבער ניט אונטערגעוואָרפען דיזען געזעץ און האָבען געטראָגען זייערע אַלט-

מאָדישע קליידער, און די פרויען האָבען פאָרטגעזעצט צו גאָלען זייערע קעפּ ביז די צייט זעלבסט האָט דיזען מנהג אָפּגעשאַפט.

די גרעסטע ליידען האָבען די אידען געליטען אונטער ניקאָלאַי׳ס רעגירונג פון די גזעצען וועגען רעקרוטען פיר מיליטער־דינסט. דער מיליטער־דינסט אין יענע צייטען איז געווען אונערטרעגליך אויך פיר קריסטען, אָבער בעזונדערס שרעקליך פיר די אידען. צו רעטען זיך פון מיליטער־דינסט פלעגען זעהר פיעלע פון די אידען צולויפען אין פרעמדע ערטער און זיך אויסבעהאַלטען אין דער צייט פון נאָבאָר. די גובערנאַטאָרען האָבען געשריבען נאָך פּעטערבורג, דאָס עס איז אין צייט פון נאָבאָר כמעט אונמעגליך צו געפינען אַן איינציגען אידען, וואָס זאָל זיין פעהיג צו זיין אַ סאָלדאַט: פיעלע ענטלויפען און זעהר פיעלע מאַכען זיך פיר קאַליקעס. דיזער פאַקט האָט אַזוי שטאַרק אויפגערייצט ניקאָלאַי׳ען, דאָס ער האָט געגעבען אַן אוקאַז צו נעהמען פון אידען פיר יעדען רעקרוט, וואָס וועט פעהלען ביים נאָבאָר, 3 אַנדערע יונגע מענשען, און פיר יעדע 2,000 רובעל, וואָס וועט פעהלען פון אידען צו די קאָפּ־שטייער, זאָל מען נעהמען איין אידען פיר אַ סאָלדאַט (1850). מיט אַ יאָהר שפּעטער איז אַרויסגעגעבען נאָך אַן אוקאַז, אַז יעדער איד, וואָס ענטלויפט פון מיליטער־דינסט, זאָל, ווען מען כאַפּט איהם, צוגענומען ווערען אין מיליטער־דינסט, און ער זאָל ניט פערךעכענט ווערען אין דער צאָהל רעקרוטען, וואָס יעדע אידישע געמיינדע איז מחויב צושטעלען אַלע יאָהר. אויסער דעם זיינען די, וואָס האָבען זיך געוואָלט אויסבעהאַלטען פון מיליטער־דינסט, בעשטראָפט געוואָרען מיט שמיץ. אויך די געמיינדען, וואו זיי האָבען זיך בעהאַלטען, זיינען שטרענג בעשטראָפט געוואָרען. די רעגירונג האָט זעהר אָפט צוגענומען פיר סאָלדאַטען די אידישע קהל׳ס־לייט, ווען זיי האָבען ניט צוגעשטעלט די צאָהל רעקרוטען, וואָס דאָס געזעץ האָט געפאָדערט פון זיי. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס די אידישע קהל׳ס־לייט האָבען זיך גענומען צו כאַפּען וועמען זיי האָבען געקענט, עלטערע מענשען און קינדער פון 8 יאָהר, און האָבען זיי אָפּגעגעבען פיר סאָלדאַטען. די כאַפּער האָבען זיך געיאָגט נאָך רעקרוטען, ווי נאָך ווילדע חיות.

דער רוסישער רעגירונג זיינען נאָך אַלץ ווייניג געווען דיזע אידישע צרות, און אין 1853 האָט זי אַרויסגעגעבען אַן אוקאַז, דאָס יעדער איד אָדער יעדע אידישע געמיינדע האָט דאָס רעכט צו כאַפּען אַ אידען אָהן אַ פּאַספּאָרט און אָפּגעבען איהם פיר אַ סאָלדאַט פיר זיך אָדער אויף דער רעכנונג

פון דער אידישער געמיינדע, וואָס האָט איהם געכאַפּט. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע געיעג אויף מענשען, ווי אויף בייזע וועלף. מען פּלעגט זעהר אָפּט אָפּנעהמען מיט געוואַלד פּאַספּאָרטען פון רייזענדע און זיי אָפּגעבען פיר סאָלדאַטען. דיזער אוקאַז האָט שרעקליך געווירקט אויף די אידישע הערצער. עס האָט פיעלע פון זיי פערוואַנדעלט אין ווילדע בעסטיעס.

דאָס איז געווען אין דעם יאָהר פון דעם קרימער קריג. ניקאָלאַי האָט געשיקט נאָך סעוואַסטאָפּאָל אַן אונגעהייערע אַרמעע, און האָט זיך בעריהמט, דאָס זיינע סאָלדאַטען וועלען פערוואַרפען מיט זייערע היטלען די אַרמעע פון דעם צופוילטען מערב=אייראָפּאַ. אָבער דער רעזולטאַט איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער. הונדערטער טויזענדער רוסישע טרופּען זיינען געבליבען ליגען אונטער די מויערן פון סעוואַסטאָפּאָל. צווישען די געפאַלענע סאָלדאַטען איז געווען אויך אַ גרויסע צאָהל אידען. פּיעלע אידישע סאָלדאַטען זיינען געפאַלען אין קרימער קריג פיר אַ פאָטערלאַנד, וואָס האָט זיי זייער גאַנצען לעבען געפּלאַגט און געפּייניגט מיט אונמענשליכע יסורים.

אויך אַ שרעקליכער בלוט=בלבול האָט ניט געפעהלט אין ניקאָלאַי'ס צייטען. דאָס איז געווען דער **סאַראַטאָווער בלוט=בלבול**, וועלכער האָט געהאַט פיעל עהנליכקייט מיט דעם וועליזשער בלוט=בלבול, וואָס מיר האָבען פריהער בעשריבען. אין דעצעמבער 1852 איז פערפאַלען געוואָרען אין סאַראַטאָוו אַ קריסטליכער אינגעל און יאַנואַר 1853 איז נאָך איינער דאָרט פערפאַלען געוואָרען. מיט אַ פּאָאָר חדשים שפּעטער האָט מען געפונען טויטע קערפּערס געמל'טע און בעדעקט מיט וואונדען. דאָס האָט באַלד געוואָרפען דעם חשד אויף אידען. אין סאַראַטאָוו האָבען זיך דאַמאָלס געפונען אַ 40 אידישע פאַמיליעס. די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען אידישע סאָלדאַטען, די איבריגע זיינען געווען איינציגע אַרבייטער און הענדלער, וועלכע די פּאָליציי האָט ערלויבט צו וואוינען דאָרט. דער טשינאָווניק דורנאָוואָ, וועלכען פּעטערבורג האָט געשיקט צו פיהרען די אונטערזוכונג, האָט עס גלייך אָנגענומען פיר אַ רעליגיעזען פערברעכען. אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, באָגדאַנאָוו, און אַ שיכור'ער טשינאָווניק, קרינגער, האָבען עדות געזאָגט, דאָס זיי זיינען געווען דערביי, ווי די אידען האָבען געפּראַוועט די בלוטיגע צערעמאָניע, און האָבען אָנגעגעבען אַלס הויפּט=שולדיגע: דעם מוהל, אַ סאָלדאַט שליפּערמאַן, דעם פרומען רויכוואַרג=הענדלער יאַנקעל יושקעוויטשער און זיין געטויפטען זוהן. די בעשולדיגטע זיינען אַרעסטירט געוואָרען, און מען האָט זיך גענומען זיי אויספאָרשען מיט אינקוויזיטאָרישע מיטלען אויפ'ן

שפּאַנישען אופן. די אַרעסטירטע האָבען אָבער אָפּגעלייקענט די שענדליכע בעשולדיגונג ניט קוקענדיג אויף די יסורים, וואָס מען האָט זיי אָנגעטאָן. די אונטערזוכונג האָט אימער מעהר בעשולדיגטע אריינגעצויגען אין דעם פּראָצעס. אין יולי 1854 האָט ניקאָלאַי אַראָפּגעשיקט פון פּעטערבורג אַ ספּעציעלע קאָמיסיאָן צו אונטערזוכען דעם גאַנצען פּראָצעס און אין אַלגעמיין אויסצופאָרשען די דאָגמאַס פון דעם רעליגיעזען אַבערגלויבען פון די אידען. אין 1855 האָט ניקאָלאַי בעשטימט אין פּעטערבורג אַ ספּעציעלע קאָמיסיאָן פון געלעהרטע טהעאָלאָגען און קענער פון יודענטום. צווישען זיי איז אויך געווען דער געטויפטער איד פּראָפעסאָר ד. חוואָלסאָן. דיזער האָט בעוויזען מיט היסטאָרישע בעווייזען, דאָס דער בלוט-בלבול אויף אידען האָט קיין שום יסוד ניט. די קאָמיסיאָן האָט געפונען, דאָס עס איז ניטאָ קיין שום בעוויז אויף די שולד פון די אַרעסטירטע אידען, און האָט געהייסען זיי בעפרייען, אָבער „זיי זאָלען בלייבען אין אַ שטאַרקען חשד” (1856). דאָס איז שוין געווען אין דער רעגירונג פון אלכסנדר דעם 2טען, ווען אין רוסלאַנד האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען שטראַהלען פון ליכט און בעסערע צייטען. די קאָמיסיאָן האָט איהר בעשלוס צוגעשטעלט צום סענאַט, און דאָרט איז מען ניט געקומען צו קיין שלום, ווייל עס האָבען זיך געפונען סענאַטאָרען, וואָס האָבען געגלויבט אין דיזען שענדליכען בלבול. דער פּראָצעס איז אָפּגעשיקט געוואָרען צום קייזערליכען ראַט (גאָסודאַרסטווענני סאָוויעט). דיזער האָט געפונען, דאָס יושקעוויטשער, זיין זוהן און שליפערמאַן זיינען שולדיג אין דיזען פערברעכען און האָט זיי פערורטיילט צו קאַטאָרזשנע אַרבייט. אלכסנדר דער 2טער האָט בעשטעטיגט דיזען אורטייל (מאַי 1860). די אידישע פאָרשטעהער אין פּעטערבורג האָבען אָנגעגעבען אַ פּעטיציאָן צו אלכסנדר'ן מען זאָל אָפּהאַלטען די דורכפיהרונג פון דעם אורטייל ביז די קאָמיסיאָן פון די געלעהרטע טהעאָלאָגען וועט אויסזאָגען זייער מיינונג וועגען דעם בלוט-בלבול אין אַלגעמיין, אָבער דער פּאָרזיצענדער פון ראַט, אָרלאָוו, האָט ערקלערט אלכסנדר'ן, דאָס די אידען ווילען אָפּציהען די דורכפיהרונג פון דעם אורטייל נאָר אום צייט צו געווינען. און אלכסנדר האָט אָפּגעזאָגט די אידען זייער בקשה. ערסט אין 1867, ווען אלכסנדר איז געווען אין פּאַריז, האָט קרעמיע גע'פּועל'ט ביי איהם ער זאָל בעפרייען דעם אַלטען יושקעוויטשער, וועלכער איז 14 יאָהר אָפּגעזעסען אין טורמע פיר דעם פאַלשען בלבול.

די 10 יאָהר רעפאָרמעס אין רוסלאַנד (1855—1865). נאָך דעם קרימער קריג האָט זיך רוסלאַנד ארומגעזעהן ווי פויל עס איז געווען די פריה-הערדיגע רעגירונג און ווי נעטיג עס איז צו מאַכען רעפאָרמעס אין לאַנד. מען האָט גערעכנט רעכנען, אז אין דער ערסטער רייהע פון רעפאָרמעס וועט שטעהן די לעזונג פון דער אידישער פראַגע. אָבער עס איז אזוי ניט געווען. די אידען-פראַגע איז אָפּגערוקט געוואָרען ווייט הינטען. און אויך די אַל-געמיינע רעפאָרמעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען, האָבען דאָס פאָלק ניט אין גאַנצען צופרידען געשטעלט; עס האָט פערלאַנגט מעהר ווי דאָס, וואָס די רעגירונג האָט געגעבען מיט אַ זעהר קאַרגער האַנט. אָבער די אידען זיינען געווען צופרידען מיט דעם, וואָס מען האָט זיי געגעבען, ווייל דער פריה-ערדיגער דרוק איז געווען אונערטרעגליך.

דאָס גרעסטע, וואָס אלכסנדר האָט געטאָן פיר די אידען, איז געווען, וואָס ער האָט אָפּגעשאַפט די שרעקליכע צרות, וואָס זיי האָבען געליטען פון דער אַרט און ווייזע ווי מען האָט פון זיי גענומען רעקרוטען. נאָך איי-דער דער קרימער קריג האָט זיך געענדיגט, האָט דער קאָמיטעט וועגען אי-דישע אַנגעלעגענהייטען געמאַכט אויפמערקזאַם דעם קיסר, דאָס עס מוזען געמאַכט ווערען אייניגע רעפאָרמעס אין דער אַרט און ווייזע ווי אידען מו-זען צושטעלען סאָלדאַטען — דורך כאַפּען קליינע קינדער, פּאָימאַניקעס און „שטראַפניע". אָבער דיזער גרעבסטער וואונש איז ערפילט געוואָרען ערסט מיט אַ יאָהר שפּעטער. דעם 26טען אויגוסט 1856 איז אַרוים אַ מאַניפעסט, דאָס אַלע פריהערדיגע ספּעציעלע רעגלען און געזעצען וועגען אידישע רע-קרוטירונג זאָלען אָפּגעשאַפט ווערען — דאָס אין דער הינזיכט פון רעקרוטי-רונג זאָלען אידען זיין אונטער די זעלבע געזעצען און אָרדנונגען ווי אַלע אַנ-דערע רוסישע אונטערטאַנען.

נאָכדעם האָט זיך די רעגירונג גענומען זוכען מיטלען צו פערבעסערן דעם אידישען מצב. דער מיטעל דערצו איז געווען, נאָך דער מיינונג פון די העכערע ספערען פון דער רעגירונג, אָפּצושאַפען די אידישע נייגונג צו זיין אָפּגעזונדערט, און אַריינגעבען אין זיי אַ פערלאַנג צום פעראייניגען זיך מיט'ן רוסישען פאָלק. דאָס זעלבע האָט געוואָלט ניקאָלאַי דערמיט, וואָס ער האָט געהייסען בעשטראָפען די יעניגע אידען, וואָס געהען אום לעדיג און זוכען ניט קיין ניצליכע בעשעפטיגונג. די רעגירונג פון אלכסנדר דעם 2טען האָט געוואָלט דערגרייכען דיזען צוועק דורך דעם, וואָס זי וועט געבען פּריווילעגיעס צו אידען, וואָס גיבען זיך די מיה צו זיין ניצליך דעם לאַנד

און דעם רוסישען פאָלק מיט עהרליכע און ניצליכע בעשעפטיגונגען, ווי
צ. ב. עהרליכע סוחרים, גוטע טיכטיגע ארבייטער, בעלי מלאכות, געלעהר־
טע. ווען די רייכע פּעטערבורגער אידען האָבען זיך דערוואוסט, וואָס פיר
א ווינט עס בלאָזט אין די רעגירונגס־קרייזען, האָבען זיי זיך געווענדט צום
קיסר מיט א ביטע, דאָס די רעגירונג זאָל געבען מעהר רעכטען צו די אידען,
וואָס ברייננען נוצען מיט זייער ארבייט, ווייל דורך דעם וועלען זיי זיך פער־
אייניגען מיט'ן רוסישען פאָלק, און די אנדערע אידען וועלען פון קנאה זיי
נאָכטאָן. ווען די רעגירונג וועט ערלויבען דעם בעסערען טייל פון אידישען
פאָלק אין רוסלאַנד זיך בעזעצען אויסער דער „טשערטאַ" (אידישען תחום)
צווישען עכטע רוסען, וועלען זיי מעהר בעקאַנט ווערען מיט זייער לעבען,
זייערע גוטע זיטען און וועלען זיך אַסימילירען מיט זיי. דאָס איז געווען
דער אינהאַלט פון דער פּעטיציאָן, וואָס די פּעטערבורגער אידען האָבען גע־
שריבען צו אלכסנדר'ן.

די רעגירונג האָט בעשלאָסען צו געבען אידען מעהר רעכטען, אָבער
ניט דער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג, נאָר דעם בעסערען טייל פון זיי.
פריהער פון אַלעס האָט מען ערלויבט זיך בעזעצען אין די טיעף רוסישע
גובערניעס אידען, וואָס וועלען צאָהלען דער רעגירונג דעם אָפּצאָהל פון א
סוחר פון ערסטער גילדע. אזעלכע האָבען געמעגט וואוינען אין די רוסישע
גובערניעס צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס און זייערע הויז־בעדינטע און
געשעפט־בעדינטע (16טען מערץ 1859).

נאָכדעם (17טען נאָוועמבער 1861) האָט די רעגירונג בעשלאָסען צו
געבען פולע רעכטען צו אידען, וואָס האָבען געענדיגט א העכערע שולע אָדער
אוניווערזיטעט. וועהרענד די מיטגלידער פון קייזערליכען ראַט האָבען דע־
באַטירט וועגען דער פראַגע, וואָס פיר א סאָרט בילדונג מען זאָל פאָדערן
פון א אידען אום ער זאָל בעקומען דאָס רעכט צו וואוינען אין אַלע רוסישע
שטעדט, האָבען זיך געפונען אייניגע, וואָס האָבען געפאָדערט מען זאָל גע־
בען רעכטען אויך אידען, וואָס האָבען געענדיגט א גימנאַזיום. אָבער די
אַנדערע מיטגלידער האָבען געענטפערט, דאָס די בילדונג פון א גימנאַזיום
איז ניט גענוג צו בעפרייען דעם אידען פון זיינע גראָבע „פאַראורטיילען".
אָבער אויך די אידען, וואָס האָבען געענדיגט אַן אוניווערזיטעט אָהן א טיטעל
דאָקטאָר אָדער מאַגיסטער, האָבען קיין רעכט ניט געהאַט צו וואוינען אין
רוסלאַנד אָדער פערנעהמען א שטעלע אין דער רעגירונג. ערסט אין 1879

האָט די רעגירונג געגעבען פולע וואוינרעכטען צו יעדען אידען, וואָס האָט גע-ענדיגט אַ העכערע שולע אפילו אָהן אַ מיטעל, און זאָגאַר צו אַפּטייקערס, אַקושערקעס און דאַנטיסטען.

די רעגירונג האָט זיך יעצט גענומען צו פערהאַנדלען די פראַגע ווע-גען געבען רעכטען אידישע בעלי מלאכות. שוין פריהער אין 1866 האָט דער מיניסטער פון אינערן לאַנסקאָי אָנגעפרעגט די מיינונג פון די גענעראַל-גו-בערנאַטאָרען, אויב עס איז ראַטזאַם צו געבען אידישע בעלי מלאכות דאָס רעכט זיך צו בעזעצען אין די רוסישע גובערניעס. דער קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר, פירסט וואַסילטשיקאָוו, האָט געענטפערט, אַז דאָס וואָלט גע-ווען זעהר ניצליך פיר די רוסישע בעפעלקערונג, ווייל עס פעהלען דאָרט בעלי מלאכות און אין דער טשערטאַ זיינען דאָ צופיעל. דער אָדעסער גע-נעראַל-גובערנאַטאָר סטראָגאַנאָוו האָט געגעבען זיין מיינונג, דאָס אין היינ-טיגער צייט איז יעדע בעשרענקונג פיר אידען שעדליך פיר זיי און שעד-ליך פיר דאָס לאַנד. מען מוז געבען די אידען פולע רעכטען צו וואוינען, וואו זיי ווילען און בעשעפטיגען זיך מיט וואָס זיי ווילען. אָבער זיין מיי-נונג איז ניט געפעלען געוואָרען די פעטערבורגער בעאַמטע. דיזע האָבען נאָר געמאַכט אַן אויסנאַהמען פיר אַרבייטער, ווייל דיזע קלאַס אידען האָבען אויך אַלע גובערנאַטאָרען פון דער טשערטאַ געבעטען מען זאָל ערלויבען וואוינען איבעראַל און אַרבייטען. אין 1863 איז דער פּראָיעקט פון געבען אידישע אַרבייטער וואוינרעכט אין גאַנץ רוסלאַנד איבערגעגעבען געוואָרען צום מיניסטאָרען-ראַט, און פון דאָרט איז ער אַריבער צום קייזערליכען ראַט. נאָך אַ לאַנגער רייהע פון דעבאַטען איז בעשלאָסען געוואָרען צו געבען אי-דישע בעלי מלאכות דאָס רעכט צו בעזעצען זיך און אַרבייטען אויסער דער טשערטאַ, אָבער מיט איינינע בעשרענקונגען, אום עס זאָל מיט איין מאָל ניט ווערען צו פיעל אידען צווישען די רוסען, וועלכע קענען ניט די אידען. דעם 28טען יוני 1865, נאָך 9 יאָהר פערהאַנדלונגען וועגען דיזער פראַגע, איז אַרוים אַן אוקאַז, וועלכער האָט ערלויבט אידישע בעלי מלאכות צו בע-זעצען זיך אין די עכט-רוסישע גובירניעס. אָבער דערצו האָט דאָס געזעץ געמאַכט פיעלע בעשרענקונגען. דער אידישער בעל מלאכה האָט זיך אַלץ גערעכענט פיר אַן איינוואוינער פון דער טשערטאַ, ער האָט געמוזט אימער האָבען אַ פּאַספּאָרט פון זיין געבורטס-שטאָדט, און ווען ער האָט ניט געהאַט קיין אַרבייט האָט מען איהם צוריק אַרויסגעטריבען אין זיין שטאָדט אין דער טשערטאַ. עס פערשטעהט זיך, אַז מיט דיזען געזעץ האָבען זיך בע-

נוצט איינינע אַנדערע אידען, וואָס זיינען ניט געווען קיין בעלי מלאכות, אָבער זיי האָבען זיך אָנגעגעבען אַלס אַזעלכע. דער שיקזאַל פון דיזע איז אָפט געווען זעהר טראַגיש. זייער עקסיסטענץ איז געווען אָפּהענגיג פון דעם קאַפּריז פון דער פּאָליציי. און זעהר אָפט האָט זיך געטראָפען, דאָס די פּאָליציי האָט זיי אַרויסגעשיקט פון דעם אָרט, וואו זיי האָבען זיך בעזעצט און געהאַנדעלט, און זייער האָב און גוטס האָט די רעגירונג קאָנפיסקירט לויט געזעץ. די רעגירונג איז אין אַלגעמיין געווען זעהר פּאַרזיכטיג אין דיזער הינזיכט. ווען דער קאָמיטעט וועגען אידישע אַנגעלעגענהייטען האָט אין 1858 געמאַכט אַ פאָרשלאַג מען זאָל ערלויבען די אידישע סאָלדאַטען פער־בלייבען נאָך זייער דינסט פון 25 יאָהר אין די ערטער, וואו זיי זיינען גע־שטאַנען, און מען זאָל ניט אַרויסטרייבען אין די טשערטאַ, האָט אלכסנדר זעלבסט אָנגעשריבען אויף'ן בעריכט: „איך בין פיר קיין פאַל ניט איינ־שטימיג דערמיט". ערסט אין 1867 האָט ער געגעבען זיין צושטימונג דער־צו, אָבער נאָר פיר די סאָלדאַטען, וואָס זיינען גענומען געוואָרען אין דינסט פאַר ניקאָלאַי'ס צייטען און האָבען אָפּגעדינט 25 יאָהר.

די צייט האָט געווירקט, דאָס די רעגירונג האָט געמוזט געבען קליינע הנחות צו אַנדערע אידען. מען האָט ערלויבט אידען וואוינען אין ניקאָלאַ־יעוו און סעוואַסטאָפּאָל, מען האָט פיעל ערלייכטערט אידען צו קומען אין קיעוו. אין ווילנאַ און זשיטאָמיר האָט מען ערלויבט אידען וואוינען אין אַלע גאַסען. נאָך די בעפרייאונג פון די בויערן האָט די רעגירונג ערלויבט אידען צו קויפען אימעניעס (גיטער). אָבער נאָך דעם פּוילישען אויפשטאַנד האָט די רעגירונג ווידער פערוועהרט אידען (אויך פּאָליאַקען) צו קויפען גי־טער אין די מערב־גובערניעס פון רוסלאַנד. נאָר עכטע רוסען האָבען געהאַט רעכט דערצו. אָבער אין די זידליכע גובערניעס האָבען די אידען געהאַט דאָס רעכט צו ערווערבען גיטער און זיין ערוועהלט אין די זעמסטוואָס (לאַנד־שטאַנדען) און האָבען זאַגאַר זעהר אָפט בעקומען שטעלען דאָרט. די נייע געזעצען וועגען געריכטס־הייזער האָבען קיין אונטערשייד ניט געמאַכט צווישען אידען און ניט־אידען. אידישע יוריסטען האָבען פערנומען אַ וויר־דיגען פּלאַץ אין דער רוסישער אַדוואָקאַטור. אָבער זעהר זעלטען זיינען אידען בעשטימט געוואָרען פון דער רעגירונג אַלס ריכטער. ביסלאַכוויין איז דער מיסיאָנערישער גייסט צו טויפען אידען אויך פערשוואונדען געוואָ־רען פון די רעגירונגס־קרייזען. עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרען דאָס געזעץ

צו געבען אַ משומד געלט־שטיצע דערפאַר, וואָס ער טויפט זיך, אָדער צו פערגרינגערן די שטראָף אַ אידישען פערברעכער, וואָס האָט זיך געוואָלט טויפען.

„קאַזיאָנע“ שולען און די ראַבינער־שולען, וואָס ניקאָלאַי האָט גע־גרינדעט פיר אידען אין די 40ער יאָהרען, האָבען ניט געהאַט פיר די רוסי־שע אידען וועלכע עס איז אָנציהונגס־קראַפט, ווייל די אידען האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס די שולען האָבען דעם צוועק זיי צו שמד'ן. אָבער זינט אַלכסנדר דער 2טער האָט אַרויסגעגעבען אַן אוקאַז, דאָס די שילער פון ראַבינער־שול זיינען פריי פון מיליטער־דינסט, האָבען די אידען אָנגע־הויבען צו שיקען זייערע קינדער אַהין אין מאַסען, ווייל די גאַנצע לאַסט פון רעקרוטשינע איז געלעגען דאַמאָלס אין רוסלאַנד אויף דער אָרימער קלאַס. אָבער די האָפנונג פון דער רעגירונג, דאָס די קאַזיאָנע שולען וועלען מיט דער צייט אָפּשאַפען דאָס אַלטע סיסטעם פון אידישער ערציהונג, די חדרים און די ישיבות, איז ניט מקוים געוואָרען. דער אוקאַז, אַז נאָך 20 יאָהר, ד. ה. אין יאָהר 1875, זאָלען מלמדים און ישיבות אויפהערען צו עקסיסטירען, איז געבליבען אַ טויטער בוכשטאַב. די רעגירונג האָט געמוזט צוריקציהען איהר בעפעהל, ווייל דאָס אידישע פאָלק האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט זיך שיידען מיט דעם אַלטען סיסטעם פון ערציהונג. דאַמאָלס האָט זיך צווי־שען די רוסישע אידען אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקע בעוועגונג צו שיקען זיי־ערע קינדער אין די גימנאַזיומס און די אוניווערזיטעטען און די רעגירונג האָט דערין געזעהען דעם בעסטען מיטעל צו רוסיפיצירען די אידען.

אין דער צייט, וואָס אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבען די בעווע־גונג צווישען די אידען זיך צו רוסיפיצירען, האָט זיך צווישען די פוילישע אידען אין וואַרשא בעוויזען אַ שטאַרקער וואונש זיך צו אַסימילירען מיט די פּאָליאַקען, און אין 1859 איז די „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ“ אַרוים מיט אַ אידען־פיינדליכען אַרטיקעל, וועלכער האָט אָנגערופען די אידען „פרעמ־דע“. געגען דיזען אַרטיקעל האָבען איינציגע געבילדעטע פּאָליאַקען פּראָ־טעסטירט, אָבער די יודאָפאָבען האָבען ניט אויפגעהערט צו בילען אויף אידען. אָבער דאָך די בעציהונגען צווישען די פּאָליאַקען און די אידען האָבען באַלד גענומען אַן אַנדער װענדונג אין 1860, ווען די פּאָליאַקען האָבען זיך אָנגעהויבען בונטעווען געגען דעם רוסישען דרוק און האָבען זיך גענומען אָרגאַניזירען פיר בעפרייאונג. דאַמאָלס האָבען די פּאָליאַקען אָנ־געהויבען ווייזען צו אידען ליבשאַפט, ווייל זיי האָבען גוט פערשטאַנען,

דאָס די אידען קענען זיי פיעל נוצען בריינגען אין זייער אונטערנעהמונג. די אידען האָבען זיך פריינדליך אָפּגערופען אויף דעם פערלאַנג פון די פּאָליאַקען אַנטייל צו נעהמען אין זייער פרייהייטס-בעוועגונג. אָן דער שפּיץ פון דער אידישער געמיינדע אין ווארשא איז דאַמאָלס געשטאַנען ר׳ ב ע ר וש מ י י ז ע ל ס, געוועזענער רב אין קראָקאָוו און דעפּוטאַט פון עסטרייכישען פּאַרלאַמענט און פון 1856 רב אין וואַרשא. דיזער בעריהמטער מאַן האָט גענומען א גרויסען אַנטייל אין דער פּוילישער בעוועגונג און האָט געווירקט אויף די אידישע געמיינדע זי זאָל געהן האַנט אין האַנט מיט די פּאָליאַקען. ווען אין 1861 (27טען פעברואר) האָבען קאָזאַקען דערשאָסען איינינע פּערזאָן, פּאָליאַקען און אידען, וועלכע האָבען געמאַרשירט איבער די גאַסען געגען דעם בעפעהל פון דער פּאָליציי, און א דעפּוטאַציאָן פון שטאָדט איז געגאַנגען מיט א קלאַגע צום נאַמיעסטניק (שטאַטהאַלטער) גאָרטשאַקאָוו, דאָס די קאָזאַקען האָבען געשאָסען אויף אונבעוואָפענטע מענשען, איז מייזעל אויך געווען צווישען די דעפּוטאַטען. צו דער לויה פון די הרוגים זיינען געגאַנגען די אידישע רבנים צוזאַמען מיט די קאַטאָלישע גלחים. אין אַלע קירכען האָבען די פּוילישע גייסטליכע געהאַלטען פייערדיגע רעדען און געפּאָדערט פון די פּאָליאַקען זיי זאָלען בעטראַכטען די אידען אַלס זייערע אייגענע ברידער. ווען דער בעריהמטער פּוילישער היסטאָריקער לעלעוועל איז געשטאָרבען האָט דער בעריהמטער וואַרשאַווער ראַבינער מרדכי יאַסטראָוו געהאַלטען א פּאַטריאָטישע רעדע ביי זיין הזכרה, וועלכע ער האָט געמאַכט אין דער סינאַגאָגע. ראש השנה פון 1861 האָבען די פּוילישע אידען אין אַלע שולען מתפלל געווען פיר די פּאָליאַקען, זיי זאָלען געווינען זייער קאַמף מיט רוסלאַנד. דער נייער נאַמיעסטניק לידערס האָט אַרעסטירט מייזעלס׳ן און יאַסטראָוו׳ן און האָט זיי געהאַלטען 3 חדשים אין וואַרשאַווער ציטאַדעל. ער האָט זיי אָבער ענדליך בעפרייט.

דעם 5טען יוני 1862 האָט מאַרקיז וויעליעפּאָלסקי גע׳פועל׳ט ביים רוסישען קיסר אַלכסנדר דעם 2טען, ער זאָל געבען די פּאָליאַקען אויטאָנאָמיע און אויך געבען די אידען מעהר רעכטען. דערמיט האָט ער געהאָפּט צו בערוהיגען די פּאָליאַקען און שאַפען פרידען אין לאַנד. דער אוקאַז האָט אָבער ניט בערוהיגט די פּאָליאַקען און דער אויפשטאַנד איז געוואַקסען מעהר און מעהר. די אַסימילירטע אידען זיינען צוגעשטאַנען צו די פּאָליאַקען, רעכנענדיג, דאָס ווען די פּאָליאַקען געווינען וועלען זיי בעקומען פולע גלייכע רעכטען. אין 1863 האָבען זיך אָנגעהויבען בלוטיגע צוזאַמענשטויסען צווי-

שען די מיאַטעזשניקעס און דער רוסישער אַרמעע אין די וועלדער פון פּוי־לען אין ליטא. פיעלע אידען פון רוסיש־פּוילען און גאַליציען האָבען אָנ־טייל גענומען אין דעם קאַמף. די אידען אין ליטא אָבער האָבען זיך ניט געוואָלט בעטייליגען אין דעם קאַמף, ווייל זיי האָבען גוט געוואוסט די שנאה פון די פּוילישע פּאַנעס צו די אידען, און אויך ווייל זיי האָבען פיעל גערע־כענט, דאָס די פּעטערבורגער רעגירונג וועט זיי גאָר אין קורצען געבען גליי־כע רעכטען. די פּאָליאַקען האָבען עס גוט געוואוסט און האָבען זיך נוקם געווען אָן פיעלע אידען אין אייניגע ערטער פון ליטא. אַ היבשע צאָהל אי־דען זיינען דאָרט געהאַנגען און געשאָסען געוואָרען פון די פּאָליאַקען, וועל־כע האָבען זיי חושד געווען אין סימפּאַטיע צו די רוסען. דער אויפשטאַנד האָט אויף די לאַגע פון די אידען אין פּוילען ניט געהאַט קיין איינפלוס, אויסער וואָס דער האַס פון די פּאָליאַקען צו די אידען איז אַ ביסעל שוואַ־כער געוואָרען. די רוסישע רעגירונג האָט זיך שטאַרק גענומען צו רוסיפי־צירען די מערב־גובערניעס, און דאָס האָט געהאַט אַ זעהר שעדליכען איינ־פלוס אויף די אידען אין זייער בירגערליכען און קולטורעלען לעבען.

די רעאַקציאָן (1866—1880). נאָך דעם, ווי די רוסישע רעגירונג האָט דורכגעפיהרט איהרע וויכטיגע רעפאָרמעס פון די זעמסטוואָס און דעם געריכט און די בעפרייאונג פון די מוזשיקעס, האָט זי גערעכענט, דאָס זי האָט געטאָן גענוג פיר דאָס פאָלק, און האָט ניט געפונען פיר נעטיג איינ־צופיהרען אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג, ווי דאָס פאָלק האָט געהאָפט. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען אַ גרויסע שפּאַלטונג צווישען דער רעגירונג און דעם פּראָגרעסיווען טייל פון רוסישען פאָלק, וועלכע האָט געפיהרט צו אונטערדריגענדע מאַסרעגלען געגען די פּראָגרעסיסטען, און צו טעררער (געוואַלדטאַט) פון די פּראָגרעסיסטען געגען דער רעגירונג.

עס פערשטעהט זיך, דאָס ביי אַזאַ צושטאַנד האָבען די אידען ניט געקענט ערוואַרטען צו בעקומען גלייכע רעכטען. די רעגירונג האָט די אי־דען־פראַגע צוריקגעבראַכט אויף׳ן אַלטען וועג — אויסגעפינען אויב די אידען זיינען נוצליך דעם לאַנד און דעם רוסישען פאָלק אָדער ניט. דאָס ביסעל פריי־הייט, וואָס די אידען האָבען ערוואָרבען אין די ערסטע יאָהרען פון אַלכסנד־דעם 2טען׳ס רעגירונג, האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו פערבעסער; זיי־ער עקאָנאָמישע לאַגע. עס זיינען אויפגעוואַקסען צווישען זיי מעניטשען, וואָס האָבען געקענט מאַכען גרויסע אונטערנעהמונגען. דאָס האָט אָנגע־מאַכט קנאה צווישען רוסישען פאָלק, און מען האָט אָנגעהויבען זיך צו בע־

קלאגען אויף די אידען, דאס זיי זיינען עקספלואטאטארען, פיאווקעס, וואס זויגען אוים דאס בלוט פון רוסישען פאלק. אויסער דעם האט זיך די רעגירונג ארומגעזעהן, דאס זעהר א קליינע צאהל פון דער אידישער אינטעליגענציע אסימילירען זיך מיט די רוסען, די מאסע אבער בלייבט ביי איהרע אידישע מנהגים און ביי איהר שפראך, און דענקען גאר ניט וועגען אסימילאציאן. און די רעגירונג האט אנגעהויבען צו טראכטען, צו וואס האט זי בעדארפט געבען אידען וועלכע עס איז רעכטען, ווען זי האט דערמיט ניט דערגרייכט איהר צוועק, וואס זי האט דערביי געהאט — צו רוסיפיצירען די אידען און ברייננגען זיי נעהנטער צום רוסישען פאלק?

צו דיזע אומשטענדען האט זיך דאמאלס געטראפען, דאס א אידישער משומד י ע ק ב ב ר א פ מ א ן פון מינסקער גובערניע, וועלכע האט זיך גע׳שמד׳ט אום פריי צו ווערען פון רעקרוטשינע, צו וועלכער ער איז בעשטימט געווארען פון אידישען קהל, האט ארויסגעגעבען א בוך אונטערן טיטעל „קניגא קאהאלא" (ספר הקהל). אין דיזען בוך האט ער פארגעשטעלט, וואס פיר א שרעקליכע ארגאניזאציאן עס איז דער אידישער קהל, וואס גראבט אונטער אלע יסודות פון דער רעגירונג, פון רוסישען פאלק און פון קריסטענטום, און האט בעהויפטעט, דאס אום צו אסימילירען די אידען מיט די רוסען איז נעטיג מבטל צו זיין דעם קהל אזוי, אז עס זאל ניט בלייבען קיין שפור פון אידישע נאציאנאלע אינסטיטוציאנען. די רעגירונג האט בעשטימט א ספעציעלע קאמיסיאן אין ווילנא אויסצופארשען די בעשולדיגונגען פון דעם משומד. די אידען האבען קלאר בעוויזען די שקרים פון דיזען מסור, אבער די רעגירונג האט ניט געוואלט אננעהמען זיירע בעווייזען, און האט בעשלאסען צו זיין פארזיכטיג מיט דער לעזונג פון דער אידישער פראגע און ניט געבען די אידען אזוי גיך און לייכט וועלכע עס איז רעכטען.

ווען אלכסנדר דער 2טער האט אין 1870 בערייזט די פוילישע גובערניעס, האט ער בעמערקט זעהר פיעלע חסידים אנגעטאן אין לאנגע קאפאטעס און מיט לאנגע פאות. דאס האט איהם שרעקליך אויפגערייצט און ער האט שטרענג אנגעזאגט די גובערנאטארען דורכפיהרען דאס אלטע געזעץ וועגען אפשאפען דאס אלעס. אז ער האט זיך צוריקגעקעהרט אין פעטערבורג האט ער בעפוילען צו גרינדען א נייע קאמיסיאן וועגען איינריכטען דאס אידישע לעבען אזוי, אז עס זאל ניט זיין ווי א מלוכה אין א מלוכה, ווי בראפמאן האט בעהויפטעט ; דערביי האט מען זיך גענומען צו מא-

כען פיר די אידען פערשיידענע בעשרענקונגען לויט דער פּראָגראַם פון דער „קניגאַ קאַהאַלאַ" אום צו מאַכען אַן ענדע צו זייער אָפּגעזונדערטען לעבען.

די בעציהונגען פון דער רעגירונג צו די אידען האָבען געגעבען מוט די שונאי ישראל צו בעהאַנדלען זיי אַלס מענשען, וואָס דאָס געזעץ בעשיצט זיי ניט. אין 1871 אין דעם פּאַסחאַ־זונטאָג (28טען מערץ) האָבען די גריכען און די רוסען געמאַכט אַ שרעקליכען פּאָגראָם אויף אידען אין אָדעס. מען האָט רואינירט הייזער, געשעפטען, מאַגאַזינען, מען האָט געשלאָגען אידען מכות רצח, און ניט די פּאָליציי און ניט די אַרמעע האָט זיך אַריינגעמישט צו בערוהיגען דעם צואווילדעוועטען המון. פיער טעג האָט געדויערט דער פּאָגראָם. אַ דעפּוטאַציאָן פון אידען איז געגאַנגען צום גענעראַל־גובערנאַטאָר קאָצעבו און האָט איהם געבעטען ער זאָל עפּעס טאָן צו בעשיצען די אידען, אָבער ער האָט זיי געענטפערט, דאָס די אידען זיינען אַליין שולדיג אין דעם, ווייל זיי האָבען „געגעבען די ערסטע אורזאַך דערצו". דערביי האָט ער זיי פון דעסטוועגען צוגעזאָגט, דאָס ער וועט געבען אַ בעפעהל צו מאַכען אַן ענדע צו די אונרוהען. ער האָט אָבער ניט געהאַלטען וואָרט און דער המון האָט ניט אויפגעהערט צו בושעווען. ערסט אויף'ן פערטען טאָג, ווען טויזענדער וואוינונגען און קראָמען זיינען שוין צושטערט געוואָרען און די פּאָגראָמשטשיקעס האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען אַ שחיטה אויף די אידען, ערסט דאַן האָט זיך די פּאָליציי גענומען צו די בויאַנעס. מען האָט געשמיסען מיט פּייכטע ריטער יעדען איינעם, וואָס האָט געפּרובט צו מאַכען אַ פּאָגראָם. דאַן האָט זיך די מאַסע בערוהיגט. אין פּעטערבורג האָט מען זיך אַ ביסעל דערשראָקען פאַר דעם פּאָגראָם; מען האָט מורא געהאַט, דאָס עס איז אַן אָנהויב פון אַ רעוואָלוציאָן, אָבער מען האָט זיך באַלד בערוהיגט, ווען די בעאַמטע פון אָדעס האָבען ערקלערט, דאָס דער פּאָגראָם איז נאָר דער רעזולטאַט פון דער אידישער „עקספּלואַטאַציע", וועלכע האָט שטאַרק „צורייצט די בעפעלקערונג".

די רעגירונג האָט בעשטימט אַ קאָמיסיאָן, וועלכע איז געוועזען בעאויפטראַגט צו געפינען די אורזאַכען פון דעם פּאָגראָם און מיטלען צו פערהיטען, עס זאָל ווייטער מעהר ניט פּאָרקומען אַזעלכעס. אַ גרויסע ווירקונג אויף די קאָמיסיאָן האָט געהאַט די „קניגאַ קאַהאַלאַ" פון דעם משומד בראַפמאַן. דער קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר דאָנדוקאָוו־קאָרמאַקאָוו האָט אויסגעזאָגט זיין מיינונג, דאָס די אידען אין רוסלאַנד האָבען צופיעל אויטאָנאָמיע, דער תלמוד און דער חסידיזם צוזאַמען מיט די אידישע חדרים און

מיט דעם אידישען קהל האַלטען זיי אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, און זיי האַלטען זיך צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם קהל. וועלכער איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „אַלליאַנס איזראעליט" (חברים כל ישראל), פון וועלכער דער פּרעזידענט קרעמיע האָט אין זיך די חוצפה צו שיקען פּראָטעסטען צו דער רוסישער רעגירונג פיר איהר בעהאַנדלען די רוסישע אידען, און דעריבער גיט ער (דער גובערנאַטאָר) אַן עצה, מען זאָל אָפּשאַפען די אַלטע געזעצען וועגען אידען אין רוסלאַנד און מאַכען נייע, וועלכע זאָלען זיי צווינגען צו פעראייניגען זיך מיט דער רוסישער בעפעלקערונג. אין דעם זעלבען זין האָבען אויך געגעבען זייער מיינונג וועגען דער אידען־פראַגע די גובערנאַטאָרען פון די פּוילישע גובערניעס: די אויטאָנאָמיע, וואָס די אידען האָבען אין פּוילען און ליטא, האַלטען זיי אָפּ פון צוזאַמענשמעלצען זיך מיט די קריסטען; מען דאַרף פון זיי צונעהמען די רבנים, די אַלע אנשטאַלטען, וואָס מאַכען זיי פיר אַ בעזונדער נאַציאָן, די חדרים או. אז. וו., און זיי וועלען אין אַ קורצער צייט זיך צוגעוועהנען צום לעבען פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג און דאַן וועט מען פּטור ווערען פון דער אידישער נאַציאָן.

אָן דיזע פּרינציפּען האָט זיך געהאַלטען די קאָמיסיאָן, וועלכע איז געווען בעאויפטראַגט צו געפינען אַ וועג, ווי צו לעזען די אידען־פראַגע אין רוסלאַנד ביז דעם יאָהר 1880. דאָן האָבען ארויסגעטרעטען צוויי מיטגלידער פון דער קאָמיסיאָן, ניעקליודאָוו און קאַרפּאָוו, מיט אַ שאַרפער קריטיק געגען דער האַלטונג פון דער קאָמיסיאָן. זיי האָבען ארויסגעזאָגט אַזאַ פרייע מיינונג, וועלכע די רוסישע רעגירונג האָט לאַנג ניט געהערט. זיי האָבען גע'טענה'ט, דאָס די רעגירונג נעהמט זיך ניט צו לעזען די אידען־פראַגע לויט די פּרינציפּען פון יושר און מאָראַל. דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער רעגירונג אין בעטרעף פון דער אידען־פראַגע איז — אייגעננוץ. די רעגירונג האָט ערלויבט די אידען צו ערווערבען ערד אין זיד־רוסלאַנד כל זמן דיזע פּראָווינץ איז געווען וועניג בעפעלקערט. אָבער ווי באַלד די געגענד איז געוואָרען גוט בעזעצט, האָט מען פון זיי צוגענומען דאָס רעכט. מען האָט ערלויבט בעלי מלאכות, דאָקטוירים, אינזשעניערען, סוחרים פון דער ערסטער גילדע זיך בעזעצען אויסער דער טשערטאַ, ווייל אַזעלכע מענשען האָבען דאָרט געפעהלט. אָבער וועגען דער אָרימער אידישער מאַסע האָט די רעגירונג גאָר ניט געטראַכט. דיזער האָט מען געלאָזען דערשטיקט ווערען אין דער טשערטאַ. אין די אידישע פעהלערן איז שולדיג די רעגירונג זעלבסט. זי שטעלט די אידען אין דער זעלבער לאַגע, אין וועלכער זי שטעלט אַ פער-

בּרעכער, פון וועמען מען נעהמט אָפּ זיינע בירגער־רעכטען. דער ערסטער שריט, וואָס די רעגירונג דארף טאָן איז — געבען אידען פרייעס וואוינרעכט אין גאַנצען לאַנד, און נאָכדעם זיי געבען אַלע אַנדערע בירגער־רעכטען. אָבער דיזע ווערטער זיינען צו שפּעט אַרויסגעזאָגט געוואָרען — זיי זיינען געזאָגט געוואָרען ערב דער רעאַקציאָן, וועלכע האָט זיך גענומען לעזען די אידען־פראַגע מיט די שרעקליכסטע מיטלען.

אייגענטליך האָט זיך אין דער לעזונג פון דער אידען־פראַגע שוין לאַנג בעמערקט אַ רעאַקציאָן. ווען מען האָט פערהאַנדעלט די נייע געזעצען פון דער שטאָדטישער זעלבסט־רעגירונג פון 1870 איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע וויפיעל גלאַסנע (ראטלייט) מעגען זיין פון אידען אין אַ שטאָדט, וואו די מעהרהייט זיינען אידען. די מיינונגען זיינען געווען פערשיידענע, אָבער די מעהרהייט האָט בעשלאָסען, דאָס קריסטען טאָרען פיר קיין פאַל ניט זיין אונטערוואָרפען דער רעגירונג פון אידען, און דעריבער טאָרען אידישע גלאַסנעס ניט זיין מעהר פון אַ דריטעל פון דער גאַנצער צאָהל גלאַסנע, זאָגאַר אין אַ שטאָדט, וואו די מעהרהייט זיינען אידען, און עס איז אָנגענומען געוואָרען דער פּרינציפּ, דאָס די אידישע מעהרהייט, הגם זי צאָהלט דעם גרעסטען טייל שטייער אין אַלע שטאָדט־אויסגאַבען, מוז זיין אונטערוואָרפען דער קריסטליכער מינאָריטעט.

דער אוסטאַוו (געזעץ) פון 1874 וועגען מיליטער־דינסט האָט אָנפאַנגס קיין אונטערשייד ניט געמאַכט אין די פליכטען צווישען אידען און קריסטען. יעדער יונגער מאַן פון דעם עלטער פון 21טען יאָהר סיי איד סיי קריסט איז געווען אונטערוואָרפען דיזער פליכט, אויסער די, וואָס האָבען געהאַט אַ לגאָטע (בעפרייאונג). אָבער ווי באַלד עס האָט זיך בעוויזען, דאָס צום ערסטען פּריזיוו זיינען ניט געקומען אַלע אידען, וואָס האָבען געדאַרפט קומען, האָט די רעגירונג אָנגעהויבען צו שאַפען נייע בעשרענקונגען פיר אידען: מען האָט אָנגעהויבען שאַצען די יאָהרען פון די יונגע אידען, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין ריכטיגען דאָקומענט וועגען זייערע יאָהרען, נאָך זייער אויסזעהן. ווען עס האָט געפעהלט די צאָהל אידען, וואָס האָבען געדאַרפט קומען צום פּריזיוו, האָט די רעגירונג געהייסען נעהמען פון זיי זאָגאַר די, וואָס האָבען געהאַט אַ לגאָטע פון 1טען ראַנג, ד. ה. דעם איינציגען שפּייזער פון דער פאַמיליע. אידען האָט מען צוגענומען אין מיליטער־דינסט אפילו ווען זיי זיינען ניט געווען הויך גענוג, ווי דאָס געזעץ האָט געפאָדערט

פיר קריסטען, אָדער ווען די מאָס אָרום דער ברוסט איז געווען ווענינער ווי די נאָרמע פאָדערט.

די רעגירונג האָט, ווי מיר האָבען געזעהן, שטרענג אַכטונג געגעבען, דאָס די אידען זאָלען פּינקטליך ערפילען זייער פליכט צום לאַנד, אָבער זי האָט גאָר ניט געטאָן וועגען די אידישע ר ע כ ט ע ן פיר די ערפילונג פון זייער פליכט. אין דעם רוסיש-טערקישען קריג פון 1877 זיינען געפאַלען פילע טויזענדער אידישע סאָלדאַטען פיר די בעפרייאונג פון די „סלאַווישע ברידער" פון דעם טערקישען יאָך. אָבער דאָס האָט מען ניט גענומען אין בעטראַכט. דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע דער קרוינפּרינץ (נאַסליעדניק) אַלכסנדר דער 3טער, האָט בעסער אויסגעפונען, דאָס אידישע פּאָדריאַדטשיקעס גרעגער, הורוויץ און קאָ. האָבען געמאַכט פאַלשען אין זייער צושטעלען פּראָוויאַנט פיר די אַרמעע. ווען אויף'ן בערלינער קאָנגרעס האָבען די בעפאָלמעכטיגטע פון דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אַנדערע מדינות געפאָדערט גלייכע רעכטען פיר די אידען אין רומעניען, בולגאַריען און סערביען, איז דער רוסישער קאַנצלער גאָרטשאַקאָוו געווען דאַגעגען און האָט געגעבען אַ זעהר אידען-פיינדליכען אַרגומענט.

אין אַלגעמיין איז די שנאה צו אידען פון דער רוסישער רעגירונג און אַ גרויסען טייל פון רוסישען פאָלק געווען שטאַרק פעו־שפּרייט נאָך בראַפמאַן'ס בעשולדיגונגען אין זיין „קניגאַ קאַהאַלאַ". בראַפמאַן'ס גליקען פון זיין בוך האָבען ניט געגעבען קיין רוה אַנדערע שאַרלאַטאַנעס, און באַלד אין 1876 איז אַ פּוילישער געוועזענער קסיאָנדז א י פּ פּ אָ ל י ט ל י ו ט אָ ס ט אַ נ ס ק י אַרויס מיט נייע בעשולדיגונגען געגען אידען. די קאַטאָלישע קאָנסיסטאָריע האָט פון איהם צוגענומען זיין אמט און האָט איהם אַרויסגעטריבען פון דער קירכע פיר זיין פערדאָרבענע, אויסגעלאַסענע אויפפיהרונג. ער האָט דאַן אָנגענומען דעם רוסישען פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען און איז געוואָרען אַ סטודענט פון דער מאָסקוואער דוכאָוונער אַקאַדעמיע. אַלס טהעמאַ פיר אַ דיסערטאַציע ביים ענדיגען די אַקאַדעמיע האָט ער אויסגעקליבען די פראַגע „אויב די אידען געברויכען צו רעליגיעזע צוועקען קריסטליכעס בלוט". צו דיזען צוועק האָט ער געקראָגען אַ שריפט פון אַ קאַנצעליאַריסט פון ניקאָלאַי דעם 1טען'ס צייטען וועגען דיזען געגענשטאַנד און האָט עס צוגעפּראַוועט מיט פאַלשע ציטאַטען פון תלמוד און דער ראַבינישער ליטעראַטור, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס ער האָט אַפילו לייענען ניט געקענט קיין העברעאיש. מיט דיזען ווערק איז ער

געקומען צום מאָסקווער ראבינער ז. מינאָר און האָט פון איהם פערלאַנגט די אידישע געמיינדע זאָל איהם געבען 500 רובל אום ער זאָל עס ניט דרוק־קען. מינאָר אָבער האָט איהם אָפּגעזאָגט און ער האָט עס אָפּגעדרוקט און געווידמעט צום קרוינפּרינץ אלכסנדר דעם 3טען, און דער שעף פון די זשאַנדאַר'ען האָט פון איהם אָפּגעקויפט א היבשע צאָהל עקזעמפּליאַרען, וועלכע ער האָט צושיקט צו די בעאַמטע פון די געהיים־פּאָליציי אין גאַנץ רוסלאַנד. אז לוטאָסטאַנסקי האָט געזעהען, דאָס עס האָט איהם אָפּגעגאָלטען, האָט ער אין 1879 אָפּגעדרוקט א נייעס ווערק אין צוויי טייל אונטער'ן טיטעל „דער תלמוד און די אידען". די ציטאַטען אין דיזען בוך זיינען געווען שרעקליך און אונפערשעמט געפעלשט. צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פון „המליץ", האָט לוטאָסטאַנסקי'ן ארויסגערופען אויף אן עפענטליכען דיספּוט (1880), אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען, און זיין בוך האָט געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף פיעלע וויכטיגע רוסישע בעאַמטע. ווען אין קוטאַאיסער גובערניע איז געפונען געוואָרען פאַר פסח דער קערפּער פון א קריסטליכער מיידעל, האָט מען בעשולדיגט פיעלע אידען, דאָס זיי האָבען בעגאַנגען דעם מאָרד צוליב רעליגיעזע צוועקען. אָבער בעריהמטע אדוואָקאַטען האָבען בעוויזען די פאַלשקייט פון דיזער בעשולדיגונג און דער אָקרוזשנאָי סוד (קרייז־געריכט) האָט די בעשולדיגטע בעפרייט. אָבער אין דער רוסישער פּרעסע איז פון דער עלילת־דם אגיטאַציאָן פערבליבען א גיפט. ווען פּראָפעסאָר חוואָלסאָן איז ארוים מיט א ווערק צו בעווייזען, ווי פאַלש עס איז דיזע בעשולדיגונג, איז געגען איהם ארוים אין דער צייטונג „נאָוואָיע ווערמיאַ" דער ליבעראַלער רוסישער היסטאָריקער ק אָ ס ט אָ מ אַ ר אָ ו ו און האָט געפּרובירט בעווייזען, אז דיזער ווילדער אבערגלויבען פון פאָלק איז אמת. די צייטונג זעלבסט, וועלכע איז פריהער געווען א ליבעראַלע, האָט אין דיזע יאָהרען אנגעהויבען אָנפאַלען אויף די אידען און האָט אויפגערייצט די נידריגע ליידענשאַפטען. די באַצילען פון אידען־האַס האָבען זיך שוין געטראָגען אין דער געזעלשאַפטליכער אטמאָספערע און האָבען פּאָררעווייטעט דעם באָדען פיר די פּאָגראָמען־עפּידעמיע פון די 80ער יאָהרען.

די צייט פון דער „השכלה" אין רוסלאַנד. די רוסישע אידען, וועלכע זיינען אין דער צייט פון ניקאָלאַי דעם 1טען אריינגעוואָרפען געוואָרען אין אָפּגרונד פון פערצווייפלונג, האָבען אין די 10 יאָהר פון די רעפאָרמען פון אלכסנדר דעם צווייטען'ס רעגירונג דערפיהלט, דאָס די רעגירונג איז פיעל בעסער צו זיי. מען האָט געעפענט די טויערן פון דער טשערטאַ פיר

אידישע בעלי מלאכות, געבילדעטע און אידישע סוחרים פון דער 1טער גילדע. עס האבען זיך בעוויזען פיעלע רוסישע ליבעראלען, וועלכע האבען באמת געשטרעבט צו פערבעסערן די אידישע לאגע און שאפען זיי גלייכע רעכטען, ווי פיראגאוו, הערצען, טשערנישעווסקי. ווען אימעצער האט אין א ציי־טונג אנגערופען א אידען מיט׳ן שימף־נאמען „זשיד", זיינען פיעלע ארויס מיט פראטעסטען געגען דעם. ווען אין פעטערבורגער זשורנאל „איללוסטרא־ציא" איז געדרוקט געווארען אן ארטיקעל אונטער׳ן טיטעל: „די מערב־רוסישע זשידעס" מיט זעהר א גראבער בעליידיגונג אויף אידען, זיינען ארויס מיט א פראטעסט 140 די בעסטע רוסישע שרייבער, אונטער וועלכע עס האבען זיך געפונען: טורגעניעוו, כאמיאקאוו, טשערנישעווסקי, דער גרוי־סער היסטאריקער סאלאוויעוו און שעווטשענקא. די וויכטיגסטע רוסישע זשורנאלען. „סאוורעמעננ יק", און „רוססקי וויעסטניק" האבען געפאדערט פיר אידען פולע רעכטען.

אבער די פריינדליכע בעציהונגען פון דער רוסישער אינטעליגענציע צו די אידען האט ניט לאנג אנגעהאלטען. אין 1862 איז דער ליבעראלער סלאוויאנאפיל (פריינד און ליבהאבער פון די סלאווישע פעלקער) אקסא־קאוו ארויס מיט אן ארטיקעל אין דער מאסקווער צייטונג „דיען", אין וועלכען ער האט ערקלערט, דאס אויב מען וועט געבען געבילדעטע אידען פולע רעכ־טען, וועלען זיי אין א קורצער צייט פערנעהמען די בעסטע שטעלען אין רוס־לאנד, זיי וועלען זיין פול זאגאר אין סענאט און אין קייזערליכען ראט. זאל מען עס דערלאזען, דאס א נאציאן, וואס איהר גאנצע שטרעבונג איז צו פער־ניכטען דאס קריסטענטום, זאל הערשען איבער קריסטען? „מיר דארפען ניט רעדען", שרייבט ער א ביסעל שפעטער, „וועגען בעפרייען די אידען, נאר וועגען בעפרייען די רוסען פון די אידען". אין דער רוסישער פרעסע זיי־נען אין די 70־ער יאהרען די געוועהנליכע טהעמאס געוועזען: „די אידישע אפגעזונדערטקייט", „דער קאהאל", „אידישע עקספלואטאציאן" און עהנ־ליכע. דער גרויסער רוסישער קינסטלער דאסטאיעווסקי האט אין זיין „דניעווניק פיסאטעליא", ד. ה. טאגעבוך פון א שרייבער (1876—1877), געשריבען גיפטיגע פיינדליכע שילדערונגען פון אידען, און וועלכע ער האט מיט בלאטע בעשמירט די אידישע נשמה. ווען אייניגע אידישע אינטעלי־גענטען האבען זיך געווענדט צו איהם מיט א פראטעסט געגען זיינע בע־שולדיגונגען אויף די אידען, האט ער אלס ענטפער געשריבען זיין ארטיקעל „די אידישע פראגע" (1877), אין וועלכען ער האט געזאגט: „די כאראק־

טעריסטיק פון דעם אידישען שטאַאט איז: אָפּגעזונדערטקייט, ניט פער־איינבארקייט, דער גלויבען, דאָס עס עקסיסטירט אויף דער וועלט נאָר איין נאַציאָן — דער איד, אַנדערע כאָטש זיי זיינען אויך דאָ, זאָל מען בעטראַכטען, ווי זיי וואָלטען ניט עקסיסטירט... ווייס, דאָס דו ביסט דער איינציגער ביי גאָט, די אַנדערע זאָלסטו אויסראָטען, אָדער מאַכען פיר שקלאַפען, אָדער עקספּלואַטירען. גלויב אין אַ זיג איבער דער גאַנצער וועלט; זאָלסט זיך מיאוס׳ן פון אַלעם און זאָלסט זיך מיט קיינעם ניט פעראייניגען אין זיין ארט לעבען". אזוי האָט דער אידישער אינטעליגענציע גענענטפערט דאָסטאָיעווסקי, וועלכער האָט ריכטיג בעמערקט די ניט־פעראייניבארקייט פון די מאַסען אונטער דעם דראַנג פון דער אַסימילאַציאָן; אָבער די כאַראַקטעריסטיק פון דעם אידישען פאָלק איז ביי איהם געקומען פון דער פאַנטאַזיע, וועלכע איז געוועזן גענייגט צו שילדערן פערברעכען. דער אידישער נאַציאָנאַלער אידעע, דעם געזעצליכען און נאָרמאַלען פערלאַנג זיך ניט צו פערמישען מיט אַנדערע און פערשווינדען, האָט דאָסטאָיעווסקי צוגעשריבען די גזלנ׳ישע אייגענשאַפטען פון דעם פיינדליכען נאַציאָנאַליזם פון דעם הערשענדען פאָלק, וועלכען ער האָט אַליין געפּרעדיגט אין דער רוסישער פּאָליטיק.

אָבער די אידישע אינטעליגענציע האָט נאָך אַלץ געגלויבט, דאָס די רעגירונג איז בערייט זיי צו געבען פולע רעכטען און האָט וועניג געוויכט געלעגט אויף די בעשולדיגונגען פון געוויסע אידען־פיינד און האָט ווירקליך געשטרעבט צו אַסימילאַציאָן. זעהר פיעל האָבען געווירקט דערצו די ראַבינער־שולען, די גימנאַזיומס און די אוניווערזיטעטען, אין וועלכע די אידישע יוגענד האָט זיך דאמאָלס געפונען אין גרויסע מאַסען. דיזע מאַסע פון דער אידישער יוגענד איז געוואָרען דורכגעדרונגען מיט אַלע שטרעבונגען פון דעם בעסערען טייל פון דער רוסישער יוגענד; גלייך און צוזאַמען מיט זיי האָט די אידישע יוגענד זיך אָנגעאייגענט די וויכטיגע אידעען פון די גרעסטע דענקער פון יענער צייט. די ווערק פון טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו, באָקקל, דארווין, מילל, ספּענסער, זיינען פון זיי פערגעטערט געוואָרען. צוזאַמען מיט דער רוסישער יוגענד האָט אויך די אידישע אָנגעהויבען צו פיהלען און צו דענקען וועגען דער נויטווענדיגקייט פון סאָציאַלע רעפאָרמעס. זיי זיינען געווען פול מיט׳ן שטרעבען צו פערניכטען די אַלטע אידעען פון אָפּגעזונדערטקייט און צו פּראָפּאַגאַנדירען די אידעען פון בריערליכקייט צווישען מענשען. דאָס אַלעס האָט געפיהרט צו אַ טראַ־

גישען קאַמף צווישען די עלטערן און די קינדער. יענע האָבען זיך געוואָלט פעסט האַלטען אָן די אַלטע טראַדיציאָנען און דיזע האָבען אַלעס אַלטע גע־וואָלט אָפּשאַפען: רעליגיאָן, אַלטע מנהגים און זאָגאר דעם נאַציאָנאַל־געפיהל פון אידישען פאָלק. צווישען דיזע ביידע עקסטרעמען זיינען גע־שטאַנען די ליבהאָבער פון השכלה פון מענדעלסאָן׳ס און י. ב. לעווינזאָהן׳ס שולען, וועלכע האָבען געשטרעבט צו פעראייניגען אמונה און חכמה. דיזע האָבען אויך געפאָדערט רעפאָרמעס, אָבער מעסיגע, ניט קיין ראַדיקאַלע. זייער אויפגאַבע איז געווען — דאָס אויפלעבען פון דער העברעאישער שפּראַך און שאַפען אַ מאָדערנעם אינהאַלט פון דער ליטעראַטור. די נאַציאָנאַלע שפּראַך און די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אידעאַלען זיינען געווען הייליג פיר זיי.

אָבער דער טייל פון דער אידישער יוגענד, וואָס האָט בעזוכט די רו־סישע לעהר־אַנשטאַלטען, האָט ניט געוואָלט וויסען פון קיין קאָמפּראָמיס. איהר איינציגע שטרעבונג איז געווען זיך צו רוסיפיצירען, זיך צו אַסימילי־רען מיט׳ן רוסישען פאָלק. אויך די קאַזיאָנע ראַבינער און די לעהרער פון די אידישע שולען זיינען געווען געגען דער אָרטהאָדאָקסיע און האָבען גע־האָלפען צו רוסיפיצירען די אידישע קינדער. און דעריבער האָבען די אָרטהאָ־דאָקסישע אידען קיין צוטרויען ניט געהאַט צו די קאַזיאָנע שולען און האָ־בען פעראַכטעט די קאַזיאָנע רבנים. די רעגירונג האָט ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך צווישען די אידען, און רעכנענדיג, דאָס פיעל זיינען שולדיג דערין דער חסידיזם און די גוטע אידען, האָט זי פערוועהרט די גוטע אידען ארומרייזען די שטעדט פון זייערע אָנהענגער, ווי זיי פלעגען עס פריהער טאָן (1864). אָבער דיזער מיטעל האָט נאָך פערגרעסערט די שנאה פון די אי־דישע מאַסען צו דער רוסישער בילדונג.

דער ערגסטער סאָרט אַסימילאַציאָן איז פאָרגעקומען צווישען די אידען אין פּוילען, איבערהויפּט אין וואַרשאַ. די אידישע מה־יפית׳ניקעס, וועלכע האָבען זיך אָנגערופען מיט׳ן נאָמען „פּאָליאַקען פון משה׳ס געזעצ־געבונג", האָבען שוין לאַנג געשטרעבט אריינצוטרעטען אין דער געזעלשאַפט פון די פּאָליאַקען, אָבער מען האָט זיי גראָב צוריקגעשטויסען. אין דער צייט פון אויפשטאַנד (1861—1864), ווען מען האָט נעטיג בעדאַרפט די אידען צום עסק, האָבען זיך די פּאָליאַקען אָנגעהויבען צו ברידערן מיט די אידען. אין די פּוילישע צייטונגען האָבען אָנגעהויבען צוערשיינען אַרטיקלען צו בע־ווייזען, דאָס די אידען זיינען עכטע פּאָליאַקען און קיין בעזונדער נאַציאָן, נאָר זייער רעליגיאָן איז אַ ביסעל פערשיידען פון דער פּוילישער. דער רע־

זולטאָ דערפון איז געווען, דאָס די אידישע געזעלשאַפט אין ווארשא איז צוטיילט געוואָרען אויף צוויי פיינדליכע לאַגערן: די אידישע פּאָליאַקען, וועלכע האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון אַלעס, וואָס איז אידיש, און די מאַסע, חסידים, וועלכע האָבען פון קיין בילדונג ניט געוואָלט וויסען.

עס איז ניט געווען גענוג קראַפט אין דער אידישער געזעלשאַפט אין רוסלאַנד און פּוילען צו געבען דער השכלה־בעוועגונג דעם ריכטיגען שטוים. די איינציגע אָרגאַניזאַציאָן פון דיזען סאָרט אין יענער צייט איז געווען די חברה „מפיצי השכלה“ אין פּעטערבורג, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין 1863. די גרינדער פון דיזער געזעלשאַפט זיינען געווען באַראָן גינצבורג און לעאָן ראָזענטהאַל. ווייל די אידישע געמיינדע אין פּעטערבורג איז נאָך געווען זעהר יונג, האָט זי ניט געהאַט גענוג כלל־טוער צו העלפען די זאַך, און דעריבער האָבען זיי איינגעלאַדען צוויי געטויפטע אידען: פּראָפעסאָר ד. חוואָלסאָן און דעם לייב־ארצט בערטענסאָן. דער צוועק פון דיזער חברה איז געווען צו רוסיפיצירען די אידען אום זיי זאָלען שנעלער בעקומען גלייכע רעכטען. די חברה האָט געשטיצט אידישע סטודענטען אין די אוניווערזיטעטען, האָט געלאָזען איבערזעצען די ביבעל און דעם סדר התפלה אין רוסיש, אום צו מאַכען די רוסישע שפּראַך פיר די נאַציאָנאַל־שפּראַך פון די אידען. אָבער דער אָדעסער פּאָגראָם פון 1871 האָט קלאָר בעוויזען די גרינדער פון „חברה מפיצי השכלה“, דאָס זייער וואונש, זיך צו דערנעהענטערן צו דער רוסישער געזעלשאַפט, וועט ניט ערפילט ווערען. אויסער דעם האָבען זיי דערפיהלט, דאָס בראַפמאַן׳ס בוך האָט אַריינגעלאָזען גיפט אין העכערע קרייזען פון דער רוסישער רעגירונג, וואו מען האָט אָנגעהויבען קוקען מיט אַ פּערדאַכט אויף דיזע חברה, דאָס זי איז אויך פיינדליך געזאָנען צו דער קריסטליכער געזעלשאַפט. דער צוועק פון דער חברה צו שטיצען אידישע סטודענטען און צו פערשפּרייטען בילדונג צווישען אידען איז אויך געוואָרען כמעט ניט נעטיג, ווייל די אידען האָבען זיך אָהן דעם געשפּאַרט אין די גימנאַזיומס און אוניווערזיטעטען. און די חברה האָט זיך דעריבער גענומען צו גרינדען און שטיצען אידישע נאַציאָנאַל־שולען.

דערפאַר האָט זיך די פּעריאָדישע פּרעסע פערברייטעט אין רוסלאַנד צווישען אידען. עס האָבען אָנגעהויבען צו ערשיינען צייטונגען אין העברעאיש און אידיש, ווי אויך אין דער רוסישער שפּראַך. די העברעאישע און אידישע זשאַרגאָנישע צייטונגען האָבען געוועקט דעם פאָלק צו השכלה, צו

אַלגעמיינער בילדונג, צו ערווערבען די קענטניס פון דער רוסישער שפּראַך; די צייטונגען אין רוסיש האָבען געהאַט זייער צוועק צו פאָדערן פיר אידען גלייכע רעכטען און צו פערטיידיגען די אידען געגען די פאַלשע בעשולדי-גונגען פון זייערע שונאים. די ערסטע צייט זיינען די צוויי וועכענטליכע צייטונגען אין דער העברעאישער שפּראַך: דער „המליץ“ אין אָדעס, אונ-טער דער רעדאַקציאָן פון אלכסנדר צעדערבוים, און דער „הכרמל“ אין ווילנא, אונטער דער רעדאַקציאָן פון ש. י. פין, גע-ווען געווידמעט צו זעהר עלעמענטאַרע געגענשטענדען. זיי זיינען כמעט גע-ווען צייטונגען פיר ערוואַקסענע קינדער. די ערכטע פון די רוסיש=אידי-שע צייטונגען, דער „ראַזסוויעט“, איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין אָדעס אונ-טער דער רעדאַקציאָן פון אָסיפּ ראַבינאָוויטש. אָבער זי האָט מעהר ווי אַ יאָהר ניט עקסיסטירט, ווייל די רוסישע רעגירונג האָט ניט ערלויבט צו דיסקוטירען וועגען אידישע גלייכבערעכטיגונג, און דער רע-דאַקטאָר האָט זיך געמוזט פערענטפערן, דאָס ער האָט נאָר פערלאַנגט פיר אידען פרייעס וואוין=רעכט אין גאַנץ רוסלאַנד. אַנשטאָט דעם „ראַזסוויעט“ האָט אָנגעהויבען ערשיינען אין אָדעס אַן אַנדער רוסישע=אידישע צייטונג „סיאָן“ (ציון) אונטער דער רעדאַקציאָן פון סאָלאָווייטשיק און דר. ל. פינסקער. דער „סיאָן“ האָט זיך געמאַכט אַלס אויפגאַ-בע צו פערטיידיגען די רוסישע אידען געגען די בעשולדיגונגען פון זייערע שונאים און בעקאַנט מאַכען די רוסישע פובליקע מיט אידישער געשיכטע. אָבער אויך דיזע צייטונג האָט ניט לאַנג עקסיסטירט. אין וועניגער פון אַ יאָהר איז זי געשלאָסען געוואָרען. אין אַ קורצער צייט נאָכדעם האָט אָנגע-הויבען ערשיינען אין אָדעס אַ נייער אידיש=רוסישער זשורנאַל „דיען“ (דער טאָג). די אויפגאַבע פון דיזער צייטונג איז געווען צו פאָדערן פיר אידען גלייכע רעכטען און רוסיפיצירען די אידען. אָבער דער אָדעסער פּאָגראָם פון 1871 האָט איבערצייגט, דאָס די רוסען זעלבסט ווילען ניט, דאָס די אידען זאָלען זיך אַסימילירען מיט זיי. די פערפאָלגונגען פון דער רוסישער צענזור האָבען געצוואונגען די רעדאַקטאָרען פון „דיען“ אויפגעבען זייער אַרבייט. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט אָנגעהויבען ערשיינען אין פּע-טערבורג אַ אידיש=רוסישע וואָכענשריפט „ראַזסוויעט“, און דערנאָך די מאָ-נאַט=שריפט „וואָסכאָד“. זייער אויפגאַבע איז געווען צוציהען די אידישע אינטעליגענציע צום פאָלק, אָבער די פּאָגראָמען פון 1881 האָבען זיי געגע-בען אַן אַנדער ריכטונג.

די אידישע יוגענד פון די גימנאַזיומס און אוניווערזיטעטען האָט צו-
זאַמען מיט דער רוסישער יוגענד זיך אַריינגעוואָרפען אין די רעוואָלוציאָ-
נערע בעוועגונג פון די 70-ער יאָהרען געגען דער דריקענדער רעאַקציאָן
פון דער רוסישער רעגירונג. די אידישע יונגע לייט האָבען צוזאַמען מיט
די רוסישע זיך גענומען אויפקלערען דעם רוסישען פאָלק זיין טרויעריגען
צושטאַנד און צו פאָרבערייטען איהם צו אַן אויפשטאַנד. דאָס האָט גע-
הייסען ביי זיי „געהן אין פאָלק”. די יוגענד האָט דאַמאָלס געדענקט, דאָס
מיט דער רעפאָרמע פון דעם צושטאַנד פון די רוסישע אַרבייטער און רו-
סישע בויערן, וועלען אַלע אַנדערע פראַגען ממילא ווערען געלעזט. די אי-
דישע סאָציאַליסטען זיינען אומגעגאַנגען מיט דער אידעע פון קאָסמאָפּאָ-
ליטיזם: דאָס די אידען דאַרפען ניט בעטראַכט ווערען אַלס אַ בעזונדער נאַ-
ציאָן, זיי זיינען נאָר אַ טייל פון דער מענשהייט. אום די אידען בעקאַנט
צו מאַכען מיט דער סאָציאַליסטישער אידעע האָט אַ גרופּע פון אידישע שי-
לער פון ראַבינער-שולע און לעהרער-אינסטיטוט אין ווילנאַ זיך גענומען פּראָ-
פּאַגאַנדירען די אידעע צווישען אידען. אָבער די פּאָליציי האָט עס גיך דער-
שמעקט און האָט אייניגע פון זיי אַרעסטירט. איינער פון זיי, ל י ב ע ר -
מ אַ ן , איז אַנטלאָפען אין לאָנדאָן און נאָכדעם אין וויען, וואו ער האָט
זיך גערופען פ ר י מ אַ ן , און האָט אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַ העב-
רעאישען סאָציאַליסטישען זשורנאַל אונטער'ן נאָמען „האמת” (די וואַרהייט).
די ערסטע צוויי העפטען האָט די צענזורע אין רוסלאַנד דורכגעלאָזען, אָבער
דאָס 3טע האָט זי קאָנפיסקירט צוליב זיין סאָציאַליסטישער טענדענץ.
נאָכדעם איז ערשינען אין קעניגסבערג דער „אספת חכמים” אונטער דער
רעדאַקציאָן פון מ. ו ו י נ ט ש ע ו ו ס ק י , אַלס ביילאַגע צום „הקול”
פון ראָדקינזאָהן. אָבער אויך דיזער סאָציאַליסטישער זשורנאַל איז באַלד
אונטערגעגאַנגען. די אידישע רעוואָלוציאָנערען אין רוסלאַנד האָבען גע-
ליטען גלייך מיט די רוסען, וואָס האָבען אָנטייל גענומען אין דער בעווע-
גונג פיר די בעפרייאונג פון רוסישען פאָלק, און קיינער האָט ניט ערוואַר-
טעט, אַז דאָס רוסישע פאָלק זאָל אָפּצאָהלען אידען פיר זייער אָפּפערן זיך
פיר איהם מיט פּאָגראָמען און שרעקליכע שחיטות.

די בעלעבונג פון דער ליטעראַטור. ניט אַכטענדיג אויף די שרעק-
ליכע גלייכגילטיגקייט פון דער אידישער יוגענד צום אידישען פאָלק און צו
זיינע טראַדיציאָנען, האָט די העברעאישע ליטעראַטור אויפגעלעבט. די זעל-
בע השכלה, וועלכע איז פריהער געווען פערפאָלגט און פעריאָגט פון די אי-
דען זעלבסט, האָט אָנגעהויבען בליהען און וואַקסען גאָר אונערוואַרטעט.

די אידישע יוגענד אין רוסלאַנד איז נאָך ניט געווען גענוג בעוואַנדערט אין דער אידישער ליטעראַטור און געשיכטע, זיי זאָלען קענען שאַפען „חכמת ניסען אויף'ן אידישען היסטאָרישען פעלד זיינען געווען זעהר עלעמענטאַרע, און דעריבער האָבען זיי געשריבען שירים, ערצעהלונגען, ראָמאַנען, פּובלי-ציסטיק. פון היסטאָרישער פאָרשונג איז די אידישע ליטעראַטור אין רוס-לאַנד נאָך געווען ווייט.

דער וויכטיגסטער פּאָעט פון יענער צייט איז געווען מ י כ ה י ו ס ף ל ע ב ע נ ז אָ ה ן , דער זוהן פון אברהם בער לעבענזאָהן (אד"ם הכהן). דיזער יונגער טאַלאַנטפולער פּאָעט איז געשטאָרבען אין עלטער פון 24 יאָהר. זיינע אייגענע ליידען פון שווינדזוכט און די ליידען פון דער געדריקטער מענשהייט האָבען איהם פערגיפטעט זיין לעבען. זיין ערסטע אַרבייט איז געווען — אַ פריירע איבערזעצונג פון ווירגיל'ס „ענעאידע", וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבען „הריסות טראָיא". אין די מוזיקאַלישע שורות פון זיין „שירי בת ציון" (1851) גיסט ער אויס דעם קומער פון זיין זעעלע, וועלכע זוכט צו שאַפען האַרמאָניע צווישען גלויבען און וויסענשאַפט (שלמה וקהלת). אין זיין פּאָעמאַ „יעל וס׳סרא" דריקט ער אויס די שטאַרקע אויפרעגונג, וועלכע עס רופט אַרויס אין איהם דער דרוק, וואָס די מענשהייט ליידט פון די תקיפים. אין „ר' יהודה הלוי" פיהלען מיר זיינע ליידען, וואָס עס האָט אַרויסגערופען די אונגליקליכע אידישע וואַנדערנדע אומה. די קליינע זאַמלונג „כנור בת ציון", וואָס איז ערשינען נאָך זיין טויט, האָט בעוויזען, וואָס פיר אַ רייכע פּאָעטישע קראַפט דיזער יונגער מאַן האָט געהאַט אין זיך. שוין ביים שוועל פון קבר האָט ער אַזוי ריהרענד בעזונגען ליבע, שענהייט און די ריינע פריידען פון לעבען.

מיט אַ יאָהר שפּעטער נאָך מיכה יוסף'ס טויט איז אין ווילנא ער-שינען אַ ראָמאַן אין העברעאיש מיט'ן נאָמען „אהבת ציון" פון א ב ר ה ם מ אַ פּ ו (1808—1867), אַ מלמד אין קאָוונא. ער האָט געלעבט אין צוויי וועלטען, אין דעם עמק הבכא פון דער עפּאָכע פון ניקאָלאַי דעם 1טען, און אין די גלענצענדע עראינערונגען פון דער אַלטער פערגאַנגענהייט פון אידישען פאָלק. אין דעם יאָהר פון די פּאָימאַניקעס האָט ער געגעבען דער אידישער יוגענד אַ הערליכען בילד פון אַלטען אידישען לעבען אין זיין אַל-טער היים, אין ארץ ישראל. די אידישע יוגענד האָט מיט גרויס חשק און ענטהוזיאַזם געלעזען בסוד די בילדער פון אידישען לעבען אין דער צייט פון חזקיהו'ס רעגירונג. דאָס רוישיגע לעבען אין ירושלים און דאָס שטילע רו-היגע לעבען אין בית לחם האָט זיי בעצויבערט, זיי האָבען בעדויערט דעם

שיקזאַל פון די געליבטע אמנון און תמר און זיינען געוואָרען אויפגעבראַכט אויף די נידערטרעכטיגקייטען פון די אינטריגאַנטען אין דעם ראָמאַן. נאָך דעם „אהבת ציון” האָט מאַפּו אָנגעהויבען אַרויסגעבען זיין ראָמאַן „עיט צבוע” (דער צבוע'יאַק) אין 5 טייל (1857—1869). אין דיזען ראָמאַן שילדערט ער דאָס לעבען פון פערשיידענע קלאַסען פון אידען אין אַ קליין שטעדטעל: די קהל'ס-לייט מיט זייערע פאַלשקייטען, די פאַנאַטישע פרומע, וועלכע פערפאָלגען די אידישע יוגענד, וואָס וויל פערזוכען דעם טעם פון השכלה, אויף די מאָדערנע יונגע לייט, וואָס שטודירען, דעם בעסערען טייל פון די אידישע מאָדערנע גבירים או. אַנד. אין די לעצטע יאָהרען האָט ער אויפגעשריבען זיין ראָמאַן „אשמת שומרון”, אַ שילדערונג פון דעם פאָלק ישראל אין די לעצטע יאָהרען פון מלכות עשרת השבטים. די שפּראַך פון אשמת שומרון איז אויך ריין ביבליש, אָבער דיזער ראָמאַן האָט שוין ניט געמאַכט אַזאַ רושם אויף די אידישע יוגענד ווי דער „אהבת ציון”, ווייל די אידישע יונגע לייט פון יענער צייט זיינען שוין געוועזן מעהר ענטוויקעלט און האָבען געזוכט אין אַ ראָמאַן מעהר ווי מאַפּו האָט זיי דאָרט געגעבען.

דער געוויש פון נייעם לעבען האָט זיך אויך דערהערט אין דער אידישער ליטעראַטור, און אויך פּאָעטען האָבען זיך אָפּגערופען אויף דער ברענענדער פראַגע פון טאָג. דער וויכטיגסטער פון די פּאָעטען פון יענער צייט איז געוועזן י ה ו ד ה ל י ב ג אָ ר ד אָ ן (1830—1892). זיין ערסטעס ווערק איז געוועזן „אהבת דוד ומיכל” (1856), אַן עפּישעס געדיכט אויף אַ ביבלישע טהעמאַ. זיין צווייטעס ווערק „משלי יהודה” (1860) איז אַ זאַמלונג פון פאַבלען, וואָס ענטהאַלטען אין זיך מאָראַלישע לעהרען. אין זיין פּאָעמאַ „הקיצה עמי” וועקט ער די אידישע נאַציאָן צו אַ נייעם לעבען, און רעדט איין, אַז דאָס רוסישע פאָלק איז בערייט צו אומאַרמען יעדען נייעם אידען מיט ברידערליכער ליבע. גאָרדאָן איז אויך שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען פיעלע אַלט-מאָדישע צערעמאָניעס, און האָט אויפגעפאָדערט די רבנים צו פערפיינערן דאָס יודענטום.

אין די 70-ער יאָהרען האָט זיך גאָרדאָן בעזעצט אין פּעטערבורג, וואו ער האָט פערנומען די שטעלע פון סעקרעטער אין דער „חברה מפיצי השכלה”. פון דאָרט האָט ער געשריבען אַ גאַנצע סעריע פון שירים אין „השחר”. אין דיזע שירים האָט ער ביטער קריטיקירט די אָרטהאָדאָקסישע רבנים, וואָס האַלטען זיך פעסט אָן טויטע בוכשטאַב פון געזעץ און לאָזען ניט אַריין קיין שטראַל ליכט אין לעבען. אין דער פּאָעמאַ „קוצו של יוד” שילדערט ער אַ טראַגעדיע פון אַ פרוי, וואָס איהר לעבען איז רואינירט געוואָרען

דורך די רבנים צוליב דעם בוכשטאַב יוד, וואָס האָט צופעליגערווייזע גע־פעהלט אין איהר גט. זוכענדיג פעהלערן אין אידישען פאָלק און וועלענדיג אויסגעפינען די אורזאַכען פון זיין ביטערער אוננאָרמאַלער לאַגע, האָט ער דערזעהען אַ געפעהרליכע וואונד אין דער נייער אידישער יוגענד, וועלכע ענט־לויפט פון פאָלק און געהט איבער אין פיינדליכען לאַגער. „למי אני עמל?״



מיכה יוסף לעבענזאָהן.

(פיר וועמען בעמיה איך זיך?) פרעגט ער מיט פערצווייפלונג אין אַ גע־דיכט. דער יונגער דור איז דאָך שוין ניט אין שטאַנד צו לעזען און צו פער־שטעהן העברעאיש. „עס קען זיין, דאָס איך בין דער לעצטער משורר ביי אידען און איהר זייט די לעצטע לעזער״. דיזע ווערטער זיינען געשריבען געוואָרען אויף׳ן שוועל פון די 80־ער יאָהרען. ער האָט דערלעבט צו זעהן

די שרעקען פון די פּאָגראָמען, אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט ער זיך דערוואַרט צו זעהן אַ פערוואָלקענטען אויפגאַנג פון אַ נייער נאַציאָנאַלער בעוועגונג, און האָט זיך געקענט איבערצייגען, דאָס ער איז געווען אַ משורר ניט נאָר פיר איין דור.

די פראַגע „למי אני עמל?" האָט געלעזט אַן אַנדער שריפטשטעלער, וועלכער איז אַנערקענט פון אַלעמען פיר אַ זעהר גרויסען אונגעוועהנליכען טאַלאַנט. ש ל ו ם י ע ק ב אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש (געב. 1835, געשט. 1918) האָט אין די ערסטע יאָהרען פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע געפּרובט זיינע קרעפטען אויף פערשיידענע וועגען: ער האָט געשריבען קריטישע אַרטיקלען (משפט שלום), ער האָט איבערזעצט אַ נאַטור־געשיכטע (תולדות הטבע), ער האָט פערפאַסט אַ ראָמאַן „האבות והבנים", אָבער דאָס אַלץ האָט איהם ניט צופרידען געשטעלט. ווען ער האָט זיך אויפגעגעבען די פראַגע: פיר וועמען זאָל איך אַרבייטען? האָט ער געענטפערט: מען דאַרף אַרבייטען ניט נאָר פיר די העכערע קלאַס, נאָר מען מוז אַרבייטען אויך פיר דאָס פ אָ ל ק. מען דאַרף שילדערן דאָס ריכטיגע לעבען פון פאָלק אין דער שפּראַך, וואָס דאָס פאָלק רעדט און פערשטעהט, מען מוז פיר איהם שרייבען אין אידיש, אַ שפּראַך, וועלכע כמעט אַלע משכילים האָבען פעראַכטעט. אונטער'ן נאָמען „מענדעלע מוכר ספרים" האָט ער געשריבען פיר דאָס פאָלק אויף פּראָסט אידיש זיין „קליין מענטשעלע", אַ שילדערונג פון מענשען אין דער געזעלשאַפט מיט קליינע נשמות, „פישקע דער קרומער", אַ מייסטערהאַפטע שילדערונג פון דעם לעבען פון קבצנים, די „טאַקסע", אַ בילד פון די מעשים תעתועים, וואָס ווערען אָפּגעטאָן פון די בעלי־טאַקסע פון קאָראָבקעס, ווי זיי זויגען אויס די לעצטע טראָפּענס בלוט פון דער אָרימער אידישער קלאַס. פיר זיין טאַקסע האָט אַבראַמאָוויטש געהאַט גרויסע רדיפות אין בערדיטשעוו פון תקיפים. ער האָט געמוזט ענטלויפען פון דאָרט און זיך בעזעצען אין זשיטאָמיר. דאָ האָט ער פערפאַסט זיין בעריהמטע ווערק די „קליאַטשע אָדער צער בעלי החיים". אין דיזען ווערק בעשרייבט ער אַ קליאַטשע, וואָס האָט קיין שטאַל ניט וואו איבערצונעכטיגען (דאָס אידישע פאָלק). די בעלי בתים פון שטאָדט (די רוסישע געזעלשאַפט) ט ר י י ב ע ן ז י אַ ר ו י ס און לאָזען זי ניט עסען צוזאַמען מיט זייערע פערד און בהמות, און רייצען אויף איהר אָן הינט און קונדסים (די טשינאָווניקעס). די חברה צער בעלי החיים (די רעגירונג) קען ניט בעשליסען, אויב זי זאָל צולאָזען די קליאַטשע זיך שפּייזען צוזאַמען מיט די שטאָדטישע פערד אָדער מען דאַרף זיי אין גאַנצען

פעריאָגען און קיין שוץ ניט ווייזען איהר. די פראַגע ווערט איבערגעגעבען צו אַ ספּעציעלער קאָמיסיאָן. דערווייל האָבען זיך אַרויפגעכאַפּט צו ריי-מען אויף דעם רוקען פון דער הונגעריגער אויסגעמאַטערטער קליאַטשע די בעלי טובות און די כלל-טוער און פאָהרען אויף איהר פיעל זייער האַרץ גלוסט און שעפּען אוים איהרע לעצטע כוחות. נאָך דער אַלעגאָ-



יהודה ליב גאָרדאָן.

רישער קליאַטשע האָט אַבראַמאָוויטש אָנגעשריבען אַ הומאָריסטישע ער-צעהלונג מיטן טיטעל: „מסעות בנימין השלישי״ (די רייזע פון בנימין דעם 3טען). אין דיזער שפּאַסהאַפטער ערצעהלונג פיהרט ער אַרויף אויף דער סצענע אַ אידישען דאָן קיכאָט און סאַנטשאָ פּאַנצאַ, וועלכע מאַכען אַ רייזע צום טייך סמבטיון אויף אַ שטרעקע צווישען בערדיטשעוו און קיעוו.

פון די 80־ער יאָהרען אָן איז זיין קונסט פיעל פערפאָלקאָמט געוואָרען סיי אין אינהאַלט סיי אין שפּראַך.

אבראַמאָוויטש איז געווען אַ קינסטלער, וואָס האָט געשילדערט דאָס אידישע לעבען ווי עס איז, אָבער די צייט האָט געפאָדערט שרייבער מיט אידעאַלען אין זייערע שילדערונגען. אַזעלכע איז געווען פּ ר ץ ס מ אָ ל ע נ ס ק י ן אין זיינע ראָמאַנען (1842—1885), דער רעדאַקטאָר פון דעם זעהר פּאָפּולערען העברעאישען זשורנאַל „השחר". די ערסטע אידישע קענטניס האָט סמאָלענסקין ערהאַלטען אין אַ ישיבה אין ווייס־רוסלאַנד. נאָכדעם איז ער אַרייגעפאַלען אין אָדעס און אין ווין. אויף איהם אַליין האָבען די צוויי שטעדט ניט געהאַט קיין שלעכטען איינפלוס, אָבער אַרום זיך האָט ער געזעהען סקעלעטען פון געבילדעטע און אָפּפער פון אונוויסענהייט. ער האָט געזעהען, ווי די אידישע יוגענד געהט אַוועק פון זיין פאָלק, פון זיין שפּראַך, ער האָט געזעהען דאָס רעפאָרמירטע יודענטום פון וועסט־אייראָפּאַ, אַ יודענטום, וואָס ענטהאַלט אין זיך גאָרניט פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, און ער האָט געמאַכט אַלס זיין אויפגאַבע צו קעמפען אויף צוויי פראָנטען: מיט דער פאַנאַטישער אָרטהאָדאָקסיע, פון וועלכער ער האָט געפאָדערט פּראָגרעס, און מיט די אַסימילאַטאָרען אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, איבערהויפּט פון דער העברעאישער שפּראַך. „איהר ווילט זיין גלייך מיט אַנדערע פעלקער", טענה'ט ער צו די אַסימילאַטאָרען, „גוט, לאָמיר זיין ווי אַנדערע נאַציאָנען, לאָמיר זיין געבילדעט, לאָמיר זיין גוטע בירגער, אָבער לאָמיר אויך זיין גלייך מיט זיי זיך ניט שעהמען מיט אונזער פערגאַנגענהייט, מיט אונזערע עלטערן, מיט אונזער שפּראַך, מיט אונזערע אַלטערטימער". אין זיין ערסטען ראָמאַן „התועה בדרכי החיים" (1869—1876) פיהרט ער דורך די הויפּט־פּערזאָן פון ראָמאַן אַלע שטופען פון קולטור — פון אַ קליין שטעדטעל אין ווייס־רוסלאַנד ביז לאָנדאָן און פּאַריז, אָבער נאָכדעם ברייגגט ער איהם צום אמת'ן פּראָגרעס און נאַציאָנאַל־געפיהל, און ענדליך שטאַרבט זיין העלד אין אָדעס אין דער צייט פון פּאָגראָם אין 1871, אָפּפערנדיג זיין לעבען פיר זיינע ברידער, די אידען. אויך די אַנדערע ראָמאַנען זיינע: „קבורת חמור", גמול ישרים" או. אנד. שילדערן דעם קאַמף מיט דער אָרטהאָדאָקסיע פון איין זייט און מיט די אַסימילאַטאָרען פון דער אַנדערער זייט. זיינע אידעען האָט ער אויספיהרליך ענטוויקעלט אין זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען: „עם עולם" (1872), און „עת לעשות" (1875—1877). דאָ קעמפט ער מיט די רעפאָרמער און שילדערט מיט העלע פאַרבען די נאַציאָנאַלע אידעע און גרויסע הומאַניטעט,

וואָס די אידישע אַלטע ליטעראַטור ענטהאַלט אין זיך. ער וויזט אויף די וויכטיגקייט פון דער משיח-אידעע אין דער אידישער ליטעראַטור. די אי-דעע, וואָס די רעפאָרמער האָבען אין גאַנצען פערוואָרפען. אין אַלע זיינע שריפטען פערנעהמט די פאָדערונג צו שטודירען די העברעאישע שפּראַך



שלום יעקב אַבראַמאָוויטש.

א זעהר וויכטיגען פּלאַץ. „אָהן העברעאיש איז ניטאָ קיין יודענטום", זאָגט ער. מיט א שטאַרקען שטורם איז ער ארוים געגען מענדעלסאָן'ס אידעע, דאָס אידען זיינען ניט קיין נאַציאָן, נאָר א רעליגיעזע גרופּע. נאָך די פּאָ-

גראָמען אין 1881 איז סמאָלענסקין געוואָרען א הייסער אָנהענגער פון בע-זעצען אידען אין פאַלעסטינא. ליידער איז ער פריהצייטיג געשטאָרבען.

צו דער זעלבער צייט איז געקומען נאָך א לאַנגען אינערליכען קאַמף דער מאַרטירער פון השכלה, משה ליב ליליענבלום (1843—1910). אין זיין געבורט־שטאָדט ווילקאָמיר האָט ער זעהר פיעל געליטען פון די פאַנאַטיקער פיר זיינע פרייע געדאַנקען. דיזע פערפאָלגונגען האָ-בען אין איהם ערוועקט א געדאַנק, אז דאָס יודענטום פאָדערט רעפאָרמעס. אָבער די נעטיגקייט פון רעפאָרמע איז ביי איהם ניט געקומען פון דעם פּרינ-ציפּ צוצופּאַסען זיך צו דער אומגעבונג, ווי אין מערב־איירופּא, נאָר פון דעם טיעפען בעוואוסטזיין, אז דאָס רבנישע יודענטום אין זיין מיטעלאַלט-ליכער פאָרמע איז ניט דאָס ריכטיגע יודענטום. אזוי ווי דער תלמוד אין זיין צייט איז געווען א רעפאָרמע אין יודענטום, וואָס האָט צוגעפּאַסט די רעליגיאָן צום לעבען, אזוי דארפען מיר אויך רעפאָרמירען אונזער יודענטום און צופּאַסען עס צו די פאָדערונגען פון אונזער צייט. דיזע געדאַנקען האָט ער ענטוויקעלט אין א סעריע ארטיקלען, וואָס ער האָט געדרוקט אין „המליץ" אונטער'ן נאָמען: „ארחות התלמוד" (1868—1869). צוליב דיזע ארטיק-לען איז זיין לעבען געווען אין געפאַהר אין ווילקאָמיר און ער איז געווען געצוואונגען אוועק נאָך אָדעס. דאָ האָט ער געדרוקט זיין סאַטירע „קהל רפאים" (1870), אין וועלכער ער שטעלט פאָר, ווי אויף יענער וועלט שימערן אַלע פינסטערע שאָטען־בילדער פון א קליין אידישע שטעדטעל: קהל'ס־לייט, רבנים, גוטע אידען או. אנד. אין אָדעס האָט ער זיך בעקענט מיט די אידען פון טשערנישעווסקי און פּיסאַרעוו און איז געווען בע-וואוסט אַלס ניהיליסט. אָבער אויך דיזע אידעאַלען האָבען איהם ניט בע-פרידיגט און ער האָט דאמאָלס אָנגעשריבען זיין ווערק: „חטאת נעורים" 1876. דאָס איז א טרויעריגע ביאָגראַפיע פון איינעם פון די פיעלע קרבנות פון דעם אידען־קריזיס פון די 60ער יאָהרען. אָבער באַלד נאָכדעם האָט זיך זיין אויפגערעגטע נשמה בערוהיגט. די פּאָגראָם־שרעקען און די נייע פערפאָלגונגען פון אָנהויב פון די 80־ער יאָהרען האָבען גראַדע בערוהיגט די אָנגעוועהטאָגטע נשמה פון ליליענבלום'ען. ער האָט געפונען די לעזונג פון דער אידען־פראַגע אין „חבת ציון" און שפּעטער אין הערצל'ס פּאָליטי-שען ציוניזם.

די אידיש־רוסישע ליטעראַטור האָט אויך דאמאָלס פיעל־זייטיג בע-האַנדעלט דאָס אידישע לעבען און די אידען־פראַגע. מערקווירדיג איז, דאָס די העברעאישע שרייבער זיינען דאמאָלס געווען איבערהויפּט פון לי-

טא, וואו דער נאַציאָנאַל־געפיהל איז געווען שטאַרק ענטוויקעלט און פער־ברייטערט, און די רוסישע שרייבער פון אידען זיינען געווען (מיט אויסנאה־מע פון לעוואַנדאַ'ן) פון זיד־רוסלאַנד, וואו די חסידות פון איין זייט, און די שטרעבונג צו רוסיפיצירען זיך פון דער אַנדערער זייט האָט געהערשט. דער ערסטער, וואָס האָט אָנגעהויבען צו שרייבען וועגען אידען אין רוסלאַנד,



פּרץ סמאָלענסקין.

איז געווען אָסיפּ ראַבינאָוויטש (1817—1869). ער איז גע־ווען אַ בעריהמטער פּובליציסט און נאָוועלען־שרייבער. זיינע ערצעהלונגען: „שטראַפנאָי“ און „נאַסליעדסטווענני פּאָדסוועטשניק“ שילדערן מיט גרויס קונסט די שרעקליכע ליידען פון אידישען פאָלק אין די לעצטע יאָהרען פון

ניקאָלאַי׳ס רעגירונג. דעם קאַמף געגען אידישע רעכטלאָזיגקייט איז געווען געווידמעט זיין גאַנצע פּובליציסטישע טעטיגקייט, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך איידער ער האָט געגרינדעט זיין „ראַזסוויעט”, אין די רוסישע ליבעראַלע צייטשריפטען („רוססקי אינוואַליד”, „אָדעססקי וויעסטניק”). זיין נאָכפאָלגער אין דיזען קאַמף איז געווען אילִיאַ אָרשאַנסקי פון יעקאַטערינאָסלאַוו (1846—1875). אין זיינע אַרטיקלען: „יעווריעאי ו ראָססיאי” (אידען אין רוסלאַנד), „רוסקאַיע זאַקאָנאָדאַטעלסטוואָ אָ יעווריעאַך” (רוסישע געזעצגעבונג וועגען אידען) אנאַליזירט ער די אידישע לאַגע אין רוסלאַנד און די געזעצען וועגען זיי פון דער צייט פון יעקאַטערינאַ דער 2טער ביז אַלכסנדר דעם 2טען, און צייגט אויף, צו וועלכער שטופע זיי זיינען געקומען צוליב זייער רעכטלאָזיגקייט. דאָך האָט ער שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט דעם פּלאַן צו רוסיפיצירען די אידען. דער אָדעסער פּאָגראָם אָבער פון 1871 האָט איהם איבערצייגט, דאָס ער איז געווען אין אַ גרויסען אירטום. אָרשאַנסקי איז געשטאָרבען פון שווינדזוכט אין עלטער פון 29 יאָהר. זיין ארבייט האָבען פאָרטגעזעצט דער אָדעסער יוריסט מ. מאַרגאָליס און אַנדערע.

מעהר קאָמפּליצירט איז געווען די ליטעראַרישע ארבייט פון לעוו לעוואַנדאַ (1835—1885). ער איז ערצויגען געוואָרען אין ווילנער ראַבינער שול, איז געווען אָנפאַנגס לעהרער אין אַ אידישער קאַזיאָנער שולע אין מינסק, נאָכדעם איז ער געוואָרען „אוטשאָני יעווריי” (געלעהרטער איד) ביים ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָר. ער האָט געשריבען איינִיגע ראָמאַנען, אין וועלכע ער שילדערט דאָס אידישע לעבען אין דער ערסטער צייט פון דער השכלה-בעוועגונג. לעוואַנדאַ איז געווען אָנפאַנגס אַ קאָסמאָפּאָליט און איז געווען איבערצייגט, דאָס יעדער איד, וואָס איז פיעל וועניג געבילדעט, איז געוויס אַ קאָסמאָפּאָליט. אַ ביסעל שפּעטער אָבער האָט ער געביטען זיין מיינונג, און האָט אָנגעהויבען צו דענקען, דאָס די אידען מוזען זיך רוסיפיצירען. דיזע אידעע פּראָפּאַגאַנדירט ער אין זיין ראָמאַן „גאָריאַטשעיע ווערעמיאַ” (די „הייסע צייט”, 1871—1872). ער האָט אַ היבש ביסעל חוזק געמאַכט פון די אַלט-מאָדישע אידען אין זיינע סקיצען: „פּייסי מאַיעוואָ מעלאַמעדאַ” (די פּאות פון מיין מלמד) און אַנדערע (1870—1875). דער אידען-האָס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צו ענדע פון די 60ער יאָהרען האָט איהם אָנפאַנגס וועניג בעאונרוהיגט. אָבער דער קריזיס פון 1881 האָט איהם געעפענט די אויגען און ער האָט זיך באַלד איבערצייגט, דאָס זיין גלויבען אין

אסימילאַציאָן איז פאַלש, און צו ענדע פון זיין לעבען איז ער געוואָרען אַן אָנהענגער פון דער פּאַלעסטינישער בעוועגונג.

אנדערס איז עס געווען מעט דעם אידיש־רוסישען שריפטשטעלער ג. באָגראָוו (1810—1885). ער האָט געשטאַמט פון אַ משפחה פון רבנים פון פּאָלטאַווע. זיין בילדונג האָט ער ערהאַלטען אין אַן אַקציזנעם קאַנטאָר. אין 1871—1873 איז ערשינען אין דעם רוסישען זשורנאַל „אָטע-טשעסטווענניא זאַפּיסקי" זיין ווערק „זאַפּיסקי יעווריעא" (זכרונות פון אַ איד־דען), וועלכעס ענטהאַלט אין זיך אַ ביטערע קריטיק אויף דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד אין די צייטען פון ניקאָלאַי דעם 1טען'ס רעגירונג. מיט שוואַר־צע פאַרבען שילדערט ער די מעשים תעתועים פון די אידישע קהל'ס־לייט אין דער צייט פון די נאַבאָרען. דאָס שטעדטעל, וועלכעס ער בעשרייבט, איז אַן אָפּטיילונג פון גיהנם, וועלכער איז פול מיט פערברעכער. אַלס קאָסמאָ־פּאָליט — האָט ער געשריבען צו לעוואַנדאַ'ן — וואָלט ער שוין לאַנג אריבער־געגאַנגען אויף דעם אנדערען ברעג" (זיך ענטזאָגט פון יודענטום), נאָר ער בעדויערט די ביטערע לאַגע פון די 4 מיליאָן אידען, וואָס ליידען אונשולדיגער־הייד פון זייערע פערפאָלגער. אין זיין ווערק „יעווריעסקי מאַנוסקריפּט" (1876) דריקט ער אויס זיין האַס צו די אידישע פערפאָלגער אין כמעלניצ־קי'ס צייטען. אין 1879 האָט ער אָנגעהויבען צו שרייבען אַ ראָמאַן פון דעם לעבען פון דער נייער אידישער יוגענד, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוסלאַנד, אָבער דאָס איז איהם ניט גע־לונגען און דער ראָמאַן איז ניט געענדיגט געוואָרען. ניט לאַנג פאַר זיין טויט האָט ער זיך גע'שמד'ט און איז געשטאָרבען אין אַ רוסישען דאָרף.

פראַנקרייך אין דער צייט פון דער צווייטער רעפּובליק און דער צווייטער אימפּעריע. די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציאָן פון 1848 האָט שטאַרקער געמאַכט די אידישע רעכטען אין פראַנקרייך, וועלכע זיינען ביז דאַמאָלס געווען נאָר אויף'ן פּאַפּיר און זיינען נאָך ניט אַריין אין פּראַקטישען לעבען. די אידען האָבען אָנגעהויבען נעהמען מעהר אָנטייל אין פּאָ־ליטישען לעבען פון לאַנד. אין דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרען נאָך דער רעוואָלוציאָן פון פעברואַר, זיינען געווען צוויי אידישע מיניסטאָרען: אַדאָלף קרעמיע, מיניסטער פון יוסטיץ און מישעל גודשאָ, מיניסטער פון פינאַנסען. אין דער צייט, וואָס קרעמיע איז געווען מיניסטער, האָט ער אָפּגעשאַפט די טויט־שטראָף פיר פּאָליטישע פערברעכענס און בעפרייט די נעגער־שקלאַפען אין די פראַנצויזישע קאָלאָניעס.

גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע פון די אידען אין דער פּראָווינץ פון פראַנקרייך. אויף'ן אַנדערען טאָג נאָך דעם, ווי עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציאָן אין פּאַריז (27טען פעברואַר) האָט אין דעם שטעדטעל ברומאַט, אין עלזאַס, אויסגעבראָכען אַ פּאָגראָם — אַ מחנה בירגער זיינען בעפאַלען אידישע הייזער און האָבען זיי בערויבט. אין אַפּריל 1848 האָבען אויסגע-בראָכען פּאָגראָמען אין די שטעדטלאַך מוטציג און קאַטצענהיים אין עלזאַס. שפּעטער, ווען לואי נאַפּאָלעאָן איז ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט פון דער רעפּובליק (דעצעמבער 1848), האָט מען זיך אין עלזאַס אויך גענומען צו מאַכען פּאָגראָמען אויף אידען, אין בעצירק סונדגאַו, אָבער דער מיניסטער פון אינערן האָט שטרענג בעפוילען דעם פּרעפעקט איינצושטילען די פּאָ-גראָמען. ער האָט איהם געשריבען, דאָס ווען פּערזאָנען בייטען זיך אין דער רעגירונג האָט עס ניט צו טאָן מיט דער אָרדנונג אין לאַנד; דאָס איז אַ פּרינציפּ, וואָס קיין רעגירונג אין דער וועלט קען ניט איגנאָררען. און די פּאָגראָמען האָבען אויפגעהערט.

די קאָנסטיטוציאָן פון נאָוועמבער 1848 האָט אַזוי שטאַרק פּער-פעסטיגט דעם פּרינציפּ פון גלייכע בירגער=רעכטען, דאָס אויך שפּעטער, ווען פראַנקרייך איז געוואָרען אַן אימפּעריע, האָבען אידען פערנומען פיעלע וויכ-טיגע שטעלען אין דער רעגירונג און זאָגאַר אין דער אַרמעע. ווען דער אי-דישער פינאַנץ=מיניסטער גודשאָ האָט רעזיגנירט איז אויף זיין אָרט ערנענט געוואָרען אַן אַנדער איד אַ ש י ל ל פ ו ל ד, אַן איבערגעבענער מאָנאַר-כיסט. וועלכער האָט פיעלע טובות געטאָן נאַפּאָלעאָן דעם 3טען אין 1851, ווען עס איז פּאָרגעקומען די איבערקעהרעניש אין פראַנקרייך, דאָס זי איז געוואָרען פון אַ רעפּובליק אַ מאָנאַרכיע. שפּעטער, ווען די קלעריקאַלען זיי-נען שטאַרקער געוואָרען, האָבען זיי געוואָלט אַרויסטרייבען די אידען פון די לעהר=אַנשטאַלטען, אָבער דער אידישער פּראָפעסאָר אַדאָלף פראַנק האָט ניט דערלאָזען, אַז דיזער פּלאַן זאָל דורכגעהן געזעצליך אין פּאַרלאַמענט. דאָך האָבען די קלעריקאַלען געהאַט גענוג מאַכט ניט צולאָזען אידען אַלס לעהרער אין גימנאַזיומס. די רעגירונג האָט גאָר ניט געטאָן געגען דעם, ווייל איהר האָט זיך ניט געלוינט צו קריגען זיך מיט די גייסטליכע. אָבער אויף אַנדערע געביטען האָבען אידען פערנומען גרויסע שטעלען אָהן שטערונג.

נאָך דעם, ווי די צווייטע אימפּעריע איז געפאַלען און פראַנקרייך איז ווידער געוואָרען אַ רעפּובליק, איז קרעמיע ווידער אַרויף אויף דער סצענע. זינט סעפּטעמבער 1870 איז ער געווען מיניסטער פון יוסטיץ און איז געוואָ-רען איינער פון די וויכטיגסטע מיטאַרבייטער פון גאַמבעטטאַ. אין דיזער

צייט האָט ער פערווירקליכט א גרויסען אַקט פון עמאַנציפּאַציאָן: ער האָט דורכגעפיהרט אַ געזעץ, וועלכעס האָט געגעבען די אידען פון אַלזשיר פולע גלייכע בירגער־רעכטען. דעם 20טען אָקטאָבער 1870 האָט גאַמבעטטאַ מיט אַלע אַנדערע מיטגלידער פון זיין קאַבינעט אונטערגעשריבען דעם אַקט, דאָס די אידען אין אַלזשיר זיינען נאַטוראַליזירטע פראַנצויזען און ווערען בע־קליידט מיט אַלע בירגער־רעכטען, וואָס די פראַנצויזען בעזיצען, און די פיינד־ליכע מאַהמעדאַנער האָבען קיין רעכט ניט צו שאַדען זיי. אָבער דערפאַר האָבען די אידען אין אַלזשיר פערלאָרען זייער רעליגיעזע אויטאָנאָמיע. זיי זיינען געוואָרען אָפּהענגיג אין רעליגיאָן־זאַכען פון פּאַריזער קאָנסיסטאָריע.

דער פּראָצעס פון אסימילירען זיך איז געגאַנגען פאָרווערטס, דער נאַ־ציאָנאַל־געפיהל איז כמעט אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען צווישען די אידען אין פראַנקרייך. דער גיפט פון אסימילאַציאָן האָט פער'סם'ט די בעסטע אידען אין פראַנקרייך. קרעמיע זעלבסט, דער גרויסער איד פון פראַנקרייך, האָט אַליין גע'שמד'ט זיינע קינדער. אין דעם געהירן פון איי־ניגע דענקער האָט נאָך געבלאָנדזעט די טונקעלע אידעע פון אַ אידישער מי־סיאָן פיר די וועלט. דער פילאָזאָפישער היסטאָריקער ס אַ ל וו אַ ד אָ ר האָט ארויסגעגעבען אַ בוך מיט'ן טיטעל: „פּאַריז, רוים און ירושלים" (1860). אין דיזען בוך צוטיילט ער די נייעסטע געשיכטע אין דריי פעריאָ־דען: פּאַריז בעשאַפט די רעוואָלוציאָן (1789—1815), רוים — רעאַקציאָן (1815—1848), און ירושלים — ד. ה. די אידען, וואָס זיינען צושפּרייט אין דער קריסטליכער וועלט — איז גערופען צו שאַפען אַ נייעם טיפּ פון קול־טור, וועלכע וועט פעראייניגען פּאַריז מיט רוים מיט דעם ריינעם גייסט פון דעם ביבלישען יודענטום.

מערקווירדיג איז דער אידישער גייסט. איז עס ניט אַ וואונדער? ווי אַזוי האָבען געקענט די פּאַריזער אידען, וועלכע זיינען געוועזען דורכגעדרונ־גען מיט דעם גייסט פון אַסימילאַציאָן, וועלכע האָבען געגלויבט, דאָס די אידען זיינען יעצט קיין נאַציאָן ניט מעהר — ווי אַזוי האָבען זיי געקענט גרינדען די חברה „אַלליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל" (חברים כל ישראל), וועלכע האָט געהאַט דעם צוועק צו פעראייניגען אַלע אידען אין דער וועלט אום צו בילדען אונגעבילדעטע, צו בעפרייען די גערריקטע און צו אויסווירקען גלייכע בירגער־רעכטען פיר זיי אין אַלע לענדער, וואו זיי האָבען עס ניט? די גרינדער פון דיזער וויכטיגער חברה זיינען געוועזען איזידאָר קאַהאַן, דער רע־דאַקטאָר פון „אַרשיוו איזראַעליט", דער ראַבינער אַסטרוק, פּראָפעסאָר מאַ־נועל, דער אינזשעניער קאַרוואַלאָ, דער אַדוואָקאַט נאַרסיס לעווען (קרעמיע'ס

סעקרעטער), שארל נעטטער, א סוחר. דיזע גרופע כלל־טוער האבען געגרינ־דעט אין פריהלינג פון 1866 די חברה „אלליאנס", וועלכע האט אין א קור־צער צייט, אין פערלויף פון איין יאהר, געצעהלט איבער 850 מיטגלידער, פון וועלכע 700 האבען זיך געפונען אין פראנקרייך און די איבריגע זיינען געווען פון אנדערע לענדער. שפעטער איז די צאהל פיעל גרעסער געווארען, ווייל פון אנדערע לענדער זיינען פיעלע חברים צוגעקומען. אבער אין א קורצער צייט האבען זיך אייניגע חברים ארומגעזעהען, דאס דער אינטערנא־ציאנאלער כאראקטער פון דער אלליאנס איז געגען די פרינציפען פון אסי־מילאציאן, לויט וועלכע עס עקסיסטירט גאר ניט מעהר קיין אידישע נאציאן, נאר די פראנצויזישע אידען זיינען א טייל פון פראנצויזישען פאלק, די דייטשע אידען—פון דייטשען פאלק, די ענגלישע אידען—פון ענגלישען פאלק או. אז. וו. און דעריבער איז באלד די חברה צופאלען אין אייניגע חברות: אין לאנדאן האט זיך געגרינדעט די „אנגלא־דזשואיש אססאסיאיישאן" (ענגליש־אידישע געזעלשאפט) און אין וויען די „איזראעליטישע אלליאנץ".

דער פרעזידענט פון דער אלליאנס פון 1863 ביז 1880 איז געווען אדאלף קרעמיע, וועלכער האט גערעכענט, דאס די הויפט־פליכט פון דער חברה איז אויסצוקעמפען פיר אידען גלייכע רעכטען אין די לענדער, וואו זיי האבען עס נאך ניט. ער האט פראטעסטירט געגען דעם שימפליכען פאקט, דאס רוימישע גייסטליכע האבען מיט גוואלד געטויפט א אידיש קינד (מארטארא). ער האט גע'פועל'ט ביי דער פראנצויזישער רעגירונג ניט צו שליסען מיט דער שווייץ קיין האנדעלס־טראקטאט כל זמן זי וועט ניט געבען די פראנצויזישע אידען דאס רעכט צו האנדלען דארט צוגלייך מיט אלע אנ־דערע פראנצויזען. ער האט דורכגעפיהרט אויף'ן בערלינער קאנגרעס אין 1878, דאס מען זאל צווינגען רומעניען און די באלקאנישע מלוכות זיי זא־לען געבען אידען גלייכע בירגער־רעכטען.

פון דאמאלס אן האט זיך די „אלליאנס" געמאכט אלס אויפגאבע צו בעשעפטיגען זיך הויפטזיכליך מיט פערברייטען בילדונג צווישען די אי־דען אין טערקיי, אזיען און נארד־אפריקא. די „אלליאנס" האט זיך אפגע־זאגט פון איהר פריהערדיגען פראגראם צוליב דעם בילען פון די אידען־פיינד אין פערשיידענע לענדער, וואס האבען אויסגעטראכט, דאס דער צוועק פון „אלליאנס" איז צו העלפען אידען בעהערשען די וועלט. בעזונדערס ביטער און גרויזאם זיינען געווען די בלבולים, וואס דער משומד בראפמאן און די רוסישע אידען־פיינדליכע פרעסע האבען אויסגעטראכט אויף דיזע חברה.

אין דער געשיכטע דאַרף פערשריבען ווערען דיזער מערקווירדיגער פאַקט, דאָס אין דער קאָסמאָפּאָליטישער שטאָדט פון אייראָפּאַ, אין דעם רעכטען ברען פון דער אַסימילאַציאָן אין מערב, האָט זיך אַרויסגעוויזען די אידעע פון אידישער אייניגקייט. דאָ האָט זיך בעוויזען די מאַכט פון היסטאָרישער ענטוויקלונג, וועלכע האָט געפיהרט די בלאָנדזענדע מוחות פון דעם יאָהרהונדערט פון דעם אַנטי־נאַציאָנאַלען דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלען צום נאַציאָנאַלען יודענטום.

די אידישע גלייכבערעכטיגונג אין דער פעראייניגטער איטאַליען. די עמאַנציפּאַציאָן פון די אידען אין איטאַליען האָט געדויערט 22 יאָהר — פון 1848 ביז 1870. אַזוי פיעל האָט אויך געדויערט די פעראייניגונג פון די פערשיידענע טיילען פון לאַנד אין איין גאַנצעס. די אידען האָבען פיעל אַנטייל גענומען אין דער שטרעבונג צו פעראייניגען איטאַליען. די יוגענד האָט געאָפּפערט איהר לעבען אויף'ן שלאַכטפעלד און רייכע האָבען געהאָלפען מיט זייערע קאַפּיטאַלען. די איטאַליענער האָבען אַנערקענט די אידישע הילף און האָבען זיי גלייך געצייגט זייער דאַנקבאַרקייט. אין דער פּראָוויזאָרישער ווענעציאַנישער רעפּובליק זיינען באַלד ערנענט געוואָרען צוויי אידישע מיניסטאָרען: לעאָן פּינקערלע, מיניסטער פון האַנדעל, און איסאַאַק מאַוראָגאָנאַטאָ, מיניסטער פון פינאַנץ. אין ווענעציאַנישען פּאַרלאַמענט פון 1848 זיינען געוואָרען ערוועהלט אַכט אידישע דעפּוטאַטען. אויך אין טאָסקאַניאַ און מאָדענאַ האָבען די אידען לייכט בעקומען גלייכע רעכטען.

אין יאָהר 1848 האָט זיך דער היסטאָרישער ראָד צוריק אַ דרעה געטאָן. ווענעציאַ איז ווידער איבערגעגאַנגען צו עסטרייך און פון די אידען האָט מען צוגענומען די פּאָליטישע רעכטען, וועלכע מען האָט זיי פריהער געגעבען. אויך אין אַנדערע ערטער אין איטאַליען האָט די רעאַקציאָן אַריינגעטראָטען, נאָר ניט אין אַזאַ שאַרפער פאָרמע ווי אין עסטרייך און דייטשלאַנד. אַן אויסנאַהמע אין דיזער הינזיכט האָט געמאַכט פּיעמאָנט, וואו דער ליבעראַלער קעניג וויקטאָר עמאַנועל דער 3טער האָט געהערשט. דאָרט האָט מען פון די אידען ניט צוריקגענומען זייערע רעכטען. דאָרט איז דאַמאָלס געוועזען דער ערסטער מיניסטער דער פּובליציסט מאַססימאָ ד'אַזעליאָ, וועלכער האָט פאַר דער רעוואָלוציאָן אַרויסגעגעבען אַ בראָשורע צו פערטיידיגען די עמאַנציפּאַציאָן. זיין נאָכפאָלגער איז געוועזען דער בעריהמטער קאַוואור, וועלכער האָט געהאַט אַ אידישען סעקרעטאַר **איסאַאַק אַרטאָמאַ**. שפּעטער האָבען אידען פיעל אַנטייל גענומען אין דער פעראייניגונג פון אי־

טאַליען און האָבען אונטער גאַריבאַלדי'ן געקעמפּפט אויף די שלאַכטפעלדער. און אין 1861, ווען וויקטאָר עמאַנועל איז ערקלערט געוואָרען קעניג פון גאַנץ איטאַליען, האָבען אידען בעקומען איבעראַל אין איטאַליען גלייכע רעכ־טען. אין 1866 איז ווענעציאַ אָפּגענומען געוואָרען פון עסטרייך, און די אידען האָבען אויך דאָרט, אונטער דער הערשאַפט פון איטאַליען בעקומען גלייכע רעכטען. נאָר רוים איז נאָך געבליבען אונטער'ן פּאַפּסט ביז דעם יאָהר 1870. די געשיכטע פון אידען אין רוים אין די 29 יאָהר, פון 1848 ביז 1870, שטעלט פאָר דעם לעצטען אַקט פון אַ לאַנגער טראַגעדיע פון אי־דישען פאָלק.

אין פריהלינג פון 1848 איז דער פּאַפּסט פּיאוס דער 9טער נאָך גע־ווען אונטער דעם צויבער פון ליבעראַלען גייסט, וועלכער האָט ערוועקט אין איהם דעם וואונש צו טאָן גוטעס צו אידען. וואָס זיינען געווען פער־שפּאַרט אין געטאָ. אין רוים האָט דאַמאָלס געבלאָזען דער ווינט פון פריי־הייט. אידישע יונגע לייט זיינען געלאָפען אַלס וואָלונטירען צום שלאַכט־פעלד צו שטרייטען פיר די פרייהייט פון איטאַליען. דער פּאַפּסט האָט זיך געוואָלט בענוצען מיט דער יום־טוב'דיגער בעגייסטערונג, וואָס האָט דאַ־מאָלס געהערשט אין רוים, און האָט בעשלאָסען מאַכען די אידען אַן איבער־ראַשונג. דאָס איז געווען פּסח צום סדר, ווען די אידען אין דעם געטאָ זיי־נען געזעסען אויף זייערע הסבה־בעטען און געזאָגט די הגדה. פּלוצלינג האָבען זיי דערהערט ווי מען שטורמט מיט העק און האַמערס די ווענט און די טויערן פון דעם געטאָ. די אידען האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען, טראַכ־טענדיג, דאָס עס איז אַן איבערפאַל פון דעם רוימישען פאַנאַטישען המון, ווי עס פלעגט זעהר אָפט פאָרקומען אין דער סדר־נאַכט. אָבער באַלד האָ־בען זיי זיך איבערצייגט, דאָס רוהיגע ארבייטער אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאַפּסט'ס פּאָליציי ברעכען די ווענט פון דעם געטאָ אום די אידען זאָ־לען קענען און מעגען פראַנק און פריי געהן און וואוינען אין אַלע טיילען פון שטאָדט.

אָבער די קאָנסטיטוציאָן, וואָס פּיאוס דער 9טער האָט ארויסגעגעבען, האָט ניט צופרידען געשטעלט רוים. אין נאָוועמבער 1848 האָט אויסגעבראָ־כען אין רוים אַ רעוואָלוציאָן און אין פעברואַר 1849 איז געגרינדעט געוואָ־רען אַ רעפּובליק און דער בעריהמטער מאַצציני איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער רעגירונג. די רעגירונג האָט אָנערקענט פיר אידען גלייכע רעכטען. באַלד זיינען דריי אידען ערוועהלט געוואָרען צו זיצען אין מאַגיסטראַט פון דער שטאָדט רוים. איינער פון דיזע איז געווען דער פּרנס פון דער אידי־

שער געמיינדע שמואל אלאטרי. אבער באלד האבען אנארכיסטען אנגעהויבען צו רויבען און מארדען, און די פראנצויזען האבען בעלאגערט די שטאדט אום צו העלפען דעם פאפסט צוריק ווערען הערשער אין רוים, און האבען גענומען די שטאדט מיט שטורם (יוני 1849). די נייע הערשער פון די קארדינאלען האבען שטרענג בעשטראפט די רעפובליקאנער און בעזונדערס די אידען.

אין אפריל 1850 איז דער פאפסט פיאוס דער 9טער צוריק אריין אין רוים, בעהערשט פון א גאנץ נייעם גייסט — פון א גייסט פון נקמה. קיין שפור פון פריהערדיגען ליבעראליזם. די אידען האט ער אנגעהויבען שרעקליך פערפאלגען דערפאר, וואס זיי זיינען ניט צופרידען געוועזען מיט דעם חסד, וואס ער האט צושטערט די ווענט פון דעם געטא, און האבען געוואלט פולע גלייכע רעכטען. ער האט צוריק אויפגעשטעלט די מויערן פון דעם געטא, און האט געשאפען פיר אידען א נייע רייהע פון בעשרענקונגען. איבערהויפט האבען זיך די קלעריקאלען גענומען צו שמד'ן אידען און בעזונדערס יונגע קינדער. עס איז גענוג געוועזען, ווען א קריסטליכע דינסט אין א אידישען הויז האט געזאגט, דאס זי האט בעשפריצט א אידיש-קינד מיט טויף-וואסער, אז דאס קינד זאל מיט גוואלד אפגענומען ווערען פון די עלטערן און אריינגעגעבען ווערען אין א מאנאסטיר צו ערציהען אלס קריסט. איינער פון אזעלכע פעלען האט אין יענער צייט אויפגערודערט גאנץ אייראפא — דאס איז געווען די געשיכטע מיט דעם אידישען קינד מ א ר ט א ר א.

אין יוני 1858 האט זיך אריינגעריסען אן אפטיילונג פון פאפסט'ס זשאנדארען אין דאס הויז פון דעם אידען מארטארא און האט צוגענומען פון איהם זיין 6-יעהריגען אינגעל עדגאר און האט איהם אוועקגעפיהרט אין א מאנאסטיר. די אורזאך דערפון איז געווען, דאס א קריסטין, וואס האט געדינט ביי מארטארא'ן, האט דערצעהלט דעם גייסטליכען, פאר ווען זי האט זיך מתודה געווען, דאס איין מאל, ווען דאס קינד איז קראנק געווען, האט זי איהם בעשפריצט מיט שמד-וואסער אום צו רעטען זיין זינדיגע נשמה. און דעריבער האט מען איהם יעצט צוגענומען און אוועקגעפיהרט אין מאנאסטיר. פון די צייטונגען איז די שענדליכע געשיכטע בעוואוסט געווארען אין אלע אייראפעאישע לענדער און פון איבעראל האט מען פראטעסטירט געגען אזא שרעקליכען אונרעכט. די גרעסטע מענשען אין אייראפא, זאגאר קעניגען און קיסרים, ווי נאפאלעאן דער 3טער און פראנץ יאזעף, האבען געבעטען דעם פאפסט פיאוס דעם 9טען ער זאל נעהמען אין בעטראכט די מיינונג פון דער וועלט. אבער עס האט קיין זאך ניט געהאלפען.

די מאנאכען האבען גענעבען דעם אינגעל מארטארא אזא סארט ערציהונג, דאס ווען ער איז אויסגעוואקסען איז ער געווארען א מיסיאנער און האט שרעקליך פערהאסט דאס יודענטום.

ביי אזא שנאה פון פאפסט צו אידען איז ניט געווען צו דענקען וועגען דער פערבעסערונג פון זייער לאגע. גאנץ איטאליען איז שוין געווען פריי אונטער דער ליבעראלער הערשאפט פון קעניג וויקטאר עמאנועל, אויסער די שטאדט רוים. דא האט נאך געהערשט פינסטערניס, ווי אין מיטעלאלטער. אבער עס איז אנגעקומען דאס יאהר 1870 און האט געמאכט אן ענד אויך צו דער דעספאטישער הערשאפט פון פאפסט. דעם 20טען סעפטעמבער, ווען די מלחמה צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד איז געווען אין פולען גאנג, און די פראנצויזען האבען ניט געקענט העלפען דעם פאפסט, איז דאס איטאליענישע מיליטער אריין אין רוים און האט געמאכט אן ענדע צום פאפסט'ס הערשאפט, וועלכע איז געווען בעפלעקט מיט שרעקליכע פערברעכענס אין פערלויף פון פיעלע יאהרהונדערטער, און רוים איז געווארען די רעזידענץ פון דער איטאליענישער ממשלה, וועלכע האט באלד געגעבען די אידען בירגערליכע און פאליטישע רעכטען. דעם 25טען סעפטעמבער האבען די אידען פון רוים צוגעשטעלט צום קעניג וויקטאר עמאנועל אן אדרעס, אין וועלכען זיי האבען בעגריסט זיין זיג אלס „איטאליענער, רוימער און אידען". „דאס ווארט א י ד ע ן , שרייבען זיי אין אדרעס, „געברויכען מיר יעצט צום לעצטען מאל. אין דעם מאמענט, וואס מיר געהען איבער צו דער הייליגער בירגערליכער גלייכהייט, איז דאס א פליכט פון דאנקבארקייט; אונטער דעם סצעפטער פון אייער מאיעסטעט וועלען מיר פון היינט אן, אויסערהאלב אונזער סינאגאגע, האבען בלויז אין זינען, דאס מיר דארפען זיין איטאליענער, קיין אנדער זאך". דאס איז געווען א זעהר שקלאפישער אויסדרוק, ווייל עס איז ניטא אזא זאך, וואס זאל ווערט זיין אלס דאנקבארקייט זיך צו ענטזאגען פון זיין נאציאן.

אין אנהויב פון מאנאט אקטאבער האט א דעפוטאציאן פון דער שטאדט רוים איבערגעגעבען דעם קעניג דעם בעשלוס און די הסכמה פון פאלק צו פעראייניגען רוים מיט דעם לאנד. צווישען די דעפוטאטען איז אויך געווען דער אידישער פארשטעהער שמואל אלאטרי. דעם 13טען אקטאבער האט דער קעניג ארויסגעגעבען א דעקרעט וועגען אפשאפען אלע בעשרענקונגען, פון וועלכע די אידען האבען געליטען, און דערמיט זיי געמאכט פיר בירגער מיט אלע רעכטען. דאס זעלבע האט געטאן דער פארלאמענט (15טען דעצ.). די אידען האבען באלד אנגעהויבען בעזעצען זיך אין אלע טיילען פון

שטאָדט, און אין געטאָ זיינען פערבליבען נאָר די גאַנץ אָרימע. אָבער דאָס האָט פיעל געשאַדט צום געמיינדע־פערבאַנד. יעדער האָט געזאָרגט נאָר פיר זיך און האָט באַלד פערגעסען די געמיינדע־אינטערעסען. די אַסימילאַציאָן האָט זיך געשטאַרקט צווישען די אידען און דאָס וואָרט „איד" האָט ווירקליך אָנגעהויבען פערגעסען ווערען צווישען אידען, ווי זיי האָבען עס פער־שפּראָכען דעם קעניג. דער נאַציאָנאַל־געפיהל איז האַלב אָפּגעשטאָרבען אין זיי ביז — אַ נייער אַקט וועט זיי רופען צום אויפלעבען דעם נאַציאָנאַל־גע־פיהל, אַ זאַך, וואָס וויעדערהאָלט זיך זעהר אָפט אין דער אידישער געשיכטע.

דער לעצטער שריט אין דער דורכפיהרונג פון אידישער פּאָלי־טישער עמאַנציפּאַציאָן אין ענגלאַנד. די עמאַנציפּאַציאָן פון די אידען אין ענגלאַנד איז איינינע יאָהר געהאַנגען אין דער לופט און האָט ניט געקענט פערווירקליכט ווערען אין דער פּראַקטיק צוליב אַ קלייניגקייט — צוליב אַ פּאָאָר ווערטער אין דעם נוסח פון דער שבועה. דאָס פאָלק האָט ערוועהלט אידען אַלס דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט, אָבער דאָס הויז האָט געפאָדערט דער ערוועהלטער זאָל ענדיגען די שבועה מיט די ווערטער: „איך שווער לויט דעם אמת'ען גלויבען פון אַ קריסט". אַזוי האָט געטראָפען מיט ראָטה־שילד'ן אין לאָנדאָן: דאָס פאָלק האָט איהם ערוועהלט, דער פּאַרלאַמענט האָט געפאָדערט דעם אַלטען נוסח פון דער שבועה, ראָטהשילד האָט אַזוי ניט געוואָלט שווערען, און מען האָט איהם ניט צוגעלאָזען פערנעהמען זיין אָרט. די ליבעראַלע דעפּוטאַטען האָבען פיעלע מאָל אַריינגעגעבען אַ ביל מען זאָל ענדערן דעם נוסח פון דער שבועה, אָבער די קאָנסערוואַטיווע דע־פּוטאַטען האָבען פערוואָרפען דעם ביל. דאָס זעלבע איז געווען מיט אַן אַנדערען ערוועהלטען אידישען דעפּוטאַט, סאַלאָמאָנס. דיזער האָט גענומען די שבועה, אָבער ער האָט דורכגעלאָזען די ווערטער: „לויט דעם אמת'ן גלויבען פון אַ קריסט". דער ספּיקער האָט איהם געהייסען פערלאָזען דעם פּאַרלאַמענט, סאַלאָמאָנס האָט אָבער ניט געוואָלט געהן ביז אַ בעאַמטער האָט איהם אָנגענומען פיר'ן האַנט אַרויסצופיהרען. די עפענטליכע מיינונג איז געווען געגען דער האַרטנעקיגקייט פון די קאָנסערוואַטיווע דעפּוטאַטען אין לאָנדאָן. ענדליך נאָך 7 יאָהר איז אָנגענומען געוואָרען דער ביל מען זאָל ענדערן דעם נוסח פון דער שבועה פיר אידען און אין 1858 איז ראָטה־שילד צוגעלאָזען געוואָרען צו זיין זיץ אין פּאַרלאַמענט. די שבועה האָט ער געענדיגט מיט די ווערטער: „אַזוי זאָל מיר גאָט העלפען". שפּעטער, אין 1859, איז סאַלאָמאָנס וויעדער ערוועהלט געוואָרען אַלס דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט און ער איז דעם מאָל צוגעלאָזען געוואָרען צו זיין זיץ אָהן אַ

קאַמף, אָבער יעדען מאָל האָט בעדאַרפט זיין אַ בעזונדער רעזאָלוציאָן פון פּאַרלאַמענט מען זאָל ערלויבען ארויסלאָזען די ווערטער פון דער שבועה, וואָס אידען האָבען פיר קיין פאַל ניט געוואָלט זאָגען. ערסט אין 1862 איז דער נוסח פיר אידען אין גאַנצען אָפּגעשאַפט געוואָרען מיט דער הסכמה פוןביידע אָפּטיילונגען פון פּאַרלאַמענט. פון דאַמאָלס אָן זיינען די אידען פון ענגלאַנד געוואָרען די וויכטיגסטע ארבייטער אין דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק. די אידען אין ענגלאַנד האָבען אָנגעהויבען צו פערנעהמען זעהר וויכטיגע שטעלען אין דער רעגירונג. אייניגע אידען האָבען פערנומען די שטעלע פון לאָרד מעיאָר אין לאָנדאָן. דער 1טער אידישער לאָרד מעיאָר איז געווען דער אויבען־דערמאָהנטער דוד סאָלאָמאָנס. אידען האָבען פערנומען וויכטיגע שטעלען אויך אין פערשיידענע מיניסטאָרען־קאַבינעטען.

אין אינערען לעבען פון דער אידישער געמיינדע אין ענגלאַנד האָט די פולע עמאַנציפּאַציאָן קיין וויכטיגע ענדערונג ניט געמאַכט. עס איז אַ בייסעל שטאַרקער געוואָרען דער וואונש צו אסימילירען זיך, אָבער דער וואונש איז ניט געגאַנגען צו ווייט. אין אַלגעמיין איז די קהלה געבליבען אָרטהאָדאָקסיש. דער אויבער־ראַבינער, ר׳ נתן אדלער, איז געבליבען דער איינציגער אויבער־ראַבינער איבער אַלע אידישע סינאַגאָגען און געמיינדען — די אָרטהאָדאָקסישע און רעפאָרמירטע. די פרייערע רעפאָרמירטע אידען האָבען געגרינדעט די „ענגלאָ־דזשואיש אססאָסיאיישאָן”, וועלכע האָט געהאַט די זעלבע שטרעבונג, וואָס די פּאַריזער „אלליאַנס” האָט געהאַט—צו בעשיצען די אידען אין די ערטער, וואו זיי ווערען פערפאָלגט.

די ענגליש־אידישע ליטעראַטור פון דער צייט האָט קיין וויכטיגעס ניט געגעבען. אַ קריסטין געהערט דער דאַנק פיר בעשאַפען אייניגע מייסטערהאַפטע בילדער, וואָס זיינען אָנגעהויכט מיט גרדאַנקען וועגען דעם שיקזאַל פון יודענטום. ווי באַיראָן האָט אַמאָל אויסגעגאָסען די בענקשאַפט פון דער צושפּרייטער נאַציאָן אין זיינע „אידישע מעלאָדיען”, אַזוי האָט די ענגלישע ראָמאַניסטקע ד ז ש אָ ר ד ז ש ע ל י אָ ט פּערעוויגט די נאַציאָנאַלע האָפנונגען פון אידישען פאָלק אין איהר בעריהמטען ראָמאַן „דניאל דעראָנדאַ” (1876). זי איז גוט בעקאַנט געווען מיט דער אידישער געשיכטע, אין וועלכער זי האָט געפונען אַ גאַנצע וועלט מיט אידעאַלען, וואָס זי האָט ניט בעגעגענט אין דער געשיכטע פון וועלכער עס איז אַנדערער נאַציאָן. זי האָט בעוואונדערט דאָס אידישע מאַרטירערטום און די טויזענדער־יעהריגע האָפנונג צוריק אויפצולעבען. די העלדען פון איהר ראָמאַן זיינען אַ אידישע מיידעל, וועלכע געפינט זיך אין אַ קריסטליכער געזעלשאַפט און שטאָלצירט



דזשאָרדזש עליאָט.

מיט איהר נאַציאָנאַליטעט, און אַ איד, אַן ענטהוזיאַסט, וועלכער איז בעגייסטערט פון דעם געדאַנק, דאַס עס וועט און מוז קומען די צייט, ווען דאַס אידישע פאָלק וועט צוריק אויפלעבען אין דער אַלטער היים, אין פּאַלעסטינאַ. אין איהר אַרטיקעל „די אידען און זייערע געגנער" (1880) פערטיידיגט זי די אידישע נאַציאָנאַל־אידעע. זי זעהט די גרויסקייט פון יודענטום אין דעם, דאַס אין פערלויף פון טויזענדער יאָהרען האָבען די בעסטע אידישע מענער אָנגעוועגדעט אַלע זייערע קרעפטען אום אויפצוהאַלטען דעם אידישען נאַציאָנאַל־געפיהל און ניט דערלאָזען, דאַס די אידען זאָלען זיך צוזאַמענשמעלצען מיט אַנדערע פעלקער.

די געצוואונגענע עמאַנציפּאַציאָן אין דער שווייץ. סקאַנדינאַוויען. זעהר שווער איז אָנגעקומען צו קריגען גלייכע רעכטען די אידען אין דער פרייער שווייץ. איבערהויפּט האָבען די אידען דאָ געליטען אין איין קאַנטאָן, אין אַארגאַו. און אויך דאָ נאָר אין צוויי שטעדט: אין ענדינגען און אין לענגנאַו. דאָ האָבען געהערשט די געזעצען פון 1809, לויט וועלכע די אידען האָבען קיין בירגער־רעכט ניט געהאַט. אויך די נייע קאָנסטיטוציאָן פון 1848 האָט ניט פערבעסערט זייער לאַגע. די אידען האָבען דאָ לאַנג געקעמפט פיר גלייכבערעכטיגונג, און ערסט אין 1856 האָט מען זיי געגעבען פולע רעכטען. לויט דיזע רעכטען האָבען אידען געמעגט ערוועהלט ווערען אַלס דעפּוטאַטען אין די פערשיידענע ראַטען. אָבער די קריסטליכע בעפעלקערונג איז געווען געגען דעם. איבערהויפּט זיינען געווען געגען דעם די קלעריקאַלען. ענדליך האָט די רעגירונג געשיקט אַ קאָמיסאַר אין ענדינגען צו מאַכען אַן ענדע צו דער אונגעזעצליכקייט געגען די אידען, אָבער די קריסטליכע בעפעלקערונג האָט געוויזען מעהר אונצופרידענהייט מיט דעם בעשלוס פון דער רעגירונג און האָט געבראָכען אידישע פענסטער אין דעם שטעדטעל (1861). די רעגירונג האָט קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט די סקאַנדאַלען פון די פינסטערלינגען און האָט די זאַך איבערגעגעבען דעם פּאַרלאַמענט פיר ענטשיידונג (15טען מאַי 1862). עס האָבען זיך אָנגעהויבען דעבאַטען וועגען דעם. איין דעפּוטאַט (הערצאָג) האָט געהאַלטען אַ רעדע וועגען געבען אידען גלייכע רעכטען. ווען אייניגע האָבען איהם געסטראַשעט, דאַס מען וועט איהם מאַכען אויס דעפּוטאַט דערפאַר, האָט ער געענטפערט, דאַס ער וועט דאַן זיין גאַנצען לעבען עס רעכנען פיר אַ גרויסע עהרע. אייניגע האָבען גע׳טענה׳ט, דאַס די קריסטען בעטען ניט צוזאַמען מיט די אידען, האָט אַן אַנדער דעפּוטאַט (קעללער) געענטפערט: „עס איז ניט אמת, מיר בעטען צוזאַמען מיט די אידען די זעלבע פּסאַלמען (קאַפּיטלאַך תהלים)".

די ענדע פון דיזער דעבאַטע איז געווען, דאָס 113 דעפּוטאַטען זיינען געווען פיר געבען אידען גלייכע רעכטען און נאָר צוויי זיינען געווען געגען דעם.

אָבער די אידישע שונאים האָבען ניט גערוהט ביז זיי האָבען אויסגע-פיהרט זייער פּלאַן, מען זאָל מבטל זיין די וואַהלען פון די דעפּוטאַטען, וואָס האָבען געגעבען זייערע שטימען פיר די אידישע רעכטען און מען זאָל אָרד-נען נייע וואַהלען. די נייע דעפּוטאַטען האָבען בעשלאָסען איבערגעבען די זאַך צו דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג. אין נאָוועמבער 1862 האָט די נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג געשטימט וועגען דיזער פראַגע און דער רע-זולטאַט איז געווען, דאָס 26,702 שטימען זיינען געווען געגען געבען אידען גלייכע רעכטען און בלויז 7,733 שטימען זיינען געווען דאַפיר (27טען יוני 1863). דאָס האָט געמאַכט אַ רושם צווישען די ליבעראַלען און אויך אין אויסלאַנד. דער ראַבינער מ. קייזערלינג און די אידישע פאָרשטעהער האָ-בען זיך געווענדעט צום בונדעסראַט פון דער שווייץ מיט אַ ביטע ער זאָל ניט אַנערקענען דעם בעשלוס פון דער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג, ווייל איהר האַנד-לונג איז געגען דער קאָנסטיטוציאָן פון לאַנד, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָ-רען אין 1856. די ביטע איז אָנערקענט געוואָרען אַלס גערעכטע און דער בונדעסראַט האָט בעפוילען דעם קאַנטאָן אַאַרגאַו ניט שטערען די אידען אין זייערע רעכטען. אָבער דערמיט האָט עס זיך נאָך ניט געענדיגט. עס זיי-נען נאָך געווען וויטערע שטערונגען. די ענדליכע עמאַנציפּאַציאָן איז גע-קומען אַ ביסעל שפּעטער און הויפּטזיכליך אונטער דעם דרוק פון אינטער-נאַציאָנאַלע פאָדערונגען.

די שווייץ האָט שוין פריהער געהאַט פיעלע צרות צוליב איהרע שלעכ-טע בעהאַנדלונגען פון די אידען. שוין אין 1835 האָט פראַנקרייך אָפּגע-בראָכען איהרע געשעפטס-פערבינדונגען מיט'ן באַזעלער קאַנטאָן צוליב דעם, וואָס דיזער קאַנטאָן האָט ניט געוואָלט געבען פראַנצויזישע אידען גלייכע רעכטען. אין 1850 איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג צווישען דער שווייץ און די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ פיר די זעלבע זאַך. די דיפּלאָ-מאַטישע פערהאַנדלונגען האָבען זיך לאַנג געצויגען, און דערווייל האָט זיך געמאַכט, דאָס אויך האָללאַנד האָט אָנגעהויבען פאָדערן פון דער שווייץ פיע-לע רעכטען פיר איהרע אידען דאָרט. אין 1863 האָט די האָללענדישע רע-גירונג זיך אָפּגעזאָגט צו שליסען מיט דער שווייץ וועלכען עס איז האַנדעלס-אָפּמאַך, ביז זי וועט געבען די האָללענדישע אידען דאָרט פולע רעכטען. די שווייצערישע רעגירונג האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען. דאַן איז פראַנקרייך אַרויס מיט אַ פאָדערונג צו געבען איהרע אידען אין דער שווייץ גלייכע רעכ-

טען, דראָהענדיג, דאָס זי וועט אָפּברעכען איהרע פערבינדונגען מיט איהר. דאָס וואָלט געווען אַ טויט־קלאַפּ פיר די שווייץ. די שווייצערישע רעגי־רונג איז שוין געווען בערייט נאָכצוגעבען די פראַנצויזישע פאָדערונגען. אָבער די רעגירונג האָט זיך ארומגעזעהן, דאָס עס וואָלט געווען אַ שרעקליכער אונ־זין צו געבען פרעמדע אידען רעכטע און די אייגענע אידען זאָלען בלייבען ביי זייער פריהערדיגען צושטאַנד. דער פּרעזידענט פון דער שווייצערישער רעפּובליק דובס האָט דאַמאָלס (1864) אין אַ רעדע אויסגעשריען: „מיט שאַנדע דאַרפען מיר מודה זיין, דאָס אין דער אידישער פראַגע שטעהען מיר אַליין, אָדער — וואָס איז נאָך ערגער — אין קאָמפּאַניע (ער האָט דאָ גע־מיינט רוסלאַנד). מיר זיינען געוואָרען צו שפּאָט אין דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט און מען הערט אויף אונז צו רעספּעקטירען". דאַמאָלס האָבען אַלע אָנערקענט, דאָס מען מוז אין דער שווייץ איבערמאַכען די קאָנסטיטו־ציאָן צוליב דער אידען־פראַגע. און ווירקליך, אין יאַנואַר 1866 האָט די נאַ־ציאָנאַל־פערזאַמלונג בעשטימט צו געבען די אידען אין דער שווייץ רעכט צו וואוינען אין אַלע קאַנטאָנען, און מען האָט פון זיי ארונטערגענומען אַלע בעשרענקונגען. אָבער אויך נאָך דעם האָבען זיך געפונען פיעלע, וואָס זיינען געווען געגען געבען אידען גלייכע רעכטען.

גאַנץ אַנדערש איז עס פאָרגעקומען אין די דריי לענדער פון סקאַנ־דינאַוויען. אין דענעמאַרק האָבען די אידען גרינג בעקומען גלייכע רעכטען. שוין אין 1814 האָט דער קעניג פריעדריך דער 6טער ארויס־געגעבען אַ דעקרעט, דאָס די אידען, וואָס זיינען אָנגעקומען אהין פון דייטש־לאַנד און האָבען זיך בעזעצט אין קאָפּענהאַגען, זאָלען האָבען וואוינרעכט אין גאַנץ דענעמאַרק און זיך בעשעפטיגען מיט האַנדעל און אַלערליי האַנטווערק אָדער פאַבריקאַציאָנען אָהן שום שטערונגען. דענעמאַרק האָט אָבער דערפאַר געפאָדערט פון דער אידישער געמיינדע זי זאָל צופּאַסען איהר לעבען און די קינדער־ערציהונג צו די אומשטענדען פון לאַנד. די אידען האָבען זיך דאָרט גערופען אין די אָפיציעלע דאָקומענטען „מאָזאאיסטען", דאָס הייסט אָנהענ־גער פון משה׳ס לעהרע. זיי זיינען געקומען אין דענעמאַרק פון דייטשלאַנד און זיי איז ניט שווער אָנגעקומען זיך צופּאַסען צו דער דענעמאַרקישער קולטור, וועלכע איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער דייטשער. די אידישע געמיינדע אין דענעמאַרק איז געווען אַ טיפּ פון דער דייטש־אידי־שער רעפאָרם־געמיינדע. קאָפּענהאַגען איז געווען אַ קליינע אידישע בער־לין, מיט דעם אונטערשייד, דאָס זי האָט ניט ארויסגעגעבען קיין גרויסע אי־דישע מענער אין וויסענשאַפט און ליטעראַטור. דער איינציגער וויכטיגער

שריפטשטעלער פון אידען אין דענעמארק איז ג ע אָ ר ג ק אָ ה ע ן ב ר אַ נ ד ע ס (1842), וועלכער איז אָנערקענט אַלס דער גרעסטער קרי־טיקער פון אַלע ליטעראַטורען אין דער וועלט אויסער דער העברעאישער, וועלכע ער האָט ניט געקאָנט און האָט ניט געוואָלט קענען.

פיעל לאַנגזאַמער און שווערער איז עס צוגעגאַנגען מיט דער אידישער גלייכבערעכטיגונג אין ש וו ע ד ע ן און נ אָ ר וו ע ג ע ן. אין שווע־דען האָט אָנגעהויבען געבען די אידען גלייכע רעכטען דער קעניג קאַרל דער 14טער. אין 1838 האָט דיזער קעניג אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט, דאָס די אי־דען, וואָס האָבען געהאַט רעכט צו וואוינען נאָר אין פיער שטעדט (סטאָק־האָלם, גאָטענבורג, נאָרקעפּינג, קאַרלסקראָגע), זאָלען האָבען דאָס רעכט צו וואוינען אין גאַנצען לאַנד, זיך איבעראַל בעשעפטיגען מיט וואָס זיי ווילען, נאָר ווען זיי ווילען ערווערבען ערד־אייגענטום, זאָלען זיי יעדען מאָל דאַר־פען האָבען אַ בעזונדער ערלויבנים פון קעניג. אָבער עס האָבען זיך גע־פונען אידען־פיינד, וואָס האָבען פּראָטעסטירט געגען דעם קעניג׳ס דע־קרעט, ווייל ער איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אָהן דער צושטימונג פון פאָלק. דער קעניג איז געווען געצוואונגען צוריקרופען זיין דעקרעט, און די אידען זיינען געבליבען ביי זייער פריהערדיגער רעכטלאָזיגקייט. אין נאָרוועגען איז די זאַך נאָך ערגער געווען. דאָרט איז אין דער קאָנסטיטוציאָן געווען אַ געזעץ, דאָס די אידען האָבען זאָגאַר קיין רעכט ניט אריינצופאָהרען אין לאַנד. דער פּאָעט וו ע ר ג ע ל אַ נ ד, אַ דעפּוטאַט פון סטאָרטינג (פּאַר־לאַמענט), האָט געטאָן אַלעס מעגליכעס צו ווירקען מען זאָל אָפּשאַפען דאָס געזעץ, אָבער ער האָט גאָר ניט געקענט דורכפיהרען. ערסט אין 1848 האָ־בען שוועדען און נאָרוועגען אָנגעהויבען געבען אידען גלייכע רעכטען אין זעהר קליינע דאָזעס. אין 1860 האָט די שוועדישע רעגירונג ערלויבט אי־דען צו ערווערבען ערד־אייגענטום אין די דערפער. אין 1865 האָבען זיי בעקומען דאָס רעכט צו ערוועהלען דעפּוטאַטען פון זיך אין ריקסדאַג (רייכס־טאָג), אָבער אויך דאַן זיינען נאָך געבליבען אייניגע בעשרענקונגען, פון וועל־כע איינע איז געווען, דאָס אַ איד האָט ניט געטאָרט זיין אַ מיטגליד פון דעם אויבערהויז פון דעם ריקסדאַג. אין גאַנצען האָבען זיך געפונען אין שווע־דען אידען 3,000, וועלכע האָבען געוואוינט אין סטאָקהאָלם און גאָטענבורג. אין קולטורעלער הינזיכט זיינען זיי נאָכגעגאַנגען די אידען פון דייטשלאַנד.

רומעניען און די נייע באַלקאַנישע מלוכות. איז 1848 איז די געבילדעטע קלאַסע אין רומעניען געווען דורכגעדרונגען מיט קאָנסטיטוציאָ־נעלע אידעען. די רומענישע יוגענד, וואָס האָט זיך געלערנט אין פּאַריז,

האָט געלעגט דעם יסוד צו דיזער בעוועגונג. אויך מאַנכע אידען, ווי צ. ב. דער אידישער קינסטלער דניאל ראָזענטהאַל, האָבען אָנטייל גענומען אין דיזער בעוועגונג. אין דעם פּראָגראַם פון דיזער פּאַרטיי איז געווען: גלייכע רעכטען פיר אַלע בירגער, אויך פיר אידען. נאָר רוסלאַנד און טערקיי האָבען געשטערט זייערע פּלענער. נאָך דעם קרימער קריג האָט זיך אָנגעהויבען אַ בעוועגונג אין רומעניען צו פעראייניגען מאָלדאַוויע און וואַלאַכיע מיט דומעניען. אין 1859 האָבען זיך דיזע פירסטענטימער פעראייניגט אונטער דער הערשאַפט פון דעם ליבעראַלען פירססט קוזאַ. דיזער פירסט האָט זיך גענומען צו בעפרייען די לייבאייגענע פּויערים און געבען אידען גלייכע רעכטען, אָבער דער פּאַרלאַמענט, וועלכער איז בעשטאַנען פון גוטס-בעזיצער, זיינען געווען געגען דער רעפאָרמע פון די פּויערים, און דער פירסט האָט צוליב דעם אויפגעלעזט דעם פּאַרלאַמענט (1864). קוזאַ האָט געזוכט מיטלען צו פערשטאַרקען זיין לאַגע. ער האָט זיך גענעטיגט אין געלט. ווען אַ אידישע דעפּוטאַציאָן האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, האָט ער איהר פערשפּראָכען צו געבען אידען גלייכע רעכטען, אָבער זיי מוזען איהם העלפען מיט זייערע פינאַנצען. ליידער האָבען די אידען ניט געטאָן זייער פליכט אין דיזער זאַך. די אָרטהאָדאָקסישע אידען האָבען גע׳טענה׳ט, דאָס אידען ברויכען גאָר ניט קיין גלייכע רעכטען, ווייל דאָס שאַדט זיי צו דער רעליגיאָן. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס קוזאַ האָט אין דער נייער קאָנסטיטוציאָן אריינגעבראַכט אַ פּונקט, דאָס נאָר קריסטען זאָלען האָבען גלייכע רעכטען. די שונאי ישראל, וועלכע האָבען זיך דערוואוסט, דאָס דער פירסט האָט פערלאַנגט פון אידען געלט, האָבען אָנגעהויבען בעשולדיגען די אידען, דאָס זיי האָבען איהם געגעבען געלט ער זאָל בעפרייען די פּויערים אום זיי זאָלען האָבען פרייע ביליגע אַרבייטער. אין 1866 איז קוזאַ אַרונטער, און פירסט קאַרל האָהענצאָללערן האָט פערנומען דעם רומענישען טראָן. דאַן האָבען די אידען-פיינד אָנגעהויבען שטאַרק אַגיטירען געגען אידען. דאַמאָלס איז אין פּאַרלאַמענט אריינגעטראָגען געוואָרען אַ פּראָיעקט מען זאָל די רומענישע אידען נאַטוראַליזירען, ד. ה. אָנערקענען פיר רומענישע בירגער און ניט בעטראַכטען זיי אַלס פרעמדע. דער פּרעזידענט פון „אַלליאַנס איזראַעליט", קרעמיע, איז געקומען פון פּאַריז אין בודאַפּעסט מיט׳ן צוועק צו העלפען די אידען אין דיזער פראַגע. אין דער פערזאַמלונג פון די רומענישע דעפּוטאַטען און מיניסטאָרען איז קרעמיע אויך צוגעלאָזען געוואָרען, און ער האָט דאַמאָלס געזאָגט: „אין יאָהר 1848, ווען איך בין געווען אַ מיטגליד פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג אין פראַנקרייך, האָב איך דורכגעפיהרט

א געזעץ מען זאָל בעפרייען די נעגערן אין די פראַנצויזישע קאָלאָניעס. יעצט שטעה איך פאַר אייך און בעט אייך צו טאָן דאָס זעלבע פיר די רומע-נישע אידען". זיינע ווערטער האָבען געמאַכט א גוטען רושם אויף די רע-גירונגס־קרייזען. אָבער די אידען־פיינד האָבען אויפגעהויבען א גוואַלד, דאָס די רעגירונג וויל פערקויפען רומעניען צו די אידען. אום צו צייגען, אַז דאָס גאַנצע פאָלק איז געגען די אידען, האָבען די אידען־פיינד אויפגע-רייצט דעם המון געגען אידען און האָבען אָנגעהויבען מאַכען פּאָגראָמען. איין פּאָגראָם האָבען זיי געמאַכט אין דעם טאָג, ווען דער נייער קעניג קאַרל איז אריינגעפאָהרען. אין בוקאַרעסט האָבען זיי זיך אריינגעריסען אין דער סינאַגאָגע און האָבען צוריסען די ספר תורה'ס. די פּאָגראָמשטשיקעס האָ-בען זיך אויך אין פאַרלאַמענט אריינגעריסען און האָבען געסטראַשעט זיך אָפּצורעכנען מיט די דעפּוטאַטען, וואָס וועלען געבען אידען גלייכע רעכטען. די שונאי ישראל האָבען דערגרייכט זייער ציל. אין דער קאָנסטיטוציאָן איז אריינגעבראַכט געוואָרען א פונקט, דאָס די אידען קענען ניט נאַטוראַליזירט ווערען. דער קעניג קאַרל, וואָס האָט צוגעזאָגט קרעמיע'ן, דאָס ער וועט אַלעס מעגליכעס טאָן אום צו געבען אידען גלייכע רעכטען, האָט ניט גע-האַלטען זיין וואָרט. קרעמיע, זעהענדיג די פיינדשאַפט צו אידען אין רו-מעניען, האָט געזאָגט אין פאַריזער פאַרלאַמענט, דאָס די רומענישע ליבע-ראַלען ווילען דורכפיהרען אין פאַרלאַמענט אין רעליגיעזע און סאָציאַלע פרא-גען די אידעען פון 15טען און 16טען יאָהרהונדערט.

און אַזוי איז ווירקליך געשעהען. אין אָנהויב פון 1867 איז געשטאַ-נען אָן דער שפּיץ פון רומענישען מיניסטעריום דער בעוואוסטער ליבעראַל זשאַאַן בראַטיאַנאָ. דיזער ליבעראַל האָט בעוויזען, אַז ער איז א ביטערער שונאי ישראל. דאָס איז געוועזן איינער פון די ערגסטע המן'ס. ער האָט פריהער אַרויסגעטריבען די אידען פון די דערפער אין די שטעדט, נאָכדעם האָט ער זיי פון די שטעדט אַרויסגעטריבען אַלס בראָדיאַגעס. אין יולי 1867 האָט ער אַרויסגעטריבען א גרופּע אידען פון גאַלאַץ און האָט זיי אַרי-בערגעשיקט איבער דעם דונאַי אויף'ן טערקישען ברעג. ווען די טערקישע וואַך האָט זיי ניט געוואָלט אריינלאָזען, האָט די רומענישע פּאָליציי זיי דער-טרונקען אין דונאַי. גאַנץ אייראָפּאַ איז געוועזן אויפגעבראַכט פון דיזער רציחה און בראַטיאַנאָ האָט געמוזט רעזיגנירען (1868). א קורצע צייט איז שטיל געוועזן אין רומעניען, אָבער אין 1871 און 1872 האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען דאָרט אַנטיסעמיטישע בעוועגונגען אונטער דעם מיניסטעריום פון קאַטאַרדשי. אין פערשיידענע שטעדט זיינען פאָרגעקומען שרעקליכע

פּאָגראָמען אויף אידען, מען האָט געשאָכטען יונג און אַלט, מען האָט געשענ־דעט פרויען, גערויבטע אידישע האָב און גוטס איז עפענטליך פערקויפט געוואָרען און קיינער האָט עס ניט בעטראַכט פיר אַן עוולה. די פּאָ־ליציי האָט גאָר ניט געטאָן צו אָפּשטעלען די פּאָגראָמען. דאָס מיליטער, וואָס די רעגירונג האָט פון יוצא וועגען געשיקט צו אָפּהאַלטען די גוואַלד־טאַטען, איז אימער געקומען נאָך דעם, ווי די פּאָגראָמשטשיקעס האָ־בען שוין אָפּגעטאָן זייער טייפעלשע אַרבייט. די „אַלליאַנס" האָט זיך ענער־גיש גענומען צו מאַכען אַן ענדע צו די גוואַלדטאַטען. די אייראָפּעאישע מעכטען האָבען אַלע פּראָטעסטירט געגען די רומענישע רציחות, און די פער־איינינגטע שטאַאטען פון אַמעריקאַ האָבען געגעבען אַ וואָרנונג דער רומע־נישער רעגירונג, דאָס אויב זי וועט ניט באַלד אָפּשטעלען די פּאָגראָמען, וועט זי פּאָדערן פון טערקיי, וועלכע האָט געהאַט די אויבערמאַכט איבער רו־מעניען, דאָס זי זאָל זיך אַריינמישען און מאַכען אָרדנונג אין לאַנד. דאָס האָט ענדליך געווירקט, און די פּאָגראָמען־מגפה האָט אויפגעהערט ביז נאָך דער רוסיש־טערקישער מלחמה פון יאָהר 1877.

נאָך דיזער מלחמה איז רומעניען געוואָרען אין גאַנצען אונאָפּהענגיג פון טערקיי, און דאַמאָלס האָט זי געהאַט אַ פרייע האַנט צו בעהאַנדלען איה־רע אידען ווי איהר הארץ האָט געגלוסט. די „אַלליאַנס" האָט עס גוט פער־שטאַנען און האָט געשיקט אַ דעלעגאַציאָן צום בערלינער קאָנגרעס (1878), וועלכער האָט זיך גענומען צו רעגולירען און צו בעשטימען דעם שיקזאַל פון די באַלקאַנישע מלוכות. די דעלעגאַציאָן האָט קלאָר געמאַכט די דיפּלאָ־מאַטען פון קאָנגרעס, אין וואָס פיר אַ שרעקליכער לאַגע די אידען אין רומע־ניען געפינען זיך און דאָס די בעשרענקענדע געזעצען מאַכען אונמעגליך זיי־ער עקסיסטענץ. די דעלעגאַציאָן האָט דעריבער געבעטען דעם קאָנגרעס ער זאָל צווינגען רומעניען און די אַנדערע באַלקאַנישע מלוכות צו געבען אידען גלייכע רעכטען. די הויפּט־פיגורען פון קאָנגרעס: ביקאָנספיעלד, ביסמאַרק און וואַדדינגטאָן, האָבען סימפּאַטיזירט מיט דיזער גערעכטער פּאָדערונג פון דער „אַלליאַנס". און ווירקליך האָט דער קאָנגרעס אין 44טען פּאַראַגראַף פון בערלינער טראַקטאַט אַריינגעשטעלט אַ פּונקט, דאָס רומעניען און אַנדערע באַלקאַנישע מלוכות ווערען זעלבשטענדיג און אונאָפּהענגיג נאָר מיט דער בעדינגונג, דאָס זיי זאָלען געבען גלייכע רעכטען צו אַלע איינוואוינער פון זייערע לענדער אָהן אונטערשייד פון גלויבען און ראַסע.

די רומענישע שטאַאטסמענער זיינען געוועזען שרעקליך אויפגערעגט פון דיזען פּונקט. זיי האָבען אָנגעהויבען צו בעווייזען די אייראָפּעאישע

מעכטען, דאס עס איז אונמעגליך מיט א מאל צו נאטוראליזירען א פערטעל מיליאן פ ר ע מ ד ע אידען. זיי וועלען עס טאן לאנגזאם, ביסלאכווייז: זיי וועלען אנהויבען פון איינצעלנע פערזאנען מיט דער צושטימונג פון פארלאמענט. די מעכטען האבען נאכגעגעבען דיזע פאדערונג, אבער די רומעניער האבען געמוזט באלד נאטוראליזירען וועניגסטענס די 800 אידישע סאלדאטען, וואס האבען אנטייל גענומען אין דער מלחמה פון רומעניען פיר איהר פרייהייט. די וויטערדיגע נאטוראליזאציאן האט מען איבערגעגעבען צו א פארלאמענטארישער קאמיסיאן, וועלכע האט יעדען יאהר נאטוראליזירט אייניגע געצעהלטע אידען פון יוצא וועגען. ענגלאנד און פראנקרייך האבען פיעלע מאל געפאדערט פון רומעניען צו ערפילען די פאדערונגען פון פאראגראף 44 פון בערלינער טראקטאט, אבער עס האט ניט געהאלפען. דייטשלאנד איז דערווייל געווארען שטארק אנטיסעמיטיש, רוסלאנד איז צופרידען געווען מיט דער האנדלונג פון רומעניען און אזוי איז א פערטעל מיליאן אידען אין רומעניען געבליבען אין א שקלאפישען צושטאנד אונטער דעם פאלשען תירוץ, דאס זיי זיינען פרעמדע, הגם זייערע עלטערן און זיידעס זיינען דארט געבארען געווארען, און זייערע קינדער אפפערן זייערע לעבענס אויף די שלאכטפעלדער פיר רומעניען.

אנדערס איז עס צוגעגאנגען מיט די אידען אין די נייע צוויי מלוכות ס ע ר ב י ע ן און ב ו ל ג א ר י ע ן. ניט אכטענדיג אויף דעם פאריזער טראקטאט פון 1856 (נאך דעם קרימער קריג), לויט וועלכען די אידען האבען בעדארפט האבען אין סערביען גלייכע רעכטען, האבען זיי עס דארט ניט געהאט, און די בעמיהונגען פון דער „אלליאנס" האבען גאר ניט געהאלפען. נאר נאך דעם בערלינער טראקטאט פון 1878 האט סערביען איינגעשטימט צו געבען אידען גלייכע רעכטען. דער רוסישער דיפלאמאט פירסט גארטשאקאוו האט אפילו אויף'ן בערלינער קאנגרעס געוואלט בעפרייען סערביען פון דיזען פונקט, ווייל נאך זיין מיינונג זיינען די אידען פון אסט־אייראפא ניט גלייך מיט די אידען פון וועסט־אייראפא, אבער די אנדערע מיטגלידער פון קאנגרעס זיינען בעשטאנען אויף זייער פאדערונג און סערביען האט נאכגעגעבען. דאס זעלבע האט געטאן בולגאריען. דא האבען אין דער צייט פון דעם טערקיש־רוסישען קריג אין פיעלע שטעדט אויסגעבראכען פאגראמען אויף אידען, ווייל מען האט זיי בעשולדיגט, דאס זיי סימפאטיזירען מיט טערקיי. אבער עס האט לאנג ניט גענומען און די בולגארען האבען זיך איבערצייגט, דאס די אידען זיינען טרייע בירגער צום לאנד און האבען זיי געגעבען פולע רעכטען.

אין גריכענלאנד האָבען די אידען פון אָנפאַנג פון 19טען יאָהר־הונדערט שטארק געליטען. די רעוואָלוציאָן פון 1821 האָט געבראַכט אויף די אידען א בלוטיגען פּאגראָם, און פיעלע פון זיי האָבען זיך געמוזט רעטען אויף׳ן אינזעל קאָרפו. דער האַס פון די גריכען צו די אידען אָלס זייערע קאָנקורענטען אין מסחור איז געווען זעהר גרויס. אָבער אין 3טען פערטעל פון 19טען יאָהרהונדערט איז זייער לאַגע געוואָרען פיעל בעסער און יעצט האָבען זיי דאָרט גלייכע רעכטען.

טערקיי. די קרימישע מלחמה פון 1856 און די רוסיש־טערקישע פון 1878 האָבען געבראַכט פיעלע נוצען די אידען פון די מזרח־לענדער. טערקיי איז געווען געצוואונגען צו געבען מעהר רעכטען איהרע קריסט־ליכע אונטערטאַנען, און ממילא האָט זי שוין אויך געגעבען די אידען מעהר פרייהייט, וויל זי האָט געפיהלט, דאָס די אידען זיינען איהר פיעל טרייער איידער די קריסטען. אין 1854, ווען אלבערט קאָהן האָט געמאַכט א רייזע איבער טערקיי (געשיקט פון ראָטהשילד׳ן), האָט ער גע׳פועל׳ט ביים סולטאַן אבדול־מעדזשיד, דאָס אַלע פרייהייט־פּריווילעגיעס און רעכטען, וועלכע עס ווערען געגעבען ווערען פון דער טערקישער רעגירונג צו וועלכער עס איז קריסטליכער גרופּע, זאָלען אויך זיין געמיינט פיר אידען. דער הויפּט־רב אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געהאַט די זעלבע רעכטען, וואָס דער גריכישער פּאַטריאַרך האָט געהאַט. די אידישע געמיינדען האָבען בע־קומען דאָס רעכט צו האָבען דעפּוטאַטען אין די שטאָדט־ראַטען צוגלייך מיט די קריסטליכע.

די קריסטליכע בעפעלקערונג פון טערקיי האָט ניט פערגונען די אי־דען די רעכטען, וואָס די טערקישע רעגירונג האָט געגעבען די אידען און האָט אָנגעהויבען געברויכען געגען זיי דעם אַלטען פערשימעלטען בלבול פון עלילת דם. דער דמשק׳ער בלוט־בלבול איז נאָר געווען אַן אָנהויב. נאָך איהם זיינען פאָרגעקומען נאָך אַנדערע אַזעלכע בלבולים, און דער סולטאַן האָט גאָר ניט געקענט טאָן געגען דעם. אין 1872 איז אין סמירנא געווען אַן עלילת דם, וואָס די גריכען האָבען געמאַכט אויף אידען. די קריסטען האָבען זיך בעוואָפענט מיט קינזשאַלען און האָבען געוואָלט מאַכען אַ שחיטה אויף אידען, אָבער אַז די פּאָליציי האָט זיי געשטערט, האָבען זיי גענומען מאַכען שרפות אויף אידישע הייזער. די אייראָפּעאישע קאָנסולען האָבען זיך אַריינגעמישט, מען האָט געפונען די ריכטיגע מערדער פון דעם קריסט־ליכען קינד, צוליב וועלכען מען האָט בעשולדיגט די אידען, און די פערברע־כער האָט מען פעראורטיילט צו קאַטאָרגע. אין יוני 1874 האָט זיך וויע־

דערהאַלט א בלוט-בלבול אין קאָנסטאַנטינאָפּעל. מען האָט געפונען א גרוי-סען אינגעל א דערטרונקענעם און די גריכען האָבען בעשולדיגט די אידען, אז זיי האָבען איהם ערמאָרדעט צוליב רעליגיעזע צוועקען. ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס די דאָקטוירים האָבען פּערזיכערט, אַז דאָס קינד איז ניט גע-שטאָרבען פון בלוט אָפּצאַפּען, האָבען זיך באַנדעס גריכען צולאָזען איבער אידישע קווארטאַלען און האָבען געמאַכט פּאָגראָמען אויף אידען. די פּאָ-ליציי האָט אַלעס מעגליכעס געטאָן אום צו הינדערן די פּאָגראָמען, אָבער עס האָט לאַנג ניט גענומען ביז עס איז רוהיג געוואָרען. מען האָט געמוזט האָ-בען די אריינמישונג פון „אלליאַנס“, און די הילף פון גרויס-וויזיער ביז עס איז דער שרעק אַראָפּ.

ווי מיר האָבען געזעהען, האָבען די אידען ניט געהאַט קיין פולע פּאָ-ליטישע רעכטען אין טערקיי, אָבער דערפאַר האָבען זיי געהאַט פולע אויטאָ-נאָמיע אין זייער אינערן לעבען. ווען די טערקישע אידען וואָלטען געוועזן מעהר פּאָרגעשריטען, האָבען זיי געקענט אויסבילדען א גרויסען זעהר וויכ-טיגען אידישען צענטער. אָבער דורך זייער צוריקגעשטאַנענקייט איז דיזע אויטאָנאָמיע ביי זיי געוואָרען א וואַפע ניט פון פּאָרטשריט, נאָר פון טויטען קאָנסערוואַטיזם. ווען דער אידישער פילאַנטראָפּ אברהם קאַמאָנדאָ האָט געעפענט א שול פיר אידישע קינדער צו לערנען אויסער אידישער רע-ליגיאָן פראַנצויזיש און טערקיש און דקדוק פון לשון קודש, האָבען די רבנים געאַרבייט אויף אַלע כלים, אַז די עלטערן זאָלען אָפּנעהמען זייערע קינדער פון דיזער שולע. דאָס איז נאָך ווענינ געוועזן. דער פאַנאַטישער רב אַקריש איז אוועק צו קאַמאָנדאָ אין הויז און האָט איהם מחרים געוועזן (1862). די רעגירונג האָט אַקריש'ן דערפאַר אריינגעזעצט אין געפענגניס, אָבער דער המון האָט שטאַרק געשטורמט די רעגירונג און דער סולטאַן האָט איהם בעפרייט. דאָס זעלבע האָט זיך געטראָפען אין אַנדערע שטעדט, וואו די „אלליאַנס“ האָט געגרינדעט שולען מיט א ביסעל בילדונג פיר אידישע קינדער. נאָר די ספּרדישע אידען האָבען געשיקט זייערע קינדער אין דיזע שולען.

נייעסטע אידישע געשיכטע.

א. אידען אין רוסלאנד.

אלכסנדר דער 3טער. די ניהיליסטען אין רוסלאנד האבען זיך ניט געקענט צופרידען שטעלען מיט אלכסנדר דעם 2טען'ס רעפארמעס און זיי האבען געזוכט איהם אפצוראמען פון וועג. קאראקאזאוו, איינער פון זיי, האט איהם געוואלט ערמארדען. דאס האט זיך איהם ניט איינגעגעבען, אבער דאס האט ארויסגערופען א שטארקע רעאקציאן אין רוסלאנד. פון דיזער רעאקציאן האבען די רוסישע אידען זעהר פיעל געליטען. ענדליך איז עס געלונגען די ניהיליסטען צו ערמארדען אלכסנדר'ן אין מיטען פעטערבורג (13טען מערץ 1881). דאמאלס האבען זיך אנגעהויבען פיר אידען זעהר טרויעריגע צייטען. די רעגירונגען פון די צוויי קיסרים נאך אלכסנדר דעם 2טען — פון אלכסנדר דעם 3טען און ניקאלאי דעם 2טען — זיינען א גאנצע רייהע פון פערפאלגונגען, פאגראמען און שחיטות. עס איז אפגעווישט געווארען אין רוסלאנד יעדע שפור פון ליבעראליזם. דער אנטיסעמיטיזם, וואס האט זיך דאמאלס אנגעהויבען איינוואָרצלען אין דייטשלאנד, האט ניט וועניג געהאלפען צו פערשפרייטען אין רוסלאנד שנאה צו אידען. דער אויסדרוק פון דעם דייטשען פראפעסאר טרייטשקע: „די אידען זיינען אונזער אונגליק", איז געשווינד פערשפרייט געווארען אין גאנץ רוסלאנד און איז געווארען א געפאהר פיר די אידען דארט. אלכסנדר דעם 2טען'ס טויט האט אויך פיעל פערערגערט די אידישע לאגע. דער רוסישער רעגירונג האט געלוינט צו ווארפען א גרויסען טייל פון דער שולד אין זיין ערמארדונג אויף די אידישע בעפעלקערונג, און דער נייער קיסר אלכסנדר דער 3טער האט גוטגעהייסען די בעשולדיגונג. אלס א גוטער שילער פון דעם רוסישען טארקוועמאדא, פ א ב י ע ד א נ א ס צ ע ו ו, איז ער געווען זעהר פאנאטיש, פיעל מעהר פון זיין זיי-

דען, דעם טיראן ניקאָליאי דעם 1טען. אלכסנדר דער 3טער איז געווען אַ איבערגעבענער פּאַן־סלאַוויסט, ד. ה. פון דער בעוועגונג אין רוסלאנד, וועל־כע האָט געפונען פיר נעטיג צו פערפאָלגען אלע נאַציאָנאַליטעטען אין רוס־לאנד, וועלכע געהערען ניט צו דער סלאַווישער ראַסע. עס פערשטעהט זיך, אז מעהר פון אלעמען האָבען אידען דערפון געליטען. דער ליבעראַלער מי־ניסטער לאָריס־מעליקאָוו איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען, און דער פּרינציפּ פון אליין־הערשאַפט איז געוואָרען דער הויפּט־פונדאַמענט פון דער רעגירונג. די אידען זיינען באלד געוואָרען דער שעיר לעזאזל און עס האָבען זיך באלד אָנגעהויבען פּאָגראָמען אין פיעלע ערטער. מען האָט גערויבט אידישע האָב און גוט, מען האָט געברענט אידישע הייזער, געשענדעט אידישע פרויען און געמאַכט שרעקליכע שחיטות אין מעהר ווי 160 רוסישע שטעדט. די בע־אַמטע האָבען אין פיעלע ערטער געהאָלפען די פּאָגראָמשטשיקעס אין זייער טייפעלשער ארבייט און האָבען געשטערט די אידען זיך צו פערטיידיגען.

די ציוויליזירטע וועלט האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דיזע רציחות, וועלכע זיינען גוטגעהייסען געוואָרען פון דער מערדערישער רעגירונג (מי־טינגען אין לאָנדאָן און ניו יאָרק דעם 1טען פעברואר 1882), אָבער דאָס האָט קיין ווירקונג ניט געהאַט אויף דער רוסישער רעגירונג, און די „שווארצע מאות“ האָבען געטריי דורכגעפיהרט דאָס פּראָגראַם פון פּאָביעדאָנאָסצעוו'ן, וועלכער האָט געראַטען מען זאָל צווינגען אַ דריטעל פון די אידען צו עמי־גרירען, אַ צווייטען דריטעל צו אָננעהמען קריסטענטום, און דעם לעצטען דריטעל צו שטאַרבען פון הונגער. די רעגירונג האָט געזוכט גערעכט מאַכען די פּאָגראָמען, און האָט ערקלערט, דאָס דיזע זיינען דער רעזולטאַט פון דער אידישער אונטרייהייט צום לאַנד. וולאַדימיר, דעם קיסר'ס ברודער, האָט עס אַזוי ערקלערט צו באַראָן גינצבורג. דער קיסר זעלבסט האָט פערשפּראָ־כען אַ אידישער דעפּוטאַציאָן זיך זעלבסט צו בעשעפטיגען מיט דער אי־דישער פראַגע אין רוסלאַנד. ער האָט זיין וואָרט געהאַלטען, אָבער ניט אום צו פערבעסערן די אידישע לאַגע, נאָר אום צו פערערגערן זי וואָס מעהר. דעם 3טען סעפּטעמבער 1881 האָט אַ קייזערליכער אוקאַז בעפוילען אלע גוּ־בערנאַטאָרען זיי זאָלען צוזאַמענשטעלען קאָמיסיאָנען צו פערהאַנדלען די אידען־פראַגע, און אין דעם זעלבען טאָג האָט דער מיניסטער א י ג נ א ־ ט י ע ו ו צושיקט צו זיי צירקולאַרען, אין וועלכע ער האָט זיי ערקלערט, דאָס די פּאָגראָמען זיינען דער רעזולטאַט פון דער אידישער עקספּלואַטאַ־ציאָן, וואָס זויגט אויס דעם לעצטען טראָפּען בלוט פון רוסישען פאָלק, וועל־

כעם בעפּאָלט די אידען זיך זעלבסט צו פערטיידיגען געגען די אידישע בלוט־זויגער. עס פערשטעהט זיך, דאָס קיין איד האָט נאָכדעם ניט געקענט גע־פינען קיין גערעכטיגקייט אין רוסלאַנד געגען די פּאָגראָמשטשיקעס. דער קיעווער פּראָקוראָר האָט זעלבסט פערטיידיגט אין געריכט די רוסישע רוי־בער און מערדער. אין דיזען טאָן האָבען געשריבען די רוסישע צייטונגען, ווי די „נאָוואָיע ווערעמיא" און דער „קיעוולאַנין", וועלכע האָבען געשטעמ־פּעלט די אידען אַלס פּיאַווקעס, בלוטזויגערס. אמת, עס האָבען זיך געפונ־נען אייניגע ליבעראַלע שטימען צווישען די אינטעליגענטע רוסען, וואָס האָ־בען פערטיידיגט די אידען געגען זייערע אָנגרייפער, אָבער זייער צאָהל איז געווען זעהר קליין און דעריבער איז זייער איינפלוס געווען ניט וויכטיג. צום ביישפּיל די קאָמיסיאָן, וואָס דער קיסר האָט בעשטימט אונטער דער פיהרונג פון גראַף פּ אַ ה ל ע ן, האָט געגעבען איהר רעפּאָרט, דאָס די הויפּט־אורזאַכען פון די פּאָגראָמען איז ניט דער פאָלקס־צאָרן אויף די אי־דען פיר זייער עקספּלואַטאַציאָן, נאָר דער שוואַכער ווידערשטאַנד פון דער פּאָליציי. אָבער די רעגירונג האָט פּאָרטגעזעצט איהר טייפעלשע אַרבייט. ניט דער גינסטיגער רעפּאָרט פון גראַף פּאהלען'ס קאָמיסיאָן, ניט די פּראָ־טעסטען פון אויסלאַנד געגען דעם אונרעכט, וואָס מען טוט די אידען אין רוסלאַנד, האָבען ניט אָפּגעשטעלט די שענדליכע מעשים פון דער רעגירונג. אין געגענטייל, די רעגירונג האָט דערויף געענטפערט מיט די באַרבאַרישע געזעצען פון 3טען מאַי 1882 אונטער'ן נאָמען „דערוויילינגע געזעצען וועגען אידען", וועלכע האָבען נאָך שטאַרקער פערצויגען דעם שטריק איבער די אידישע העלזער. דיזע געזעצען, פערפאַסט פון דעם בעריהמטען שונא ישראל גראַף איגנאַטיעוו, האָבען צוגענומען פון אידען דאָס לעצטע ביסעל רעכטען, וואָס איז זיי איבערגעבליבען פון די פריהערדיגע יאָהרען, און האָבען געמאַכט דאָס לעבען פון די אידען אין דער „טשערטאַ" (תחום) אונ־ערטרעגליך. פון אַלע דערפער און די 15 מערב־גובערניעס פון רוסלאַנד, וואו אידען האָבען געמענט וואוינען, האָט מען זיי אַרויסגעטריבען. פון מאָסקוואַ האָט מען אין איין יאָהר אַרויסגעטריבען איבער 14,000 אידען. דעם אידישען תחום האָט מען פערקלענערט דערמיט, וואָס מען האָט פער־וועהרט אידען בעזעצען זיך אין דער דאָן־געגענד, אין ראָסטאָוו, טאַגאַנראָג. די אידישע סוחרים פון פּעטערבורג האָט מען אַרויסגעטריבען, די קאָנטראַק־טען, וואָס אידען האָבען געהאַט מיט גוטס־בעזיצער אויף זייערע גיטער, זיינען געמאַכט געוואָרען ניט גילטיג. מען האָט פערשלאָסען די גימנאַזיומס און די אוניווערזיטעטען פיר אידען, בלויז אַ זעהר קליינעם פּראָצענט

האָט מען אריינגעלאָזען. דער גירוש מאָסקווא איז געווען שרעקליך פיר די אידען. די רעגירונג האָט זיי זאָגאר קיין צייט ניט געגעבען צו פערקויפען זייער אייגענטום. פיעלע האָבען געמוזט איבערלאָזען זייערע מעבעל און אנדערע זאַכען און זיינען אַרויס נאָר מיט'ן שטעקען אין האַנט און מיט די קליידער, וואָס אויף זיי. עהנליכע גירושים זיינען פאָרגעקומען אין נאָווגאָראָד, ריגא, יאַלטא, קאַלוגא, ריאַזאַן, טולא. א פריווילעגיע אויף בלייבען אויף זייערע ערטער האָט מען געגעבען נאָר צו די אידען, וואָס האָבען בעשלאָסען זיך צו שמד'ן. דיזע האָט מען זאָגאר געגעבען געלט־שטיצע. אפילו א פערברעכער האָט זיך געקענט בעפרייען פון זיין שטראָף, ווען ער האָט זיך גע'שמד'ט. די פּראָטעסטען פון די ציוויליזירטע לענדער געגען אזא באַרבאַרישע בעהאַנדלונג פון אונשולדיגע מענשען האָבען קיין ווירקונג ניט געהאַט אויף אלכסנדר דעם 3טען. די רעזאָלוציאָן, וואָס בעריהמטע מענער אין לאָנדאָן האָבען אָנגענומען דעם 10טען דעצעמבער 1890 וועגען דער לאַגע פון די אידען אין רוסלאַנד, האָט דער צאַר גאָר ניט געוואָלט עפנען און האָט זי צוריקגעשיקט צום לאָנדאָנער לאָרד־מייאָר. זעהר טרויעריג איז אויך געווען די לאַגע פון פיעלע רייכע אידען אין רוסלאַנד, וועלכע האָבען זיך אַסימילירט מיט די רוסען. אין דער צייט פון די פּאָגראָמען האָבען זייערע אונשולדיגע קינדער, ווען מען האָט געשטורמט און געראַבירט זייערע הייזער, נאַאיוו געפרעגט זייערע עלטערן: „זיינען מיר אויך אידען?" דיזער אונגליק האָט אָבער אויך געהאַט זיין גוטע זייט: די אַסימילירטע אידען זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס עס קען ניט זיין קיין אמת'ע ברידערשאַפט צווישען אידען און קריסטען, און האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו זייער ראַסע, צו די אידען, מיט וועלכע זיי האָבען פריהער ניט געוואָלט האָבען קיין מגע ומשא. ווען די אידישע רעליגיאָן, פון וועלכער די אַסימילירטע אידען האָבען קיין בעגריף ניט געהאַט, האָט זיי ניט צוריקגעקעהרט צו זייער שטאַם, האָט זיך דער נאַציאָנאַל־געפיהל אין זיי אויפגעוועקט, און זיי זיינען געוואָרען טרייע מיטגלידער פון אידישען פאָלק. דיזע פערפאָלגונגען האָבען געהאַט דעם רעזולטאַט, דאָס אין פאָלק האָט זיך אָנגעהויבען א שטאַרקע בעוועגונג צוריק אויפצולעבען די טרוקענע ביינער פון די גלות־אידען — די צ י ו ן ־ ב ע ו ו ע ג ו נ ג. די געשיכטע פון דער קאָלאָניזירונג פון ארץ ישראל האָט צו פערדאַנקען איהר אָנפאַנג צו דער טיראַנישער רעגירונג פון אלכסנדר דעם 3טען.

אָבער איידער די בעוועגונג פון דער אויפלעבונג פון אידישען פאָלק אויף דעם באָדען פון זיינע עלטערן האָט געקענט ברייגנען וועלכע עס איז רעזולטאַ-

טען, האָט די נויט פון די אידען אין דעם תחום, וועלכע איז געוואָרען אונער-
טרעגליך, געפאָדערט פאָרלויפיגע הילף. צעהנדליגע טויזענדער אידען זיי-
נען געבליבען אָהן שום מיטלען פיר עקסיסטענץ. עס איז זיי קיין אַנדער
מיטעל ניט געבליבען סיידען צו עמיגרירען — צו פערלאָזען דעם עמק הבכא,
די פינסטערע רוסלאַנד און זוכען אַן אַנדער מקום מנוחה. עס האָט זיך אָנ־
געפאַנגען אַן אויסוואַנדערונג אין מאַסען, וועלכע האָט קיין גלייכען ניט גע־
האַט אין דער געשיכטע פון דעם אידישען גלות־פאָלק. מען האָט עמיגרירט
נאָך דייטשלאַנד, עסטרייך, פראַנקרייך, ענגלאַנד, אָבער אַ קליינער טייל אי-
דעאַליסטען זיינען אַוועק נאָך ארץ ישראל, מיט דעם צוועק צו בענעצען די
הייליגע ערד פון זייערע עלטערן מיט זייער בלוט און שוויים, צו קאָלאָניזי-
רען דאָס וויסטע לאַנד. די פיאָנירען האָבען געלעגט דעם פונדאַמענט פון
דעם נייעם ישוב. פיעלע האָבען זיך אַוועקגעלאָזען נאָך די פעראייניגטע
שטאַאַטען פון אַמעריקאַ, אום דאָרט אונטער דעם שוץ פון פרייע גע־
זעצען אָנצופאַנגען אַ נייעם לעבען. דאָ האָבען די אידישע איינוואַנדע-
רער פון רוסלאַנד אין אַ גאַנץ קורצער צייט געגרינדעט די גרויסע אידישע
צענטערן פון ניו יאָרק, פילאַדעלפיאַ, טשיקאַגאָ און אַנדערע גרויסע שטעדט.
אַ געוויסער טייל האָט אויך עמיגרירט נאָך אַרגענטינאַ און האָט זיך בע-
זעצט אין די קאָלאָניעס, וואָס זיינען דאָרט געגרינדעט געוואָרען פון באַ־
ראָן דע הירש. מעהר פון אַ מיליאָן אידען האָבען פערלאָזען רוסלאַנד אין
אַ קורצער צייט, די מעהרסטע פון זיי האָבען זיך בעזעצט אין נאָרד־אַמע־
ריקאַ. אָבער די אידישע שונאים אין רוסלאַנד האָבען זיך ניט צופרידען גע־
שטעלט מיט דער עמיגראַציאָן, ווייל עס זיינען אין רוסלאַנד נאָך אַלץ פער-
בליבען פיעל אידען און זיי האָבען גערעכענט, אַז נאָר דורך פאָגראָמען און
באַרבאַרישע געזעצען וועלען זיי אין גיכען אין גאַנצען אָפּרייניגען דאָס
לאַנד פון אידען.

ניט קוקענדיג אויף די ביטערע עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידען אין
רוסלאַנד, אויף די שרעקליכע פערפאָלגונגען פון דער רעגירונג און אויף די
אַלע אונגליקען, וואָס די פאָגראָמען און שחיטות האָבען זיי פערשאַפט, האָט
זיך די אידישע בעפעלקערונג דאָרט מאָראַליש זעהר הויך אויפגעהויבען.
זיי זיינען געקומען צום בעשלוס, דאָס ניט אַסימילאַציאָן מיט די סלאַווען
קען לעזען זייער פראַגע אין רוסלאַנד, ניט דער שמד, וועלכער צווינגט צום
גרעסטען טייל דעם אידען צו פיהרען אַ צוויי־פּנים'דיגען לעבען, ווי די אנוסים
אין שפּאַניען — עפענטליך צו זיין קריסט און ביי זיך אין דער היים, בחדרי
חדרים זיך אויפפיהרען ווי אַ איד — ניט דאָס וועט איהם פערשאַפען אַ

נאָרמאַלעס, רוהיגעס לעבען. צו אַ רוהיגען לעבען גלייך מיט אַלע אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער קען ער קומען נאָר אין זיין אייגענעם לאַנד, אין דעם לאַנד פון זיינע עלטערן, צווישען זיינע אייגענע ברידער, וואו ער וועט זיין אין שטאַנד צו ענטוויקלען אַן עכט אידישע קולטור מיט עכט אידישע אידעאַלען, די אידעאַלען פון זיינע גרויסע נביאים. דיזע אידעען האָבען די פּיאָניערען פון ציוניזם אָנגעהויבען צו פּראָפּאַגאַנדירען מעהר און מעהר אין פאָלק. די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך איז געשטעלט געוואָרען אין דער ערסטער רייהע פון נויטוועדיגקייטען פון פאָלקס-אויפלעבונג. די אַגיטאַציאָן פיר בעלעבען די העברעאישע שפּראַך און מאַכען זי פיר אַ לעבעדיגע אומגאַנגס-שפּראַך האָט נאָך ס מ אָ ל ע נ ס ק י ן אָנגעהויבען אין זיין מערקווירדיגען זשורנאַל „השחר". נאָך איהם האָבען אָנגעהויבען ערשיינען אין רוסלאַנד פערשיידענע צייטשריפטען און ליטעראַרישע ווערק, וואָס האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די ווידער-אויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק אין דעם לאַנד פון זיינע עלטערן. די אידען האָבען אָנגעהויבען שטאַרק פיהלען זייער נאַציאָנאַל-גייסט און האָבען אָנגעהויבען פעראַכטען די אַסימילאַטאָרען, וואָס האָבען אָנגענומען מענדעלסאָן'ס טעאָריע, אַז אידען זיינען מעהר ניט קיין נאַציאָן, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע. מיט דיזע אידעען איז פול די העברעאישע ליטעראַטור פון דער צייט פון אַלכסנדר דעם 3טען און ניקאָלאַי דעם 2טען.

ב. ניקאָלאַי דער 2טער (1894—1917).

ניקאָלאַי דער 2טער איז געווען אַ ווירדיגער נאָכפאָלגער פון זיין פאָטער אַלכסנדר דעם 3טען מיט זיין שרעקליכען דעספּאָטיזם אין אַלגעמיין און מיט זיין אידען-האַס. איהם האָט אָבער געפעהלט דער שטאַרקער ווילען פון זיין פאָטער. ער האָט קיין בעגריף ניט געהאַט פון זיין גרויסער אויפגאַבע אַלס הערשער פון אַזאַ גרויסען לאַנד ווי רוסלאַנד מיט אַזוי פיעלע פערשיידענע נאַציאָנאַליטעטען. איהם האָבען געפעהלט זאָגאַר די עלעמענטאַרע ידיעות און פעהיגקייטען, וועלכע אַ מיטעלמעסיגער הערשער מוז בעזיצען, און דעריבער איז ער באַלד געוואָרען אַ שפּילצייג אין די הענט פון ראַטגעבער, וועלכע האָבען ניט געהאַט אין זיך קיין פונק פון עהרליכקייט, קיין געפיהל פיר דאָס גליק פון לאַנד און פאָלק, און האָבען נאָר אין זינען געהאַט זייערע פערזענליכע אינטערעסען. זיינע מעשים האָבען זיך ווידערשפּראָכען. ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון דעם פרידענס-טריבונאַל אין האַאַג, וועלכער האָט געהאַט אַלס צוועק צו פערמיידען מלחמות

און צו אויסגלייכען סכסוכים צווישען פעלקער דורך וועלט־ריכטער, אָבער באַלד נאָכדעם האָט ער אונטער דעם איינפלוס פון דייטשלאַנד און דער קייזערין, וואָס שטאַמט פון דייטשלאַנד, ערקלערט מלחמה געגען יאַפּאַן, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט אַ גרויסען אונגליק פיר רוסלאַנד. ער האָט געגעבען דעם רוסישען פאָלק אַ קאָנסטיטוציאָן מיט אַ פּאַרלאַמענט (דומאַ), און באַלד זיינען דורך די אויפהעצונגען פון זיינע בעאַמטע פאָרגעקומען שחיטות מיט פּאָגראָמען אויף אידען אין זעהר פיעלע שטעדט (1905).

אין רעליגיעזען פאַנאַטיזם האָט ער איבערגעשטיגען זיין פינסטערען פאָטער. אונטער דעם איינפלוס פון פּאָביעדאָנאָסצעוו'ן, דעם טאָרקוועמאַדאַ פון 19טען יאָהרהונדערט, האָט ער געגלויבט אין אַלערליי הבלים, וועלכע האָבען אויף זיך געטראָגען דעם שטעמפּעל פון רעליגיאָן. זיין רוף אַלס פרומער צאַר האָט צוגעצויגען צום קייזערליכען הויף פינסטערע מאַנאַכען פון אַלע עקען פון לאַנד, וועלכע ער האָט אויפגענומען זעהר פריינדליך, און פיעלע פון זיי זיינען געוואָרען זיינע אונאָפּיציעלע ראַטגעבער, און האָבען געהאַט אַן אונגעהייערן איינפלוס אויף די רעגירענדע קרייזען איבערן לאַנד. איינער פון זיי, אַן אונוויסענדער סיבירער מוזשיק מיט'ן נאָמען ג ר י ג אָ ר י ר אַ ס פּ ו ט י ן, האָט געהאַט אַזאַ גרויסען איינפלוס אויפ'ן קייזער און אויף די קייזערין און אויף אַלע וויכטיגסטע פּערזאָנען פון הויף, דאָס מען האָט מורא געהאַט פאַר איהם מעהר ווי פאַר'ן צאַר זעלבסט. פון איהם איז זעהר אָפט געווען אָפּהענגיג דער שיקזאַל ניט נאָר פון איינציגע פּערזאָנען נאָר אויך פון גאַנצע גובערניעס און זאָגאַר אויך פון גאַנצען לאַנד. ענדליך איז ער זעלבסט געפאַלען אַן אָפּפער פון זיין פינסטערען גלויבען און האָט אויך דאָס לאַנד געוואָרפען אין אַן אָפּגרונד, פון וועלכען עס וועט ניט קענען אַרויס אַ לאַנגע צייט.

ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען האָבען די אידען מעהר פון אַלעמען געליטען אונטער דער פינסטערער רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם 2טען. מען האָט אויפגעזוכט אַלע אַלטע געזעצען געגען אידען און מען האָט זיי אָנגעהויבען זעצען אין קראַפט, און עס איז ניט אַוועק אַ וואָך, וואָס מען זאָל ניט אַרויסגעבען אַ נייע גזירה אויף אידען צו פערערגערן זייער לאַגע, וועלכע אין אָהן דעם אויך געווען אונערטרעגליך. זאָגאַר אַ אידישער סאָלדאַט, וועלכער האָט געדינט אין דער אַרמעע, ווען ער האָט בעקומען אַן ערלויבניס אויף אַ צייט צו פערלאָזען זיין דינסט, האָט ניט געטאָרט פערבלייבען אַפילו אַ קורצע צייט אויסער דער טשערטאַ (אידישען תחום). אַ אידישער קראַנקער האָט ניט געטאָרט בעזוכען אַ קור־אָרט, וואָס האָט זיך געפונען אויסער

דער טשערטאַ. אין אַלע גרויסע שטעדט ווי קיעוו, מאָסקוואַ, פּעטערבורג, פּלעגען זעהר אַפט פּאַרקומען נאַכט-אַבלאַוועס, אום צו פערנעהמען די אידען, וואָס האָבען קיין רעכט ניט געהאַט צו וואוינען אין דיזע שטעדט, און מען האָט זיי מיט פּאָליציי פון דאָרט אַרויסגעשיקט, זיי זאָלען זיך צוריקקעהרען צו דער ענגער טשערטאַ. דער גירוש מאָסקוואַ פון 1897 האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער אידישער געשיכטע. אין אַ קורצער צייט האָט מען כמעט אַלע אידען פון מאָסקוואַ אַרויסגעטריבען. עס זיינען זעהר אָפט אַרויסגעטריבען געוואָרען זאָגאַר סוחרים פון דער 1טער גילדע. די מאָנאָפּאָל אויף'ן פערקויף פון בראַנפען, וואָס די רעגירונג האָט איבערגענומען אין איהרע הענט, איז געוועזען הויפּטזעכליך געצילט געגען אידען. אוי וירקליך, עס זיינען טויזענדער אידישע פאַמיליעס געבליבען אָהן אַ שום קוועלע צום לעבען. דער פּראָצענט פון אידישע שטודענטען אין די אוניווערזיטעטען איז נאָך פיעל מעהר פערקלענערט געוואָרען. די לאַגע פון אַ אידישער פריילין, וועלכע האָט געוואָלט בעזוכען אַן אוניווערזיטעט אויסער דער טשערטאַ, איז געוועזען הימעל-שרייענד. זי האָט ניט געקענט קריגען קיין וואוינרעכט אויסער דער טשערטאַ, סיידען זי האָט זיך אָנגעגעבען, אַז זי איז אַ פּראָסטיטוטקע; דאַן האָט זי בעקומען אַ געלען בילעט און דאָס רעכט צו וואוינען אין גאַנץ רוסלאַנד. אָבער ווען די פּאָליציי האָט זיך דערוואוסט, דאָס די אידישע מיידעל, וואָס האָט אַ געלען בילעט, איז גאָר ניט קיין פּראָסטיטוטקע, נאָר זי בעזוכט גאָר אַן אוניווערזיטעט, האָט מען זי פון שטאָדט אַרויסגעטריבען.

אָבער דיזע אַלע ליידען זיינען געוועזען אַ קלייניגקייט געגען די פּאָגראָמען און די שרעקליכע שחיטות, וואָס די אידען האָבען צוליטען אין ניקאָלאַי'ס צייטען. אָנגעהויבען האָבען זיך די פּאָגראָמען אין דער שטעדטעל שפּאָלע, קיעווער גובערניע, אין 1897, און האָבען זיך געשווינט פערשפּרייט איבער גאַנץ זיד-רוסלאַנד, וואו עס איז שוין איינינע יאָהרען אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע אַגיטאַציאָן געגען אידען. שרעקליכע שחיטות זיינען פּאָרגעקומען אין קאַנטאַקוזאָווקע, כערסאָנער גובערניע, אין ניקאָלאַיעוו און אַנדערע שטעדט און שטעדטלאַך, אָבער די העכסטע שטופּעס האָבען די רציחות דערגרייכט אין קישינעוו, די הויפּטשטאָדט פון דער בעסאַראַביער גובערניע, ביים גרענעץ פון רומעניען. אין דיזער שטאָדט האָבען זיך געפונען 50,000 אידען צווישען 150,000 קריסטען. בעסאַראַביען איז שוין זינט איינינע יאָהר געוואָרען געפעהרליך פיר אידען, ערסטענס, ווייל זי איז נאָהענט צו רומעניען, און צווייטענס, ווייל פ אָ ן - פּ ל ע ה ו ו ע, וועלכער איז דאַמאָלס

געווען דער מיניסטער פון אינערן, האָט זיך בעזונדערס גענומען צום אָפּ־
רייניגען זיד־רוסלאַנד פון די סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענ־
טען, צווישען וועלכע עס זיינען ביי איהם געווען פערעכענט אַלע אידען.
פיעל האָט געהאָלפען צו פערשפּרייטען האַס געגען אידען די צייטונג „בע־
סאַראַבעץ”, ארויסגעגעבען פון דעם געפעהרליכען אידען־פיינד ק ר ו ש ע ־
ו ו א ן . ער האָט אַלע מיטלען אָנגעווענדט צו פערשפּרייטען שנאה צווי־
שען די קריסטען צו די אידען. ער האָט אויך געמאַכט אַן עלילת דם אויף
אידען. דער מאָרד פון אַ קריסטליכען אינגעל אין אַ דאָרף ניט ווייט פון
קישינעוו און דער זעלבסמאָרד פון אַ קריסטליכער מיידעל אין אידישען
האָספּיטאַל אין קישינעוו, זיינען געווען אַ גוטער מאָטיוו צו מאַכען פּאָגראָ־
מען אויף אידען, וועלכע מען האָט בעשולדיגט, דאָס זיי האָבען אומגע־
בראַכט דיזע קינדער אום צו געברויכען דאָס בלוט פון די ערמאָרדעטע פיר
רעליגיעזע צוועקען. דעם 19טען און 20טען אַפּריל האָט אויסגעבראָכען
אַ שרעקליכער פּאָגראָם, אין וועלכען עס האָט אַנטייל גענומען די פּאָליציי
זעלבסט מיט דער הילף פון ארמעע־אָפיצערען, וועלכע האָבען קאָמאַנדירט
דעם המון אין זייער טייפעלשער ארבייט. אויך די שטודענטען פון קריסט־
ליכען טהעאָלאָגישען סעמינאַר האָבען געהאָלפען אין דער מערדערישער אר־
בייט, און די קירכע האָט זיי דערפאַר געבענשט. 47 אידען זיינען ערמאָר־
דעט געוואָרען און איבער 600 זיינען פערוואונדעט און פערקריפּעלט גע־
וואָרען. די צוויושעטע פּאָגראָמשטשיקעס האָבען מיט אַ בעזונדערען פערגע־
ניגען געשלאָגען צוועקעס אין דעם האָרב פון אַן אַלטען אידען. הונדערטער
אידישע הייזער זיינען פערברענט געוואָרען פון דעם ווילדען המון, אידישע
קראָמען און מאַגאַזינען זיינען צוראַבירט געוואָרען, איבער 2,000 אידישע
פאַמיליעס זיינען רואינירט געוואָרען און זיינען געקומען צו בעטעל־ברויט.
די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט איז אין שרעק געקומען פון דיזע מערדערישע
גוואַלדטאַטען. דער אָרדען „בני ברית” פון אַמעריקאַ האָט צוגעגרייט אַ
פּעטיציאָן (ביטשריפט) אונטערגעשריבען פון פיעלע טויזענדער פּראָמינענ־
טע אידען און קריסטען, בעטענדיג דעם צאַר ער זאָל בעשיצען זיינע אידי־
שע אונטערטאַנען פון די שרעקליכע מערדערייען. אָבער דער פּרעזידענט
רוזוועלט האָט ערהאַלטען פון דער רוסישער רעגירונג אַן ענטפער, אַז דער
צאַר וועט אַזאַ פּעטיציאָן ניט אָננעהמען. דער פּראָטעסט פון דער גאַנצער
ציוויליזירטער וועלט האָט קיין ווירקונג ניט געמאַכט אויף די רוסישע רע־
גירונג, און ווען די פּאָגראָמשטשיקעס זיינען פון יוצא וועגען פּאָרגעבראַכט
געוואָרען פאַר דער גערעכטיגקייט אין די געריכטס־הייזער זיינען זיי אַלע

בעפרייט געוואָרען ווי אונשולדיגע שעפסעלאַך. דער איינציגער, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט אַן אמת וואָרט וועגען דער קישינעווער שחיטה, איז געווען פירסט א ו ר ו ס אָ ו ו, וועלכער האָט אָפען בעשולדיגט די פעטערבורגער רעגירונג אין אַלע רציחות, ווייל מיט איהר פאַלשער פּאָליטיק פערשפּרייט זי אַ שרעקליכע שנאה צווישען די אידען און קריסטען. און באמת איז שפּעטער אויפגעוויזען געוואָרען, דאָס דער שרעקליכער פּאָגראָם אין קישינעוו איז געווען געאָרדענט פון מיניסטער פאָן־פּלעהווע אין אַ געהיימער שריפט צום קישינעווער גובערנאַטאָר פאָן ראַאַבען.

דיזע בעציהונגען צו די אידען אין רוסלאַנד האָט די רעגירונג פאָרטגעזעצט. אַ גאַנצע רייהע פון גזירות, בעשרענקונגען, פּאָגראָמען, שחיטות, בלוט־בלבולים און העצונגען אין די צייטונגען האָבען ניט אויפגעהערט צו פערשטערן דאָס אידישע לעבען. די רעגירונג האָט געמאַכט די אידען פיר'ן שעיר לעזאזל, פיר'ן כפּרה־האָהן פיר אַלע ליידען, וואָס דאָס רוסישע פאָלק ליידט צוליב דער שולד פון דער שלעכטער רעגירונג. פיר די אָרימקייט, שכרות און אונוויסענהייט פון רוסישען פאָלק זיינען פעראַנטוואָרטליך די אידען, האָט די רעגירונג בעהויפּטעט פאַר דער וועלט. די אימער נייע און פרישע גזירות אויף אידען זיינען געווען אַ בעוויז פיר דעם שכור'ען המון, דאָס דער צאַר באַטיושקאַ נעהמט זיך אָן פיר זיי און גיט זיין הסכמה אוף אַלע פּאָגראָמען און שחיטות, וואָס זיי מאַכען אויף אידען. די רציחות אין קישינעוו זיינען געווען אַן אָנהייב פיר נייע פּאָגראָמען: אין האָמעל, אָדעס, זשיטאָמיר, יעליסאַוועטגראַד און אין פיעלע אַנדערע שטעדט (1904—1905). די דומאַ, די קאַריקאַטורע פון אַ פּאַרלאַמענט, האָט נאָך פערגרעסערט די רעאַקציאָן פון דער רוסישער רעגירונג און צוזאַמען מיט דעם די אידישע ליידען. ניט האָבענדיג קיין אַנדער מיטעל געגען די פּאָגראָמען האָבען די אידען געגרינדעט אין פיעלע שטעדט זעלבסט־שוץ פעראיינען מיט'ן צוועק צו בעשיצען זיך מיט געוועהר אין די הענט געגען פּאָגראָמשטשיקעס. פיעלע פון זיי זיינען צוגעשטאַנען צו די רעוואָלוציאָנערען און זיינען געוואָרען אַ גרויסע קראַפט אין דעם בעהאַלטענעם קאַמף געגען דער דעספּאָטישער רעגירונג, וועהרענד די צאָהל פון די אָנהענגער פון דעם אידישען רעוואָלוציאָנערען „בונד" איז געוואָרען זעהר גרויס.

די לעצטע יאָהרען פון ניקאָלאַי דעם 2טען'ס בלוטיגע רעגירונג האָבען זיך נאָך מעהר בעריהמט געמאַכט מיט דעם בלוט־בלבול, וואָס איז בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „דער ביילים פּראָצעס", וועלכער האָט אויפגערודערט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט מיט די באַרבאַרישע מעטהאָדען, מיט וועלכע

ער איז געפיהרט געוואָרען. מיר געפינען פיר נעטיג צו געבען היר א קור־צען איבערבליק איבער דיזער אונגעוועהנליכער עלילת דם געשיכטע.

דעם 11טען מערץ 1811 איז אין קיעוו פערפאַלען געוואָרען א קריסט־ליכער אינגעל אַנדרעי יושטשינסקי, 12 יאָהר אַלט. 13 טעג שפּעטער האָ-בען קינדער געפונען זיין טויטען קערפּער אין א גראָבען. ווען די דאָקטוי-רים האָבען געפּאַלמעסט דעם טויטען קערפּער האָבען זיי געפונען, אז ער איז געווען צואוואונדעט אין פיעלע ערטער. דאָס איז געווען גענוג פיר די רעגירונג און די צייטונגען צו מאַכען א ליאַרם, דאָס דער אינגעל איז ער־מאָרדעט געוואָרען פון אידען אום צו געברויכען זיין בלוט פיר רעליגיעזע צוועקען. דער חשד איז געפאַלען אויף א אידען מ ע נ ד ע ל ב י י ל י ס, ניט ווייל עס איז געווען וועלכער עס איז גרונד פיר חשד אויף איהם, נאָר די רעגירונג האָט דאַמאָלס געהאַט נעטיג צו ערנידריגען די אידען פאַר דעם רוסישען פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט, ווייל די דומא האָט גראַד דאַ־מאָלס אָנגעהויבען פערהאַנדלען די פראַגע אויב מען זאָל אָפּשאַפען די טשער-טאַ פיר אידען און געבען זיי דאָס רעכט צו וואוינען אין גאַנץ רוסלאַנד. דער סליעדאָוואַטעל (אונטערזוכער) קראַסאָווסקי, וועלכער האָט געהאַט גע-ניגענדע בעווייזען, דאָס די שולדיגע אין דעם מאָרד איז א געוויסע פּרוי וויערא טשעבעריאַק, האָט בעקומען אַן אָרדער פון דער רעגירונג צו געפי־נען א אידען. ניט וועלענדיג דאָס טאָן האָט ער געמוזט רעזיגנירען פון זיין שטעלע. דער נאָכפאָלגער האָט בעשולדיגט ביילים׳ן, א פּריקאַשטשיק אין זייצעוו׳ס פאַבריק, נעבען וועלכער יושטשינסקי׳ס קערפּער איז געפונען געוואָרען. לויט דער טהעאָריע פון דעם נייעם סליעדאָוואַטעל איז ביילים געווען א שליח פון דער גאַנצער אידישער קהלה צו ערמאָרדען יושטשינסקי׳ן און צו בעקומען זיין בלוט, ווייל אידען מוזען עס האָבען אין זייערע מצות. ניקאָלאַי זעלבסט האָט זיך שטאַרק פעראינטערעסירט אין דיזען פּראָצעס. דער יוסטיץ־מיניסטער שטשעגלאָוויטאָוו האָט פערזיכערט דעם קיסר, דאָס דער יושטשינסקי־מאָרד איז בעגאַנגען געוואָרען צוליב א רעליגיעזען צוועק. גראַד איז דאַמאָלס ניקאָלאַי געווען אין קיעוו און א אידישער ניהיליסט האָט ערמאָרדעט אין טהעאַטער דעם פּרעמיער־מיניסטער ס ט אָ ל י פּ י ן. דאָס האָט נאָך מעהר פערשאַרפט זיין שנאה צו אידען. ער האָט איינגע־שטימט, דאָס ביילים זאָל פּראָצעסירט ווערין אַלס א ריטואַל־מערדער און די גאַנצע מאַשינעריע פון רוסישער יוסטיץ האָט זיך גענומען צו בעווייזען, דאָס אידען זיינען מענשען־פרעסער. די רעגירונג האָט אויך געפונען עקספּערטען אין תלמוד, וועלכע האָבען בעשטעטיגט, דאָס אידען מוזען האָ-

מענדעל בײלים.

בען קריסטליכעס בלוט צו זײערע מצות (דער אַנטיסעמיט פּראָפעסאָר סי־קאָרסקי און אַ קאַטאָלישער געוועזענער גלח פּראַנאַיטיס). די קיעווער אידען אָבער האָבען אויך ניט געשוויגען און האָבען אָנגעשטעלט די בעסטע אַד־וואָקאַטען פון אידען און קריסטען, ווי גרוזענבערג, זארודני (אידען) און קאַראַבטשעווסקי, מאַקלאַקאָוו (קריסטען). אידישע און קריסטליכע גע־לעהרטע האָבען בעוויזען מיט פיעלע ציטאַטען פון תלמוד, ווי פאַלש עס איז די בעשולדיגונג, אַז אידען דאַרפען מענשליכעס בלוט צו זײערע רעלי־גיעזע צוועקען. דער געוועזענער סליעדאָוואַטעל קראַסאָווסקי האָט מיט טיכ־טיגע אַרגומענטען בעוויזען, דאָס די ריכטיגע שולדיגע אין דיזען מאָרד איז די פערדאָרבענע פרוי וויעראַ טשעבעריאַק, וועלכע האָט געהאַט אור־זאַכען יושטשינסקי'ן אָפּצוראַמען פון וועג, ווייל ער האָט געוואוסט פון איהרע מערדערישע מעשים תעתועים. דאָס אַלעס איז אַזוי קלאָר בעווי־זען געוואָרען אין געריכט, דאָס אפילו אַ רוסישע דזשורי האָט געקענט זעהן און פערשטעהן, ווי פאַלש עס איז די גאַנצע בעשולדיגונג. 34 טעג האָט געדויערט דער פּראָצעס, הונדערטער עדות זײנען גערופען געוואָרען, אָבער ענדליך איז די גאַנצע בעשולדיגונג צופאַלען ווי אַ קאָרטען־שטיבעל און די רוסישע דזשורי האָט אַרויסגעגעבען אַ ווערדיקט: ניט שולדיג. דיזען ווערדיקט האָבען ניט ערוואַרט ניט דער צאַר און ניט זײנע מיניסטאָרען. זאַגאַר שולגין, דער אַנטיסעמיטישער רעדאַקטאָר פון דער אידען־פײנדלי־כער צײטונג „קיעוולאַנין", האָט פּראָטעסטירט געגען דער שענדליכער פּראָ־צעדורע אין דעם געריכט. אין פּעטערבורג האָבען 120 בעריהמטע אַדוואָ־קאַטען פון קריסטען פּראָטעסטירט געגען דער אַרט און ווייזע, ווי די רעגי־רונג האָט געפיהרט דעם בײליס־פּראָצעס.

אָבער ניקאָלאַי מיט זײנע משרתים זײנען ניט צופרידען געווען מיט דעם ווערדיקט פון דער רוסישער דזשורי וועגען בײליס'ן. און אום צו צײ־גען דער וועלט זײן אונצופרידענהייט האָט ער די אַלע פּערזאָנען, וואָס האָ־בען זיך די מיה געגעבען צו בעשוואַרצען דאָס אידישע פאָלק און די אידישע רעליגיאָן, געצײיגט זײן איבערגעבענהייט צו זיי דורך מתנות און אויס־צײכנונגען, און די יעניגע, וואָס זײנען געווען אויף דער גערעכטער זייט, האָט ער בעשטראָפט. צווישען די לעצטע איז אויך געווען א ל כ ס נ ד ר ק ע ר ע נ ס ק י, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען פּרעמיער־מיניסטער אין רוסלאַנד באַלד נאָך דער רעוואָלוציאָן. דער נאָבעלער געלעהרטער פּראָפע־סאָר טראַאיצקי איז ענטזאַגט געוואָרען פון זײן שטעלע. דער געוועזענער סליעדאָוואַטעל קראַסאָווסקי, דער רעדאַקטאָר שולגין און נאָך אַנדערע,

וואָס זיינען געוועזן אויף דער זייט פון גערעכטיגקייט, זיינען אין טורמע אריינגעוואָרפען געוואָרען.

אידען אין פוילען. אין דער זעלבער צייט האָבען די אידען אין פוילען אָנגעהייבען שטאַרק ליידען פון נייע סאָרטען רדיפות. אויסער דעם דרוק פון דער רוסישער רעגירונג, פון וועלכער זיי האָבען פריהער געליטען וועניגער ווי די אידען אין רוסלאַנד, האָבען זיי אָנגעהויבען ליידען עקאָנאָמיש פון פוילישען פאָלק זעלבסט. שוין אין דער צייט פון אַלכסנדר דעם 2טען׳ס רעגירונג האָבען פיעלע אידען פון די ליטווישע שטעדט אויסגעוואַנדערט פון ליטא צוליב אָרימקייט און האָבען זיך בעזעצט אין פוילען, וואו די אידען האָבען זיך געפונען אין אַ בעסערען צושטאַנד, ווי די, וואָס זיינען געוועזן אין דער טשערטאַ אין רוסלאַנד. די צאָהל אידען אין פוילען האָט זיך צוליב דיזער עמיגראַציאָן פיעל פערגרעסערט. די ליטווישע אידען האָבען מיט זיך געבראַכט פיעל קענטנים אין אידישער ליטעראַטור און געשיכטע. וואַרשא איז געוואָרען אַ צענטער פון תורה און חכמת ישראל און האָט קאָנקורירט מיט ווילנא. אָבער צוזאַמען מיט זייער בילדונג האָבען זיי אַריינגעבראַכט אַ גרויסע ענדערונג אין דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון פוילען. דיזע ענדערונג האָט געשאַפען אין דער קריסטליכער וועלט אַ שרעקליכען האַס צו דער אידישער ראַסע אין אַלגעמיין.

די רוסישע רעגירונג האָט געפונען נעטיג פיר איהרע אינטערעסען צו מאַכען די שפּאַלטונג צווישען די אידען און די פּאָליאַקען לענגער און ברייטער. צו דיזען צוועק האָט זי ערסטענס פעראורזאַכט, דאָס די עמיגראַציאָן פון די ליטווישע אידען נאָך פוילען זאָל ווערען שטאַרקער, גרעסער, און צווייטענס האָט זי דורך צייטונגען און אַנדערע מיטלען בעשולדיגט די אידען אין אַלע שלעכטע עקאָנאָמישע צושטענדען, אין וועלכע פוילען האָט זיך דאַמאָלס געפונען. צוליב דעם האָבען די פּאָליאַקען בעזונדערס שטאַרק אָנגעהויבען פיינד האָבען די רוסיש-ליטווישע אידען, וועלכע האָבען גערעדט רוסיש בעסער פון פויליש; זיי האָבען זיי גערעכענט פיר רוסישע אַגענטען צו פערשפּרייטען אין פוילען די רוסישע שפּראַך און צו רוסיפיצירען דאָס לאַנד, ווייל דערצו האָט געשטרעבט די רוסישע רעגירונג. עס האָט ניט פיעל צייט גענומען און די שנאה פון די פּאָליאַקען האָט זיך צופלאַקערט אויך געגען פוילישע אידען. די אַנטיסעמיטען אין פוילען האָבען יעצט געפונען אַ שעת הכושר צו גיסען אויל אויף׳ן פייער; עס האָט זיך באַלד געפונען אַ שונא ישראל, ראָמאַן דמאָווסקי, וועלכער האָט אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַ צייטונג אונטער׳ן נאָמען „דוואַ גראָשי“ (צוויי גראָשען), אין וועל-

כער ער האָט אַגיטירט געגען אידען. ער האָט געוואָרפען די גאַנצע שולד פון דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע אין פוילען אויף די אידען.

די שנאה פון די פאָליאַקען צו די אידען האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע אין יאָהר 1912 צוליב די וואהלען פון דעפוטאַטען צו דער 4טער דו-מע. די 300 טויזענד אידען אין ווארשא האָבען געהאַט די מעהרהייט שטי-מען אין די וואהלען, און זיי האָבען ערוועהלט פיר אַ דעפּוטאַט אַ סאָציאַ-ליסט יאַגעללאָ אַנשטאָט דעם קאַנדידאַט, וואָס די פוילישע נאַציאָנאַל-פּאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט, ווייל דיזער איז געווען אַ ביטערער אַנטיסע-מיט. די פאָליאַקען האָבען בעשלאָסען זיך נוקם זיין אָן די אידען און האָ-בען זיך גענומען זיי צו פערפאָלגען אויף'ן געביט פון עקאָנאָמיע. זיי האָ-בען ערקלערט אַ באָיקאָט אויף אַלע אידישע סוחרים, קליינע און גרויסע, און האָבען ניט דערלאָזען די פאָליאַקען זאָלען עטוואָס קויפען פון אידען. מען האָט צושטעלט פּיקעטען, זיי זאָלען אַכטונג געבען, דאָס קיין פאָליאַק, קיין קריסט, זאָל ניט אַריינגעהן אין אַ אידישע קראָם אָדער פאַבריק צו קויפען עטוואָס. דער איד איז ניט זיכער געווען מיט זיין לעבען. עס האָ-בען זיך געבילדעט באַנדעס מערדער, וואָס האָבען בעגאַנגען שוידערליכע רציחות געגען אידען. אין וועלון האָבען מוזשיקעס פערברענט אַ אידישעס הויז מיט אַלע איינוואוינער. די רוסישע פּאָליציי האָט גאָרניט געטאָן צו בעשיצען די אידען, די פוילישע צייטונגען, אויך די קלעריקאַלען און די קיר-כען האָבען ניט אויפגעהערט צו העצען די קריסטען געגען די אידען. ווען ביילים איז בעפרייט געוואָרען פון זיין בלוט-בלבול, האָט די פוילישע פּרעסע זיך די מיה גענעבען צו שאַפען דעם איינדרוק, דאָס דיזער בלבול איז ניט געווען קיין פאַלשער, דאָס די אידען געברויכען ווירקליך קריסטליכעס בלוט פיר זייערע רעליגיעזע צוועקען, דאָס דיזעס איז קלאָר בעוויזען געוואָ-רען אויף'ן פּראָצעס און די דזשורי האָט איהם שלא ביושר בעפרייט. די לאַגע פון די אידען איז געווען אַ פערצווייפעלטע. זיי זיינען פירכטערליך רואינירט געוואָרען. אין דיזען אונגליק איז ניט אַזוי פיעל שולדיג געווען די שנאה פון די פאָליאַקען צו די אידען, ווי דער שרעקליכער האַס פון ני-קאָלאַי'ען צו זיי. די פאָליאַקען זיינען נאָר געווען אינסטרומענטען אין די הענט פון דער פּעטערבורגער ביוראָקראַטיע.

אָבער דער פוילישער באָיקאָט און דער ביילים בלוט-בלבול זיינען נאָך ניט געווען די לעצטע פון די פערברעכענס, וואָס ניקאָלאַי האָט בעגאַנגען גע-גען די אידען. ווייניגער ווי אין צעהן חדשים נאָך דער בעפרייאוּנג פון ביילים'ן האָט אויסגעבראָכען די גרויסע מלחמה. רוסלאַנד איז בשום אופן

ניט אין שטאנד געווען ארויסצוגעהן אין א שטרייט געגען דער מעכטיגער דייטשלאנד. און דעריבער איז דער 1טער אויגוסט פון 1914, דער טאג, ווען רוסלאנד האט ערקלערט קריג געגען דייטשלאנד, געווען דער אנפאנג פון דער מפלה פון רוסלאנד, און פון דעם אונטערגאנג פון דער דינאסטיע פון די בלוטדורשטיגע ראמאנאווס. די גרעסטע שטעדט פון פוילען און ליטא זיינען אין א גאנץ קורצער צייט אריינגעפאלען אין דייטשע הענט. אין א צייט פון צוויי יאהר איז כמעט גאנץ פוילען, וואס איז אריינגעפאלען אין רוסישע הענט אין דער צייט פון יעקאטערינא דער גרויסער און אלכסנדר דעם 1טען, אריבער אונטער די הערשאפט פון דייטשלאנד. צוזאמען מיט דעם האבען די דייטשען אפגעריסען פון רוסלאנד אויך א גרויסען טייל פון קורלאנד און ליפלאנד. די לאגע פון די אידען איז אויך ניט פיעל בעסער געווארען ווען זיי זיינען ארונטערגעפאלען אונטער די דייטשע הערשאפט. די פאליאקען האבען פארטגעזעצט זייער שנאה צו די אידען ווי פריהער און האבען אויף זיי גע'מסר'ט פאר די דייטשען ווי פריהער פאר די רוסען, אז זיי זיינען שפיאנען און פעררעטער, וואס צוליב דעם זיינען טויזענדער אונשולדיגע אידען פון די רוסען מיט'ן טויט בעשטראפט געווארען. גאנצע אידישע שטעדט מיט זייערע קהלות זיינען פון זייערע הייזער און זייערע ערטער פערטריבען געווארען און האבען זיך צושלעפט אין אנדערע ערטער אדער האבען געוואנדערט און זיינען חדשים לאנג געווען נע ונד ביז זיי האבען געפונען א שטיקעל מקום מנוחה. צעהנדליגע טויזענדער אידען זיינען אומגעקומען פון די הענט פון די בארבארישע קאזאקען, סינאגאגען זיינען געשענדעט געווארען, רבנים געהאנגען געווארען, יונגע קינדער און אלטע מענער זיינען ווי ווילדע חיות בעהאנדעלט געווארען.

ענדליך האט געשלאגען די שטונדע פון פרייהייט פיר רוסלאנד. דער 15טער מערץ פון 1917 וועט אויף אימער פערבלייבען א היסטארישער טאג אין דער געשיכטע פון רוסלאנד. דעם 15טען מערץ איז געקומען א דעפוטאציאן פון דער דומא צום צאר ניקאלאי, וועלכער האט זיך דאמאלס געפונען אין אן אייזענבאהן-צוג, וואס האט זיך אפגעשטעלט נעבען דער שטאדט פסקאוו, און האט איהם געצוואונגען אונטערשרייבען א דאקומענט, דאס ער ענטזאגט זיך פון רוסישען טראן. מיט איין פעדערשטריך האט ניקאלאי דער צווייטער פערניכטעט די טויזענד-יעהריגע קייטען, וועלכע האבען געפלאגט די אלע פעלקער פון דער גרויסער רוסישער אימפעריע. און דיזע אלע פעלקערשאפטען האבען פלוצלינג בעקומען די פרייהייט צו לעבען נאך זייער וואונש, לויט זייער גלויבען, זייערע טראדיציאנען און זייערע אידע-

אלען. די אידען אין רוסלאנד זיינען פלוצלינג ארוים פון פינסטערניס אין ליכטיגקייט, פון שרעקליכער אונטערדריקונג אין פרייהייט, און עס זיינען געשעהען זאכען פיר די 6 מיליאָן אידען פון דער רוסישער אימפעריע, וואָס זיי האָבען קיין מאָל ניט ערוואַרטעט. דעם 30טען מערץ זיינען אַלע בע־שרענקונגען אָפּגעשאַפט געוואָרען פון די אידען אין דער אַרמעע און אין דער פלאָטע. דעם 5טען אַפּריל איז ערקלערט געוואָרען עמאַנציפּאַציאָן פיר אַלע רוסישע אונטערטאַנען אָהן אונטערשייד פון ראַסע און רעליגיאָן: יעדער מעג וואוינען וואו ער וויל אין דער גאַנצער רוסישער אימפעריע, זיך אויס-וועהלען וועלכע בעשעפטיגונג ער וויל, און מעג פערנעהמען יעדע שטעלע אין דער רעגירונג, צו וועלכער ער איז נאָר פעהיג. דער שרעקליכער פּאָלי-טישער דרוק, וואָס האָט געפּייניגט 180 מיליאָן מענשען אין דער רוסישער אימפּעריע איז מיט איין מאָל אָפּגעשאַפט געוואָרען, און די אידען האָבען אויך ענדליך גלייך מיט אַלעמען פריי אָפּגעאָטעמט אין רוסלאַנד.

די גרויסע רוסישע רעוואָלוציאָן האָט נאָך דערווייל ניט געבראַכט רוס־לאַנד דאָס גליק, וואָס פּאָליטישע פרייהייט מוז ברייננגען. דאָס לאַנד ליידעט נאָך פון די געבורטס־וועהען, וואָס די גרויסע איבערקעהרענים האָט מיט זיך געבראַכט, און די רעגירונג פון די באָלשעוויקעס מיט לענין און טראָצקי אָן ז׳ער שפּיץ האָט נאָך ניט פערשאַפט דעם לאַנד דאָס גליק, וואָס זיי האָבען פערשפּראָכען. די לאַגע איז דערווייל ניט בעסער געוואָרען, ווי זי איז גע-ווען פריהער אין דער צייט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג אונטער קע־רענסקי׳ן. אָהן צווייפעל שטעהט נאָך פּאָר אַ היבשע צייט צו ליידען אין ריזען גרויסען לאַנד ביז די ריכטיגע אָרדנונג וועט איינגעפיהרט ווערען, און אויך די אידען וועלען מוזען ליידען צוגלייך מיט אַלעמען ביז די גליקליכע צייט וועט קומען. רוסלאַנד קען צופאַלען אויף בעזונדערע מדינות, וועלכע וועלען זיך רעגירען זעלבשטענדיג אָדער פעראייניגט אונטער אַ פעדעראַל־רעגירונג נאָך דעם מוסטער פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ. עס קען זיין, דאָס די מאַטעריעלע לאַגע פון די אידען זאָל דערפון ליידען. אָבער דאָס איז זיכער, אַז די פרייהייט, וואָס די אידען האָבען בעקומען פון דער רעוואָלוציאָן, וועלען זיי מעהר ניט פערלירען. דער היסטאָרישער כלל, דאָס רעוואָלוציאָנען געהען ניט צוריק, וועט ניט מאַכען קיין אויסנאַהמע אויך אין רוסלאַנד. די אידען וועלען מעהר ניט זיין פערקנעכטעט אין רוס־לאַנד ווי זיי זיינען פריהער געווען. די „טשערטאַ״ (דער תחום) וועט נאָר בלייבען אַ היסטאָרישע ערינערונג, אַזוי ווי די געטאָס אין פראַנקפורט אָדער רוים. עס קען זעהר זיין, דאָס די פּאָליטישע פרייהייט וועט וועניג

אָדער גאָר ניט פערקלענערן דעם האַס פון די קריסטען צו די אידען, ווי מיר זעהען עס אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך. עס קען זיין, דאָס די אידען וועלען בעטראַכט ווערען אַלס אַ שעדליכע פּלאַנצע אין רוסלאַנד, ווי זיי ווע־רען בעטראַכט אין אַ גרויסען טייל פון דער וועלט. דער פּאָראורטייל, וואָס אַנדערע פעלקער האָבען געגען אידען קען ניט פערשווינדען אין איין טאָג, ווייל ער איז ביי זיי איינגעוואָרצעלט פון טויזענדער יאָהרען. אָבער דיזער פּאָראורטייל וועט מיט דער צייט ווערען פיעל שוואַכער.

ג. די באַלקאַנישע לענדער.

די געשיכטע פון די אידען אין די באַלקאַנישע לענדער צייגט, דאָס די אידען דאָרט האָבען ניט געמאַכט קיין גרויסען ערפאָלג אין געלעהרזאַמ־קייט, אין קאָמערציעלער און פינאַנציעלער הינזיכט, אָדער אין פּאָליטישער הינזיכט, ווי עס האָבען געמאַכט די אידען אין אַנדערע לענדער, וואו זיי האָבען גראַדע פיעל געליטען. דאָס איז ניט ווייל זיי שטעהען נידריגער פון זייערע ברידער אין אַנדערע לענדער, נאָר ווייל זייער צאָהל איז דאָרט פיעל קלענער אין פערגלייך מיט די אידען פון אַנדערע מדינות.

אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט האָבען זיך די אידען אויף דער באַלקאַנישער האַלב־אינזעל אָנגעהויבען צו פיהלען ניט זיכער צוליב די אונ־רוהען, וואָס האָבען זיך דאַמאָלס אָנגעהויבען צווישען דער קריסטליכער בע־פעלקערונג געגען דער טערקישער רעגירונג. הגם די רעגירונג איז ניט גע־ווען שלעכט צו די אידען, איז אָבער די קריסטליכע בעפעלקערונג געווען זעהר פיינדליך צו זיי. די אידען פון זייער זייט זיינען געווען זעהר פריינד־ליך צו דער טערקישער רעגירונג; זיי האָבען ניט געקענט פערגעסען, וואָס דיזע רעגירונג האָט די אידען אויפגענומען פריינדליך, ווען מען האָט זיי אַרויסגעטריבען פון שפּאַניען אין יאָהר 1492. די אַלע אידישע קהלות אין גריכענלאַנד, בולגאַריען, סערביען און די ערסטע קהלה אין רומעניען זיינען געגרינדעט געוואָרען פון די אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. ווען די טערקישע מאַכט האָט אָנגעהויבען ווערען שוואַכער און די מאַכט פון צלם האָט אָנגעהויבען וואַקסען זיינען די אידען געוואָרען זעהר אונרו־היג. די 15 הונדערט יאָהר, וואָס זיי האָבען געליטען אין די קריסטליכע לענדער, האָט געשאַפען אין זיי דעם איינדרוק פון מורא פאַר יעדער קריסט־ליכער אויבערמאַכט. דאָס זייער מורא איז ניט געווען קיין אומזיסטע צייגט קלאָר זייער געשיכטע פון די לעצטע הונדערט יאָהר, וועלכע מיר וועלען דאָ אין קורצען איבערגעבען.

די אידישע היסטאָריקער האָבען זיך זעהר וועניג אינטערעסירט מיט דעם לעבען פון די אידען אין גריכענלאַנד, בולגאַריען און סערביען צוליב זייער קליינער צאָהל. די איינציגע וויכטיגע פּערזענליכקייט, וועלכע האָט זיך בעוויזען צווישען די גריכישע אידען אין די לעצטע 4 הונדערט יאָהר, איז געווען דון יוסף נשיא, דער הערצאָג פון נאַקסאָס. אָבער ניט אָב־טענדיג אויף זייער קליינע צאָהל זיינען די גריכישע אידען פון די אַלטע צייטען אָן געבליבען טריי צום יודענטום, ניט אַכטענדיג אויף די פּער־פאָלגונגען, וואָס זיי האָבען געליטען צוליב זייער רעליגיאָן. פון דער צייט אָן, וואָס די גריכען האָבען זיך אָפּגעריסען פון טערקיי (1821) און זיינען געוואָרען זעלבשטענדיג, איז די צאָהל פון די אידען אין דיזען לאַנד פיעל קלענער געוואָרען. זאָגאַר אין אַטהען איז ערסט מיט 50 יאָהר צוריק ענטשטאַנען א אידישע געמיינדע. נאָך דעם צווייטען באַלקאַנישען קריג (1913) האָט די שטאָדט סאַלאָניקי מיט איהרע 100,000 איינוואוינער, מיט איהרע וויכטיגע סינאַגאָגען און לעהר־אַנשטאַלטען אַנגעהויבען צו האָבען א גרויסען איינפלוס אויף אַלע אידען אין גריכענלאַנד.

די אַלטע שנאה, וואָס די גריכען האָבען אימער געטראָגען צו די אי־דען, איז אין די לעצטע יאָהרען איבער־אַ־נייס אויפגעלעבט געוואָרען דורך די פערברייטונג פון דעם אַנטיסעמיטיזם זינט די דייטשע דינאַסטיע האָט אַנגעהויבען צו הערשען דאָרט. צום גליק איז די צאָהל אידען אין גריכענ־לאַנד ניט גרויס, און דעריבער קען דער אַנטיסעמיטיזם דאָרט ניט זיין זעהר ווירקזאַם. און דעריבער איז עס ניט זעהר שווער אַנגעקומען אַדאָלף קרעמיע צו בעקומען פיר די אידען אין קאָרפו פולע פּאָליטישע רעכטען אין 1864. אין 1894 איז אין קאָרפו פאָרגעקומען אַן עלילת דם, וועלכען די אַנטי־סעמיטען האָבען בעשאַפען מיט'ן צוועק צו שאַדען די אידישע קאַנדידאַטען, וועלכע האָבען געהאַט שאַנסען צו בעקומען עפענטליכע שטעלען. א אידישע מיידעל איז געפונען געוואָרען אַן ערמאָרדעטע און די אַנטיסעמיטען האָ־בען פערשפּרייט א קלאַנג, דאָס די זי איז א קריסטליך קינד, וועל־כעס די אידען האָבען ערמאָרדעט אום צו בענוצען דאָס בלוט צו רעליגיע־זע צוועקען. אום זיך נוקם צו זיין אָן די קריסטליכע בעפעלקערונג פיר דיזען בלבול האָבען די אידען אין אייראָפּאַ געמאַכט א באָיקאָט אויף דעם אתרוג־האַנדעל פון קאָרפו, וועלכער איז דאַמאָלס געווען אויסשליסליך אין קריסטליכע הענט.

די אידישע קהלות אין בולגאַריען, וועלכע עקסיסטירען דאָרט זינט די צייטען פון רוימישען קייזער טראַיאַנוס, האָבען פיעל צו דערצעהלען

פון זייערע ליידען און מארטירערטום, וואס זיי זיינען דארט אויסגעשטאנען צוליב זייער רעליגיאן. די אידען האבען דארט געליטען פון אלע זייטען, פון די מאחמעדאנער און פון די קריסטען. די פאליטישע אונרוהען, וואס זיינען פארגעקומען אין בולגאריען אין דעם גרעסטען טייל פון 19טען יאהר־הונדערט, האבען פערשאפט דעם אידען גרויסע צרות. בעזונדערס האבען זיי געליטען פון די רוסישע סאלדאטען, וואס זיינען געקומען אין בולגאריען אין דער צייט פון רוסיש־טערקישען קריג. דיזע בארבארען האבען צורויבט און רואינירט אידישע הייזער און געשעפטען און טויזענדער פון די אידען האבען געמוזט אוועקלויפען פון זייערע שטעדט אום צו רעטען זייערע לעבענס. דער בערלינער טראקטאט פון 1878 האט זיי פערשאפט פאליטישע גלייכע רעכטען און פון דאמאלס אן איז זייער עקסיסטענץ געזיכערט געווארען. די אידישע געמיינדען אין פיעלע שטעדט פון בולגאריען האבען געזעהען פאר זיך א גליקליכע צוקונפט. אבער דער רוסישער איינפלוס פון איין זייט און דער דייטשער אנטיסעמיטיזם פון דער אנדערער זייט האבען אנגעהויבען צו פערזוכען זייער לעבען און האבען געשאפען בלוט־בלבולים אין 1885. מען האט אויך אין בולגאריען אנגעהויבען צו פערפאלגען אידישע קינדער אין אלע לעהר־אנשטאלטען. די לאגע פון אידען אין בולגאריען האט געקענט ווערען זעהר טרויעריג, אבער צום גליק האט די „אלליאנס" פון פאריז זיך אנגענומען פיר זיי און האט אנגעהויבען דארט בויען שולען און דער גייסטיגער צושטאנד פון די אידען האט דארט שנעל געוואקסען און אין א קורצער צייט האבען די בולגארישע אידען געהאט א היבשע צאהל רעפרעזענטאנטען. אויך דער רעליגיעזער צושטאנד זייערער איז געווארען פיעל העכער דורך וויכטיגע לאנד־ראבינער, ווי דר. דאנקאוויטץ, גרינוואלד און עהרענפרייז. דער לעצטער איז א קורצע צייט איידער דער גרויסער וועלט־קריג האט אויסגעבראכען ערוועהלט געווארען אלס אויבער־ראבינער אין שוועדען.

ס ע ר ב י ע ן איז געוועזען די ערסטע פון אלע באלקאנישע לענדער, וואס האט געגעבען צו איהרע אידען פולע פאליטישע רעכטען. פרינץ מילאש אברענאוויטש האט שוין אין 1817 ארויסגעגעבען א פראקלאמאציאן וועגען אידישע רעכטען. אבער דאמאלס איז סערביען נאך געוועזען אונטער דער הערשאפט פון טערקיי און זיין פראקלאמאציאן האט ניט געהאט גענוג קראפט צו ווערען א געזעץ. אבער די 21 יאהר, וואס ער איז געוועזען הערשער אין סערביען, האבען די אידען גענאסען פולע פרייהייט און האבען קיין דרוק ניט געליטען. אבער אין יאהר 1842, ווען אלכסנדר קאראגע-

אָרגעוויטש האָט פערנומען זיין שטעלע, איז אָנגעקומען פיר אידען א פּער־ריאָדע פון רעאַקציאָן. די אידען זיינען בעשרענקט געוואָרען אין זייער האַנ־דעל און זיי איז פערוועהרט געוואָרען זיך בעזעצען אין געוויסע טיילען פון לאַנד. דער טראַקטאַט, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען אין פּאַריז אין 1852, האָט געגעבען די אידען פון סערביען רעליגיעזע און בירגערליכע רעכטען, אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט און מען האָט דיזע פון זיי אָפּגענומען. אין 1858 איז מילאָש ווידער געוואָרען הערשער אין סערביען און האָט אָפּ־געשאַפט אַלע בעשרענקענדע געזעצען וועגען אידען. ליידער איז ער באַלד געשטאָרבען און זיין נאָכפאָלגער פּרינץ מיכעל האָט ווידער בעשרענקט די אידען אין פיעלע הינזיכטען. אין די יאָהרען 1861—1864 האָט ער צוריק אַרויסגעטריבען די אידען פון די ערטער, וואו זיי האָבען זיך בעזעצט אין דער צייט פון מילאָש'ס רעגירונג. צוליב דיזע פערפאָלגונגען איז די צאָהל פון אידען כמעט ביז העלפט פערקלענערט געוואָרען. דאַמאָלס האָט די פּאַריזער „אַלליאַנס" זיך ווידער גענומען העלפען די אידען אין סער־ביען דורך פערהאַנדלונגען מיט דער סערבישער רעגירונג. ווייל אָבער די „אַלליאַנס" האָט גאָר ניט געקענט אויספיהרען ביי דער סערבישער רעגי־רונג צו ענדערן איהרע בעציהונגען צו איהרע אידען, האָבען זיך די אידען געווענדט צו ענגלאַנד וועגען שוץ. אָבער ניט דער ענגלישער פּאַרלאַמענט, ניט די שתדלנות פון קרעמיע און מאָנטעפיאָרע האָבען געקענט פערבעסערן די לאַגע פון די אידען אין סערביען.

די פערשיידענע גירושים און די פריווילליגע עמיגראַציאָן האָט מעהר און מעהר פערקלענערט די צאָהל פון די אידען אין סערביען. אַן ענדערונג צו בעסער איז געקומען פיר די אידען אין סערביען אין 1873, ווען די רע־גירונג האָט ערלויבט די אידען אין בעלגראַד צו ערוועהלען איין דעפּוטאַט צו דער סקופּטשינאַ (פּאַרלאַמענט). דיזער פאַקט האָט די אידען שטאַרק צוגעבונדען צום לאַנד, וועלכעס האָט זיי פריהער בעהאַנדעלט ווי שטיפ־קינדער. ווען עס האָט אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציאָן געגען טערקיי אין 1876 האָבען די אידען אַרויסגעוויזען גרויס פּאַטריאָטיזם און פיעלע האָ־בען געאָפּפערט זייערע לעבענס פיר די בעפרייאונג פון סערביען. פּרינץ מילאָן זעלבסט האָט זיך איבערצייגט אין די אידישע טרייהייט, און אין 1880 האָט ער ערוועהלט 6 אידען פיר זיין לייב־גוואַרדיע. די קאָנסטיטו־ציאָן פון 1889 האָט ענדליך געגעבען די אידען גלייכע רעכטען מיט אַלע אַנדערע אונטערטאַנען.

די געשיכטע פון די אידען אין ר ו מ ע נ י ע ן (מאָלדאַוויע, וואַלאַכיע) איז פיעל וויכטיגער ווי די געשיכטע פון די אידען אין די אַנדערע באַלקאַן־לענדער, וועלכע מיר האָבען פריהער בעהאַנדעלט. ערסטענס איז זייער צאָהל פיעל גרעסער פון די אַלע אַנדערע. רומעניען האָט מעהר פון 200 טויזענד אידען, וועהרענד די פריהער דערמאָהנטע לענדער: גריכענ-לאַנד, בולגאַריען און סערביען, האָבען צוזאַמען קוים 50 טויזענד אידען, צווייטענס איז זייער מצב פיעל ערגער אין רומעניען ווי אין יענע באַלקאַן־לענדער. אויף יענע לענדער האָט די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציאָן געהאַט אַן איינפלוס בנוגע צו אידישער עמאַנציפּאַציאָן; רומעניען דאַגעגען איז געבליבען פיינדליך צו אידען ביז היינט און קיין פּראָטעסט געגען איהר שלעכטע בעהאַנדלונג פון אידען, וואָס די ציוויליזירטע לענדער האָבען אויס-געדריקט, האָט קיין ווירקונג ניט געהאַט. יענע באַלקאַנישע לענדער האָבען גענומען אַלס ביישפּיל ווי צו לעזען די אידען־פראַגע די מערב־לענדער, רומעניען האָט אָבער אָנגענומען אַלס איהר לעהרער אין בע-טרעף פון דיזער פראַגע די דעספּאָטישע, באַרבאַרישע רוסלאַנד. ווער עס קען גוט דעם כאַראַקטער פון רומענישען פאָלק איז איבערצייגט, דאָס זיי וועלען קיינמאָל ניט געבען אידען פולע עמאַנציפּאַציאָן, סיידען זיי וועלען זיין געצוואונגען דערצו פון אַן אויסלענדישער מאַכט.

די רדיפות אויף אידען אין רומעניען זיינען בעזונדערס שטאַרקער און פערפיעלפאַכט געוואָרען פון דעם אָנהויב פון דעם 19טען יאָהרהונדערט. זינט אַלכסנדר מאָרוזי איז אַרויף אויף דעם טראָן פון וואַלאַכיע אין 1799, האָט די רומענישע נאַציאָן אָנגעהויבען צו זוכען צופעלען ווי צו דריקען וואָס מעהר די אידען. מען האָט זיי באַלד בעשולדיגט אין אַ מאָרד פון אַ קריסט-ליכען קינד מיט'ן צוועק צו געברויכען דאָס בלוט פיר רעליגיעזע צוועקען. אין אַפּריל 1801 האָט אויסגעבראָכען אין בוקאַרעסט אַ בעפאַל אויף'ן אי-דישען קוואַרטאַל. די אידישע הייזער זיינען צורויבט און רואינירט געוואָ-רען און 28 אידישע לעבענס זיינען פערלאָרען געוואָרען. אין אַ צווייטען ריטואַל־מאָרד האָט מען זיי בעשולדיגט אין 1803 אין יאַסי באַלד ווי אַלכסנדר מאָרוזי איז געוואָרען הערשער פון מאָלדאַוויע. פיעלע אידען זיי-נען בעשולדיגט געוואָרען אין דיזען מאָרד און זיינען אריינגעשליידערט גע-וואָרען אין תפיסה, וואו זיי זיינען שרעקליך געפייניגט געוואָרען. די פּרעסע, די רעגירונג און די אַדעלליט האָבען זיך פעראייניגט צו פערפאָלגען די אידען און צו בערויבען זיי פון אַלע רעכטען. באַלד האָט ווידער אויסגעבראָכען אַ מלחמה צווישען רוסלאַנד און טערקיי; רומעניען איז געווען דער צענטער

פון דעם קריג, און די אידען, ווי אימער, האָבען מעהר פון אַלעמען געליטען פון דער מלחמה. די רומעניער האָבען געגעבען די אידען אַ ברירה: שמד אָדער טויט. דיזער צושטאַנד האָט געדויערט ביז עס איז געשלאָסען געוואָרען פרידען אין יאָהר 1812. די שוידערליכסטע פּאַסירונג אין דיזער מלחמה איז פערבונדען מיט דעם בעפעל פון די ווילדע קאַלמוקען, אַ טייל פון דער טערקישער אַרמעע, אין בוקאַרעסט. די מענשען־פרעסערישע קאַלמוקען האָבען אין בוקאַרעסט פיעלע אידישע קינדער אַרויפגעכאַפּט אויף זייערע שפּיזען, האָבען זיי לעבעדיגערהייד געבראָטען אויף'ן פייער און זיי אויפגעפרעסען פאַר די עלטערן'ס אויגען. אָבער אויך נאָך דער מלחמה, ווען די רוסען און די טערקען האָבען שוין פערלאָזען רומעניען, האָבען זיך ביידע הערשער פון מאָלדאַוויע און וואַלאַכיע פעראייניגט צו פערפאָלגען די אידען. אַ מגפה האָט זיך פערשפּרייט אין מאָלדאַוויע און וואַלאַכיע און די רעגירונג און דאָס פאָלק האָבען בעשולדיגט אין דעם די אידען, זאָגענדיג, דאָס צוליב זייער אונריינקייט האָט אויסגעבראָכען די מגפה, און דער רעזולטאַט איז געווען דרוק און צוואַנג איבעראַל. אַ איד אין רומעניען האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו ערווערבען ערד־אייגענטום און ניט צו זיין אַן עדות געגען אַ קריסט.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע לאַנגע רייהע פון פערפאָלגונגען און בעשרענקונגען געגען אידען. די רעגירונג האָט געשאַפען דריקענדע געזעצען פיר אידען, און דאָס פאָלק האָט גענומען אין זיינע הענט דורכצופיהרען דיזע געזעצען אין דער פּראַקטיק. די גריכישע רעוואָלוציאָן פון 1821 האָט פערשאַפט גרויסע אונרוהען אויך אין רומעניען; עס האָבען זיך געבילדעט באַנדעס רויבער, וועלכע האָבען זיך אָנגעגעבען אַלס רעוואָלוציאָנערען, אָבער זיי האָבען זיך בעשעפטיגט נאָר מיט רויב און מאָרד אין די אידישע שטעדט פון רומעניען. אין 1822 איז דער אידישער קוואַרטאַל אין יאַסי אָפּגעברענט געוואָרען. אין 1826 האָט ווידער אויסגעבראָכען אַ מלחמה צווישען רוסלאַנד און טערקיי, וועלכע האָט געדויערט גאַנצע 8 יאָהר, ביז 1834, און די הויפּט־ליידענדע פון דיזער מלחמה זיינען ווידער געווען די אידען. מען האָט זיי געטריבען פון די דערפער, און אין די שטעדט האָט מען זיי ניט ערלויבט צו בעזעצען זיך אין רייניע גאַסען. מען האָט פערקריפעלט זייער האַנדעל, זיי ניט ערלויבט צו בויען סינאַגאָגען, בלוט־בלבולים האָבען ניט אויפגעהערט און דאָס האָט געפיהרט צו בעפאַלען און פּאָגראָמען. עס זיינען אָבער אויך געווען ערטער, וואו מען האָט געמוזט האָבען אידען. דאָרט האָבען די אַרעלליים געגרינדעט האַנדעל־שטעדט און האָבען

בעזעצט אידען, זיי זאָלען פערברייטען מסחור. ניט קוקענדיג אויף דעם שרעקליכען דרוק און אויף די בעשרענקונגען האָבען די אידען א גרויסען אַנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָן פון 1848, וועלכע האָט דערגרייכט זאָגאר רומעניען. א גרויסער טייל פון די אידען איז געווען אויף דער זייט פון דער פּארטיי, וואָס האָט געשטרעבט צו פעראייניגען מאָלדאַוויע און וואַלאַכיע אין איין מלוכה. עס פערשטעהט זיך, אז מען האָט זיי צוגעזאָגט געבען גלייכע רעכטען דערפאַר. אָבער ווען די זאך איז געוואונען געוואָרען און אלכסנדר קוזא (1859—1866) איז געוואָרען הערשער איבער די פעראייניגטע רומעניען, האָט מען די הבטחות ניט מקיים געווען, און מען האָט די אידען אויסגעשלאָסען פון אַלע רעכטען אין דער קאָנסטיטוציאָן. קוזא׳ס נאָכפאָלגער, קארל פאָן האָהענצאָללערן (1866), האָט גאָרניט געטאָן צו פערבעסערן די אידישע לאַגע. זיין רעגירונג האָט פיעל געהאָלפען צו דעם בעפאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין בוקארעסט אויף אידען, אין וועלכען מען האָט געשענדעט און צוראבירט די גרויסע סינאַגאָגע. די קאָנסטיטוציאָן האָט אויסגעשלאָסען אידען פון צו זיין בירגער אין רומעניען, און דער פּרעמיער בראטיאַנאָ האָט אָנגעהויבען טאָן אידען אַזעלכע רשעות, פון וועלכע מען האָט זאָגאר אין רומעניען פריהער ניט געהערט. ער האָט אויפגעזוכט אַלע אַלטע בעשרענקענדע געזעצען געגען אידען און האָט זיי אַריינגעבראַכט אין דער פּראַקטיק. מען האָט די אידען געטריבען פון די דערפער, פערמאַכט זייערע שיינקען און געראבירט זייערע געשעפטען. מען האָט געכאַפּט פיעלע אידען, אַלטע איינוואוינער אין רומעניען, און מען האָט זיי אַריבערגעשיקט איבער׳ן דונאַי אין טערקיי, און ווען די טערקען האָבען ניט געוואָלט זיי אַריינלאָזען אין לאַנד, האָבען די רומעניער זיי דערטרונקען אין דונאַי. ענגלאַנד און אַמעריקא האָבען הויך פּראָטעסטירט געגען אַזא באַרבאַריזם. אויך דער פראַנצויזישער קייזער נאַפּאָלעאָן דער 3טער האָט אין 1867 טעלעגראַפירט א פּראָטעסט צו קעניג קארל פון רומעניען. „איך קען ניט גלויבען", האָט ער געזאָגט אין זיין טעלעגראַמע, „דאָס די אויפגעקלערטע רעגירונג פון אייער האָהייט זאָל ערלויבען מאַסרעגלען, וועלכע זיינען אַזוי פיעל געגען מענשליכקייט און ציוויליזאַציאָן". אויך די פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקא האָבען זיך שטאַרק פעראינטערעסירט אין דער לאַגע פון די אידען אין רומעניען. דער פּרעזידענט גראַנט האָט דאַמאָלס בעשטימט אַלס קאָנסול פון אַמעריקא אין רומעניען מר. בענדזשאַמין פּעיקסאָטאָ פון סאַן פראַנציסקאָ. פאַר פּעיקסאָטאָ׳ס אַפּרייזען האָט דער פּרעזידענט, רעדענדיג מיט איהם וועגען דער לאַגע פון די אידען אין רומעניען, זיך

אויסגעדריקט זעהר שאַרף געגען דער טאַקטיק פון אידען־פערפאָלגונג, און ער האָט אויסגעדריקט זיין האָפנונג, דאָס זיינע בעמיהונגען צו פערבעסערן די אידישע לאַגע אין רומעניען וועלען האָבען ערפאָלג.

אָבער לײדער האָט דער פּראָטעסט פון אַלע ציוויליזירטע לענדער ניט געהאָלפען. די בעמיהונגען פון פּעיקסאָטטאָ און פון אַלע איבריגע קאָנסולען פון איירָאָפּאַ האָבען די זאַך ניט געענדערט אויף אַ האָאַר. ווען אין 1872 האָבען אין רומעניען ווידער אויסגעבראָכען פּאָגראָמען און הריגות אויף אי־דען האָבען די אײראָפּעאישע רעגירונגען ווידער אויפגעהויבען זייער שטי־מע געגען די גוואַלדטאַטען. דייטשלאַנד און ענגלאַנד האָבען בעזונדערס שטאַרק געטאַדעלט רומעניען פיר איהרע רציחות געגען אידען. ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליען האָבען בעשלאָסען צו רופען אַ קאָנפערענץ פון אַלע גרויסע מעכטען, צווישען זיי די דאָזיגע, וואָס אונטער זייער שוץ איז רומע־ניען געשטאַנען, אום צו מאַכען אַן ענדע צו די גוואַלדטאַטען, וואָס די רו־מעניער טוען צו די אידען. אָבער רוסלאַנד איז געווען געגען דעם פּלאַן. ביידע הייזער פון אַמעריקאַנישען קאָנגרעס האָבען געפאָדערט פון דעם שטאַאַטס־סעקרעטער פיש ער זאָל ערקלערען, וואָס האָט די אַמעריקאַנישע רעגירונג געטאָן פיר די אידען אין רומעניען? דער סעקרעטער האָט געענט־פערט, דאָס דער אַמערקאַנישער קאָנסול פּעיקסאָטטאָ האָט צוזאַמען מיט די פערטרעטער פון די אַנדערע מעכטען אַדרעסירט אַ פּראָטעסט צו דער רומע־נישער רעגירונג געגען די רציחות, וואָס ווערען בעגאַנגען אין רומעניען גע־גען אידען. פּעיקסאָטטאָ האָט אויך אויפגערודערט די גרויסע אידישע פּאַר־שטעהער אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן צו נעה־מען זיך מיט גרוים ערנסט פיר די לעזונג פון דער אידען־פראַגע אין רומע־ניען. פּעיקסאָטטאָ האָט געלעגט גרויסע האָפנונגען אויף זיין אַגיטאַציאָן.

די פּאָרשטעהער פון די אידען אין די ציוויליזירטע לענדער האָבען בעשלאָסען צו אַרבייטען מיט גרויס אחדות אום צו בעשיצען די פערפאָלגטע אידען אין די פינסטערע לענדער. צו דיזען צוועק האָבען זיי געהאַט 3 קאָנ־פערענצען, אין בריססעל (אין 1872) און אין פּאַריז (1876 און 1878). די גרעסטע מענשען פון דער אידישער וועלט האָבען אַנטייל גענומען אין די־זע קאָנפערענצען. דער בערלינער טראַקטאַט פון 1878, וועלכער האָט גע־געבען רומעניען פולע זעלבשטענדיגקייט מיט דער בעדינגונג זי זאָל געבען גלייכע רעכטען אַלע איהרע איינוואוינער, ניט אויסגענומען די אידען, האָט בערוהיגט אויף אַ קורצע צייט די אידישע פּאָרשטעהער, וועלכע האָבען גע־האָפט, דאָס דערמיט איז די אידען־פראַגע אין רומעניען געלעזט געוואָרען.

ליידער האָט די צייט בעוויזען, דאָס דער בערלינער טראַקטאַ איז געוועזען מעהר ניט ווי אַ שטיקעל פּאַפּיר פיר די רומעניש ע הערשער. די מער־דערישע רעגירונג האָט אויסגעזוכט אַלערליי דריידלאַך און פאַלשע איינ־טייטשונגען אין דעם טראַקטאַט, און דער רעזולטאַט איז געוועזען, דאָס די רומעניש ע אידען זיינען עד היום געבליבען רעכטלאָז. רומעניען האָט גע־האָט פיר זיך אַלס לעהרער אין אידען־פערפאָלגונגען די פינסטערע רוסלאַנד. רומעניען האָט די בעסטע מענער פון אידען אַרויסגעיאָגט פון לאַנד. אונ־טער זיי זיינען געוועזען פּערזאָנען ווי משה גאַסטער, דער געלעהרטער רב פון דער פּאָרטוגעזישער געמיינדע אין לאָנדאָן, דר. ע. שוואַרצפעלד און מעהרע־רע אַנדערע. אַמעריקאַ האָט ניט אויפגעהערט צו פּרובען העלפען די אידען אין רומעניען, ווען עס האָט זיך נאָר געמאַכט אַ צופאַל עפּעס צו טאָן פיר זיי. דער פּרעזידענט ראָאָזעוועלט האָט אין יאָהר 1902 צושיקט צירקולאַרען צו אַלע אַמעריקאַנישע אַמבאַסאַדאָרען אין איירָאָפּאַ צו בעוועגען די איירָאָ־פּעאישע רעגירונגען צו בעשיצען די אידען אין רומעניען און צו צווינגען רו מעניען צו געבען די אידען די רעכטען, וואָס זי האָט זיך פערפליכטעט צו געבען זיי לויט דעם בערלינער טראַקטאַט פון 1878.

ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען, איז פון דעם גאַנצען פּראָטעסט קיין פּראַקטישער רעזולטאַט ניט אַרויסגעקומען. די איירָאָפּעאישע מעכטען זיי־נען צופיעל בעשעפטיגט געוועזען מיט זייערע אייגענע אינערליכע און אויס־ווערטיגע געשעפטען און האָבען ניט געהאַט קיין צייט זיך ערנסט אָפּצוגע־בען מיט דער אידיש־רומענישער פראַגע. די איינציגע רעגירונג, וואָס האָט אויך נאָך דעם אַלגעמיינעם פּראָטעסט פּאָרטגעזעצט צו אַרבייטען וועגען די־זען געגענשטאַנד איז געוועזען ענגלאַנד, אָבער אָהן ערפאָלג, ווייל קיינע פון די אַנדערע מעכטען האָבען איהר ניט געהאָלפען. רומעניען האָט אַרויס־געגעבען איינציגע בראָשורען אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, אין וועלכע זי האָט געזוכט צו בעווייזען, דאָס זי איז גערעכט אין איהרע האַנדלונגען גע־גען די אידען, ווייל זיי זיינען ניט ווערט קיין בעסערע בעהאַנדלונג. די איינציגע, וואָס האָט געטאָן עטוואָס ממשות׳דיגעס אין דיזער פראַגע, איז געוועזען אַמעריקאַ. דער מיניסטער העי האָט אין זיין נאָטע געשטעמפּעלט די רומעניער פאַר דער ציוויליזירטער וועלט אַלס אַן אונמאָראַלישעס, פער־ברעכערישעס פאָלק, און דיזע נאָטע האָט רויט געמאַכט זאָגאַר די קופּערנע שטערנס פון דער אונפערשעמטער רעגירונג אין בוקאַרעסט.

די איירָאָפּעאישע נאַציאָנען האָבען זיך איבערצייגט אין דער אמת׳ער פריינדשאַפט פון אַמעריקאַ צו אידען. העי׳ס נאָטע האָט געהאַט אַ היב־

שע ווירקונג צו גוטען אויף רוסלאנד אין בעצוג אויף די אידישע פראגע דארט. אבער אויף רומעניען האט זי קיין ווירקונג ניט געהאט און די לאגע פון די אידען איז דארט געבליבען ווי פריהער, אהן א שום ענדערונג צום גוטען. אין דעם קריג צווישען די באלקאנישע פעלקער אין 1913 האבען פיעלע אידען פערלארען זייערע לעבענס אין דער רומענישער ארמעע. די אידען האבען געהאפט, דאס די רעגירונג וועט אנערקענען אלס איהרע בירגער, וועניגסטענס די אידישע סאלדאטען, וואס זיינען געבליבען לעבען נאך דער מלחמה, ווי די רעגירונג האט פערשפראכען. אבער רומעניען איז געבליבען טריי צו איהר פרינציפ פון אידען־האס און האט איהר ווארט געבראכען.

די אידישע כלל־טוער אין אמעריקא: לואיס מארשאל, סיירוס אדלער און הערבערט פריעדענוואלד האבען אלע קרעפטען אנגעווענדט צו בעווע־גען די אמעריקאנישע רעגירונג זי זאל ווירקען אויף רומעניען צו פערבע־סערן די אידישע לאגע דארט. דאס זעלבע האט געטאן דער „באארד אוו דעפיוטים" אין לאנדאן און די „אנגלא־דזשואיש אססאסיאיישאן". אבער דאס אלעס האט ניט געהאלפען. אויך די רעזאלוציאנען פון אמעריקאנישען קאנגרעס און דאס אריינמישען זיך פון ענגלישען מיניסטער עדוואארד גרעי האבען ניט געהאלפען. רומעניען איז געבליבען ביי איהר פאליטיק אין איהרע בעציהונגען צו דער אידען־פראגע.

מען האפט, דאס די יעצטיגע גרויסע מלחמה, וועלכע וועט געוויס ענ־דערן דעם שיקזאל פון אלע פעלקער, וועט אויך מאכען אן ענדערונג צו פער־בעסערן די אידישע לאגע אין רומעניען.

ד. אמעריקא.

1. די ספרדישע און דייטשע פעריאדעס.

ניט אכטענדיג דערויף, וואס אידען זיינען געווען פון די ערסטע, וואס זיינען געקומען מיט קאלומבוס'ן אין אמעריקא אלס מאטראזען, וועלכע האבען געהאט דעם מוט איהם צו בעגלייטען אויף זיין געוואגטער רייזע; ניט אכ־טענדיג דערויף, וואס אידישע פינאנסיערען האבען געהאלפען מיט זייערע קא־פיטאלען דורכפיהרען קאלומבוס'עס פלאן וועגען דער צווייפעלהאפטער רייזע — זיינען דאך זעהר וועניג אידען געווען אין אמעריקא אין דער ערסטער צייט פון איהר ענטדעקונג. זאגאר צו ענדע פון 19טען יאהרהונדערט איז זייער צאהל געווען אין נארד־ און זיד־אמעריקא זעהר אונבעדייטענד. א דאנק די פאגראמען און די פערפאלגונגען, וואס די אידען האבען איבערגעליטען

אין דער צייט פון אלכסנדר דעם 3טען'ס רעגירונג אין רוסלאנד, האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקע עמיגראַציאָן פון די רוסישע אידען נאָך אַמעריקאַ, וועלכע האָבען דאָ שנעל געגרינדעט גרויסע אידישע קהלות.

אָבער דער גרונדשטיין צו מאַכען דאָס אַמעריקאַנישע יודענטום דאָס וויכטיגסטע און רייכסטע אין דער וועלט איז שוין פריהער געלעגט געוואָרען. שוין אין דעם 17טען און דעם 18טען יאָהרהונדערט האָבען פון האָל־לאַנד און ענגלאַנד און בראַזיליען עמיגרירט שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אידען נאָך קאַנאַדאַ און די פעראייניגטע שטאַאטען און האָבען געגרינדעט געמיינדען, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער שטרענגער אָר־טהאָדאָקסיע. אמת, עס זיינען געווען צווישען זיי זעהר וועניגע אידיש־גע־לעהרטע, אָבער זיי האָבען זיך דערפאַר אויסגעצייכענט מיט זייער פעסטען גלויבען און מיט זייער שטאָלץ אויף זייער אָפּשטאַמונג, אויף זייער ראַסע.

אין 1856 איז געגרינדעט געוואָרען דער קליינער בית־עלמין, וועל־כער געפינט זיך אין טשאַטהאַם־סקוועער, ניו יאָרק, וועלכער איז געווען דער ערסטער צייכען, אַז אין ניו יאָרק עקסיסטירט אַ אידישע קהלה. באַלד נאָכ־דעם איז אויסגעבויט געוואָרען אַ סינאַגאָגע, וועלכע האָט געטאָן דאָס בעס־טע, וואָס זי האָט געקענט צו אונטערהאַלטען און שטאַרקען דעם אידישען רעליגיעזען גייסט. באַלד זיינען צוגעקומען צו דיזער קליינער געמיינדע זעהר טיכטיגע פּערזענליכקייטען פון אויסען, ווי קאָלאָנעל א י י ז ע ק פ ר א נ ק ס , וועלכער האָט פערנומען פערשיידענע שטעלען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה, רבי ג ר ש ו ן מ ע נ ד ע ס , וועל־כער האָט אָנטייל גענומען אין דער צערעמאָניע פון פּרעזידענט וואַשינג־טאָן'ס אינסטאַלירונג אין זיין פּרעזידענטען־אַמט, מ ר ד כ י ע מ נ ו א ל נ ח , אַ שרייבער און שטאַאטס־מאַן, וועלכער האָט זיך בעזונדערס אויס־געצייכענט מיט זיין ווארם הארץ פירן כלל ישראל, און וועלכער קען בע־טראַכט ווערען אַלס דער פאָטער פון דעם ציוניזם, ווי מיר וועלען עס אויס־פיהרליך שפּעטער בעשרייבען אין אַ בעזונדערן קאַפּיטעל.

אויך אין קאַנאַדאַ איז די ערסטע אידישע קהלה געגרינדעט געוואָרען פון שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אידען. זיי האָבען אין 1768 געגרינדעט אַ געמיינדע אין מאָנטרעאַל אונטער'ן נאָמען „שארית ישראל". די וויכ־טיגסטע מענשען פון דיזער קהלה זיינען געווען: ד ו ד ל א ז א ר ו ס , אַ זעהר רייכער גוטס־בעזיצער; ער און זיין פאַמיליע האָבען זיך אויסגע־צייכענט מיט די פיעל גוטעס, וואָס זיי האָבען געטאָן פיר די געמיינדע;

זיין עלטסטער זוהן דוד איז געווען דער גרינדער פון דער מאָנטרעאַלער באַנק און ער האָט געשענקט דער קהלה אַ פּלאַץ צו בויען אַ סינאַגאָגע. לאַזאַרוס'עס עניקעל אהרן הארט דוד איז געווען אַ בעריהמטער מעדיקער און פּראָפעסאָר. אין דער מלחמה צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך (1754—1763) האָבען זיך פיעלע אידען בעטייליגט אין איהר אויף דער זייט פון ענגלאַנד און האָבען געהאָלפען אָפּנעהמען קאַנאַדאַ פון די פראַנצויזען. פיעלע פון זיי האָבען בעקומען אָפיצערסקע ראַנגען פיר זייער אויסגעצייכענטען דינסט. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן פון די אַמעריקאַנער געגען ענגלאַנד זיינען איינוגע געווען אויף דער זייט פון די אַמעריקאַנישע רעוואָלוציאָנערען. דער פרנס פון דער מאָנטרעאַלער אידישער קהלה, לעווי סאָלאָמאָנס, האָט בעזאָרגט די רעוואָלוציאָנערע אַרמעע פון די אַמעריקאַנער מיט געלט און פּראָוויזיאָן, ווען זיי האָבען געלאַגערט אין מאָנטרעאַל אין 1775 און האָט עס קיינמאָל ניט געפאָדערט צוריק, אַזוי ווי עס האָט געטאָן חיים סאָלאָמאָנס פון פילאַדעלפיא. אויך דיזע אידען האָבען געהאַט אַ קאַמף ביז זיי האָבען בעקומען זייער פעסטגעשטעלטע בירגער־רעכטען. אין 1807 איז יחזקאל הארט פון טהרי ריווערס געוועהלט געוואָרען אַלס מיטגליד פון פּאַרלאַמענט. מען האָט געפאָדערט פון איהם ער זאָל שווערען ביים אריינטרעטען אין אַמט די געוועהנליכע שבועה, וואָס קריסטען שווערען. ער האָט זיך ענטזאַגט דאָס צו טאָן, און האָט געפאָדערט מען זאָל איהם געבען אַ נוסח פון אַ שבועה ווי עס פּאַסט פיר אַ אידען. זיינע פּאָליטישע געגנער האָבען צוליב דעם געהאַט אַ מעגליכקייט דעם אַנדערען יאָהר איהם ניט צולאָזען צו ווערען ערוועהלט. הארט האָט ניט אויפגעהערט צו פּראָטעסטירען און פאָדערן זיין רעכט. די בייסענדע דעבאַטען וועגען דיזען געגענשטאַנד האָבען געדויערט ביז דעם יאָהר 1809, ווען דער גאָווערנאָר האָט .עמאַכט אַן ענדע דערצו. עס האָט לאַנג געדויערט דער קאַמף ביז ענדליך דעם 5טען יוני 1832 איז אָנגענומען געוואָרען אַ געזעץ, דאָס די אידען זאָלען האָבען אַ בעזונדער נוסח פון אַ שבועה, און דאַן איז דער פּאַרלאַמענט אין קאַנאַדאַ געוואָרען צוגענגליך פיר אידען.

ביז דעם יאָהר 1845 איז אין קאַנאַדאַ געווען נאָר איין אידישע קהלה, אין מאָנטרעאַל. אין דיזען יאָהר האָבען די אידען פון טאָראָנטאָ אָנגעהויבען צו גרינדען אַ געמיינדע. עס האָט גענומען איינוגע יאָהר ביז זייער אונטערנעהמונג איז געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג, און אין יאָהר 1852 האָבען זיי בעקומען דאָס רעכט צו האָבען אַן אייגענעם בית עולם. אין

יאָהר 1846 איז אין מאָנטרעאַל געגרינדעט געוואָרען א דייטש־פּוילישע גע־מיינדע, אָבער עס איז זיי ניט געלונגען צו שטעלען זיך אויף א פעסטען באָדען. ערסט אין 1858 איז די געמיינדע פעסטגעשטעלט געוואָרען שטופענווייז האָבען זיך אָנגעהויבען צו גרינדען מעהר און מעהר אידישע קהלות אין קאַנאַדא, אין קוויבעק (1853), אין וויקטאָריא (1862), האמיל-טאָן, אָנטאַריאָ (1882), וויניפּעג (1884), אין האַליפאַקס, אין סט. דזשאָהן, אין אָטטאָוואַ און ניו לאָנדאָן. נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין יאָהר 1881 האָבען אָנגעהויבען צו קומען פיעלע אידען פון רוסלאַנד אין קא-נאַדא און האָבען פערגרעסערט די אידישע געמיינדע דאָרט. עס זיי-נען דאַן געגרינדעט געוואָרען פערשיידענע אידישע וואוילטעטיגע אנ־שטאַלטען, תלמוד תורות, קאָלאָניעס, ציוניסטישע פעראיינען. די ספרדישע און פּאָרטוגעזישע געמיינדען זיינען צוליב זייער קליינער צאָהל אוועק אין הינטערגרונד און די הויפּט־ראָלע האָבען אָנגעהויבען שפּילען די נייע עמיגראַנטען. אָבער עס זיינען נאָך פערבליבען זעהר וויכטיגע פאמי־ליען פון די פּאָרטוגעזען, ווי האַרט, אַשער, דע סאָלא און סאַמועל, וועלכע פערנעהמען א וויכטיגען אָרט אין דעם סאָציאַלען און פּאָליטישען לעבען פון די אידען אין קאַנאַדא.

נאָך דיזער קורצער בעשרייבונג פון די אידען אין קאַנאַדא געהען מיר איבער צו דער היסטאָריע פון די אידען אין די פעראייניגטע שטאַאטען, וואו אידען געפינען זיך אויף דער אונגעהייער גרויסער טעריטאָריע פון אַטלאַנ-טישען ים ביז צום גרויסען שטילען מעער, פון מזרח ביז מערב, און פון קא-נאַדא ביז מעקסיקאָ, פון צפון ביז דרום. דיזע אַלע אידישע געמיינדען זיי־נען זעהר בעריהמט אין דער וועלט צוליב זייער רייכטום, אינטעליגענץ און איינפלוס אויף דאָס פּאָליטישע לעבען אין לאַנד, ווי אויך מיט זייער הילף, וואָס זיי גיבען צו זייערע געדריקטע ברידער אין דער גאַנצער וועלט.

אידען־איינוואַנדערונג אין אַמעריקאַ האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דער עמיגראַציאָן פון די אידען פון דייטשלאַנד. ביז דעם יאָהר 1848 זיינען זעהר ווייניג אידען געקומען נאָך אַמעריקאַ פון מערב־אייראָפּאַ. כל זמן די אידען אין דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן האָבען געהאָפט צו בעקומען פולע פרייהייט אין דער היים האָבען זיי ניט געדענקט צו עמיגרירען נאָך אַנדערע לענדער. אָבער ווען דאָס יאָהר 1848 מיט זיינע רעוואָלוציאָנען און רעאַקציאָנען איז אָנגעקומען, האָבען זיך די אידען אין דייטשלאַנד און עסט-רייך געפונען געצוואונגען צו עמיגרירען נאָך אַמעריקאַ. דאָ האָבען זיי זיך אָנפאַנגס בעזעצט אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיא, באַלטימאָר, סינסינאַטי און

אנדערע גרויסע שטעדט, וואו זיי האבען געפונען געמיינדען פון זייערע לאנדסלייט. זיי האבען זיך שנעל איינגעארדענט אין זייער עקאנאמישען און פאליטישען לעבען. אין 1849, ווען אין קאליפארניא זיינען ענטדעקט געווארען גאלד־מינעס, האבען זיך איניגע פון די נייע עמיגראנטען אוועק־געלאזען אהין, זיינען רייך געווארען, און ווען זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט אין ניו יארק און אנדערע שטעדט, האבען זיי געגרינדעט גרויסע זעהר וויכ־טיגע באנקען און האבען געהאלפען פערברייטען אינדוסטריע און קאמערץ.

אבער דאס איז געווען די קלענסטע ראלע, וואס די דייטשע אידען האבען געשפילט אין דער ענטוויקלונג פון די פעראייניגטע שטאאטען. פיעל וויכטיגער איז די ראלע, וואס זיי האבען געשפילט אין רעליגיעזען לעבען פון דער אידישער געזעלשאפט. עס איז אמת, דאס אין טשארלסטאן איז שוין געווען א רעפארם־געמיינדע פון זינט 1824, אבער דיזע געמיינדע איז געגרינ־דעט געווארען אונטער דעם איינפלוס פון רעפארם־פרינציפען, וועלכע זיינען געווען די רעזולטאט פון נאפאלעאן דעם 1טען׳ס סנהדרין, און וועלכע זיינען געווארען די פלאטפארם פון דער רעפארם־בעוועגונג אין דייטשלאנד. ווען א י י ז ע ק מ א י ר ו ו י י ס (1819—1900) איז אנגעקומען אין ניו יארק אין 1846, איז אין דיזער שטאדט ניט געווען קיין איין געמיינדע מיט א פראגרעסיווער טענדענץ. ער האט געפונען דארט זיבען ארטהא־דאקסישע סינאגאגען, אבער וואס פיר אן ארטהאדאקסיע איז עס געווען? אין איין סינאגאגע, די ענגליש־פוילישע, האט ער געפרעגט דעם שמש אויף א משניות, האט איהם יענער אנגעקוקט מיט פערוואונדערונג: ווי קומט אזא אלט־מאדישער בוך אין דער נייער וועלט? דר. ליליענטהאל זעלבסט, וועלכער האט שפעטער געשפילט אזא וויכטיגע ראלע אין אמעריקאנישען רעפארם־יודענטום, איז אין דער צייט, ווען וויים איז אנגעקומען אין אמע־ריקא, געווען אן ארטהאדאקסישער רב אין די 3 וויכטיגסטע דייטשע סינא־גאגען. זאגאר ביי זיך אין דער היים האט ער געטראגען א יארמולקע און האט שטרענג אפגעהיט אלע פארדערונגען פון שולחן ערוך. דער טעמפעל „עמנואל“, וועלכער איז שפעטער געווארען שטארק רעפארמירט, איז דא־מאלס געווען בלויז א ביסעל אנדערש פון די אנדערע סינאגאגען. אין די־זען טעמפעל האט מען שטרענג אפגעהיט תשעה באב, די פרויען זיינען גע־ווען אפגעזונדערט פון די מענער דורך אן אפצאמונג, דער כאר איז בעשטא־נען פון אינגלאך און ניט פון מיידלאך. דער ראבינער, דר. מערצבאכער, איז געווען דורכגעדרונגען פון רעפארם־געדאנקען, אבער ער האט ניט גע וואגט איינפיהרען רעפארמע אין דער פראקטיק.

די רעפּאָרמע, ווי זי איז יעצט, האָט צו פערדאַנקען נאָר אייזעק מאיר וויס. באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אין אַמעריקא, האָט ער פערשטאַנען ווי גוט דער אַמעריקאַנישער באָדען איז פיר רעפאָרמע. ער האָט בעמערקט, דאָס היר איז ניטאָ קיין אמת'ער רעספעקט פאַר'ן יודענטום. ער האָט אָבער איינגעזעהען, דאָס ער וועט גאָר ניט קענען אויפטאָן אין די גרויסע שטעדט, און דעריבער האָט ער בעשלאָסען צו אָנפאַנגען זיין רעפאָרם-ארבייט אין איינעם פון די קליינע ערטער אין זיד אָדער וועסט. ער האָט אָנגעהויבען זיין ראַבינער-קאַריערע אין אָלבאַני. דאָרט האָט ער גלייך איינגעאָרדענט א כאָר מיט פרעדיגטען אַלע שבת, און האָט אָפּגעשאַפט איינינע תפלות, וועלכע האָבען ניט האַרמאָנירט מיט זיינע אידעען. ער האָט אָפּגעשאַפט דעם מנהג פון פערקויפען עליות אום שבת און יום טוב. אָבער מיט דער צייט האָט ער בעקומען פיעלע געגנער. מען האָט איהם בעשולדיגט, דאָס ער גלויבט ניט אין די עקרים פון ביאת משיח, און תחית המתים, דאָס ער מאַכט חוזק פון ציצית און תפלין, פון טבילת נשים, דאָס ער האָט געשריבען אום ראש השנה און איז מחלל שבת. זיינע שונאים האָבען מבטל געווען זיין קאָנטראַקט און האָבען אויפגעהערט צו צאָהלען איהם זיין געהאַלט. וויס האָט אָבער ניט געוואָלט וויסען פון די טענות פון זיינע שונאים און האָט פאָרטגעזעצט צו טאָן די פליכטען פון א רב אין דער סינאַגאָגע. אָבער ווען ער האָט געוואָלט ראש השנה אַרויפגעהן אויף זיין אָרט האָט איהם דער פרעזידענט פון שול ניט אַרויפגעלאָזען. פאַר דעם לייענען די תורה האָט ער זיך דאָך אַרויפגעכאַפּט אויף דער בימה און האָט געוואָלט זאָגען זיין געוועהנליכעס געבעט, איז צוגעגאַנגען דער פרעזידענט און האָט איהם דערלאַנגט א פאַטש מיט גרוים שאַנדע איז ער אַנטלאָפען אַהיים, אָבער באַלד איז ער אַרעסטירט געוואָרען פיר די אונאָרדנונג, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט אין שול אין דער צייט פון דאַווענען. אָבער זיינע פריינד האָבען איהם ניט פערלאָזען: זיי האָבען געגרינדעט א נייע געמיינדע אונטער דעם נאָמען „אנשי אמת" און האָבען איהם אויפגענומען אַלס רב מיט דער מאַכט צו פאָרטזעצען זיינע רעפאָרם-אידעען אונגעשטערט.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך וויס אָפּגעגעבען מיט שרייבען אין צייטונגען, ווי אין דעם „אָקסידענט" און „מאַקקאַבעאַן", וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען, וועלכע האָבען איהם געשאַפען א נאָמען פון א געלעהרטען. ער האָט אויך פערפאַסט א קורצע געשיכטע פון אידישען פאָלק. אין זיינע אַרטיקלען האָט ער אויספיהרליך בעהאַנדעלט די פראַגע פון רעפאָרמע אין יודענטום, אין וועלכען עס האָבען זיך אָנגעקליבען אין

דער צייט פון זיין לאַנגער עקסיסטענץ זעהר פיעלע אוננוציגע זאכען, וועלכע שטימען ניט מיט דער היינטיגער צייט. אין זיינע אַרטיק־לען האָט ער זיך אויסגעשפּראָכען אָפען געגען די עקרי הדת פון ביאת המשיח און תחית המתים און האָט אויך ניט אָנערקענט די אויטאָריטעט פון תלמוד דאָרט, וואו ער איז געגען וויסענשאַפט אָדער שטימט ניט מיט היסטאָרישע פאַקטען.

ווייס האָט עדקלערט אין זיינע אַרטיקלען, דאָס די אורזאַך וואָרום די אַמעריקאַנישע אידען זיינען פּרעמד צום יודענטום איז דאָס, וואָס זיי האָבען ניט קיין געבילדעטע רבנים. ער האָט אויך בעוויזען, דאָס אין אַ קליינער געמיינדע איז דער חזן אַן איבריגע זאַך. דער ראַבינער אַליין קען זיין דער פאָרבעטער (שליח צבור) און רעדנער. נעטיג איז נאָר אַ כאָר אום צו ערוועקען די געפיהלען פון די דאַווגער. אָבער אום צו האָבען גע־בילדעטע ראַבינער מוז מען האָבען אַ ראַבינער־סעמינאַר, וועלכער קען געשאַ־פען ווערען נאָר דאַן, ווען אַלע געמיינדען וועלען זיך פעראייניגען. ער האָט לאַנג געאַרבייט דורך די פּרעסע וועגען דיזער זאַך ביז עס איז איהם ענד־ליך געלונגען צו זעהן זיינע האָפנונגען פערווירקליכט. די אַמעריקאַנישע רע־פאָרם- געמיינדען האָבען זיך פעראייניגט, האָבען געגרינדעט דעם „יוניאָן קאָללעדזש” צו שאַפען געבילדעטע רבנים און די צענטראַל־קאָנפערענץ פון די אַמעריקאַנישע רעפאָרם־ראַבינער.

אָבער דיזע אַלע זאַכען וואָלטען קיין מאָל ניט פערווירקליכט גע־וואָרען, ווען ווייס וואָלט געבליבען אין אַלבאַני. אַ צופאַל האָט איהם אַרוים־געריסען פון דיזער שטאָדט. ער איז ערוועהלט געוואָרען אויף'ן גאַנצען לע־בען אַלס ראַבינער אין דער יונגער רעפאָרם־געמיינדע „בני ישורון” אין סינ־סינגאַטי (1854). דאָרט האָט ער אָנגעהויבען צו אַרבייטען אום דורכ־צופיהרען זיינע רעפאָרם־פּלענער. דערצו האָט איהם פיעל געהאָלפען זיין פריינד דר. ליליענטהאַל, וועלכער איז אין דער זעלבער צייט ערוועהלט גע־וואָרען ראַבינער אין סינסינגאַטי אין דער געמיינדע „בני ישראל”. פיעל האָבען איהם געהאָלפען צו דערגרייכען זיין צוועק די צייטונגען, וואָס ער האָט דאָרט אָנגעהויבען אַרויסגעבען: דער „איזראַעלייט” אין ענגליש און די „דעבאָראַה” אין דייטש.

אויסער דעם האָט ער דעם טעמפּעל־דינסט אויסגעאַרבייט זעהר עס־טהעטיש מיט שענע געזענג און אָנציהענדע פּרעדיקטען (דרשות). דערצו האָט ער פערפאַסט אַ נייעם סדור תפלה אונטער'ן נאָמען „מנהג ישראל”, וועלכער איז שנעל אָנגענומען געוואָרען פון פיעלע אַנדערע געמיינדעס.



אייזעק מאיר וויים.

ער האָט איינגעפיהרט פיר פרייטאָג צו נאַכט פאָרלעזונגען אין טעמפעל, און דיזע אָרדנונג איז אָנגענומען געוואָרען אויך אין אַנדערע שטעדט. ער האָט זעהר ענערגיש פּראָטעסטירט געגען די רבנים, וואָס האָבען געוואָלט איינפיהרען זונטאָגדיגען גאָטעס־דינסט, ווייל פיעלע אידען זיינען געצוואונגען צו ארבייטען אום שבת. ער האָט אָבער זיי אָנגעוויזען אויף די פאָרלעזונגען פון פרייטאָג צו נאַכט, וואָס ער האָט איינגעפיהרט, וועלכע קענען זיין גענוגענד פיר די, וואָס קענען ניט קומען אין טעמפעל שבת פריה צוליב זייער בעשעפטיגונג. אין 1855 האָט ער געעפענט אין סינסיננאַטי אַן אינסטיטוציאָן צו פּאָרבערייטען רבנים אונטער'ן נאָמען „ציון קאָלעדזש", אין וועלכען ער האָט אָנגעשטעלט 3 בעצאָהלטע לעהרער אויסער איהם זעלבסט און דר. ליליענטהאַל, וועלכע האָבען קיין בעצאָהלונג ניט גענומען פיר זייער אַרבייט. דער קאָללעדזש האָט זיך געעפענט מיט 14 סטודענטען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך אויך געפונען צוויי קריסטען. אָבער דיזע אַנשטאַלט האָט ניט לאַנג עקסיסטירט, ווייל עס האָבען איהם געפעהלט מאַטעריעלע מיטלען. די אָסטליכע קהלות האָבען ניט געוואָלט קיין אַנטייל נעהמען דערין. וויס האָט געזוכט צו שאַפען אַ יוניאָן פון אַלע אידישע קהלות, אָרטהאָדאָקסישע און רעפאָרמירטע. אָבער דאָס איז איהם ניט געלונגען, ניט אַכטענדיג דערויף, דאָס אויף דער ערסטער קאָנפערענץ, וואָס איהם איז געלונגען צוזאַמענצורופען, איז אָנגענומען געוואָרען די רעזאָלוציאָן, דאָס די ביבעל איז אָנערקענט אַלס געטליך און דער תלמוד איז דער איינציגער ריכטיגער קאָמענטאַר פון דער ביבעל. אַלע אָרטהאָדאָקסישע קהלות און זאָגאַר אייניגע פון רעפאָרמירטע זיינען געווען געגען וויס'ן און זיין פּלאַן פון אַ יוניאָן. די אָסטליכע קהלות האָבען ניט אָנערקענט וויס'עס קענטניס צו זיין אַ פיהרער און צו שטעהן אָן דער שפּיץ פון אַמעריקאַנישען יודענטום. ער האָט דאַמאָלס בעשלאָסען דורכפיהרען זיינע פּלענער דורך די וועסטליכע און זידליכע אידישע קהלות אָהן דעם אַנטייל פון די אָסטליכע קהלות.

דער פּלאַן צו שאַפען אַ סעמינאַר פיר רבנים איז איהם געלונגען ערסט אין יאָהר 1870, ווען אַ אידישע עושר הענרי אדלער פון אינדיאַנאַ האָט געגעבען זיין ערסטע נדבה 10,000 דאָללאַרס פיר דיזען צוועק. דיזע סומע איז געווען דער יסוד פון אַן אָנפאַנג צו דורכפיהרען דעם פּלאַן פון גרינדען אַ סעמינאַר, און ענדליך איז איהם געלונגען מיט דער הילף פון 34 געמיינדעס פון דער וועסט און זיד צו עפנען אין סינסיננאַטי אַזאַ אַנשטאַלט אונטער דעם נאָמען „היברו יוניאָן קאָללעדזש" אין 1875. דער אָנפאַנג פון

סעמינאַר איז געווען זעהר קליין און אָרים: קיין אייגענע געביידע האָט עס ניט געהאַט, די קלאַסען זיינען געווען איינגעריכטעט אין די הינטערסטע צימערן פון ליליענטהאַל'ס טעמפעל. נאָר צוויי פּראָפעסאָרען זיינען גע־ווען איינגעלאַדען צו פאָרטראָגען לעקציעס; דעם צווייטען יאָהר איז צו־געקומען אַ דריטער — ליליענטהאַל. די צאָהל פון שטודענטען איז געווען



דר. מאַקס ליליענטהאַל.

ניט מעהר ווי 17 אין אַנהויב. יעצט בעשטעהט דער „יוניאָן קאָללעדזש" פון איינציגע זעהר רייכע אייגענע געביידעס אין דעם שענסטען טייל פון דער שטאָדט סינסיננאַטי, מיט פּראָפעסאָרען פון גרויסע אידישע געלעהרטע אונטער דער פיהרונג פון פּרעזידענט קויפמאַן קאָהלער. יעצט געפינען זיך איבער 170 רבנים אַרויסגעגאַנגענע פון דיזען קאָללעדזש,

וועלכע פערנעהמען ראַבינער־שטעלען אין יונייטעד סטייטס, קאַנאַדאַ און ענגלאַנד.

נאָך דעם, ווי דער „היברו יוניאָן קאָללעדזש" איז געגרינדעט געוואָ־רען, איז געוואָרען מעגליך פיר וויס'ן דורכצופיהרען זיין צווייטען פּלאַן — צו אָרגאַניזירען אין איין פערבאַנד אַלע רעפאָרם־ראַבינער, ווייל אַלע זיי־נען געוועזן זיינע תלמידים און פערעהרער; דאָס האָט פריהער ניט געקענט זיין, ווען די ראַבינער זיינען געוועזן פון פערשיידענע לעהר־אַנשטאַלטען, און האָבען זיך ניט געקענט אייניגען וועגען אַן אַלגעמיינעם פיהרער. אין 1889 האָט שטאַטגעפונען די קאָנפערענץ פון 90 רבנים אין דעטראָיט, און אַלס עהרען־פּרעזידענט פון דיזער קאָנפערענץ איז ערוועהלט געוואָרען דר. שמואל אַדלער פון טעמפּעל „עמנואל" אין ניו יאָרק. אַלס אַקטיווער פּרעזי־דענט פון דער רבנים־יוניאָן איז ערוועהלט געוואָרען וויס, און אין דיזען אַמט איז ער פערבליבען ביז זיין טויט (1900).

צווישען די אַנדערע וויכטיגע פּערזאָנען, וואָס האָבען געאַרבייט אויף'ן געביט פון רעפאָרמע אין אַמעריקאַ, איז צו דערמאָהנען דר. שמואל הירש אין טשיקאַגאָ. ער איז פריהער געוועזן אויבער־ראַבינער אין לוק־סעמבורג. ער איז בעריהמט געוואָרען אַלס אַ טיכטיגער געלעהרטער דורך זיין ווערק: „רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע דער יודען", אויסער אַנדערע וויכטי־גע ווערק איבער אידישע טהעאָלאָגיע. ער איז געוועזן אַ ביטערער געגנער פון וויס'ן. צו זיי איז צוגעשטאַנען שמואל אַדלער, דער ראַבינער פון טעמפּעל „עמנואל". דיזער געלעהרטער האָט אויך פיעל אַנטייל גענומען אין פערבעסערן דעם מאָראַלישען און עקאָנאָמישען לעבען פון די אידען אין ניו יאָרק. ער איז געוועזן דער גרינדער פון דעם ניו יאָרקער אידישען „אָר־פאַן אַסיילום" (בית יתומים) אין זיין 34־יעהריגע טעטיגקייט אין טעמפּעל „עמנואל" איז ענג פערבונדען מיט די שענסטע טראַדיציאָנען פון דיזער בע־ריהמטער געמיינדע.

אויסער די וויכטיגע פּערזאָנען, וועלכע מיר האָבען דאָ דערמאָהנט, זיינען אויך זעהר וויכטיג געוועזן די פאָלגענדע געלעהרטע צווישען די רע־פאָרם־ראַבינער צוליב זייער פרוכטבאַרער טעטיגקייט: בערנאַרד פעלזענטהאַל (געשט. אין טשיקאַגאָ 1908), מאַרקוס יאַ־סטראָוו (געשטאָרבען אין פילאַדעלפיאַ 1903), בעריהמט מיט זיין תלמודישען ווערטערבוך אין ענגליש; בנימין סאָלד, אין באַלטי־מאָרע, דער פערפאַסער פון אַ זעהר גוטען פירוש אויף איוב; גוסטאַוו גאָטטהייל (געשטאָרבען אין 1903), און די צוויי איידימס פון דר.

איינהאָרן: עמיל הירש אין טשיקאַגאָ, בעריהמט אַלס גרויסער רעד־נער, און קויפמאַן קאָהלער, דער יעצטיגער פּרעזידענט פון סינסיננאַטיער „היברו יוניאָן קאָללעדזש".

דייטשלאַנד האָט געגעבען אַמעריקאַ ניט נאָר טיכטיגע רעפאָרם־ראַ־בינער, נאָר אויך זעהר וויכטיגע אָרטהאָדאָקסישע געלעהרטע רבנים, ווי אייזעק לעעסער, אייזעק ב. סייקסטאַ, דער ראַבינער פון דער פּאָרטוגעזי־שער געמיינדע „מקוה ישראל" און פּערפאַסער פון דעם בעריהמטען בוך: „די אידען און תורת משה" (אין ענגליש). לעעסער איז געוועזן דער ערסטער אין אַמעריקאַ, וואָס האָט איינגעפיהרט אין די אָרטהאָדאָקסישע שולען צו האַלטען רעדעס אין ענגליש יעדען שבת, און האָט אַרויסגעגעבען די ערסטע אידישע צייטשריפט אין ענגליש אונטער'ן נאָמען „אָקסידענט". אָנפאַנגס איז ער געוועזן געניינגט צו ווייס'עס פלענער. ער האָט אויך גרויסע זאַכען אויפגעטאָן אין די אידישע אינסטיטוציאָנען פון פילאַדעלפיאַ. די אידען אין אַמעריקאַ האָבען אין יענער צייט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען אין זייער עקאָנאָמישען און פּאָליטישען לעבען. ווען אין 1840 זיינען 13 אידען אין דמשק אריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגנים צוליב אַ שענדליכען בלוט־בלבול, האָבען די אַמעריקאַנישע אידען געשאַפען היר אַ שטאַרקע בעווע־גונג געגען דעם און האָבען פּעראינטערעסירט די אַמעריקאַנישע רעגירונג זיך אָנצונעהמען פיר די אונשולדיגע אידישע קרבנות. אויף אַלע מיטינ־גען וועגען דיזען אונגליק איז לעעסער געוועזן דער הויפּט־רעדנער, און די אַמעריקאַנישע רעגירונג האָט געגעבען אָרדערס צו איהר קאָנסול אין אַלעק־סאַנדריען, דזשאָהן גיבבאָן, צו טאָן אַלעס מעגליכעס אום צו בעפרייען די אונגליקליכע אידען פון דיזער פאַלשער בעשולדיגונג. דאָס איז געוועזן דאָס ערסטע מאָל, וואָס אַמעריקאַ האָט אָנגעהויבען אָנטייל נעהמען אין גערעכ־טע זאַכען פון אַנדערע מדינות, זאָגאַר ווען דיזע זאַכען האָבען קיין שייכות ניט געהאַט מיט איהרע אייגענע אינטערעסען. די אַמעריקאַנישע רעגי־רונג האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דער האַנדלונג פון שווייצאַריען מיט אַמעריקאַנישע אידען, וואָס קומען אין יענעם לאַנד, ווייל דאָס איז געגען דעם אָפּמאַך צווישען דיזעביידע לענדער. ניט אַכטענדיג אויף די קליינע צאָהל אידען, וואָס האָט זיך דאַמאָלס געפונען אין אַמעריקאַ, האָבען די אי־דען אַ גרויסען אָנטייל גענומען אין דער מלחמה פון 1812 און פיעלע פון זיי האָבען זיך זאָגאַר אויסגעצייכענט און זיינען ערהויבען געוואָרען צו הויכע שטעלען אין דער אַרמעע. דאָס האָט געווירקט, דאָס אויך דער שטאַאַט

מארילאנד האט ענדליך בעשלאסען געבען די אידען פון דיזען שטאאט גלייכע רעכטען (פעברואר 1825).

אויך אין דעם בירגער־קריג פון אמעריקא האבען די אידען א גרויסען אנטייל גענומען און האבען געשטריטען פיר די בעפרייאונג פון די נעגערס. די רבנים פון יענער צייט האבען פיעל אגיטירט פיר די בעפרייאונג פון די נעגערס. אמת, אין די זידליכע שטאאטען (די סאוטה) האבען די אידען סימפאטיזירט מיט די קריסטען און זיינען געווען געגען דער בעפרייאונג פון די שווארצע, אבער זיי האבען בעהאנדעלט פיעל ליבעראלער און מענשליכער זייערע שקלאפען ווי די קריסטען. אין דער קאנווענציאן, אויף וועלכער מען האט נאמינירט אין טשיקאגא אברהם לינקאלן אלס פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען, זיינען אויך געווען דריי אידען: קויפמאן, פינער און דעמביטץ. צווישען לינקאלן'ס גוטע פריינד זיינען געווען דריי אידען; איינער פון דיזע איז געווען א שטאדט־בעאמטער פון טשיקאגא מיט'ן נאמען אברהם קאהן, וועלכער האט געגעבען דעם פרעזידענט לינקאלן, ווען ער איז געקומען אין וואשינגטאן 1861 צו בעטרעטען זיין אמט אלס פרעזידענט, א זיידענע פלאג, אויף וועלכער עס זיינען געווען אנגעשריבען די ווערטער, וואס גאט האט געזאגט צו יהושע בן נון, דעם הויפט־קאמאנדיר פון אידישען פאלק, ווען זיי זיינען געגאנגען עראבערן פאלעסטינא: „הלא צויתיך חזק ואמץ, אל תערץ ואל תחת כי עמך ה' אלהיך בכל אשר תלך" — „האב איך דיר ניט געבאטען? זיי שטארק און האב קוראזש; האב קיין פורכט און קיין אנגסט ניט, ווייל גאט איז מיט דיר, וואוהין דו וועסט געהן" (יהושע א', 9).

אין דיזער מלחמה פיר די בעפרייאונג פון די שווארצע האבען אנטייל גענומען לערך 20 טויזענד פרייווילינע אידען. צווישען זיי זיינען געווען איינינע און צוואנציג אפיצערען אין דער ארמעע און 12 אין דער פלאטע. אין דער פעדעראציאן פון די זידליכע שטאאטען איז געווען א אידישער בעאמטער יהודה פיליפ בענדזשאמין, וועלכען מען האט געהאלטען פיר דעם וויכטיגסטען בעאמטען אין דער רעגירונג. בענדזשאמין איז ערוועהלט געווארען אין 1852 אלס סענאטאר פון דעם סטייט לואיזיאנא, און אין 1858 איז ער נאך א מאל ערוועהלט געווארען צו דיזען אמט. ער האט פיעל מיטגעהאלפען, דאס בוקאנאן זאל ערוועהלט ווערען אלס פרעזידענט אין 1856. ער איז אויך געווען דער בעריהמטעסטער רעדנער אין זיין צייט. מען האט איהם געשטעלט אין איין ליניע מיט דעניעל וועבסטער. דער פרעזידענט פון דער נייער זיד־רעפובליק האט איהם בע-



יהודה פיליפ בענדזשאמין.

שטימט צו העלפען אין דער רעגירונג פון דער רעפובליק און צו פיהרען די מלחמה מיט לינקאָלן. שפּעטער איז ער ערהויבען געוואָרען צום אמט פון סעקרעטער פון שטאאט, דאָס איז די העכסטע שטעלע אין דער רעגי־רונג נאָך דעם פּרעזידענט. אָבער, ענדליך, אז דער מזל האָט זיך פון איהם אָפּגעקעהרט, האָבען זיינע שונאים אויף איהם געוואָרפען די גאנצע שולד פון דער מפּלה פון דער זיד־רעפּובליק. דאמאָלס האָט מען זאָגאר איהם אָנ־געהויבען פאַרצוואוואָרפען זיין אידישע אָפּשטאַמונג און צו טאַדלען זיין פּערזענליכקייט. דער פּרעזידענט דעיווויס האָט אָבער ניט פערלאָרען זיין פולען צוטרויען צו איהם, ניט אכטענדיג אויף די אינטריגעס פון זיינע שונאים. ענדליך אָבער, ווען לינקאָלן האָט אין גאנצען געזיגט, איז פּרעזי־דענט דעיווויס צוזאמען מיט זיין שטאאטס־סעקרעטער בענדזשאמין געוועזען געצוואונגען צו ענטלויפען. בענדזשאמין'ען איז געלונגען צו קומען אין ענגלאנד (יולי 1865). קומענדייג אהין אָהן שום מיטלען צום לעבען און זיי־ענדיג שוין אין עלטערע יאָהרען, האָט ער גאָר ניט פערלאָרען זיין מוט און האָט זיך גענומען צו שטודירען די ענגלישע געזעצען. אין א קורצער צייט איז ער אָנערקענט געוואָרען אלס אדוואָקאט און איז געוואָרען אַן ענגלי־שער אונטערטאַן. ער האָט אין א קורצער צייט אָנגעהויבען צו שפּילען א וויכטיגע ראָלע אלס בעריהמטער אדוואָקאט אין ענגלאנד. זיין בע־ריהמטעס ווערק איבער ענגלישע געזעצען האָט איהם פערשאפט גרויס עהרע אלס געלעהרטער יוריסט. אין יאָהר 1883 האָט ער זיך ענטזאגט פון אלע געשעפטען און איז אוועק נאָך פּאריז, וואו ער איז געשטאָרבען מיט א יאָהר שפּעטער. ער איז בעערדיגט געוואָרען אויף א קאטוילישען בית עולם, הגם ער האָט זיך קיין מאָל ניט געטויפט.

אויף דער זייט פון די יוניאָן־שטאאטען איז ניט געוועזען קיין איין איד אין א הויכען אמט פון דער וואשינגטאָנער רעגירונג, אָבער דערפאר איז די צאָהל בעאמטע פון אידען אין אלגעמיין דאָרט געוועזען פיעל גרעסער ווי אין די זידליכע שטאאטען. צווישען די אידען, וואָס האָבען דאָ געטראָגען עמטער, זיינען געוועזען: לעאָפּאָלד בלומענבערג, אלס קאָ־לאָנעל (פּאָלקאָווניק) אין דער ארמעע, פיליפ יאָאכימסאָן, אלס בריגאדיר־גענעראל, פרעדעריק קנעפלער, אלס גענע־נעראל מאיאָר, אויסער פיעלע אנדערע גענעראלען און פּאָלקאָווניקעס פון אידען. מיר ווייסען זעהר ווענינ ווי פיעלע אידען עס האָבען געדינט אין דער פלאָטע און ווי פיעלע בעאמטע זייערע זיינען דאָרט געוועזען. מיר ווייי־סען, אז דער איד אוריה פיליפס ליוואי איז געוועזען דער

איינציגער איד אין דער פלאַטע, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסען אמט דאָרט, און איז בעריהמט מיט דעם, וואָס ער האָט אָפּגעשאַפט קערפּערליכע שטראָף אין דער פלאָטע.

איין צופאַל אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג האָט אויף אַ קורצע צייט פערדונקעלט די אידישע עהרע. דאָס איז דער אָרדער, וואָס גענעראַל גראַנט האָט אַרויסגעגעבען דעם 17טען דעצעמבער 1862, ווען ער איז געווען דעפּאַרטעמענט קאָמאַנדיר אין אָקספאָרד, מיססיססיפּפּי, מען זאָל אַלע אידען אַרויסטרייבען פון דיזען קרייז, ווייל מען האָט זיי בעשולדיגט, דאָס זיי פאָלגען ניט אויס די האַנדעלס־געזעצע, וואָס זיינען בעשטימט געוואָרען פיר די מלחמה־צייט. וויים און ליליענטהאַל האָבען זיך געווענדט צום פּרעזידענט לינקאָלן ער זאָל אָפּשאַפען די גזירה. לינקאָלן האָט באַלד זיי געענטפערט, דאָס עס איז זעהר לעבערליך פון גראַנט'ן צו בעשטראָפען אַ גאַנצע קלאַס מענשען פיר די פערברעכענס פון יחידים. גראַנט'ס אָרדער איז באַלד אָפּגעשאַפט געוואָרען. גראַנט זעלבסט האָט אין 1868, ווען מען האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען נאָמינירען איהם אַלס פּרעזידענט, שטאַרק חרטה געהאַט אויף יענעם אָרדער און האָט זיך פערענטפערט, אום צו פערגלעטען דיזען פעהלער, וואָס ער האָט דאַמאָלס בעגאַנגען.

די דייטשע אידען האָבען דאַמאָלס געהאַלטען אין איין וואַקסען אויף אַלע געביטען פון לעבען און האָבען באַלד איבערשטיגען די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע געמיינדען אין צאָהל און אין רייכטום, און אַזוי איז זייער איינפלוס געוואָרען מעהר און מעהר בעדייטענד. זיי האָבען מיט זיך געבראַכט אַ זעלטענע פעהיגקייט פיר אָרגאַניזאַציאָן, און דאָס האָט זיי פיעל געהאָלפען אין דער ערסטער צייט פון זייער בעזעצען זיך אין אַמעריקאַ צו ווערען תקיף. די דייטשע אידען זיינען געווען די גרינדער פון דעם אָרדען „בני ברית”, וועלכער האָט אין אַ קורצער צייט נאָך זיין גרינדונג אָנגעהויבען צו שפּילען אַ וויכטיגע ראָלע, און איז געווען אין אַ געוויסער הינזיכט דער פאָרגענגער פון „אַלליאַנס איזראַעליט” פון פּאַריז. דער אָרדען איז זעהר לאַנגזאַם געוואַקסען. זינט ער איז געגרינדעט געוואָרען אין 1843 ביז דעם יאָהר 1857, אַ משך פון 14 יאָהר, האָט ער געצעהלט קוים 3,000 מיטגלידער. אָבער אין די 10 יאָהר נאָכדעם איז די צאָהל זיינע געוואַקסען ביז 20,000, און ער האָט דאַמאָלס געהאַט לאָדזשען אין יעדער אידישער קהלה אין דיזען לאַנד. זינט דעם יאָהר 1882 האָט דער אָרדען בעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער. דאָס איז זינט מאָריטץ עללינגער האָט געגרינדעט אַ לאָדזש אין בערלין. נאָכדעם זיינען אויך געגרינדעט געוואָרען

לאַדזשעז אין עסטרייך, רומעניען, ענגלאַנד און פּאַלעסטינאַ. דער אָרדען האָט געשאַפען אַן אייגענעם זשורנאַל, די „מענאָראַה" (מנורה), און אייניגע אנדערע צייטשריפטען; ער האָט עטאַבלירט בתי יתומים (וויזען-הייזער) אין קליוולאַנד, אטלאַנטאַ און סאַן פראַנציסקאָ, א הויז פיר אַלטע און שוואַכע אין יאָנקערס, א הויז פיר אַלמנות און יתומים אין ניו אָרלינס. די מיימאָנידעס ביבליאָטהעק אין ניו יאָרק, די עמאַנועל „טריינינג סקול" אין פילאַדעלפיא, דעם טוראָ האָספּיטאַל אין ניו אָרלינס און דעם נאַציאָנאַל אידישען האָספיטאַל פיר לונגען-קראַנקע אין דענוער. די פיהרערס פון דיזען אָרדען האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף פערשיידענע געביטען פון אַמעריקאַנישען לעבען, און דריבער האָבען זיי בעקומען הויכע עמטער אין דער רעגירונג, ווי בענדזשאַמין פּייקסאָטטאָ, אַלס גענעראַל-קאָנסול אין רומעניען (1870), סיימאָן וואָלף, אַלס גענעראַל-קאָנסול אין עגיפּטען, און סאָלאָמאָן הירש און אָסקאַר שטרויס, אַלס אַמבאַסאַדאָרען אין טערקיי.

דער ערפאָלג פון אָרדען „בני ברית" האָט געגעבען קוראַזש צו גרינדען נייע אָרדענס, ווי די „פרי סאָנס אָוו איזראַעל" (1849), „ברית אברהם" (1859), „קשר של ברזל" (1860), „פרי סאָנס אָוו בענדזשאַמין" (1879), און „אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם" (1887). דיזער אָרדען איז אין שפּעטערע יאָהרען געוואָרען די הויפּט-שטיצע פיר רוסישע און רומענישע עמיגראַנטען, ווען זיי האָבען אָנגעהויבען צו קומען אין אַמעריקאַ אין גרויסע צאָהלען. אייניגע פון דיזע אָרדענס האָבען איבערגעשטיגען דעם ערסטען אָרדען „בני ברית" אין צאָהל, אָבער דיזער איז נאָך אַלץ געבליבען דער וויכטיגסטער מיט זיינע וואוילטאָטען און זיינע קולטור-אָרגאַניזאַציאָנען.

די שפּאַניש-פּאָרטוגעזישע געמיינדע איז אַפילו אָראָפּגעשטופּט געוואָרען אין הינטערגרונד פון די דייטשע אידען, וואָס האָבען עמיגרירט נאָך אַמעריקאַ, אָבער זייער איינפלוס אויף דעם אַמעריקאַניש-אידישען לעבען איז ניט אין גאַנצען אָפּגעווישט געוואָרען — ער האָט זיך נאָך געלאָזט פיהלען אין פיעלע הינזיכטען. און באמת פיעלע פון די עדעלסטע מענער און פרויען אין יענער פּעריאָדע זיינען געוועזען פון דיזע אידען. מיר האָבען שוין פריהער דערמאָהנט יהודה טוראָ, דעם העלד פון דעם קריג פון 1812, וועלכער האָט געשפּילט אַ בעדייטענדע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער יונגער רעפּובליק פון די פעראייניגטע שטאַאַטען. אין זיינע אונבעגרענעצטע וואוילטאַטען האָט ער קיין אונטערשייד ניט געמאַכט צווישען גלויבען אָדער

ראַסע. אַ צווייטער נאָבעלער כאַראַקטער איז געווען **רעבעקקאַ גראַטץ** (1781—1869). איהר שענהייט און נאָבעלקייט האָבען בע־גייסטערט דעם בעריהמטען שרייבער וואָלטער סקאָטט צו שרייבען זיין בע־ריהמטען ראָמאַן „אייוואַנהאָהע", אין וועלכען רעבעקקאַ איז די הויפּט־

רעבעקקאַ גראַטץ.

העלדין. אַלס אַן עכטע אידישע טאָכטער האָט זי פיעל געטאָן צו פער־ברייטען רעליגיעזע קענטניס צווישען די אידען אין אַמעריקאַ; זי האָט געגרינדעט אין יאָהר 1835 די ערסטע אידישע שבת־סקול אין פילאַדעלפיא. אויך די אידישע „פאָסטער האָום" (היים פיר קליינע קינדער) אין דער זעל־

בער שטאָדט האָט צו פערדאַנקען איהר עקסיסטענץ דיזער נאָבעלער פרוי פון פאָרטוגעזישען עלעמענט.

אין אַנדער ערעלע פרוי פון דער פאָרטוגעזישער געמיינדע איז געווען פ נ י נ ה מ א א י ס (1797—1880 אין טשארלסטאָן). זי האָט איהר גאַנצעס לעבען אָפּגעגעבען צו העלפען די קראַנקע פון איהר געבורט־שטאָדט. איהר ליטערארישער טאַלאַנט האָט צום בעסטען זיך אויסגעצייכענט אין איהרע רעליגיעזע פּאָעמאַס, וואָס זי האָט געלאָזט דרוקען אין פערשיידענע זשורנאַלען אין איהר צייט. זי איז אַ לאַנגע צייט געווען קראַנק, און ענד־ליך איז זי בלינד געוואָרען. אָבער דורך איהר בלינדקייט האָט זי קלערער געזעהן די פּראַכט פון דעם געגענשטאַנד פון איהרע פּאָעמאַס, אין וועלכע עס שיינט בעזונדערס ארויס דער שטאָלץ פון דער אידישער ראַסע.

אָבער מעהר פון אַלע אַנדערע פרויען פון דער פּאָרטוגעזישער געמיינדע שיינט אַרויס די פיגור פון דער בעריהמטער פרוי ע מ מ א ל א ז א ר ו ס פון ניו יאָרק (1849—1887). זי איז געווען אַ פריינדין און שילערין פון ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן. אין איהר פריהעסטער יוגענד האָט זיך שוין אַרויס־געוויזען איהר פּאָעטישער טאַלאַנט. איבערהויפּט ערהאָבען האָבען זיך אַרויסגעוויזען די פּאָעמאַס, וואָס זי האָט געשריבען אונטער דעם איינפלוס פון די טראַגעדיעס פון דעם בירגער־קריג און די שרעקען פון די רוסישע פּאָגראָמען פון יאָהר 1881, וועלכע האָבען געשאַפען דעם גרויסען שטראָם פון דער גרויסער אידישער עמיגראַציאָן נאָך אַמעריקאַ. דער גאַנצער גלאַנץ פון איהר פּאָעטישען טאַלאַנט האָט זיך איבערהויפּט אַרויסגעצייגט, ווען זי האָט געשריבען אַ פּאָעמאַ איבער די אידישע ליידען אין דער באַרבאַרי־שער רוסלאַנד. אין דיזען אונגליק האָט זי געזעהן די נייע אויפלעבונג פון דער אידישער נאַציאָן.

ווי אַ סך אַנדערע היים־פּאַטריאָטישע אידישע נשמות האָט זי געזעהן די אויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק אין דעם לאַנד פון זייערע אבות, און האָט צוזאַמען מיט איהר עלטערער שוועסטער געשריבען וועגען דעם פּאָעמאַס אין אידישע און ניט־אידישע זשורנאַלען. איהרע פּאָעמאַס האָ־בען מיט 10 יאָהר שפּעטער נאָך איהר פריהצייטיגען טויט בעגייסטערט דר. הערצל צו שרייבען זיין „יודענשטאַאט“.

אָבער דיזע וועניגע גרויסע גייסטער פון די פּאָרטוגעזישע פרויען זיי־נען געווען די לעצטע אין אַ פּעריאָדע־צייט פון 200 יאָהר פון אידישע פּיאָניערען פון קאָלאָניזאַציאָן. די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אידען זיי־נען פערטרונקען געוואָרען פון די כוואַליעס פון דער דייטש־אידישער עמי־

גראַציאָן, וועלכע האָט פערפליייצט אלע פריהערדיגע אידישע קאָלאָניעס און האָבען באַלד צוגעגעבען איהר אייגענעם קאָלאָר צום גאַנצען אידישען לעבען אין אַמעריקאַ. אונטער דער פיהרונג פון די דייטשע רעפאָרם־ראַבינער האָט דאָס אַמעריקאַנישע יודענטום אָנגעהויבען צו צייגען צייכענס פון טעטיגקייט, וואָס האָט געוויזען, דאָס עס איז אין שטאַנד צו טאָן עטוואָס וואונדערליכעס פיר דאָס אידישע פאָלק, און דאָס עס וועט זיין בערייט און האָבען די מעגליכקייט צו לעזען וועלט־פראַגען וועגען דער אידישער לאַגע. פון 1848 ביז 1880 האָבען די דייטשע יהודים געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דער אידיש־אַמעריקאַנישער וועלט צוליב זייער בעדייטענדער צאָהל, זייער רייכטום און זייער גייסטיגער פעהיגקייט. אָבער באַלד האָבען זיי געמוזט מאַכען פּלאַץ פיר די רוסישע אידען, וועלכע האָבען גיך אָנגעהויבען בילדען אַ נייעס אידישעס לעבען אין אַמעריקאַ אויף זייער אייגענעם שטייגער.

2. די רוסישע פעריאָדע.

אונטער דעם נאָמען „רוסישע פעריאָדע" מיינען מיר ניט נאָר די אידען, וואָס האָבען עמיגרירט נאָך אַמעריקאַ פון רוסלאַנד, נאָר אויך די, וואָס זיינען אָנגעקומען אהער פון רומעניען און גאַליציען, ווייל זייער שפּראַך, זייער אַרט לעבען און זייערע רעליגיעזע אַנזיכטען זיינען זעהר עהנליך צווישען זיך. מיר רופען דיזע פעריאָדע „רוסישע", ווייל אין דער ערסטער צייט זיינען די עמיגראַנטען געוועזען מעהר פון רוסלאַנד און די עמיגראַנטען פון יענע אַנדערע לענדער זיינען נאָך געוועזען זעהר ווענינ אין צאָהל צו בויען פיר זיך אַ בעזונדער וועלט אין אַמעריקאַ. שפּעטער, ווען זייער צאָהל איז געוואָרען זעהר בעדייטענד, האָבען זיי אָנגעהויבען צו גרופּירען זיך בעזונדער און האָבען אָנגעהויבען צו בילדען אייגענע אָרגאַניזאַציאָנען.

אין גרונד גענומען האָבען זיך געפונען אין אַמעריקאַ רוסישע און פּוילישע אידען פיעל פריהער פון די 80־ער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט. די געשיכטע פון ח י י ם ס אָ ל אָ מ אָ ן, וועלכער האָט געשטיצט מיט זיינע גרויסע פינאַנצען דעם פּרעזידענט ראָבערט מאָררים, איז פאָרגעקומען נאָך פאַר דער אַמעריקאַנישער רעוואָלוציאָן. פיעלע רוסישע עמיגראַנטען זיינען אָנגעקומען אין אַמעריקאַ אין דער צייט פון די 40־ער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט און האָבען געגרינדעט די קאָנגרעגיישאָנס „שערי צדק" אין העגרי סטריט, ניו יאָרק, און דעם „בית המדרש הגדול" פון נאָר־

פאָלק סטריט. יעדען מאָל, ווען די רוסישע דעספּאָטען האָבען זיך גענומען צו דריקען די אידען, האָבען דיזע זיך גענומען צו עמיגרירען נאָך דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אמעריקאַ. אָבער די רוסישע קאָלאָניע אין אמעריקאַ איז אייבעהויפּט געוואַקסען זינט אלכסנדר דער 3טער האָט מיט פּאָגראָמען און בעשרענקונגען געמאַכט אונמעגליך פיר אידען צו לעבען אין רוסלאַנד און זיי זיינען געווען געצוואונגען אויסצוואַנדערן אין גרויסע מאַסען. מען וויים, דאָס פאַר דעם יאָהר 1870 האָבען זיך געפונען אין אמעריקאַ רוסישע אידען ניט מעהר ווי 7,000, אין דער צייט, וואָס די צאָהל פון אלע אידען אין אמעריקאַ איז געווען 200,000 נפשות. פון 1870 ביז 1880 איז די עמיגראַציאָן היבש פערגרעסערט געוואָרען און די צאָהל רוסישע אידען אין אמעריקאַ איז אויפגעוואַקסען ביז 50,000. פון 1881 ביז 1890, די 10 פּאָגראָמען־יאָהרען, האָבען אָנגעהויבען צו קומען פון רוסלאַנד נאָך אמעריקאַ איבער 20,000 אידען יעהרליך, אָדער 200,000 אין די 10 יאָהר. פון 1891 ביז 1900 איז די צאָהל פון אידיש־רוסישע עמיגראַנטען פערדאָפּעלט געוואָרען. יעצט געפינען זיך רוסישע אידען אין אמעריקאַ לערך 2 מיליאָן, וועהרענד אלע אידען צוזאַמענגענומען צעהלען לערך 3 מיליאָן. דאָס הייסט, דאָס די רוסישע אידען אין אמעריקאַ זיינען צוויי דריטעל פון אלע אידען אין אמעריקאַ.

דער אמעריקאַנישער איד איז הויפּטזעכליך אַ שטאָדט־איינוואוינער. איבערהויפּט קען מען דאָס זאָגען וועגען די רוסישע אידען אין אמעריקאַ, ווייל זיי האָבען אין רוסלאַנד קיין רעכט ניט געהאַט צו בעזעצען זיך אויסער דער שטאָדט. אָבער אַ בעדייטענדער צאָהל פון די ערסטע עמיגראַנטען פון רוסלאַנד פון די 80־ער יאָהרען זיינען געוואָרען פאַרמערס. די ערסטע קאָמיטעס, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין אמעריקאַ צו איינאָרדנען דאָס לעבען פון די עמיגראַנטען, זיינען געווען בעשעפטיגט איבערהויפּט צו מאַכען זיי פיר פאַרמערס, אום מען זאָל דאָ ניט שאַפען אַ נייע אידען־פראַגע, ווען זיי וועלען זיך אלע בעזעצען אין די שטעדט און צופיעלוואַרפען זיך אין די אויגען פון די איינגעבאָרענע אמעריקאַנער. אָבער דאָס איז ניט געווען די פאָדערונג פון די עכטע אמעריקאַנער, נאָר דער וואונש פון די רוסישע אידען איבערהויפּט, וועלכע האָבען ניט געהאַט דעם ריכטיגען בעגריף פון אַן אמעריקאַנער.

דיזע אידעע צו מאַכען די עמיגראַנטען איבערהויפּט פיר קאָלאָניסטען איז געשאַפען געוואָרען פון דעם פעראיין „עם עולם", וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין רוסלאַנד באַלד נאָך די פּאָגראָמען אין יעליסאַוועטגראַד און

קיעוו. איינער פון די פיהרער פון דיזער גרופע אימיגראַנטען איז געווען הערמאַן ראָזענטהאַל פון קורלאַנד (1843—1917). ער איז געווען אַ זעהר געבילדעטער מאַן. אַ פּאָעט און פּובליציסט אין דער דייטשער



הערמאַן ראָזענטהאַל.

שפּראַך. ער איז אָנגעקומען אין אַמעריקאַ מיט אַ פּאַרטיע פון איינינע הונדערט פּערזאָן (אידען) אין אָקטאָבער 1881. אין יענער צייט איז געגרינדעט געוואָרען אַ געזעלשאַפט פון דעם בעריהמטען געלעהרטען און פּאָליטי־

קער מיכאל הייל‌פרין, אַ איד מיט אַ זעהר גוט האַרץ און אונ־
געוועהנליכער ענערגיע. דיזע געזעלשאַפט האָט געטראָגען דעם נאָמען
„עמיגראַנט אייד סאָסייעטי‟ (געזעלשאַפט צו העלפען עמיגראַנטען). זי



מיכאל היילפרין.

האָט זיך אייגענטליך גערופען „מאָנטעפיאָרע אַגריקולטשור אייד סאָסייעטי‟,
דאָס הייסט, די מאָנטעפיאָרע געזעלשאַפט צו העלפען מאַכען ערד־אַרבייטער
פון די עמיגראַנטען. אָבער ראָזענטהאַל האָט ניט געוואָלט אַרבייטען צו־

זאמען מיט הייל׳פרין׳ען, און האָט געשאַפּען אַ בעזונדער קאָמיטע פון אמע-ריקאַנישע אידען: מאיר ס. אייזעקס, מ. עללינגער, דר. יוליוס גאָלדמאַן, טש. בערנהיים און ה. הענרי, וועלכע האָבען איהם געשאַפט די קליינע סומע פון 2,800 דאָללאַר, מיט וועלכער ער איז אוועק נאָך לואיזיאַנאַ מיט זיינע 173 אימיגראַנטען צו גרינדען דאָרט אידישע קאָלאָניעס, און פיר דיזען צוועק האָט ער דאָרט געקויפט 5,000 אַקער לאַנד. עס האָט זיך באַלד אויס־געוויזען, דאָס ער האָט בעצאָהלט אַ צו הויכען פּרייז פיר די ערד. דערצו האָבען די אימיגראַנטען ניט געהאַט די ערסטע צייט קיין הייזער צום וואוי־נען. עס זיינען אויף יענער ערד געוועז נאָר 3 אַלטע געביידעס, וועלכע האָ־בען פיר קיין פאַל ניט געקענט זיין גענוג פיר אַזוי פיעלע עמיגראַנטען. ניט אַכטענדיג דערויף האָבען די נייע אימיגראַנטען זיך גענומען מיט גרויס ענער־גיע צו דער אַרבייט, און די אַפּטיילונג פון „אַלליאַנס איזראַעליט" אין ניו אָרליאַנס האָט זיי געהאָלפען מיט וואָס זי האָט געקענט צו בויען די נעטיגע הייזער, צו קויפען פערד און בהמות, א. ד. גל. אָבער צום אונגליק האָט זיך באַלד געמאַכט אַ פערפלייצונג פון דעם טייך מיססיססיפּפּי, וועלכע האָט אַלעס פערניכטעט און אָנגעמאַכט אַ שאָדען פון ‎$20,000. די קאָלאָ־ניסטען האָבען זיך צושפּרייט אין פערשיידענע שטעדט און ראָזענטהאַל איז צוריקגעקומען אין ניו יאָרק צו שאַפען אַ נייעם פּלאַן פיר דיזען צוועק.

אין אַ קורצער צייט איז איהם געלונגען צו גרינדען אַ נייע קאָלאָניע אין סאוטה דאַקאָטאַ פיר 20 פאַמיליעס. די קאָלאָניע האָט ער אָנגערופען מיט׳ן נאָמען „קרעמיע" (1882). צווישען די מיטגלידער פון דער קרעמיע־קאָלאָניע זיינען געוועזען איינינגע פון דער פריהעריגער אונגליקליכער קאָלאָניע פון לואיזיאַנאַ. די „קרעמיע־קאָלאָניע" האָט אָנפאַנגס פערשפּראָכען צו זיין אַ גוט געשעפט. אין דעם ערסטען יאָהר איז די ערנטע געוועזען זעהר גוט. דעם צווייטען יאָהר איז שוין געוועזען שלעכט. דעם דריטען יאָהר איז געוועזען זעהר שלעכט, אַזוי אַז די קאָלאָניסטען האָבען ניט געהאַט די מעג־ליכקייט צו פאָרטזעצען זייער עקסיסטענץ. צו ענדע פון 1885 איז די קאָ־לאָניע אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען.

מיכאל הייל׳פרין האָט גרויס אינטערעסע גענומען אין דער „קרעמיע־קאָלאָניע". די „מאָנטעפיאָרע אַגריקולטשור אייד סאָסייעטי" האָט פיעל געלט געגעבען צו העלפען די קאָלאָניסטען, זיי זאָלען קענען פאָרטזעצען זייער אַרבייט. דיזע סאָסייעטי האָט אויך אַנדערע קאָלאָניעס געשטיצט. עס זיינען געגרינדעט געוואָרען קאָלאָניעס אויך אין אייניגע אַנדערע שטאַאַטען, ווי מיטשיגאַן, ווירדזשיניאַ, קאָננעקטיקוט, ניו דזשוירזי. אָבער פון די אַלע

קאָלאָניעס זיינען יעצט פערבליבען זעהר וועניג, און דאָס, מיט דער הילף פון באראָן דע־הירש־פאָנד. עס פערשטעהט זיך, דאָס די דייטשע יהודים, וואָס האָבען פיעל געלט געגעבען צו העלפען די רוסישע קאָלאָניעס, האָבען בע־שולדיגט די אידען פון רוסלאַנד, דאָס זיי זיינען פוילענצער, ווילען ניט אַר־בייטען און זוכען צו מאַכען אַ גרינגע חיונה. אָבער באמת איז דאָס ניט זייער שולד געווען. די רוסישע גזירות און פערפאָלגונגען, דורך וועלכע זיי האָבען ניט געהאַט די מעגליכקייט צו האָבען אַ שטיקעל ערד אַלס אייגענ־טום — דאָס איז געווען די וואַהרע אורזאַכע פון דעם דורכפאַל. דער רוסי־שער איד האָט זיך ניט געקענט צופּאַסען צו ערד־אַרבייט און איז געצוואונ־גען געווען צו בלייבען אַ שטאָדט־איינוואוינער. אפשר איז עס גלייכער און בעסער פיר די רוסישע אידען.

אָבער די פּראָבעס, וואָס מען האָט געמאַכט מיט די רוסישע אידען צו מאַכען זיי פיר ערד־אַרבייטער, האָבען דאָך פיעל נוצען געבראַכט די אידען אין אַלגעמיין, הגם די פּראָבעס זיינען ניט אין גאַנצען געווען געלונגען. פיעלע פון זיי האָבען זיך צוגעוועהנט צו דער ערד, און זאָגאַר די, וואָס זיינען געווען געצוואונגען צוריקקעהרען זיך אין שטאָדט, האָבען דאָך געביינקט נאָך דעם דאָרף, און ווי באַלד עס האָט זיך געוויזען אַ מעגליכקייט אָפּצושפּאָרען אַ סומע געלט, וואָס זאָל זיין גענוג צו פערשאַפען זיך אַ פאַרם, האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צו דעם דאָרף־לעבען און האָבען מיט גרויס פערגעניגען זיך גענומען פיר אַקערבוי און האָבען זיך געשעצט גליקליך צו זיין זעלבשטענ־דיג און ניט האָבען איבער זיך קיין הערשער פון די פילאַנטהראָפּען, וועלכע האָבען זיי צום מעהרסטען פעראומערט דאָס לעבען מיט זייער דעספּאָטיזם. יעצט געפינען זיך שוין פיעלע הונדערטער פאַמיליעס, וואָס פיהרען אַ גליק־ליכעס לעבען אין פאַרמס, און פיעלע, וואָס האָבען זיך זאָגאַר גרויסע פערמע־גענס פערשאַפט דערפון. עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ פעראיין פון די רייכ־סטע אידישע פאַרמערס אין די סטייטס: ניו יאָרק, ניו דזשערזי, קאָננעק־טיקוט, מאַססאַטשוסעטטס, פעננסילווייניאַ, נאָרד־דאַקאָטאַ און וואַשינג־טאָן. די צאָהל פון די מיטגלידער פון דיזען פעראיין איז געווען אין יאָהר 1916 איבער 2,000. זיי האָבען אַן אייגענעם אָרגאַן (צייטונג) אין אידיש. דיזער פעראיין האָט זינט ער האָט זיך געגרינדעט אויסגעבאָרגט צו נויטבע־דערפטיגע אידישע פאַרמערס איבער אַ מיליאָן און אַ האַלב דאָללאַרס. עס האָבען זיך אויך געגרינדעט סקולס צו לערנען אַגראָנאָמיע אויף אַ וויסענ־שאַפטליכען יסוד, איינע אין וואודבאַיין, ניו דזשערזי (אין 1895), און די אַנדערע אין דאָילסטאָן, פעננסילווייניאַ (אין 1896). דיזע סקולס האָבען

געווירקט, דאָס יעצט ווערען שוין ניט געמאַכט די פעהלערן, וואָס זיינען פריהער בעגאַנגען געוואָרען, ווען קאָלאָניעס זיינען געגרינדעט געוואָרען דורך מענשען, וואָס זיינען ניט פאָרבערייט געווען מיט די וויסענשאַפטליכע און פראַקטישע קענטניסען, וועלכע ווערען געפאָדערט ביים צוטרעטען צו אַזעלכע אונטערנעהמונגען, און פיעלע הונדערטער רוסישע יונגע לייט בעשעפטיגען זיך יעצט מיט אַקערבוי אויף אַ געלונגענעם אופן.

אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען קאָלאָניזאַציאָן פון אידען אין דער אַרגענטיניער רעפובליק דורך באַראָן דע הירש. דיזער וואוילטעטיגער באַראָן איז געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס אַ גרויסער טייל פון דער אידען־פראַגע קען געלעזט ווערען דורך די שאַפונג פון אידישע ערד־אַרבייטער. ער האָט געקראָגען ביי דער רוסישער רעגירונג די ערלויבניס צו אַריבערפיהרען אַ גרויסע צאָהל אידען נאָך אַרגענטינאַ פיר דיזען צוועק. ער האָט געקויפט 62 טויזענד אַקערס לאַנד אין דער פראָווינץ פון בוענאָס אַיירעס, וואו ער האָט געגרינדעט די קאָלאָניע „מאַוריציאָ“. ער האָט געגרינדעט אַ קאָמיטע מיט באַראָן גינצבורג אָן דער שפיץ אין פעטערבורג. אין דעם ערסטען יאָהר זיינען אַריבערטראַנספּאָרטירט געוואָרען איבער 2,000 אידען. דער הויפט־פיהרער פון דער קאָלאָניע איז געווען דער קאָלאָנעל אַלבערט גאָלדסמיטה פון דער בריטישער אַרמעע. באַלד נאָך דעם האָט דער באַראָן דע הירש געקויפט נאָך ערד אין די פראָווינצען סאַנטאַ־פע, ענטרע־ריאָס און פאַמפאַ. אויף דיזער ערד זיינען געגרינדעט געוואָרען נייע קאָלאָניעס: „מאָיסעוויללע“, „קלאַראַ“, סאַן אַנטאָניאָ“, „סאַנטאַ איזאַבעללאַ“, „לוציענוויללע“, „באַראָן דע הירש“ און „בערנאַססאַני“. הגם אין דער ערסטער צייט זיינען געמאַכט געוואָרען פיעלע פעהלערן אין דיזער אונטערנעהמונג און פיעלע אידען האָבען זיך צוריקגעקעהרט נאָך רוסלאַנד, האָט דער באַראָן דע הירש דאָך ניט פערלאָרען זיין מוט און האָט פאָרטגעזעצט דורכצופיהרען זיין פּלאַן. ביסלאַכווייז האָט זיך דער צושטאַנד פון די קאָלאָניעס געבעסערט און די צאָהל פון די קאָלאָניסטען איז געוואַקסען. אין יאָהר 1917 איז אין אַרגענטינאַ די צאָהל פון אידען אין די קאָלאָניעס געשטיגען ביז איבער 23 טויזענד. דער גרעסטער טייל פון זיי פאָדערט ניט קיין שטיצע און איז אויף'ן וועג רייך צו ווערען. ביז ענדע 1910 האָבען די קאָלאָניסטען בעצאָהלט פון זייערע חובות מעהר פון אַ האַלבען מיליאָן דאָללאַר. אונטער דיזער צייט איז דער ווערט פון זייער לאַנד פערדאָפּעלט געוואָרען. צוזאַמען מיט דער קאָלאָניזאַציאָן זיינען אויך געגרינדעט געוואָרען אידישע קהלות אין די גרויסע שטעדט, ווי: בוענאָס אַיירעס, קאָרדאָוואַ, סאַנטאַ־פע,

ראָזאַריאָ און מענדאָזאַ. דער גרעסטער אידישער צענטער איז אין בוענאָס איירעס. דאָ געפינען זיך איבער 65 טויזענד אידען, מיט אַ גרויסער סינאַ־גאָגע און אַ היבשער צאָהל קלענערע שולען און בתי מדרשים, און אַ שפּאַנישער און אידישער דרוקעריי. אין גאַנץ אַרגענטינאַ געפינען זיך יעצט איבער 110 טויזענד אידען.

אָבער די געשיכטע פון די רוסישע אידען אין אַמעריקאַ איז פערבונדען מעהר מיט די גרויסע שטעדט, ווי מיט די קליינע שטעדטלאַך און דערפער, ווייל זיי זיינען קאָנצענטרירט אין די גרויסע שטעדט, נאָר דאָס האָט זיי ניט געהינדערט צו געפינען זיך אונטער דעם איינפלוס פון דעם עכטען אַמעריקאַנישען לעבען אין קולטורעלער און עקאָנאָמישער הינזיכט. און עס האָט זיך היר אויסגעבילדעט אַ בעזונדערער, נייער טיפּ איד.

פון עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט בעטראַכט איז דער רוסישער איד אַ וואונדערבאַרער טיפּ פון דער צייט. קומענדיג אין אַמעריקאַ אַ צובראָכענער שאַרבען קערפּערליך און גייסטיג צוליב דעם דרוק פון די פערפאָלגונגען זינט הונדערטער יאָהרען אין דער אַלטער וועלט, ניט האָבענדיג קיין מיטלען על מזון סעודה אחת, האָט ער געמוזט אָנקומען צו צדקה און פיהרען אַ זעהר שווערעס לעבען, פון וועלכען די פּאָרטוגעזישע און דייטשע אידען האָבען גאָר קיין אידעע ניט געהאַט. ניט אַכטענדיג אויף דאָס אַלעס האָט ער זיך ארויפגעשלאָגען אויף'ן וועג. עס איז ניטאָ קיין געשעפט, צו וועלכען ער האָט זיך ניט גענומען, קיין אַרבייט, וואָס איז געוועז פיר איהם ניט פּאַסענד. ענדליך איז ער אַרוים דער זיגער. דאָס שווערע לעבען פון אַ פּעדלער (הויזירער), די ליידענפולע אַרבייט אין די „סוועט־שעפּער" (שוויץ־פּאַבריקען *) האָבען ניט אָפּגעשוואַכט זיין מוט. דער געוועזענער פּעדלער איז יעצט אַן איי־גענטימער פון אַ גרויסען מאַגאַזין, דער געוועזענער אַרבייטער אין „סוועט־שאָפּ" איז יעצט דער אייגענטימער פון אַ גרויסער פאַבריק. אַ רוסישער איד אין ניו יאָרק איז יעצט אָן דער שפּיץ פון דער גרעסטער בוי־פירמע אין דער וועלט. אַן אַנדערער רוסישער אימיגראַנט אין באַלטימאָרע איז יעצט דער גרעסטער סוחר דאָרט. אַ דריטער איד איז יעצט דער הויפּט־פיהרער פון מינע־געשעפטען. בראָדוויי אין ניו יאָרק וואָלט געווען אַ וויסטע, ווע ניט די טויזענדער רוסיש־אידישע פירמעס, וועלכע פערנעהמען די גרעסטע און שענסטע געביידעס דאָרט.

---

*) אַזוי ווערען אָנגערופען אין אַמעריקאַ די פאַבריקען, וואו עס ווערט גע־אַרבייט איבער די כחות פיר אַ קליינעם לוין.

דורך אן איינפאכען צופאל האבען זיך די ערסטע רוסישע אימיגראנ־טען געגומען באלד נאך זייער אנקומען אין אמעריקא צו דעם שניידער־פאך. פיעלע האבען זיי באלד אנגעהויבען נאכטאן. אייגענטליך זיינען די רוסישע אידען ניט געווען די ערסטע, וואס האבען זיך גענומען צו דיזען פאך. שוין

באראן דע הירש.

פריהער האבען זיך די דייטשע אידען דערמיט בעשעפטיגט און געמאכט רייכטימער דערפון. די רוסישע אידען האבען דאס פערגרעסערט און פערברייטערט און האבען עס געמאכט פיר איינע פון די וויכטיגסטע אינדוסטריען אין לאנד. דאס האט געשאפען די פערשפרייטונג פון די „סוועט־שעפער".

דער רוסישער איד האָט זעהר ניט ליב צו זיין אונטערוואָרפען אונטער וועלבער עס איז הערשאַפט, ווייל ער איז אימער געווען געדריקט פון זיינע הערשאַפטען אין זיין אַלטער היים, דעריבער, ווען ער האָט נאָר די מעגליכקייט צו ווערען אָפּהענגיג, וויל ער עס זיין. דער פאַבריקאַנט איז ניט געווען געגען דעם, דאָס דער קאָנטראַקטאָר, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו מאַכען פיר איהם זיינע בעשטעלונגען, זאָל איבערגעבען אַ טייל צו אַן אונטער־קאָנטראַקטאָר. דיזע לעצטע האָבען זיך אָנגעהויבען צו פערמעהרען זעהר שטאַרק. זיי האָבען אָנגעהויבען צו אַרבייטען אין קליינע שמוציגע פאַבריקען, אָ״ער אין גרעסערע, וואָס זיינען ניט געווען גענוג געשיצט געגען פייער אָדער אַנדערע סכנות נפשות און צוליב דעם זיינען זעהר אָפט פיעלע לעבענס אומגעקומען. די אַרבייטער, אום צו פערבעסערן זייער לאַגע, האָבען זיך גענומען צו גרינדען יוניאָנס. עס האָבען זיך אָנגעהויבען אָפטע סטרייקס געגען דעם דרוק פון די אַרבייט־געבער און געגען די „סוועט־שעפּער״ און זיי האָבען זעהר אָפט געוואונען די סטרייקס. אין דעם גרויסען קלאָוקמאַכער סטרייק פון 1890 האָבען די אַרבייטער אויסגעפיהרט, דאָס מען האָט געהעכערט זייער וועכענטליכען לוין ביז אויף 25 און 30 דאָללאַר אַ וואָך, אַ ציפער, וואָס איז פיר יענע צייט געווען אונגעהייער גרויס. אויך דער סטרייק פון די מאַנטעל־מאַכער אין 1892 האָבען די אַרבייטער געוואונען, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס די אַרבייט־געבערס האָבען זיך פעראייניגט און האָבען געשאַפען אַ גרויסען קאַפּיטאַל צו בעקעמפען די סטרייקערס. דיזער סטרייק האָט געשאַפען אַ פיהרער אין דער פּערזאָן פון י אָ ז ע ף ב אַ ר אָ נ ד ע ס, וועלכער איז דאַמאָלס געווען דער סעקרעטער פון דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן.

דער ערפאָלג פון די קלאָוק־מאַכער יוניאָן האָט ערמוטיגט אויך די אַרבייטער פון אַנדערע צווייגען פון קליידער־פאַך צו גרינדען יוניאָנס אום צו פערבעסערן זייער צושטאַנד און זייער לעבען. אויך פון אַנדערע אינדוסטריען האָבען זיך געגרינדעט יוניאָנס, און נאָכדעם האָבען דיזע אַלע יוניאָנס געגרינדעט אין ניו יאָרק אַן אַלגעמיינע יוניאָן אונטער׳ן נאָמען „די יונייטעד היברו טריידס״ (פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען). זינט די אידישע צייטונגען האָבען זיך אָנגעהויבען צו פערברייטערן איז געשאַפען געוואָרען אַ אידישע זעצער־יוניאָן, וועלכע איז באַלד געוואָרען אַ טייל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער זעצער־יוניאָן. זאָגאָר די אידישע אַקטיאָרען האָבען געגרינדעט אַ יוניאָן. די אידישע מאַסען האָבען אָנגעהויבען צו פיהלען און צו פערשטעהן, ווי וויכטיג עס איז פיר זיי זיך צו אָרגאַני־

זירען, און האָבען זיך גענומען אָרגאַניזירען אַלץ מעהר און מעהר אַלע פּאַ־כען. די פיהרער פון די מאַסען האָבען זיך בענוצט מיט דיזער שטרעבונג פון די אַרבייטער און האָבען אָנגעהויבען צו פערברייטערן סאָציאַליסטישע אידעען צווישען זיי. אָנגעפאַנגען דאָס צו טאָן האָט די „אַרבייטער צייטונג" (אַ וואָכענבלאַט) און דאָס „אָבענדבלאַט" (אַ טעגליכע צייטונג), אָבער דיזע האָבען ניט לאַנג עקסיסטירט, און יעצט זעצט פאָרט דיזע אַרבייט די „צוקונפט" (אַ מאָנאַטליכע צייטשריפט) און דער „פאָרווערטס" (אַ טעגליכע צייטונג). די הויפּט טאָן־געבער פון די סאָציאַליסטען זיינען יעצט אַ ב ר ה ם ק אַ ה אַ ן, אַ טיכטיגער שרייבער אין ענגליש און אין אידיש, מ אָ ר ר י ס ה י ל ק וו י ט, דער אויטאָר פון דער „געשיכטע פון סאָציאַליזם אין די יונייטעד סטייטס" (1903), און מ אַ י ר ל אָ נ ד אָ ן, דער איינציגער סאָציאַליסטישער רעפּרעזענטאַנט אין קאָנגרעס. פון ניו יאָרק האָט זיך דער סאָציאַליזם פערשפּרייט איבער דעם גאַנצען לאַנד, און די סאָציאַליסטען געווינען זעהר אָפּט אין די וואַהלען פיר פערשיידענע עמטער.

אָבער אַ פיעל גרעסערן ערפאָלג האָבען די רוסישע אידען געהאַט אויף'ן געביט פון בילדונג און וויסענשאַפטען. דעם אידען, וואָס איז אין רוסלאַנד געווען בערויבט פון דער פרייהייט צו ענטוויקלען זיינע פיזישע פעהיגקייטען, איז געבליבען נאָר די פרייהייט צו ענטוויקלען זיינע אינטעלעקטועלע, גייסטיגע כחות. אָבער די רעגירונג האָט פיר איהם דאָרט פערשלאָסען אַלע טויערן פון בילדונג. די אידישע יונגע לייט און מיידלאַך האָבען זיך מיט גרויס ענערגיע גענומען צו בילדונג, און האָבען באַלד אָנגעפילט די פאָלקס־שולען, די הויך־שולען און די אוניווערזיטעטען, און האָבען איבעראַל בעוויזען זייערע אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען, און האָבען צום גרעסטען טייל געענדיגט מיט אויסצייכנונגען. די אָרימסטע עלטערן אָפּפערן מיט זייערע לעצטע סענטען צו העלפען זייערע קינדער בעזוכען אוניווערזיטעטען און הויך־שולען. מעהרערע געשטודירטע יונגע לייט און יונגע פרויען זיינען לעהרער און פּראָפעסאָרען אין די שולען און הויך־שולען אָדער זיי צייכנען זיך אויס מיט זייערע פּראָפעסיאָנען אַלס בעריהמטע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, אינזשעניערען א. ד. גל. אַ גרויסע צאָהל לעהרער און לעהרערינען אין די שולען אין ניו יאָרק זיינען אידישע קינדער. זיי זיינען פול אין אַלע ערטער פון די רעגירונגס־אַנשטאַלטען. אַ יונגער אידישער געלעהרטער, ד ר. ש ע פּ ע ר, איז יעצט פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין האַרוואַרד אוניווער־זיטעט און איז דאָרט אָן דער שפּיץ פון דיזער קאַטהעדרא. ל ע אָ וו י נ ע ר

איז א צייט לאנג געוועז פראפעסאר פון סלאווישע שפראכען און ליטע-ראטור, און זיין זוהן איז יעצט פראפעסאר פון מאטהעמאטיק אין האר־ווארד אוניווערזיטעט. דר. מאקס מרגלית איז געוועז יאהרען לאנג פראפעסאר פון סעמיטישע שפראכען אין דער קאליפארניער אוניווער-זיטעט. פראפעסאר איזראעל שפירא איז יעצט פראפעסאר פון די סעמיטישע שפראכען אין דער אוניווערזיטעט פון וואשינגטאן.

אויך אין דער מעדיצינישער פראפעסיאן האבען די רוסישע אידען גע-האט גרויס ערפאלג. דר. מאקס איינהארן, געבארען אין גראד-נא, איז געווארען פראפעסאר אין „פאסט־גראדיועיט מעדיקאל סקול" אין ניו יארק. ער איז א בעריהמטער ארצט פון מאגען־קראנקהייטען, און די אינ-סטרומענטען און די אפאראטען, וואס ער האט ערפונדען צו דיזען צוועק, זיינען אין געברויך אין דער גאנצער מעדיצינישער וועלט. איינער פון די בעסטע כעמיקער אין לאנד איז מ. ראזאנאוו, געבארען אין פינסק, פראפעסאר אין ניו יארק אוניווערזיטעט, נאכדעם אין קלארק אוניווערזיטעט און יעצט אין פיטסבורג. די טיכטיגסטע רעפארם־ראבינער און רעדנער אין די רייכסטע טעמפלען אין ניו יארק, „עמנואל" און „בית אל", זיינען יעצט רוסישע אידען: שמואל שולמאן און היימאן ענעלאוו.

אויף'ן ליטעראַרישען פעלד האבען די רוסישע אידען אויך זעהר פיעל געשאפען אין די לעצטע 30 יאהר. מיכאל היילפרין איז געוועז איינער פון די וויכטיגסטע מיטארבייטער אין אפפלטאן'ס „אמעריקאנישע ענציקלאפעדיע". ער איז אויך דער פערפאסער פון דעם בעריהמטען ווערק: The Historical Poetry of the Ancient Hebrews (די היסטארישע פא-עזיע פון די אלטע העברעער). עס וואלט גענומען צופיעל ארט אויסצורעכ-נען די נעמען פון די ביכער, וואס די רוסישע אידען האבען אנגעשריבען אין ענגליש פון אידישען לעבען אין אמעריקא, און וואס זיינען אנערקענט געווא-רען פון אמעריקאנישע אויטאריטעטען.

זעהר וויכטיג איז די טעטיגקייט פון די רוסישע אידען אויף'ן געביט פון דער אידישער ליטעראטור און חכמת ישראל אין העברעאיש און ענגליש. איידער די איד־רוסישע עמיגראציאן נאך אמעריקא האט זיך אנגעפאנגען זיינען דא געוועזען זעהר ווייניג אידישע געלעהרטע: קאהוט, מ. יאסטראוו, דעמביטץ זיינען געוועזען די איינציגע געלעהרטע אין העברעאיש. די ראבינער־סעמינארען אין סינסינאטי און ניו יארק האבען געשאפען נאר סינאגאגען־ און טעמפעל־רעדנער און ארגאניזירער פון אידישע קהלות. די רוסיש־אידישע עמיגראציאן האט דעם צושטאנד אין גאנצען געענדערט. עס

זיינען אָנגעקומען אין אמעריקא אידישע געלעהרטע תלמודיסטען און העב־רעער, וועלכע האָבען געלעגט דעם יסוד פון חכמת ישראל אין דיזען וועלט־טייל. מ. מ. ד אָ ל יצ ק י האָט דאָ אין ניו יאָרק ארויסגעגעבען זיינע פּאָעטישע שריפטען אונטער'ן נאָמען „שירי מנחם". א. ח. ר אָ ז ע נ־ב ע ר ג האָט דאָ ארויסגעגעבען זיין ביבלישע ענציקלאָפּעדיע „אוצר השמות", וועלכע איז אָנערקענט פון פיעלע פאַכלייט אין אייראָפּא און אמעריקא אַלס אַ זעהר וויכטיגע ארבייט אין דער העברעאישער ליטעראַטור (ביז יעצט זיינען ערשינען נאָר 6 בענדער פון א' ביז נ'); מ. ל. ר אָ ד־ק י נ ז אָ ה ן האָט דאָ ארויסגעגעבען זיין ענגלישע איבערזעצונג פון דעם תלמוד. דיזע און זייער גלייכען רוסישע אידען האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די גאַנצע אידישע געמיינדע. רייכע אידען האָבען זיך יעצט פעראינטערעסירט אין דער אידישער קולטור און האָבען אָנגעהויבען עטוואָס וויכטיגעס צו שאַפען אויף דיזען פעלד. די „דזשואיש פּובליקיישיאָן סאָסיי־עטי" האָט זיך געגרינדעט אין פילאַדעלפיא און האָט ביז יעצט שוין ארויס־געגעבען איבער 100 ביכער, וועלכע בעהאַנדלען דאָס אידישע לעבען אין די לענדער פון גלות און איבערהויפּט פון אמעריקא, ווי אויך טיילווייז די אידישע געשיכטע און רעליגיאָן. אין 1892 איז געגרינדעט געוואָרען די „אמערקאַן דזשואיש היסטאָריקאַל סאָסייעטי" (געזעלשאַפט צו פאָרשען אי־דישע געשיכטע אין אמעריקא). אָן דער שפּיץ פון דיזער געזעלשאַפט איז געשטאַנען דער בעריהמטער געלעהרטער און שטאַאַטסמאַן אָ ס ק אַ ר ש ט ר ו י ס, וועלכער איז געווען אייניגע מאָל געזאַנדטער פון די פעראיי־ניגטע שטאַאַטען אין טערקיי און מיניסטער פון קאָמערץ און ארבייט. מיט אַ יאָהר שפּעטער, ווען אין טשיקאַגאָ איז פאָרגעקומען די וועלט־אויסשטע־לונג, איז דאָרט געגרינדעט געוואָרען אַ וועלט־פּאַרלאַמענט פיר רעליגיאָנען. און די אידישע רעליגיאָן האָט אין דעם פערנומען זעהר אַ וויכטיגען פּלאַץ. די אידישע פרויען האָבען דאַמאָלס געפונען אַ גינסטיגען מאָמענט צו גרינ־דען אַן אָרגאַניזאַציאָן אונטער'ן נאָמען „קאָונסיל אָוו דזשואיש ווימען" (ראַט פון אידישע פרויען) מיט אַ זעהר ברייטען פּראָגראַם. צווישען די געגענשטענדען פון זייער טעטיגקייט איז אויך צו שטודירען פריוואַט די אי־דישע געשיכטע און רעליגיאָן. זעהר אַ וויכטיגער פאַקט אין דעם אינטע־לעקטועלען לעבען פון די אידען אין אמעריקא איז געווען די ארויסגאַבע פון דער „אידישער ענציקלאָפּעדיע" אין דער ענגלישער שפּראַך דורך פונק און וואַגנאַללס. דער גרינדער פון דער ארויסגעבונג פון דיזען ריזענווערק אין 12 דיקע בענדער איז געווען ד ר. א י ז י ד אָ ר ז י נ ג ע ר.

זעהר וויכטיג איז אויך די נייע איבערזעצונג פון דער ביבעל אין ענגליש, וועלכע איז געמאכט געוואָרען פון פאַך־לייט און איז אָנערקענט פון ביידע געלעהרטע אָלס איינע פון די בעסטע, וואָס זיינען ביז יעצט ערשינען. דער בעריהמטער פילאַנטהראָפּ דזשייקאָב שיף האָט געגעבען אַ סומע פון 50,000 דאָללאַרס צו דיזען צוועק. דיזער גרויסער נדבן האָט אויך געגעבען אַזאַ סומע צו פובליצירען אין ענגלישער איבערזעצונג די בעסטע אידישע קלאַסיקער פון דער אַלטער צייט.

די אידישע עמיגראַנטען האָבען אָנקומענדיג אין אַמעריקאַ זיך באַלד גענומען צו גרינדען פעראייגען או חברות אום צו געבען יעדען די מעגליכקייט צופרידען צו שטעלען זיינע רעליגיעזע געפיהלען און בעדערפניסען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. מען האָט באַלד אָנגעהויבען בויען סינאַגאָגען, קליינע און גרויסע, גרינדען בית עלמין׳ס, גרינדען האָספּיטעלער, בתי יתומים, מושב זקנים׳ס, תלמוד תורה׳ס, ישיבות, שולען פיר מיידלאַך און אונטערשטיצונגס־פעראייגען. אַלעס, וואָס די רוסישע אידען האָבען דאָ אין אַמעריקאַ געגרינדעט, טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל און כאַראַקטער פון דעם אָרטהאָדאָקסישען יודענטום, אין דער צייט, וואָס די אַלע אָרגאַניזאַציאָנען, וואָס די דייטשע אידען האָבען געשאַפען, זיינען דורכגעדרונגען פון רעפאָרמע. אָבער לאַנגזאַם האָט זיך אויך די אָרטהאָדאָקסיע צוגעוועהנט צו די נייע מעטהאָדען פון דעם אַמעריקאַנער, און די אַלע אַנשטאַלטען, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען פון דער אָרטהאָדאָקסיע, האָבען אריינגעבראַכט אין זיי פיעל פון דעם אַמעריקאַנישען גייסט און כאַראַקטער.

אין 1883, ווען די „היברו יוניאָן קאָללעדזש” אין סינסיננאַטי האָט ארויסגעלאָזען די ערסטע ראַבינער, האָבען די אָרטהאָדאָקסען אויך געפונען פיר נעטיג צו גרינדען אַ טהעאָלאָגישען סעמינאַר. דער פּרעזידענט פיר דיזען סעמינאַר איז געווען **ש ב ת י מ אָ ר א י ס**, אַ שטרענג אָרטהאָדאָקסישער פרומער פּאָרטוגעזישער איד. דער הויפּט־פּראָפעסאָר פון תלמוד איז געווען דר. קאָהוט, דער מחבר פון דעם בעריהמטען ווערק „ערוך השלם” (געענדיגט 1886). אויך די רוסישע אידען האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אָרדנונגען אין זייער רעליגיעזען לעבען, און האָבען אויסגעשריבען פון ווילנא דעם בעריהמטען גאון ר׳ **י ע ק ב י ו ס ף** אַלס רב הכולל (אויבער־ראַבינער) איבער אַלע אידישע קהלות אין ניו יאָרק. פיעלעס האָבען געהאָלפען צו מאַכען פערבעסערונגען אין אָרטהאָדאָקסישען לעבען פון די ניו יאָרקער אידען דר. ב. דראַכמאַן, דר. פיליפ קליין, דר. אַדאָלף ראַדין, דער רעדנער ה. מאַסליאַנסקי און נאָך אַנדערע. און אַזוי איז די אָרטהאָדאָקסיע געוואָר־

רען ביסלאכווייז פעסטער און בעסער אָרגאַניזירט. יעצט האָבען אויך די רוסישע אידען גרויסאַרטיגע טעמפּלען מיט גרויס אָרדנונג אין זיי, הגם דער גייסט און כאַראַקטער זיינען געבליבען שטאַרק אָרטהאָדאָקסיש; זיי האָבען אויך אַ „ראַבביניקאַל קאָללעדזש", וואו עס ווערען געלערענט אויך וועלטליכע געגענשטענדען אין ענגליש, אָבער אַלץ שטרענג אָרטהאָדאָקסיש, אין גייסט פון תלמוד. די תלמוד תורה'ס זיינען יעצט אין זעהר שענע לופטיגע



ר' יעקב יוסף.

געביידעס מיט אַלע בעקוועמליכקייטען, מיט מאָדערנע לעהרער, וועלכע אונ־טערריכטען לויט די נייעסטע מעטהאָדעס, אָבער אַלעס אויף אַ שטרענג אָרטהאָדאָקסישען אופן. דאָס זעלבע קען מען זאָגען מיט זיכערהייט וועגען אַלע אַנדערע אַנשטאַלטען פון די אָרטהאָדאָקסישע אידען אין ניו יאָרק. מיט איין וואָרט, די אָרטהאָדאָקסישע אידען אין אַמעריקאַ האָבען געמאַכט גרויסע פאָרשריטען אין די עטליכע צעהנדליג יאָהר, וואָס זיי געפינען זיך דאָ.

די רוסיש-אידישע עמיגראַנטען האָב אויך מיט זיך געבראַכט די אידעע, דאָס די העברעאישע שפּראַך איז אַ וויכטיגער טייל פון אידישער קולטור, און דאָס אָהן איהר קען ניט זיין קיין עכטער אידישער גייסט. און דערי־בער האָבען זיי געפונען פיר נעטיג דאָ צו גרינדען העברעאישע צייטונגען. דער ערסטער איז געווען הירש בערנשטיין, וועלכער האָט גע-גרינדעט אין 1871 דעם „הצופה בארץ החדשה" מיט דער הילף פון מ. יהלומשטיין, אַ בעריהמטען העברעאישען זשורנאַליסט. דיזער זשורנאַל האָט עקסיסטירט ביז דעם יאָהר 1877. אין 1880 האָט אַ גרופּע אידישע משכילים געגרינדעט אַ נייע העברעאישע צייטשריפט אונטער'ן נאָמען „המאסף בארץ החדשה", אָבער פון דיזער צייטשריפט איז נאָר איין נומער ערשינען. אויסער דעם האָבען אָנגעהויבען צו ערשיינען ספרים געשריבען אין העברעאיש איבער פערשיידענע געגענשטענדען, ווי „היהודים והיהדות" פון הרב מ. וויינבערגער, „הדת והתורה" איבער אידישע פילאָזאָפיע פון יוסף ס. זילבערשטיין; „המחנים" פון מ. ראַבינאָוויץ, דר. סאָלד'ס פירוש אויף איוב. וואָלף שור האָט ארויסגעגעבען די וועכענטליכע צייטונג אין העברעאיש „הפסגה", נאָכדעם איז ערשינען פון א. דיינאַרד דער „הלאום". אין טשיקאַגאָ האָט לעאָן זאָלאָטקאָף אָנגעהויבען ארויסגעבען אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל „קרן אור", וועלכער איז באַלד נאָך דעם 1טען נומער אונטערגע-גאַנגען. אַמעריקאָ איז נאָך ניט פערטיג געווען פיר העברעאישע ליטעראַטור, און דעריבער זיינען אַלע דיזע העברעאישע שריפטען גיך אונטערגעגאַנגען. אָבער די ליבהאָבער פון העברעאיש האָבען דעם מוט ניט פערלאָרען און האָ-בען פאָרטגעזעצט צו מאַכען נייע פּראָבעס מיט צייטונגען. ה. כתריאל שרה־זאָהן האָט אָנגעהויבען ארויסגעבען די וועכענטליכע צייטונג „העברי" אונטער דער רעדאַקציאָן פון א. ה. ראָזענבערג. נאָכדעם איז דיזע צייטונג איבערגעגאַנגען צו ג. ראָזענצווייג. דריי יאָהר שפּעטער האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען דער מאָנאַטליכער זשורנאַל „נר המערבי" אונטער דער רעדאַקציאָן פון א. ה. ראָזענבערג מיט דער מיטהילף פון מ. ד. דובזעוויץ, מ. דאָליצקי, מ. רייכערסאָן, י. ד. אייזענשטיין, הערמאַן ראָזענטהאַל און דר. ראַדין. דעם 1טען יאָהר זיינען ערשינען 12 נומערן. צו ענדע פון 1טען יאָהר איז דיזער זשורנאַל אריבער צו ה. שוואַרצבערג, אָבער ער האָט ארויסגעגעבען נאָר 4 העפטען און דער „נר המערבי" איז אונטערגעגאַנגען. נאָכדעם האָט ראָזענצווייג אָנגעהויבען ארויסגעבען דעם זשורנאַל „קדימה" און א. ה. ראָ-זענבערג צוזאַמען מיט הערמאַן ראָזענטהאַל האָבען ארויסגעגעבען דעם

„המודיע לחדשים", אָבער דער „קדימה" האָט מעהר ניט עקסיסטירט ווי 2 חדשים, און דער „המודיע לחדשים" האָט אויסגעהאַלטען אַ יאָהר מיט 4 חדשים און איז ענדליך אונטערגעגאַנגען. אין דער זעלבער צייט זיינען ער־שינען אייניגע ווערטפולע ווערק אין העברעאיש ווי יהלומשטיין'ס געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאַאטען, א. שור'ס „נצח ישראל", א. ח. ראָזענבערג'ס „אוצר השמות". יצחק ראַבינאָוויץ און מ. דאַליצקי האָבען ארויסגעגעבען זייערע פּאָעטישע שריפטען, י. ד. אייזענשטיין האָט אָנגעהויבען ארויסגעבען זיין „אוצר ישראל", אַ העברעאישע ענציקלאָפּעדיע (יעצט פערטיג אין 10 טייל). יוסף גבריאלוב האָט אין יענער צייט ארויסגעגעבען אַ וואָכענבלאַט „הזמן", וועלכעס האָט עקסיסטירט אַ קורצע צייט, און נאָכדעם האָט ער אָנ־געהויבען ארויסגעבען אַ ווערק אונטער'ן נאָמען „אוצר המדות", אַן ענצי־קלאָפּעדיע פון אידישער עטהיק. אָבער די לאַגע פון דער העברעאישער שפּראַך איז דאָך ניט פערבעסערט געוואָרען דורך דיזע אָנשטרענגונגען ביז די אומשטענדען האָבען זיך געענדערט.

די הויפּט אורזאַך ווארום די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור האָ־בען דאָ געהאַט אַ דורכפאַל איז געווען, דאָס זעהר אַ קליינע צאָהל פון די אידען אין אַמעריקאַ האָבען זיך אינטערעסירט מיט העברעאיש, ווייל די אי־דישע שפּראַך איז געווען די הערשערין איבער די מאַסען. די צייטונגען פון איין זייט און דער טהעאַטער פון דער אַנדערער זייט האָבען די אידישע שפּראַך שטאַרק פערשפּרייט צווישען די מאַסען, וועלכע האָבען קיין אינ־טערעס ניט געהאַט פיר העברעאיש. די „אידישע גאַזעטען", ארויסגעגעבען פון כ. שרהזאָהן, איז די ערסטע געוואָרען פערברייטעט צווישען די אידישע אימיגראַנטען אין ניו יאָרק און די אַנדערע שטעדט. אויך אין טשיקאַגאָ האָט אין דער זעלבער צייט אָנגעהויבען צו ערשיינען אַ וועכענטליכע אידישע צייטונג אונטער'ן נאָמען „די איזראַעליטישע פּרעסע" מיט אַן אָפּטיילונג אין העברעאיש. אַ ביסעל שפּעטער, ווען עס זיינען צוגעקומען מעהר אי־מיגראַנטען, האָט זיך בעוויזען די מעגליכקייט ארויסצוגעבען אַ טעגליכע אי־דישע צייטונג, און עס איז ערשינען דאָס „אידישע טאַגעבלאַט" (1886) און נאָך איהם „דער טעגליכער העראָלד" (1891). אין טשיקאַגאָ האָבען אָנגע־הויבען ערשיינען דער טעגליכער „קוריער" און דער „רעקאָרד". אין ניו יאָרק האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען טעגליך די אידיש־סאָציאַליסטישע צייטונג דער „פאָרווערטס", וועלכע האָט אַן אונגעהייערע גרויסע צירקולאַציאָן צווי־שען די אידישע מאַסען. אויך אַן אַנאַרכיסטישע צייטונג „די פרייע אַר־בייטער שטימע" האָט אָנגעהויבען ארויסצוגעהן אין אידיש. שפּעטער זיי־

נען צוגעקומען די „ווארהייט“ און „דער טאָג“ אונפּארטייאישע צייטונגען. אַ הומאָריסטישע וואָכענשריפט „דער קונדס“, אַ וויסענשאַפטליכע סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפט „די צוקונפט“ האָבען אויך ניט געפעהלט און האָבען גיך בעקומען אַ בעדייטענדע צאָהל אידישע לעזער. אַ וויץ־בלאַט, „דער אידישער פּאָק“, ארויסגעגעבען פון נחום מאיר שייקעוויטש, און „אידישע יום־טוב־בלעטער“ ארויסגעגעבען פון מ. מיניקעס, האָבען אויך געשאַפען אַ גרויסע מאַסע אידישע לעזער. אין דער בעלעטריסטישער ליטעראַטור און פאָלקסדיכטונג צייכנען זיך אויס: נחום מאיר שייקעוויטש מיט זיינע שפּאַנענדע ראָמאַנען, משה זייפערט, וועלכער שרייבט נאָך יעצט ברייטע ראָמאַנען און סקיצען, אליקום צונזער, מיט זיינע בעליבטע פאָלקסלידער און אברהם גאָלדפאַדען מיט זיינע טהעאַטער־פּיעסען, וועלכע זיינען אַזוי שטאַרק בעליבט ביים פאָלק.

אויסער די פּעריאָדישע שריפטען האָט זיך ענטוויקעלט אין דער אידישער שפּראַך אין אַמעריקאַ אַ ברייטע וויסענשאַפטליכע ליטעראַטור. ביכער אין אַלע צווייגען פון דער וויסענשאַפט האָבען אָנגעהויבען צו ערשיינען. אַ. טאַנענבוים, אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר פון פערשיידענע וויסענשאַפטליכע ידיעות, און פיליפּ קראַנץ מיט זיינע ווערק „קולטור געשיכטע“, „גאַנץ אַמעריקאַ“, און „הימעל און ערד“ (פּאָפּולערע אַסטראָנאָמיע), האָבען פערברייטערט אין די מאַסען דורך די אידישע שפּראַך פיעל וויסען. פיעל האָט אלכסנדר הארקאַווי מיט זיינע ווערטערביכער און אַנדערע נוצליכע ווערק געהאָלפען צו פערברייטערן קענטנים צווישען די אידישע מאַסען אין אַמעריקאַ. צו דיזע קומען צו די שרייבער פון קליינע געשיכטען און סקיצען אין אידיש מיט גרויס טאַלאַנט ווי י. גורדאָ, וועלכער שרייבט זיך אונטער מיט'ן נאָמען ב. גאָרין, לעאָן קאָברין, י. הורוויץ, בעוואוסט אונטער'ן נאָמען ז. ליבין. אַ בעדייטענדען אָרט פערנעהמט דער אידישער הומאָריסט ישראל זעוויז, בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „תשר"ק“. אַ וויכטיגען פּלאַטץ אין דער אידישער ליטעראַטור פערנעהמט מ. ווינטשעווסקי, בעוואוסט אונטער'ן פעדער־נאָמען דער „משוגענער פילאָזאָף“. ער ווערט גערעכענט אַלס דער זיידע פון דעם סאָציאַליזם אין אידיש. ער האָט אָנגעשריבען פיעל שענע פּאָעזיע און פּראָזאַ. בעריהמט זיינען זיינע פעליעטאָנען „צושלאָגענע געדאַנקען פון אַ משוגענעם פילאָזאָף“. לויט פּראָפעסאָר וויענער האָבען די אידישע אַמעריקאַנישע שרייבער פון פּראָזאַ קיין אָריגינעלעם ניט אויפגעטאָן. קיין נייעם און בעזונדערס אויסגעצייכענטען סטיל האָט קיינער פון זיי ניט בעוויזען.

גאַנץ אַנדערס קענען מיר זאָגען וועגען דער אידישער פּאָעזיע אין אַמע־ריקאַ. זי איז דאָ ענטוויקעלט און האָט אַרויסגעגעבען עטוואָס אָריגינעלעס. א. מ. שאַרקאַנסקי (געשט. 1905) האָט אין זיין צייט געהאַט אַ היבשען ער־פאָלג מיט זיינע „אידישע מעלאָדיען". דוד עדעלשטאַט, אַ ראַדיקאַלער שריי־בער, האָט געשריבען לידער, אין וועלכע ער האָט בעדויערט די עקאָנאָמישע לאַגע פון אָרימען אידישען פאָלק, פון וועלכער נאָר די ערוואַרטעטע געזעל־שאַפטליכע איבערקעהרענים, וועלכע דער סאָציאַליזם מוז ברייִנגען דער וועלט, קען זיי רעטען.

פיעל העכער פון אַלע דערמאָהנטע אידישע שרייבער שטעהט דער וואהרער אידישער פּאָעט מ אָ ר ר י ס ר אָ ז ע נ פ ע ל ד. זיינע פּאָ־עמאָס זיינען איבערזעצט אין פיעלע אַנדערע שפּראַכען, ווי אין ענגליש (דורך פּראָפעסאָר וויענער), אין דייטש, פּויליש, רומעניש, אונגאַריש און בעהמיש. הגם ער איז סאָציאַליסטיש־ראַדיקאַל אין זיינע אַרבייטער־לידער, איז ער אויך אַ ציוניסט און האָט געשריבען איינינע זעהר געלונגענע נאַציאָנאַ־לע לידער. זיין לידער־בוך האָט בעקומען פיעלע בעוואונדערער פון קריסט־ליכע גרויסע ליטעראַטען. איינינע אוניווערזיטעטען אין די פּעראייניגטע שטאַאַטען האָבען איהם איינגעלאַדען צו דעקלאַמירען זיינע לידער פאַר פערזאַמלונגען אין די אַודיטאָריומס פון דיזע לעהר־אַנשטאַלטען.

אין דער לעצטער צייט איז ערשינען אַ נייער גרויסער שטערן אויף'ן הימעל פון דער אידישער ליטעראַטור. דיזער איז י ה ו א ש (שלמה בלום־גאַרדען). ער איז אָנערקענט פון מאַנכע אַלס דער גרעסטער ליריקער אין אידיש. ראָזענפעלד האָט בעזונגען די אידישע טראַגעדיע אַלס רעזולטאַט פון זייער לאַגע אין פּאָליטישער און עקאָנאָמישער הינזיכט; יהואש האָט אַלס דעם אינהאַלט פון זיינע לידער עכט אידישע טהעמאָס און זיין מוזע דערגרייכט זעהר אָפט די העכסטע שטופע פון ליריק. זיין קונסט איז ניט בעאיינפלוסט פון אויסוועניג, און ער איז איבערהויפּט דער וואהרער קינסטלער, ווען זיינע טהעמאָס זיינען גענומען פון אידיש־נאַציאָנאַלען לעבען. אין דער ביבעל און אין די תלמודישע אגדות האָט ער געפונען אַן אונערשעפּליכען קוואַל פון בעגייסטערונג. זיינע געזאַמעלטע לידער איז זיין לעצטען ווערק „אין זון און נעבעל" זיינען די שענסטע אידישע פער־זען אין דער לעצטער צייט. ער האָט איבערזעצט אין אידיש איינינע בי־כער פון דער ביבעל, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אויך „ישעיה" און „איוב". אין יאָהר 1915 איז ער צוריקגעקומען פון זיין רייזע נאָך ארץ ישראל און האָט אָנגעשריבען דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף איהם גע־

מאַכט דאָס אידישע לעבען דאָרט. דיזע אַרבייט איז אין 1917—1918 ער-
ערשינען אין 3 טייל אונטער'ן נאָמען „פון ניו יאָרק ביז רחובות".

די אידישע פּרעסע האָט פיעל געהאָלפען צו ענטוויקלען די אידישע
עמיגראַנטען פון רוסלאַנד און צו בעקאַנט מאַכען זיי מיט דעם לעבען פון זיי-
ער נייער היים, און די ליטעראַטור, וואָס די עמיגראַנטען האָבען געשאַפען,
האָט ענטוויקעלט אין זיי אַ גייסט פון ווירקליכער קונסט און האָט פערשפּראָ-
כען נאָך פיעל מעהר. ליידער אָבער האָט דער טעאַטער, וואָס די אידען האָ-
בען געבראַכט מיט זיך פון רוסלאַנד, ניט געהאַט די גוטע ווירקונג, וואָס מען
האָט געקענט פון איהם ערוואַרטען, ווען ער זאָל באַלד פון אָנפאַנג אַריינ-
פאַלען אין אַזעלכע הענט, וואָס וואָלטען אין זינען געהאַט די גייסטיגע און
מאָראַלע זייט פון פאָלק און ניט צו אָנפילען די קעשענעס מיט די
סענטען פון דעם בעזוכער. די אידישע ביהנע איז געווען פול מיט
פאָרשטעלונגען פון אַ זעהר נידריגען סאָרט, וועלכע האָבען געהאַט זיי-
ער ציל צו קיצלען די געפיהלען פון די צושויער, אָבער ניט צו ענטוויקלען
אין זיי אַ געשמאַק פיר קונסט, עסטהעטיק, מאָראַל און בילדונג. אין רוס-
לאַנד און רומעניען האָבען די דירעקטאָרען פון די אידישע טעאַטערן גע-
זוכט צו געבען דעם פאָלק פאָרשטעלונגען מיט אַ רעליגיעזען אָדער נאַצי-
אָנאַלען אינהאַלט, פאָרשטעלענדיג דאָס אידישע לעבען אין די אַלטע צייטען
אין ארץ ישראל אָדער דאָס לעבען פון די אידען אין היינטיגע צייטען
אין דעם תחום המושב (טשערטאַ אָסיעדלאָסטי), אָבער אין אַמעריקאַ האָ-
בען די אייגענטימער פון די אידישע טעאַטערן געפאָדערט פון זייערע די-
רעקטאָרען צו געבען דעם פּובליקום אַ גאַנץ אַנדערען סאָרט פאָרשטעלונ-
גען, וועלכע האָבען אין זיך ניט ענטהאַלטען קיין אידעאַל פון עטוואָס הוי-
כעס. א ב ר ה ם ג אָ ל ד פ אַ ד ע ן איז געקומען אין אַמעריקאַ מיט
אַן עהרליכען וואונש צו שטעלען דעם אידישען טעאַטער היר אויף אַ ריכ-
טיגען פונדאַמענט, אָבער די דירעקטאָרען פון די היגע טעאַטערן האָבען
זיינע פּיעסען אַוועקגעשטעלט אין הינטערגרונד און האָבען געגעבען אַ פּאָר-
צוג צו פּיעסען פערפאַסט פון הורוויץ און לאַטיינער. די טעאַטער-פאָר-
שטעלונגען זיינען אַזוי אָפּגעשמאַקט געוואָרען, דאָס אויך די ניי-אָנגעקו-
מענע טאַלאַנטען פון אייראָפּאַ, ווי שלום אַש, אָסיפּ דימאָוו און פּרץ הירש-
ביין, האָבען עס ניט געקענט בעסער מאַכען. אַ היבשע צייט האָט גע-
שפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין אידישען טעאַטער י ע ק ב ג אָ ר ד י ן
(1853—1909). ער האָט אָנגעשריבען לערך 70 פּיעסען, גרויסע און קליי-
נע. די מעהרסטע פון זיי האָבען ניט קיין ליטעראַרישען ווערט. די בעס-

טע פון זיי זיינען: „גאָט, מענש און טייוועל״ (אַ אידישע נאָכאהמונג פון גאָטהע׳ס „פאוסט״), „מירעלע אפרת״, „די יתומה״, „די שחיטה״. די בעסטע פון זיינע פיעסען זיינען די, וועלכע זיינען גענומען פון אידישען לע־בען אין רוסלאַנד. עס איז אייגענטליך שווער צו אורטיילען וועגען גאָרדין׳ס טאַלאַנט אַלס דראַמאַטורג פון זיינע פיעסען, ווייל זיי זיינען הויפּטזעכליך געשאַפען געוואָרען לויט דעם וואונש און פערלאַנג פון טעאַטער־דירעקטאָר און נאָך דעם געשמאַק פון דעם פּובליקום, וואָס בעזוכט דעם טעאַטער, וועלכעס שפּילט די הויפּט־ראָלע אין דיזער הינזיכט. דאָך האָט דער אידי־שער טעאַטער אויך פיעל קונסט געצייגט דורך די וואהרע אַרטיסטען, וואָס האָבען געשפּילט אויף דער ביהנע, ווי יעקב פּ. אַדלער, זיגמונד מאָ־גולעסקאָ, בערטהאַ קאַליש, קעני ליפּצין. אַדלער און קאַליש האָבען זיך אויך אויסגעצייכענט מיט זייערע פאָרשטעלונגען אויף דער ענגלישער ביהנע און האָבען זיך פערשאַפט אַ נאָמען צווישען דעם ענגלישען פּובליקום. אין אַל־געמיין אָבער האָט דער אידישער טעאַטער אין אַמעריקאַ זעהר וועניג צו שטאַלצירען מיט זיין ווירקונג אויף׳ן אידישען פּובליקום.

באַלד ווי די צאָהל פון די רוסישע עמיגראַנטען איז געוואָרען גרויס, האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צו גרופּירען אין פעראיינען אום צו ווערען שטאַרקער אום צו קענען זיין נוצליכער איינער דעם אַנדערען. די דייטשע אידען האָבען אַפילו אויף זיי רחמנות געהאַט און פלעגען זיי זעהר אָפט העלפען אין זייערע נויטען, אָבער צופיעל חבר׳ן זיך מיט זיי האָבען זיי ניט געוואָלט; זיי האָבען זיך פּשוט געשעמט צו זיין מיט די רוסישע אימיגראַנ־טען אין איין פעראיין, זיי זאָלען זיין גלייכע מיטאַרבייטער אין כלל־זאַכען, ווייל די רוסישע אידען האָבען אין זיך געהאַט אַנדערע מאַניערען, וועל־כע די דייטשע האָבען ניט ליב. דער רוסישער עמיגראַנט פון זיין זייט איז געווען זעהר אונצופרידען און זאָגאַר געקרענקט פון דעם שטאָלץ, וואָס דער דייטשער איד האָט צו איהם געוויזען, ער האָט ניט געקענט איבערטראָ־גען גלייכגילטיג דעם פעראַכטליכען בליק, מיט וועלכען דער דייטשער איד פלעגט אויף איהם קוקען פון אויבען אַראָפּ, בעזונדערס ווען דער דייטשער איד האָט איהם געגעבען וועלכע עס איז געלט־שטיצע. אויך די פערשיידענ־הייט צווישען די אָרטהאָדאָקסען און רעפאָרמער אין רעליגיאָנס־אַנגעלעגענ־הייטען האָט געמאַכט אַ גרויסע שפּאַלטונג צווישען די דייטשע און רוסישע אידען. און אזוי זיינען געשאַפען געוואָרען צוויי סאָרטען צדקה־אַנשטאַל־טען, צוויי סאָרטען חנוך, אָרטהאָדאָקסישע און רעפאָרמירטע. און דאָס האָט זעהר פיעל געשטערט די אחדות, די גאַנצקייט פון אַ עכטער אידישער קהלה,

ווי עס איז געווען איינגעפיהרט אין אייראָפּאַ, איבערהויפּט אין רוסלאַנד און פּוילען. די אָרדענס, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען פון די רוסישע אימיגראַנטען, זיינען געווען דער רעזולטאַט פון די פיינדליכע בעציהונגען צווישען די דייטשע יהודים, די גרינדער פון אָרדען „בני ברית", און די רוסישע אימיגראַנטען, די גרינדער פון די איבריגע אָרדענס. דער וויכטיגסטער פון די נייע אָרדענס איז דער אָרדען „ברית אברהם", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1887 און צעהלט יעצט מעהר פון 200,000 מיטגלידער. די ארבייטער האָבען זייער אייגענעם אָרדען, בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „ארבייטער רינג", מיט 60 טויזענד מיטגלידער. דיזער אָרדען האָט אין זיין פּראָגראַם קראַנקען-בענעפיט, פרייע קבורה און לעבענס-פערזיכערונג. ער בעשעפטיגט זיך אויך מיט דער גרינדונג פון אינסטיטוציאָנען, מיט בילדונג, או. ד. גל.

אין אַ קורצער צייט נאָך דעם, ווי די רוסישע עמיגראַנטען זיינען געוואָרען בעדייטענד אין צאָהל, האָבען די דייטשע יהודים אָנגעהויבען צו שאַפען אַן אינסטיטוציאָן צו אַמעריקאַניזירען זיי. עס איז געגרינדעט געוואָרען דער „היברו אינסטיטוט" אין איסט בראָדוויי און די „הענרי סטריט סעטטלמענט" (ניו יאָרק). דאַן האָבען די רוסישע עמיגראַנטען זעלבסט אָנגעהויבען צו גרינדען אזעלכע אַנשטאַלטען, ווי די „עדיוקיישאָנאַל סאָסייעטי" אין ברוקלין, דער „היברו אינסטיטוט" אין טשיקאַגאָ און אַ גרויסע צאָהל פון פעראיינען אונטער'ן נאָמען: „יאָנג מען'ס" און „יאָנג ווימען'ס אַסאָסיאיישאָן" אין גאַנצען לאַנד אין די שטעדט מיט אידישע צענטערן. די רוסישע אידען זיינען געוואָרען זעהר פערמעגליך, און צוזאַמען מיט דעם זיינען זיי אויך געוואָרען מעהר זעלבשטענדיג. אַנשטאַט דעם, וואָס פריהער זיינען זיי געווען געצוואונגען צו בעטען הילף, האָבען זיי מיט דער צייט אָנגעהויבען געבען גרויסע שטיצע צו צדקה-אַנשטאַלטען, וואָס האָבען שוין עקסיסטירט פון פריהער, און האָבען אָנגעהויבען צו פאָדערן, אז דיזע זאָלען זיך אויפפיהרען נאָך דער פאָדערונג פון דער אידישער רעליגיאָן. זיי האָבען בעוויזען, דאָס די רוסישע אידען אַמעריקאַניזירען זיך אָהן שום צוואַנג פון אויסען, אָנשטאָט דעם אָבער איז נעטיג איינצופלעסען דעם עכט אידישען גייסט און נאַציאָנאַל-געפיהל אין די מוחות און הערצער פון דער אידישער יוגענד, וועלכע האָט אָנגעהויבען זיך צו דערווייטערן פון דעם אידישען שטאַם. די אידישע פּרעסע האָט ערנסט פּראָפּאַגאַנדירט אין דיזער ריכטונג. דער אָרטהאָדאָקסישער טהעאָלאָגישער סעמינאַר (ראַבינער-שול) האָט בעקומען פעסטען באָדען אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון דר. שעכטער און צו פער-

דאנקען דער רייכער שטיצע פון דעם בעוואוסטען נדבן דזשייקאָב שיף. דאָס האָט געשאַפען א קאָנטר־בעוועגונג געגען רעפאָרמירטען יודענטום אונ־טער דער פיהרונג פון דר. י. ל. מאגנעס, וועלכער איז פריהער געווען ראַ־בינער און פרעדיגער אין דעם בעוואוסטען טעמפעל „עמנואל", און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דיזער שטעלע און האָט אָנגענומען א שטעלע אין אַן אָרטהאָ־דאָקסישער קהלה (1911). אין 1913 איז געגרינדעט געוואָרען די „יוניי־טעד סינאַגאָגס אָוו אמעריקא" אלס א געגען־קראַפט געגען דער „יוניאָן אָוו אמעריקאַן היברו קאָנגרעגיישאָנס" פון די רעפאָרמער. דיזע בעוועגונג האָט געהאַט א גרויסע ווירקונג אין גאַנצען לאַנד אויף די רעפאָרם־צענטערן צו ענדערן זייער שטעלונג צום אָרטהאָדאָקסישען טראַדיציאָנעלען יודענ־טום און אָנצונעהמען א מעהר קאָנסערוואַטיווע פּלאַטפאָרמע אין פיעלע וויכטיגע זאכען, וואָס זיינען נוגע צום רעליגיעזען לעבען פון אידען אין אמעריקא.

פיעל האָט געהאָלפען ווידער אויפצולעבען דעם רעליגיעזען געפיהל אין אידישען פאָלק אין אמעריקא דער ציוניזם. דיזע בעוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען אין די פעראייניגטע שטאַאטען אין דער זעלבער צייט, ווען הערצל האָט געשאַפען דעם ערסטען קאָנגרעס אין באזעל. דיזע בעוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען דאמאָלס ניט נאָר צווישען די רוסישע אימיגראַנטען אין אמעריקא, נאָר אויך צווישען די אידען, וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען אין אמעריקא גופא. אייגענטליך זיינען פריהער געווען דאָ אין אמעריקא אייניגע פעראיינען פון „חבת ציון", אָבער דיזע פעראיינען זיינען נאָך דא־מאָלס ניט געווען צוזאמענגעקניפּט אין איין פערבאנד. זינט עס איז ער־שינען הערצל'ס „יודענשטאַאט" (1896) האָט זיך די אידעע פון אידישען נאציאָנאליזם מעהר און מעהר אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען צווישען די אמעריקאַנישע אידען. פיעל האָבען געהאָלפען דערצו די העברעאישע פּוב־ליציסטען פון יענער צייט, ווי וואָלף שור, אין דעם העברעאישען וואָכענ־בלאַט „הפסגה", א. ח. ראָזענבערג אין זיין „נר המערבי" און ג. ראָזענצווייג אין „העברי", הערמאַן ראָזענטהאַל און א. ח. ראָזענבערג אין זייער „המודיע לחדשים". אויך די אידישע צייטונגען „יידישעס טאַגעבלאַט" פון ניו יאָרק און דער „קוריער" אין טשיקאַגאָ. קורץ נאָכדעם האָבען זיך אייניגע ציוניס־טען פערזאמעלט אין ניו יאָרק און האָבען געלעגט דעם יסוד צו דער יעצטיגער „פעדערײשיאָן אָוו אמעריקאַן זייאָניסטס" (פערבאַנד פון אמעריקאַנישע ציוניסטען). די הויפּט־גרינדער זיינען געווען הערמאַן ראָזענטהאַל, פּראָ־פעסאָר ריטשארד גאָטטהייל, דר. שאַפּער, דר. דראַכמאַן, י. ר. מאָררִיסאָן,

דר. ווייז, א טאַנענבוים און מאַקס רייזין. פּראָפעסאָר גאָטטהייל איז דאַ-
מאָלס ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט פון דער פעדעריישיאָן. א יאָהר שפּע-
טער האָט זיך די פעדעריישיאָן פערזאַמעלט אין באַלטימאָרע און האָט דאָרט
אויך פערשפּרייט די אידעע פון ציוניזם. פון דאַמאָלס אָן האָבען די ציוניס-
טען געמאַכט קאָנווענציאָנען אין פיעלע אַנדערע שטעדט פון די פעראייניג-
טע שטאַאטען און האָבען איבעראַל געווירקט צו פערשפּרייטען דיזע בעווע-
גונג. די רעפאָרמירטע אידען האָבען אָנגעהויבען צו אַרבייטען שטאַרק גע-
גען דיזער בעוועגונג. איבערהויפּט האָבען זיך גענומען קעמפּפען געגען די-
זער בעוועגונג די בעריהמטעסטע ראַבינער פון די רעפאָרמער. אין יאָהר
1897 האָבען זיך אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדא) פערזאַמעלט דר. וויס, דר.
לאַנדסבערג, דר. מעלצינער און סאַמפּיעלד און האָבען אַרויסגעטראָגען א רע-
זאָלוציאָן, וועלכע האָט מיט שאַרפע ווערטער פערדאַמט דיזע בעוועגונג, ווייל
זי וועט שאַדען די אידען אין אַלע לענדער. די אידען, נאָך זייער מיינונג,
האָבען שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין א נאַציאָן, זיי זיינען ניט מעהר ווי
א רעליגיעזע גרופּע, וועלכע האָט איהר מיסיאָן צו פערברייטערן אין דער
וועלט צדקה ומשפט, די אידעע פון איינהייט פון גאָט און ברידערליכקייט
צווישען דער גאַנצער מענשהייט. אָבער אין פּאָליטישען זין זיינען די אי-
דען א טייל פון דער בעפעלקערונג, וואו זיי וואוינען: די דייטשע אידען
זיינען דייטשען, די רוסישע אידען זיינען רוסען, או. אז. וו. דער ציוניזם
טוט אידען קיין גוטעס ניט, אין געגענטייל, ער שאַדעט זיי, איבערהויפּט
אין די ערטער, וואו זיי ווערען פערפאָלגט, ווייל מען רעכענט זיי פיר פרעמ-
דע, וועלכע האָבען אייגענע אינטערעסען, וואָס זיינען זעהר שעדליך צו די
אינטערעסען פון לאַנד. די מיסיאָן פון די אידען איז צו פערברייטערן די
אידעע פון משיח'ס צייטען, אָדער פון פּראָגרעס. ווען די מענשען וועלען
ווערען ברידערליך איינער מיט דעם צווייטען און דאַן וועט געגרינדעט ווע-
רען אויף דער ערד די לאַנג געווינשטע „מלכות שדי", דאָס געטליכע קעניג-
רייך. אין 1899 איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער קאָנווענציאָן פון דער
„יוניאָן אָוו רעפאָרם קאָנגרעגיישיאָנס" אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניא, פאָל-
גענדע רעזאָלוציאָן: „די דעלעגאַטען פון דער „יוניאָן אָוו קאָנגרעגיישיאָנס"
ערקלערען, דאָס זיי זיינען דורכאויס געגען איינריכטען א אידישען פּאָלי-
טישען שטאַאט אין פּאַלעסטינא, ווייל די אידען זיינען ניט קיין נאַציאָן,
נאָר א רעליגיעזע גרופּע. ציון איז געווען אונזער אַלטע היים, וואו אונזערע
פּראָפעטען האָבען פּאַראויסגעזאָגט דער וועלט די גרויסע אידעאַלען, וואָס
וועלען בעגייסטערן די מענשהייט פון דער צוקונפט, וואו אונזערע פּסאַל-

מיכטען (משוררים) האָבען געזונגען די געטליכע הימנעס, וואָס בעצויבערן עד היום די וועלט. דאָס איז פיר אונז נאָר א הייליגע עראינערונג, אָבער ניט א ציל פיר די צוקונפט. אמעריקא איז אונזער ציון. דאָ ווערט מקוים די נביאות פון אונזערע פּראָפעטען אין אונזער אַלטער היים. די מיסיאָן פון די אידען איז ניט א פּאָליטישע, נאָר א גייסטיגע. דער צוועק פון די אידען איז ניט צו גרינדען א אידישען שטאאט, נאָר צו פערשפּרייטען ליבע צווישען מענשען און וואהרהייט איבער דער גאנצער וועלט".

די אטאקעס פון די רעפאָרמער אויף'ן ציוניזם האָט נאָך ברייטער געמאכט די שפּאַלטונג צווישען רעפאָרמע און אָרטהאָדאָקסיע. די פיהרער פון די ציוניסטען האָבען אָנגעהויבען צו פּראָפּאַגאנדירען זייער אידעע דורך א מאסע בראָשורען און צוויי צייטשריפטען, איינע אין ענגליש, דער „מאקקא־בעאַן", א מאָנאטליכער זשורנאַל, און די אַנדערע אין אידיש, „דאָס אידישע פאָלק", א וואָכענבלאַט. פיעל האָבען געהאָלפען צו פערברייטען די ציוניסטישע אידעע אין אמעריקא דער וויזיט פון נחום סאָקאָלאָוו און די אַרבייט פון דר. שמריהו לעווין, ביידע מיטגלידער פון דעם אקציאָנס־קאָמיטע, און דר. בן ציון מאסענזאָהן, דירעקטאָר פון דעם אידישען גימנאַזיום אין יפו. די פיהרערשאַפט פון ציוניזם איז אַריבער אין די הענט פון דר. האררי פריעדענוואַלד פון באַלטימאָרע און לואיס ליפּסקי פון ניו יאָרק. דיזע האָבען איינגעפיהרט א נייעם סיסטעם אין דער בעוועגונג און די צאָהל ציוניסטען איז שטארק פערמעהרט געוואָרען. עס זיינען אויפגעשטאַנען נייע פּאַרטייען פון ציוניסטען: די „פּועלי ציון", א סאָציאַליסטישע גרופּע, און דער „מזרחי", א שטרענג אָרטהאָדאָקסישע פּאַרטיי; אויך א פרויען־פעראיין פון ציוניזם אונטער'ן נאָמען „הדסה", און א פעראיין „יאַנג דזשודעאַן" פון יונגע אינגלאַך. עס האָט זיך אויך געגרינדעט א נייער אָרדען „בני ציון" מיט לעבענס־פערזיכערונג. די אידישע יונגע מענער און פרויען אין די קאָללעדזשעס און אוניווערזיטעטען האָבען זיך אָרגאַניזירט אונטער'ן נאָמען „אינטערקאָללעדזשיאייט זייאָניסט אססאָסיאיישאָן". ענדליך, ווען די גרויסע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכען אין יאָהר 1914, און די טעטיגקייט פון די ציוניסטען אין אייראָפּא איז שטארק אָפּגעשוואַכט געוואָרען, איז דורך די אונערמידליכע אַרבייט פון שמריהו לעווין געגרינדעט געוואָרען דאָס „פּראָוויזאָרישע קאָמיטע" (1914), וועלכעס האָט זיין צוועק צו זאָרגען פיר די ציוניסטישע אנשטאַלטען אין פּאַלעסטינא אין דער צייט פון דעם קריזיס און צו אויפהאַלטען, ווי ווייט מעגליך, די בעציהונגען צווישען די ציוניסטען פון דער גאנצער וועלט. דיזע אָרגאַניזאַציאָן איז באַלד געוואָרען די הויפּט־

פיהרערין פון דער גאנצער ציוניסטישער טעטיגקייט אין אמעריקא. זי שאפט יעהרליך הונדערטער טויזענדער דאללארס צו העלפען אלעם וויכטיגעס און נעטיגעס אין פאלעסטינא, און האט ארײנגעצויגען אלס הויפט־פיהרער פון ציוניזם אין אמעריקא דעם בעריהמטען אדוואקאט ל ו א י ס ב ר א נ ד י י ס, יעצט ריכטער פון כופרים קאורט (העכסטען געריכט) פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

אבער ניט אכטענדיג דערויף, וואס די רוסישע אידען אין אמעריקא זיינען דורכגעדרונגען מיט א נאציאנאל־געפיהל און האלטען זיך דאכט זיך א ביסעל אפגעזונדערט, האבען זיי דאך פיעל מאל בעוויזען, דאס זיי ליבען אמעריקא מיט לייב און זעלע און זיי זיינען דאנקבאר פיר די מעגליכקייט צו לעבען היר אן עכט דעמאקראטישעס לעבען, דעם ווערט פון וועלכען זיי ווייסען מעהר צו שעצען ווי געבארענע אמעריקאנער. זיי זיינען אייך זעהר דאנקבאר דעם לאנד, וואס גיט זיי די מעגליכקייט צו לעבען לויט די פאדערונגען פון זייער רעליגיאן אהן א שום שטערונג, וואס זיי האבען ניט געקענט אין רוסלאנד, וואו זיי האבען געפיהרט א מארטירער־לעבען. זייער ליבע צו פאלעסטינא איז ניט, ווייל זיי זיינען ניט מיט'ן גאנצען הארצען צוגעבונדען צו אמעריקא, נאר ווייל זיי ווייסען, דאס אפילו אין א פרייען לאנד ווי אמעריקא קען דער איד ניט פיהרען אן עכט אידישעס לעבען, ווייל די פרייהייט זעלבסט שטערט פיעל צו זיין רעליגיאן און צו דער אויפהאלטונג פון זיין ראסע. די רוסישע אידען האבען בעוויזען, דאס ווען דאס לאנד פאדערט אפפער פון דער געזעלשאפט, זיינען זיי בערייט צו פערגיסען זייער בלוט פיר זייער נייע היים, זאגאר ווען די רעגירונג פאדערט עס ניט פון זיי. אין דער שפאניש־אמעריקאנישער מלחמה אין יאהר 1898 האבען זיך איבער 4,000 רוסישע אימיגראנטען אנגעגעבען פרייוויליג צו געהן אין שלאכט און פיעלע פון זיי האבען געדינט אלס סאלדאטען אונטער דער קאמאנדע פון דעם עקס־פרעזידענט טהעאדאר ראאזעוועלט, וועלכער איז געווען זייער קאלאנעל (פאלקאווניק). דאס זעלבע זעהען מיר יעצט אין דער גרויסער וועלט־מלחמה. זינט אמעריקא איז ארײנגעטראטען אין קריג אויף דער זייט פון די אלליאירטע, איז דער מעהרסטער טייל פון 50,000 סאלדאטען, וואס זיינען ארײנגעטראטען אין דער ארמעע ביז דעם 1טען יאנואר 1918, געווען רוסישע אידען. אום צופרידען צו שטעלען די רעליגיעזע און קולטור־רעלע פאדערונגען פון די אידישע סאלדאטען האט מען געשאפען א מיליאן דאללארס.

דער ציוניזם איז אייגענטליך א פּראָטעסט פון די אידען געגען די פערפאָלגונגען, פון וועלכע זיי האָבען געליטען און ליידען עד היום אין פּיעלע לענדער, אין עפענטליכען ווי אין פּריוואַט־לעבען. עס איז זעהר פּעושטענדליך ווארום די בעוועגונג האָט אזא גרויסען איינפלוס אויף די אימיגראַנטען, וועלכע זיינען געקומען פון די לענדער, וואו זיי האָבען שטאַרק געליטען פון פערפאָלגונגען. זאָגאַר אין אַמעריקאַ האָבען זיי געפונען, אַז מען קוקט אויף זיי מיט חשד און מען וויל מאַכען געגען זיי אויסנאַהמען. ווען אין יאָהר 1908 איז דער פּאָליס־קאָממישאָנער פון ניו יאָרק סיטי, בינגהאַם, אַרויס מיט אַן ערקלערונג, דאָס די רוסישע אידען גיבען אַרויס 60 פּראָצענט פערברעכער, זיינען די אידען אַרויס מיט אַ שטורם־פּראָטעסט און האָבען דאַמאָלס געגרינדעט די קהלה, צו פעראייניגען אַלע קאָנגרעגיישאָנס אין איין קערפּער, אום זיך צו שיצען געגען אַזעלכע משונה'דיגע ליגענס. די פעראייניגונג פון די אידישע קאָנגרעגיישאָנס האָט אויך געהאַט אַן איינפלוס אויף צו ברעכען דעם טראַקטאַט (אָפּמאַך), וואָס האָט עקסיסטירט צווישען אַמעריקאַ און רוסלאַנד זינט דעם יאָהר 1832, לויט וועלכען די רוסישע רעגירונג מוז בעהאַנדלען די אַמעריקאַנישע בירגער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, ווי אַמערקאַ בעהאַנדעלט די רוסישע אונטערטאַנען, וואָס וואוינען אין אַמעריקאַ. ווייל רוסלאַנד האָט געמאַכט אַן אויסנאַהמע פיר אַמעריקאַנישע אידישע בירגער, האָט די אַמעריקאַנישע רעגירונג, אונטער דעם איינפלוס פון די אידען, צוריקגערופען דעם טראַקטאַט. די אַמעריקאַנישע רעגירונג האָט פיעלע מאָל פּראָטעסטירט געגען אַזעלכע ניט געזעצליכע האַנדלונגען פון דער רוסישער רעגירונג געגען אַמעריקאַנישע אידען, אָבער די רוסישע רעגירונג האָט דיזע פּראָטעסטען קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט. ווען דער שטאַאַטס־סעקרעטער עליהו רוט איז אין 1907 אַרויס מיט אַ צירקוליאַר צו די אידען אין אַמעריקאַ, דאָס זיי זאָלען ניט פאָהרען נאָך רוסלאַנד, ווייל די רוסישע רעגירונג וועט זיי ניט אַריינלאָזען אַהין, איז די „אַמעריקאַן דזשואיש קאָממיטטי", וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1906, אַרויס מיט אַ שטאַרקען פּראָטעסט געגען דעם צירקוליאַר און האָט געפאָדערט פון אַמעריקאַ זי זאָל אָפּברעכען איהר האַנדעלס־טראַקטאַט מיט רוסלאַנד. די הויפּט־פּראָטעסטירער זיינען געוועזען לואיס מאַרשאַל און עדוואַרד לויטערבאַך. אָבער דער פּראָטעסט האָט קיין ווירקונג ניט געהאַט, ביז עס זיינען געקומען די וואַהלען פון יאָהר 1908. דאַמאָלס האָבען די אידען אויסגעפיהרט, דאָס די פראַגע מוז געלעזט ווערען פון דער נייער רעגירונג. אַלע פּאַרטייען האָבען איינשטימיג אָנגענומען די פאָדערונג, און דער רעפּובלי־

קאַנישער קאַנדידאַט פיר פּרעזידענט, טאַפט, האַט פערשפּראָכען, דאַס ווען ער וועט זיין ערוועהלט, וועט ער מיט דיזער פראַגע ענדיגען. טאַפט איז ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט, און די אידען האָבען זיך גענומען צו גע־ווינען דעם דעת הקהל פיר די פראַגע: צי דאַרף אַמעריקא אָפּברעכען דעם טראַקטאַט מיט רוסלאַנד דערפאַר, וואָס זי וויל ניט אָנערקענען דאָס רעכט פון אַמעריקאַנישע אידען, וואָס קומען נאָך רוסלאַנד? אין אַלע שטעדט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען מיטינגען און איבעראַל האָט דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק פערדאַמט די רוסישע האַנד־לונג געגען אַמעריקאַנישע אידישע בירגער. די פראַגע איז אויפגענומען גע־וואָרען אין קאָנגרעס און אין סענאַט, און עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציאָן צו ברעכען דעם טראַקטאַט מיט רוסלאַנד, ווען זי וועט ניט נאָכגעבען אַמעריקאַ'ס פאָדערונג אין דיזער פראַגע. דעם 15טען דעצעמ־בער האָט פּרעזידענט טאַפט דורך זיין אַמבאַסאַדאָר אין פּעטערבורג גע־לאָזט וויסען דער רוסישער רעגירונג, דאָס דער טראַקטאַט פון 1832 צווי־שען אַמעריקאַ און רוסלאַנד וועט אָפּגעבראָכען ווערען, ווען רוססלאַנד וועט ניט נאָכגעבען די גערעכטע פאָדערונג פון אַמעריקאַ בנוגע די אידען.

ווייל די אידען־פראַגע האָט בעריהרט אַלע אידען גלייך, סיי רעפאָר־מער, סיי אָרטהאָדאָקסען, סיי רוסישע, סיי דייטשע, פראַנצויזישע און אַלע אַנדערע אידען, דעריבער האָבען אַלע אידען אָהן אונטערשייד אויס־געדריקט דאַנקבאַרקייט צו דער אַמעריקאַנישער רעגירונג און אַמעריקאַני־שען פאָלק, און אין אַלע סינאַגאָגען און שולען האָט מען געבעטען גאָט פיר זייער גליק. עס איז צו גלויבען, דאָס ווייל אין דיזער פראַגע זיינען אַלע אידען אָהן אונטערשייד געווען פעראינטערעסירט און האָבען געאַרבייט מיט גרויס אחדות, האָבען זיי צוליב דעם געהאַט דעם געוואונשטען ערפאָלג. עס האָט ניט לאַנג גענומען און נאָך אַ צופאַל האָט פעראייניגט אַלע אידען צו אַר־בייטען איינשטימיג פיר'ן כלל ישראל. דאָס איז די גרויסע וועלט־מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין 1914. דיזע מלחמה האָט מעהר פון אַלע־מען געטראָפען די אידען פון מזרח־אייראָפּאַ. זי האָט פערניכטעט גאַנצע אידישע שטעדט און קהלות אין רוסלאַנד, ליטא, פּוילען, רומעניען און גאַ־ליציען. זי האָט פערניכטעט אַלע צענטערן פון אידישער קולטור און רע־ליגיאָן; טויזענדער זיינען צו'הרג'עט געוואָרען, גבירים זיינען צו בעטל־ברויט געקומען, מען האָט געשאָכטען יונג און אַלט, מענער און פרויען. צעהנדליגער טויזענדער זיינען פערטריבען געוואָרען פון זייערע היימען איז ווייטע ערטער אָהן אַ שום שטיצע. מען האָט זיי בעשולדיגט אַלס שפּיאָ־

נען, אלס פאלשע צו די רעגירונגען או. ד. גל. די אמעריקאנישע אידען זיי־נען געווען די איינציגע, וואס האבען זיך גענומען מיט אלע קרעפטען און מיטלען צו העלפען די אונגליקליכע, פערפאלגטע אידען פון מזרח־אייראפא. און זיי האבען עהרענהאפט ערפילט זייער פליכט צו זייערע ברידער. די רעפארמירטע אידען האבען געגרינדעט א קאמיטע צו העלפען די מלחמה־קרבנות אונטער'ן נאמען: „דזשואיש רעליעף קאממיטטי" (אידישעס הילפס־קאמיטע), די ארטהאדאקסישע אידען — „סענטראל רעליעף קאמ־מיטטי" און די ארבייטער־קלאס האט איהר קאמיטע מיט'ן נאמען „פיפל'ס רעליעף קאממיטטי". אזוי האבען זיך פון אלע קלאסען פון אמעריקאנישע אידען פעראייניגט צו העלפען זייערע פעראונגליקטע ברידער. דיזע אלע ארגאניזאציאנען האבען זיך באלד פעראייניגט און געשאפען א קאמיטע, וואס זאל געפינען די בעסטע וועגען, ווי צו פערטיילען די געזאמעלטע געל־טען, דאס זיי זאלען ברייננען די ריכטיגע הילף צו די ליידענדע קרבנות. צו דיזען צוועק האט מען געשיקט דר. מאגנעס אין אייראפא, ער זאל דארט אויף'ן ארט זיך גוט בעקאנען מיט דעם ריכטיגען מצב פון די ליידענדע אי־דען און אויסגעפינען די ריכטיגע מענשען, וועמען מען קען אנפערטרויען די ריכטיגע אונפארטייאישע פערטיילונג פון די געזאמעלטע סומעס. די אמעריקאנישע אידען האבען זיך באלד איבערציינגט, דאס די געזאמעלטע געלטען זיינען ניט גענוג צו שאפען די הילף, וואס די שרעקליכע לאגע פא־דערט און האבען בעשלאסען צו זאמלען א פרישען קאפיטאל פון 10 מיליאן דאללארס פיר דיזען צוועק. דער בעוואוסטער פילאנטהראפ יוליוס ראזענ־וואלד אין טשיקאגא האט אליין געגעבען א גאנצען מיליאן דאללאר אלס יסוד צו דיזען פאנד (1917). אין דער לעצטער וואך פון יאהר 1917 איז די בעשטימטע סומע פון 10 מיליאן דאללאר אויפגעזאמעלט געווארען נאך מיט א האלבען מיליאן דאללאר מעהר.

דיזע וויכטיגע אונטערנעהמונג האט געפיהרט דערצו, דאס די דייטשע און די רוסישע אידען האבען זיך אזוי דערנעהענטערט איינע צו די אנדערע און עס איז צווישען זיי געווארען אזא ענגער פערבאנד, ווי עס איז נאך קיין מאל ניט געוועזן. עס איז כמעט אין גאנצען פערשוואונדען דער פאראור־טייל, וואס די דייטשע אידען האבען געהאט צו די רוסישע. די גרויסע מענ־שענפריינדליכע דינסטען, וואס די פילאנטהראפען י. שיף, ראזענוואלד, נא־טהאן שטרויס, מיט די אמעריקאנישע עקס־אמבאסאדארען: מארגענטהוי און עלקוס, צוזאמען מיט פיעלע אנדערע אידישע כלל־טוער און נדבנים, האבען ארויסגעציינט די מיליאנען אידישע מלחמה־קרבנות אין אייראפא

און פּאַלעסטינאַ, האָבען בעוויזען, דאָס אין פאַל פון גרויס נויט, ווען דער כלל ישראל ליידט, פערשווינדט די פערשיידענהייט צווישען די פּאַרטייען פון אידען און אַלע ארבייטען מיט אחדות צו ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק פון אונטערגאַנג. ליידער איז דיזע אחדות באַלד צוריק צוריסען געוואָרען צו־ליב דער קאָנגרעס־פראַגע. עס האָט געזאָלט ערוועהלט ווערען אַ קאָנגרעס פון אַלע אַמעריקאַנישע אידען, וועלכער זאָל זיין פאָרבערייטעט צו רעפּרעזענטירען די אידען פון אַמעריקאַ אויף דער פערזאַמלונג פון די דעלעגאַטען פון די אייראָפּעאישע מעכטען און פון אַמעריקאַ, ווען עס וועט קומען די צייט פון שליסען פרידען צו ענדע פון דער גרויסער וועלט־מלחמה. דיזער אידישער קאָנגרעס זאָל האָבען וואָס צו זאָגען וועגען אידישע רעכ־טען אין אַלע לענדער פון אייראָפּאַ, און וועגען דער גרינדונג פון אַ אידישער היים אין פּאַלעסטינאַ. כמעט צוויי יאָהר האָבען די פאָרשטעהער פון די אַמעריקאַנישע אידען ניט געקענט קומען צו אַ בעשלוס, אויב עס איז נעטיג און ראַטזאַם צו פעררופען דעם קאָנגרעס אין דער צייט ווען די מלחמה געהט נאָך אָן, און ווען די זאַך איז ענדליך בעשלאָסען געוואָרען, האָבען זיך אָנ־געהויבען דעבאַטען און דיסקוסיאָנען וועגען דער ארבייט זעלבסט און וועגען די מעטהאָדען פון ערוועהלען רעפּרעזענטאַנטען. די דעבאַטען זיינען זעהר אָפט געווען אונגעוועהנליך הייסע, און אויף דער פערזאַמלונג פון דעם 20טען יוני 1916 איז דער סופרים קאָורט ריכטער בראַנדייס געווען אזוי שטאַרק און ביטער אָנגעגריפען, דאָס ער האָט זיך ענטזאַגט צו נעהמען מעהר אָנטייל אין דער גאַנצער בעוועגונג פון קאָנגרעס. ענדליך איז עס געקומען צו וואַהלען, אין וועלכע אַלע מענער און פרויען האָבען בעקומען שטימרעכט. אָבער פּלוצלינג זיינען איינינע אָרגאַניזאַציאָנען ארויסגעטרעטען פון דער בעוועגונג. די ערסטע איז ארויס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, נאָך איהר זיי־נען ארויס די „יוניאָן פון די אַמעריקאַן־היברו קאָנגרעגיישאָנס", דער „היברו יוניאָן קאָללעדזש" און די „צענטראַלע קאָנפערענץ פון די אַמעריקאַנישע רבנים". דאָך האָט די ארויסטרעטונג פון די אָרגאַניזאַציאָנען ניט גע־שאַדט דער קאָנגרעס־בעוועגונג, און מעהר פון 200,000 וועהלער האָבען אָנ־טייל גענומען אין די וואַהלען, וועלכע האָבען שטאַטגעפונען דעם 12טען און 13טען יוני 1917. אָבער די „אַמעריקאַן דזשואיש קאָנגרעס קאָממיטטי" האָט אָפּגעהאַלטען די צוזאַמענרופונג פון די ערוועהלטע צום קאָנגרעס און האָט בעשלאָסען צו וואַרטען ביז דעם סוף פון דער מלחמה, מיט דער האָפנונג, דאָס די אידען־פראַגע וועט דאַמאָלס געוויס פאָרגעבראַכט ווערען פאַר דער קאָנפערענץ פון די שלום־מאַכער און וועט געוויס געלעזט ווערען צוזאַמען

מיט די פראגען פון אלע אנדערע קליינע פעלקער, וועלכע זיינען יעצט גע־דריקט פון די גרויסע און מעכטיגע פעלקער, און זיי אלע וועלען אהן צוויי־פעל בעקומען די געהאפטע ערלעזונג, און עס וועלען געוויס אפגעשאפט ווערען די אלע אונגערעכטיגקייטען, וואס די אידען ליידען.

האבען די רוסישע אידען מיט זייער אנקומען אין אמעריקא געבראכט נוצען צו די אידען, וואס זיינען פריהער פון זיי שוין געווען דא? אויף די־זע פראגע צו ענטפערן דארף מען נאר בעטראכטען, וואס וואלט געווען פאר־געקומען מיט די אידען אין אמעריקא, ווען די רוסיש־אידישע עמיגראציאן וואלט גאר ניט פארגעקומען? אהן צווייפעל וואלטען די אמעריקאנישע אי־דען געבליבען א קליינע אונבעדייטענדע ארגאניזאציאן, א קערפערשאפט אונבעדייטענד אין צאהל, אין קולטור און אין גייסטיגען לעבען. עס קען זיין, דאס זייער עקסיסטענץ וואלט געווען פיעל געזיכערטער און גליקליכער, זיי וואלטען געהאט ווענינגער צו ליידען פון צופאלען, וואס קומען פאר ביי א גרוי־סער צאהל מענשען, זיי וואלטען אפשר געהאט א גרעסערען און בעסערען טייל אין עקאנאמישען לעבען פון לאנד, אבער אין אידישער הינזיכט וואלטען זיי געווען זעהר פיעל פערלארען. דער פערבאנד מיט דער אידישער וועלט אין אלגעמיין וואלט געווארען מיט דער צייט שוואכער און שוואכער, דער אידישער טיפ וואלט מיט דער צייט אין גאנצען אפגעווישט געווארען. אמת, דער רוסישער איד האט געבראכט מיט זיך פיעלע היימישע מאניערען, וואס זיינען דא זעהר ניט ווילקאמען, אבער זיי האבען אויך געבראכט מיט זיך פיעלעס, וואס בערייכערט דאס אמעריקאנישע יודענטום אין פיעלע הינזיכ־טען. די רוסישע אידען האבען געבראכט מיט זיך אן אונבעשרענקטען מוט, וואס איז נעטיג פיר פראגרעס און אונטערנעהמונג, און זיי האבען ווירקליך געהאט גרויס ערפאלג ניט קוקענדיג אויף אלע הינדערניסען, וואס זיינען זיי געשטאנען אין וועג. פון גרויס ארימקייט האט זיך דער רוסישער איד דא ארויפגעארבייט אין אלע צווייגען פון מענשליכער טעטיגקייט, אין די פראפ־פעסיאנען — מעדיצין, יוריספרודענץ, אינזשענעריע — אין די אינדוסטרי־ען און אין פאליטישער טעטיגקייט. אבער מעהר פון אלץ האט דער רוסי־שער איד בייגעטראגען צום גייסטיגען לעבען פון די אמעריקאנישע אידען. זיין ליבע און ענטהוזיאזם פיר דעם אלטען גלויבען און פיר די ליטעראטור־אוצרות פון אידישען פאלק האט געווירקט צו פערעדלען און צו ערהייבען דאס יודענטום, סיי ביי די ארטהאדאקסען, סיי ביי די רעפארמער. די רו־סישע אידען זיינען די בריק, וואס פיהרט איבער די יונגע גענעראציאן פון

אַלטען לעבען צו אַ נייעם. דער יונגער דור וועט אפשר קענען אָפּשאַצען ריכטיג דעם גרויסען ווערט און די נוצען, וואָס די רוסישע אידען האָבען גע־בראַכט מיט זיך פיר דאָס אַמעריקאַנישע יודענטום.

ה. די אידען אין די וויטע קאָלאָניעס.

אום צו מאַכען דיזען היסטאָרישען איבערבליק פאָלשטענדיגער, מוזען מיר בעריהרען פריהער פון אַלץ דאָס אידישע לעבען, ווי עס איז איינ־געאָרדענט אין די וויטע ענגלישע קאָלאָניעס, ווי אויסטראַליען, אַפריקאַ און אַנדערע וויטע לענדער, פיר צוויי, דריי דורות. די צאָהל פון אידען אין דיזע קאָלאָניעס איז ניט גרויס, און עס איז אַ גרויסער ספק, אויב זיי וועלען ווערען ווען עס איז גרויסע צענטערן פון אידען, וויל זיי זיינען זעהר וויט פון די אידישע גרויסע צענטערן אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ. דאָך האָבען די אידען אין דיזע קאָלאָניעס געמאַכט אַ גרויסען ערפאָלג אין אַלע הינזיכ־טען, און זיי פערשפּרעכען צו בלייבען טריי דעם טראַדיציאָנעלען יודענטום אויף פיעלע דורות.

די גוטע אומשטענדען, אין וועלכע די נייע עמיגראַנטען האָבען זיך געפונען באַלד ביי זייער אָנקומען אהין, האָבען זיי גלייך געשטעלט אויף אַ פעסטען פונדאַמענט אין עקאָנאָמישער הינזיכט און האָבען זיי געגעבען די מעגליכקייט צו בלייבען טריי דעם טראַדיציאָנעלען יודענטום. איבעראַל, וואוהין זיי זיינען געקומען אונטער'ן ענגלישען פלאַג, האָבען זיי געפונען ברידערליכע בעהאַנדלונג, און האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו ענטוויק־לען אינדוסטריע און צו נעהמען אָנטייל אין פּאָליטישען לעבען. דער רעזול־טאַט איז געווען, דאָס פיעלע פון זיי זיינען באַלד רייך געוואָרען און אַנדערע האָבען אויך בעקומען הויכע פּאָליטישע שטעלעס. וויל די צאָהל אידישע עמיגראַנטען אין יענע קאָלאָניעס איז ניט געווען גרויס, האָט דער אַנטיסע־מיטיזם דאָרט קיין פּלאַץ ניט געפונען. אין אַלגעמיין איז דער ענגלענדער ניט אַזוי פיינדליך צו די אידען, ווי אַלע אַנדערע קריסטליכע פעלקער, דערצו איז אין אָנפאַנג פון אַ בעזעצונג אין וויטע לענדער יעדער אַרבייטער־מענש זעהר ווילקאָמען, און מען קלייבט ניט איבער פון וואַנען ער שטאַמט און אין וואָס ער גלויבט.

די געשיכטע פון די אידען אין אויסטראַליען איז קוים 100 יאָהר אַלט. אין יאָהר 1817 זיינען אין סידנעי געווען נאָר עטליכע אידען. אין 1820 האָבען די אידען זיך דאָרט פערשאַפט אַן אייגענעם בית הקברות, וועלכער איז געווען אַ טייל פון דעם קריסטליכען. דאַוונען בצבור האָט זיך

ערסט ביי זיי אָנגעהויבען אין 1828 אין א פּריוואַט־הויז ביי איינעם פון זייערע מיטגלידער. אין אַ קורצער צייט האָבען זיך אָנגעהויבען בויען דאָרט סינאַגאָגען און דער טשיעף ראַבי (רב הכולל) פון ענגלאַנד האָט זיי צוגעשיקט רבנים און פּרעדיגער. די אידישע געמיינדע אין סידנעי בעשטעהט יעצט בלויז פון 5,000 פּערזאָן, וועהרענד די אַלגעמיינע בעפעלקערונג צעהלט יעצט איבער אַ האַלבען מיליאָן מענשען. דאָך איז די סינאַגאָגע אין סידנעי די שענסטע געביידע אין אויכטראַליען.

אין מעלבורן איז אַ קאָנגרעגיישאָן געגרינדעט געוואָרען ערסט אין 1844. אַ סינאַגאָגע איז מיט דריי יאָהר שפּעטער אויסגעבויט געוואָרען. דאָס לאַנד דערויף האָט די רעגירונג געגעבען. דער ערסטער ראַבינער איז דאָרט געוועזען רעוו. מאָזעס רינטעל. ווי עס צייגט איז ער געוועזען אַ מאַן מיט אַ פעסטען כאַראַקטער. צוליב די פערשיידענהייט אין די מיינונגען צווישען איהם און די בעאַמטע פון דער סינאַגאָגע האָט ער רעזיגנירט פון זיין אַמט און האָט געגרינדעט אַן אייגענע קאָנגרעגיישאָן און האָט דאָרט פונקציאָנירט אַלס ראַבינער ביז זיין טויט אין 1880. די צוטיילונג פון דער קאָנגרעגיישאָן פון מעלבורן אויף צוויי און די אייפערזוכט פון ביידע צו איבערשטייגען איינע די אַנדערע האָט געבראַכט זעהר פיעל נוצען צו ביידע, און מעלבורן איז געוואָרען דער וויכטיגסטער צענטער פון אידען אין אויסטראַליען. אַן אָפּטיילונג פון דיזער קהלה איז אין סט. קילדאַ, אַ פאָרשטאָדט פון מעלבורן. זי האָט אויסגעבויט אַן אייגענע סינאַגאָגע אין 1872, און דאָרט געפינען זיך אויך די צדקה־אַנשטאַלטען פון דער מעלבורנער קהלה. אויך מעלבורן געפינט זיך אונטער דער השגחה פון דעם טשיעף ראַבי אין לאָנדאָן. עס געפינט זיך אין אויסטראַליען נאָך אַ היבשע צאָהל קאָנגרעגיישאָנס, אָבער זיי זיינען ניט בעדייטענד אין צאָהל אין פערגלייך מיט דער גאַנצער בעפעלקערונג. דער מאַטעריעלער צושטאַנד פון אַלע אידישע בירגער אין אויסטראַליען, ווי אויך זייער פּאָליטישער צושטאַנד, איז זעהר צופרידענשטעלענד. דער ערסטער סיטי מעיאָר (בירגערמייסטער) אין נאַרראַבי איז געוועזען אַ איד. שפּעטער איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס מיטגליד אין אויסטראַליער פּאַרלאַמענט. ל. וו. ליוואי איז געוועזען אַ מיטגליד פון די געזעצגעבער אין יאָהר 1882, אויך דזש. ראַפאַעל האָט פערנומען אַזא שטעלע. אייניגע גאַסען אין סידנעי טראָגען זיין נאָמען. סאַמיועל קאָהן איז געוועזען דער ערסטער איד, וואָס איז געוועזען אַ מיטגליד אין פּאַרלאַמענט פון ניו סאַוטה וועילס; סער סאַול סאַמיועל איז געוועזען גענעראַל־אַגענט פיר אויסטראַליען; סער דזשוליאַן סאַלאָמאָנס איז געוועזען אַ געוויסע צייט דער הויפּט־ריכטער (טשיעף

דזשאַסטיס) פון דער קאָלאָניע ; ה. ע. קאָהען איז געווען אַ ריכטער פון סו־פּרים קאָורט (דאָס העכסטע געריכט) פון ניו סאַוטה וועילס; עדוואַרד קאָהען איז דריי מאָל ערוועהלט געוואָרען אַלס מעיאָר פון מעלבורן ; י. א. אייזעקס איז געוועזן אַטוירני־דזשענעראַל (גענעראַל־פּראָקוראָר) פון וויקטאָריא, זיין ברודער דזש. י. אייזעקס איז געווען מיטגליד פון פּאַרלאַמענט. אַנדערע אידען ווי ה. שטיינפעלד, י. שטיינבערג, פ. לעווין, טהעאָ. פינק, ב. פינק און ד. לאַזארוס, האָבען אויך פערנומען זעהר וויכטיגע עפענטליכע שטעלעס אין אויסטראַליען. אויך דאָס העכסטע אַמט אין לאַנד, דאָס אַמט פון פּרע־מיער, האָט אין 1899 פערנומען אַ איד, וו. ל. סאָלאָמאָן. דער ערסטער טהעאַטער אין אויסטראַליען איז געגרינדעט געוואָרען אין 1833 פון אַ אידען, באַרנעט ליוואַי. צווישען די ערסטע פערוואַלטער פון אויסטראַליער קאָ־לאָניעס איז געווען אַ איד, יעקב מאָנטעפיאָרע, אַ קוזין פון דער בעריהמ־טען פילאַנטהראָפּ משה מאָנטעפיאָרע. דיזער יעקב מאָנטעפיאָרע איז אין יאָהר 1835 ערוועהלט געוואָרען פון דער ענגלישער רעגירונג אַלס אַ מיטגליד פון דעם „באָארד אָוו קאָממישאָנערס״ צו רעגירען דאָס לאַנד.

אויך אין ניו זעעלאַנד, וואו עס געפינען זיך יעצט קוים 2,000 אידען, פערטרעטען אידען אויך זעהר וויכטיגע עמטער. זיי האָבען אויך אַרויס־געגעבען אַ היבשע צאָהל זעהר וויכטיגע כלל־טוער. דער וויכטיגסטער פון זיי איז געווען סער דזשוליוס פאָגעל, וועלכער איז געווען פּרעמיער פון ניו זעעלאַנד פון 1874 ביז 1876 ; ער האָט אויך פערנומען שטעלעס אַלס פי־נאַנץ־קאָמישאָנער פון דער קאָלאָניע און אַלס גענעראַל־פּאָסטמייסטער. פיעלע וויכטיגע פערבעסערונגען אויף׳ן אינזעל האָבען צו פערדאַנקען זיין ענערגיע. ווען אין 1891 האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען אידען־פערפאָלגונגען אין רוסלאַנד, האָט דער פּאַרלאַמענט געשיקט אַ ביטע צום קיסר אלכסנדר דעם 3טען, ער זאָל בעשיצען די אונגליקליכע פערפאָלגטע אידען. אָבער דיזע נאָ־בעלע טאַט איז שפּעטער מיט צוויי יאָהר פערטונקעלט געוואָרען מיט דעם פאַקט, דאָס ווען די אידען האָבען אָנגעהויבען צו עמיגרירען פון רוסלאַנד נאָך ניו זעעלאַנד, האָבען דיזע לעצטע פערשלאָסען זייערע טויערן פאַר די־זע אונגליקליכע. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען אויך אין ענגלאַנד איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקע אַגיטאַציאָן געגען אַריינלאָזען אידישע עמיגראַנטען פון רוסלאַנד. עס איז גרינגער צו זיין מענשליך און פריינדליך צו געדריק־טע ווען זיי זיינען פון דער ווייטען איידער ווען זיי זיינען נאָהענט.

פיעל וויכטיגער איז די אידישע קאָלאָניע אין ז י ד ־ א פ ר י ק א. זי איז וויכטיג אין פּאָליטישער, ווי אויך אין אינדוסטריעלער הינזיכט. יעצט

געפינען זיך דארט לערך 50,000 אידען. ביז דעם יאהר 1841 איז קיין אי־דישע געמיינדע ניט געווען אין זיד־אפריקא. זי האט זיך אנגעפאנגען פון א מנין, וואס האט געדאווענט אין דעם הויז פון בנימין נארדען אין קעיפ־טאון. אבער מיט דער פערגרעסערונג פון דער צאהל פון אידען דארט זיי־נען געווארען מעהר געמיינדען און מעהר סינאגאגען, און אין יאהר 1905 זיינען שוין דארט געווען פיער סינאגאגען, און דער הויפט־ראבינער פון די געמיינדען איז געווען א. ה. בענדער. יעצט געפינען זיך געמיינדען און סינאגאגען אין פיעלע אנדערע שטעדט פון סאוטה־אפריקא, אבער די וויכטיגסטע פון זיי אלע איז די געמיינדע אין יאהאננעסבורג, וואו עס גע־פינט זיך א אידישע בעפעלקערונג פון 10,000 נפשות. אידען זיינען אנ־געקומען אין יאהאננעסבורג אין יאהר 1885, באלד ווי מען האט ענטדעקט די גאלדפעלדער אין וויטוואטערסראנד. צוויי יאהר שפעטער האבען זיי ארגאניזירט די ערסטע אידישע קהלה, וועלכע האט זיך געפיהרט אונטער דער לייטונג פון רבי מארק האררים און יאזעף ה. הערץ, וועלכער איז יעצט טשיעף ראבבי (רב הכולל) אין לאנדאן איבער די אשכנזישע קהלות. אין 1891 איז געגרינדעט געווארען אין יאהאננעסבורג א נייע געמיינדע אונ־טערן נאמען „יאהאננעסבורג היברו קאנגרעגיישאן". די רעגירונג האט געשענקט דער קהלה דעם פלאץ פיר זייער סינאגאגע. ווען די געביידע פון דער סינאגאגע איז געענדיגט געווארען, האט דער פרעזידענט פון דער בור־רען־רעפובליק, פאול קריגער, זי איינגעווייהעט. דער פארשטעהער פון די־זער קהלה איז דר. י. ל. לאנדוי, וועלכער איז שוין פריהער געווען גוט בע־וואוסט אין עסטרייך אלס פאעט און פראזא־שרייבער אין העברעאיש.

דאס רעליגיעזע לעבען פון די אידען האט זיך אויך ארגאניזירט אין אנדערע שטעדט פון זיד־אפריקא, ווי אין פרעטאריא, היידעלבערג, פאלקס־רוסט, קריגערסדארפ, גערמיסטאן, קלערקסדארפ, ראאדעפאארט און אנדע־רע פלעצער. פיעלע אידען זיינען אנגעקומען אהין פון אסט־אייראפא. דיזע האבען מיטגעבראכט מיט זיך א נייעס לעבען אין אידישע טעטיגקייטען. זיי האבען געגרינדעט ציוניסטישע גרופעס, פעראיינען, און האבען פיעל געהאל־פען דארט צו פערשפרייטען דעם שטודיום פון דער העברעאישער שפראך און ליטעראטור און אידישער געשיכטע.

די אידען ווערען גערעכענט אלס די הויפט־טוער צו פערברייטערן אינדוסטריע אין דער קעיפ־קאלאניע. די וואל־וועבעריי איז איינגעפיהרט געווארען דארט דורך דריי ברידער יוליוס, אדאלף און דזשעימס מא־זענטהאל. אהרן און דניאל דע פאסס זיינען געווען פון 1849 ביז 1886

די איינציגע שיף־אייגענטימער פון קעיפ־טאון און האבען פערברייטערט איינינע אינדוסטריען מיט זייערע שיפען; דאס שטרויס־פעדערן געשעפט איז געגרינדעט געווארען פון דעם איד יאעל מייערס. אין די געשעפטען פון בריליאנטען האבען די אידען געשפילט א זעהר וויכטיגע ראלע. די געשיכטע פון דעם איד בארנעי בארנאטא לעזט זיך ווי א ראמאן, כמעט אונ־גלויבליך. אן ארימער בחור פון דעם געטא אין לאנדאן האט עמיגרירט אין יאהר 1873 נאך קעיפ־טאון און איז אין א קורצער צייט געווארען דער גרעסטער דימענטען־אפעראטאר אויף די פעלדער פון דער קימבערלעי דיס־טריקט. זיינע אפעראציאנען האבען איהם אין א קורצע צייט פערשאפט א קאפיטאל פון 85,000,000 דאללארס. אבער ער האט אנגעהויבען מיט דיזען קאפיטאל צו מאכען גרויסע ספעקולאציאנען און ער האט זעהר פיעל געלט פערלארען דורך דעם, אזוי דאס ווען ער איז געשטארבען איז נאך איהם געבליבען ניט מעהר ווי 3,000,000 דאללארס. צוליב דער אונגע־הייערער אנשטרענגונג פון זיין געהירן איז ער קראנק געווארען, און אין יוני 1897 איז ער אריינגעשפרונגען אין ים פון דעם שיף, אויף וועלכען ער איז געפאהרען צוריק נאך ענגלאנד, און איז דערטרונקען געווארען. מען האט זיין קערפער געפונען און מען האט איהם געבראכט אין לאנדאן, וואו מען האט איהם מקבר געווען.

די אידען פון זיד־אפריקא האבען גענומען א זעהר וויכטיגען אנטייל אין אלע פאליטישע צופאלען פון לאנד. זיי האבען געשטריטען אין אלע מלחמות, וואס דאס לאנד האט געפיהרט מיט אלערליי פיינד, און האבען גע־דינט אין דער אדמיניסטראציאן פון אלע פראווינצען. מיר בעגעגענען זיי אלס מיטגלידער פון פארלאמענט, אלס ריכטער פון דעם העכסטען געריכט פון לאנד און אלס סיטי מעיארס (בירגערמייסטערס). שוין אין יאהר 1828, איידער נאטאל איז איינגענומען געווארען פון די ענגלענדער און איז צוגע־געבען געווארען צו די אנדערע פראווינצען, וואס זי האט עראבערט, איז א איד נאטהאניעל אייזעקס בעעהרט געווארען פו דעם הערשער פון לאנד, טשאקא, מיט א גרויסען אמט אלס „פרינסיפאל טשיעף״. א זעהר אונאנגע־נעהמען קאפיטעל פון אידישער היסטאריע אין זיד־אפריקא שטעלט פאר די רעאקציאן פון די לעצטע 10 יאהר פון 19טען יאהרהונדערט, ווען אידען און קאטהאליקען זיינען אויסגעשלאסען געווארען פון מיליטער־דינסט און פון אלע וויכטיגע העכערע רעגירונגס־עמטער. אויך די שולען זיינען געווען פערמאכט פיר אידען און קאטהאליקען. אין 1899 איז די בעשרענקונג אפגעשאפט געווארען פיר די קאטהאליקען, אבער די רוסישע און רומענישע

אידען זיינען אַלץ געבליבען אויסגעשלאָסען פון דעם רעכט צו בעזוכען די שולען. דער ראַבינער דר. הערץ האָט פּראָטעסטירט געגען דיזעס אונרעכט און איז דערפאר פערטריבען געוואָרען פון לאַנד (דעצ. 1899). ווען דער קריג מיט די בורען האָט אויסגעבראָכען, האָט זיך געפונען אַ היבשע צאָהל אידען אויף'ן שלאַכטפעלד פון ביידע זייטען. קרוב צו 3,000 אידען האָבען זיך דאַן געפונען אין דער ענגלישער אַרמעע אַליין. פיעל האָט געהאָלפען צו שליסען שלום צווישען די שטרייטענדע ענגלענדער און די בורען דער רייכער סוחר שמואל מאַרקס פון טראַנסוואַאַל, וועלכער איז געווען גוט בעפריינדעט מיט פּרעזידענט קריגער, ווי אויך מיט די הויפּט-פיהרער פון ביידע זייטען, די ענגלענדער און די בורען (1902).

עס בלייבט אונז איבער צו דערמאָהנען די אידען אין מ א ר אָ ק ק אָ, וועלכע האָבען פיעל געליטען פון די פאַנאַטישע אַראַבער, די פערפאָלגטע אידען פון י ע מ ע ן (תימן) אין אַראַביען, פון וועלכע פיעלע זיינען אין אָנפאַנג פון דיזען יאָהרהונדערט ענטלאָפען נאָך פּאַלעסטינא, וואו זיי זיינען געוואָרען ערד-אַרבייטער, ענדליך די פ א ל א ש ע ן פון אביססיניען, וועלכע וואָלטען אין גאַנצען פערלאָרען געגאַנגען פיר דאָס אידישע פאָלק, ווען ניט די גרויסע מיה פון דר. פייטלאָוויטש, וועלכער האָט געשאַפען מיטלען צו טראַנספּאָרטירען זיי נאָך ארץ ישראל און געבען זיי די נעטיגע שול-בילדונג אין העברעאיש און אַנדערע קענטניסען. אַ זעהר אינטערעסאַנטעס בילד שטעלען פאָר די אידען אין א י נ ד י ע ן, וועלכע אַ דאַנק דער בריטישער רעגירונג און דער שטיצע פון דער רייכער פאַמיליע ס א ס ו ן, זיינען בעפרייט געוואָרען פון דער אָרימקייט און טיפער אונוויסענהייט, אין וועלכע זיי זיינען געווען פערזונקען פיעלע יאָהרהונדערטער. אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט האָבען אידען זעהר וועניג עמיגרירט נאָך אינדיען. אין גאַנצען געפינען זיך יעצט אין אינדיען עטוואָס מעהר פון 30 טויזענד אידען, פון וועלכע לערך 7,000 געהערען צו די „בני ישראל", וואָס לעבען אין באָמבעי און אין דער נאַכבאַרשאַפט. דיזע אידען גלויבען, אַז זיי זיינען געקומען אין אינדיען מיט 18 הונדערט יאָהר צוריק. אין דער לאַנגער צייט, וואָס זיי זיינען דאָרטען, האָבען זיי ניט אַרויסגעגעבען קיין גרויסען מענשען אויסער דעם יעצטיגען פאָרשטעהער זייערן, ר' י ו ס ף י ח ז ק א ל, אַ בעריהמטען שריפטשטעלער און דירעקטאָר פון דוד סאַסון'ס וואוילטעטיגע אינסטיטוציאָנען אין באָמבעי. אין יאָהר 1871 איז ער געוואָרען דער עקזאַמינאַטאָר פון העברעאיש אין דער אוניווערזיטעט פון באָמבעי. יעצט געפינט

זיך א היבשע צאָהל פון צדקה־אנשטאַלטען און שענע סינאַגאָגען אין באָמבעי, קאַלקוטטא און אַנדערע שטעדט. דיזע ווערען אויפגעהאַלטען פון דער רייכער פאַמיליע סאַסון אין ענגלאַנד.

ז. ארץ ישראל און די האָפנונג פון די ציוניסטען.

מיר זיינען יעצט געקומען צום לעצטען קאַפּיטעל פון דער מערקווירדיגער געשיכטע פון דעם מערקווירדיגען פאָלק ישראל. יעצט הייבט זיך אָן גאָר א נייע זייט אין דער אידישער היסטאָריע. נאָך זיין צוויי טויזענדיעהריגען גלות הייבט אָן דער איד צו שאַפען א בעניימעס לעבען אין דעם לאַנד פון זיינע עלטערן, אין דעם לאַנד, וואו זיין ערסטע וויגעלע איז געשטאַנען.

ווען די געשיכטע־שרייבער וועלען ווענדען זייערע בליקען צום מזרח, צום לאַנד, וואָס רופט זיך ארץ ישראל, וועלען זיי מוזען אויסשרייען: „עס איז תחית המתים!“ ווען די לעגיאָנען פון טיטוס'ן האָבען בעזיגט דאָס לאַנד יהודה, האָבען צושטערט ירושלים און האָבען געטריבען דאָס אידישע פאָלק אין גלות, האָבען זיי דאַמאָלס ניט געחלומ'ט, דאָס די קליינע אידישע נאַציאָן, וועלכע זיי האָבען נאָך־וואָס צושטערט, וועט נאָך בלייבען לעבען און זעהן בעסערע טעג און וועט נאָך איבערלעבען די שטאַרקע מאַכט פון די רוימער, וועלכע האָבען דאַמאָלס אונטעריאָכט כמעט אַלע פעלקער, וואָס די וועלט האָט געוואוסט. די אידען זיינען פון זייער לאַנד אָפּגעריסען געוואָרען, און די פעלקער, צווישען וועלכע זייערע זיהן און טעכטער זיינען צוזעעט און צושפּרייט געוואָרען, האָבען זיך אַלע מיה געגעבען צו פערניכטען דעם רעסט פון דעם אונגליקליכען פאָלק, די קערפּערס מיט די נשמות צוזאַמען. די פעלקער אָבער האָבען אין דיזער שטרעבונג קיין ערפאָלג ניט געהאַט; די פערטריבענע אידען האָבען זייער לאַנד ניט פערגעסען, אדרבא, זיי זיינען נאָך מיט מעהר ליבע און טרייהייט געוואָרען צוגעבונדען צו זייער אַלטער היים, צו ציון. די פייערן, מיט וועלכע די פעלקער האָבען געברענט דאָס אידישע פאָלק, און די וואַסערן, אין וועלכע זיי האָבען פיעלע פון זיי דערטרונקען, האָבען ניט געקענט פערניכטען דיזעם קליינע, שוואַכע אין קערפּער, אָבער שטאַרקע אין גייסט, אידישע פאָלק. נאָך מעהר וואונדער איז, אַז דאָס לאַנד, וועלכעס די אידען האָבען בעטראַכט אַלס זייער אייגענעס, איז קיינמאָל ניט פערנומען געוואָרען אויף לאַנג פון אַנדערע פעלקער. עס האָבען זיך דאָרט בעזעצט אייניגע שטאַמען, אָבער נאָר אויף א קורצע צייט, און האָבען דאָס לאַנד ווידער פערלאָזען. פיעלע יאָהרהונ-

דערטער איז ארץ ישראל געבליבען א לאַנד אָהן א פאָלק און די אידען זיי־נען געבליבען א פאָלק אָהן א לאַנד. גרויסע ימים און מדבריות האָבען צו־שיידט דיזע צוויי, אָבער דאָס אידישע פאָלק האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען זיין לאַנד און האָט געהאָפט אויף דעם טאָג, ווען עס וועט זיך מיט איהם ווידער פעראייניגען. ענדליך, ווען די האָפנונג איז שוין געווען זעהר שוואך, איז פּלוצלינג אָנגעקומען די גרויסע, די גרעסטע אין דער וועלטגעשיכטע, וועלט־מלחמה און האָט מיט זיך געבראַכט דעם לאַנג געווינשטען טאָג פון ערלעזונג. די מעכטיגע ענגלאַנד האָט פער־שפּראָכען די פעראייניגונג פון אידען מיט זייער אַלטער היים, ארץ ישראל, וואו דאָס אידישע פאָלק וועט איבער־א־ניים אויפלעבען אַלס א פרייעס, אונאָפּהענגיגעס פאָלק. דיזע תחית המתים, די ווידער־פעראייניגונג פון קערפּער (לאַנד) און נשמה (פאָלק), וועלכע זיינען קרוב צו צוויי טויזענד יאָהר געווען צושיידט און טויט איינער צום צווייטען ווי אויך צו דער גאַנ־צער וועלט, איז איינע פון די וואונדערבארסטע ערשיינונגען פון דער וועלט־געשיכטע.

ווען מען זאָל בעטראַכטען ערנסט דעם גאַנג פון דער געשיכטע וועט מען קומען צו דער איבערצייגונג, האָס ניט נאָר די אידען, נאָר אויך די אַנ־דערע פעלקער, צווישען וועלכע די אידען זיינען געצוואונגען געווען צו לע־בען, האָבען געטאָן אַלעס מעגליכעס, דאָס אידען זאָלען צוריקקומען צו זיי־ער לאַנד און צוריק אויפלעבען אויף דעם באָדען פון זייערע עלטערן. די פעלקער האָבען עס געטאָן דורך זייערע פערפאָלגונגען. דורך די פעראַכ־טונג, וואָס זיי האָבען שטענדיג געצייגט דעם אידישען פאָלק, האָבען זיי דעם אידען געהאַלטען אָפּגעזונדערט פון זיך און האָבען איהם געצוואונגען צו בעטראַכטען אַלס א בעזונדער פאָלק, וועלכעס מוז נאַטירליך האָ־בען א בעזונדער לאַנד, און דאָס לאַנד האָט נאַטירליך ניט געקענט זיין קיין אַנדערעס אַלס ארץ ישראל. עס איז זעהר נאַטירליך צו גלויבען, דאָס ווען ניט די פערפאָלגונגען פון די אידען אין רוסלאַנד און רומעניען, און ווען ניט דער שרעקליכער האַס פון די אַנטיסעמיטען אין די מערב־לענדער פון אייראָפּא, וואָלטען די אידען גאָר ניט געדאַרפט קלערען וועגען צוריקקעהרען זיך צו זייער אַלטער היים, און דר. הערצל וואָלט ניט געשריבען זיין „יודענ־שטאַאט", און דער נייער ציוניזם וואָלט גאָרניט ערשיינען אויף דער וועלט.

אָבער ווער עס איז פיעל־וועניג בעקאַנט מיט דער אידישער געשיכטע ווייס גאַנץ גוט, דאָס די האָפנונג צוריקצוקעהרען זיך אין ארץ ישראל און לעבען דאָרט אַלס א פרייעס אונאָפּהענגיגעס פאָלק, האָט קיין מאָל ניט פער־

לאָזען דאָס אידישע פאָלק. די גאַנץ גרויסע אידישע מענשען, ווי ר׳ יהודה הלוי און דער רמב״ן (רבנו משה בן נחמן) האָבען אימער גע׳חלום׳ט ווע־גען שיבת ציון. דיזער חלום האָט זאָגאַר ארויסגערופען אָפטמאָל פאַלשע משיחים, ווי דעם שבתי צבי, און אין די פריהערדיגע צייטען אַנדערע פאַנ־טאַזיאָרען. מען קען מיט זיכערהייט זאָגען, דאָס די האָפנונג צוריקצוקעהרען זיך נאָך ציון האָט קיינמאָל ניט פערלאָזען דאָס אידישע פאָלק. דיזע האָפנונג האָט געשאַפען תפלות פיר יעדען טאָג. רייכע געבילדעטע אידען, ווי משה מאָנטעפיאָרע און קרעמיע, האָבען בעזוכט פאַלעסטינא און האָבען געטאָן אַלעס מעגליכעס צו העלפען די אידישע איינוואוינער דאָרט צו פערבעסערן זייער לאַגע. פיעלע אַלטע אידען זיינען געפאָהרען אהין צו שטאַרבען דאָרט, אום זייערע ביינער זאָלען ליגען אין דעם הייליגען לאַנד פון זייערע עלטערן. דער מאָדערנער ציוניזם האָט געענדערט דעם צושטאַנד. אַנשטאָט צו פאָה־רען זיין ארץ ישראל צו שטאַרבען דאָרט, פאָהרען יעצט יונגע קרעפטען, צו בעאַרבייטען די ערד, וועלכע איז צוויי טויזענד יאָהר געבליבען וויסט, און צו מאַכען עס פיר א בליהענדען גאָרטען. ביסלאַכווייז האָבען די פעלקער אָנ־געהויבען אָנערקענען דאָס פאָליטישע רעכט פון אידען אויף ארץ ישראל, און שטימען איין, דאָס דיזעס לאַנד זאָל ווערען צוריק דאָס אידישע היים־לאַנד.

דאָס אידישע פאָלק ווערט יעצט אָנערקענט אַלס א נאַציאָן מיט גע־וויסע רעכטען, וועלכע יעדע נאַציאָן האָט. אזא אָנערקענונג האָט ניט שטאַט־געפונען די גאַנצע 1,800 יאָהר, וואָס אידען זיינען נע ונד אין גלות. קריס־טען און מאַחמעדאַנער אָנערקענען יעצט, דאָס אידען זיינען גאַנץ פערשיי־דען פון אַנדערע פעלקער ניט נאָר מיט זייער רעליגיאָן, נאָר אויך אַלס ראַסע. די אַלע פערפאָלגונגען, וואָס אידען האָבען געליטען פון די פעלקער, האָבען נאָר פערשטאַרקט זייער נאַציאָנאַליזם. זיי האָבען זיך געפיהלט פאָליטיש אין גלות, זאָגאַר אין די לענדער, וואו זיי האָבען געהאַט פאָליטישע פריי־הייט. די פעלקער האָבען עס ניט געוואָלט ליידען, און ווען זיי האָבען גע־געבען די אידען רעכטען, האָבען זיי געפאָדערט פון זיי, זיי זאָלען זיך אָפ־זאָגען פון זייער נאַציאָנאַליזם. פיעלע האָבען עס געטאָן אום צו בעקומען די געוואונשטע רעכטען. אָבער די מעהרהייט פון די אידען, איבערהויפט די אָרטהאָדאָקסען, האָבען עס ניט געוואָלט אָנערקענען, און זיינען געבלי־בען ביי זייער האָפנונג, דאָס עס מוז קומען א צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט צוריק אויפלעבען אַלס א נאַציאָן אין דעם לאַנד פון זיינע עלטערן. דעם געדאַנק צוריק אויפצובויען דאָס אידישע פאָלק אַלס א נאַציאָן אויף זיין

אייגענער טעריטאָריע האָט אויסגעדריקט אַן אַמעריקאַנישער בירגער, א געבילדעטער מאַן, א גרויסער בעאַמטער, מ ר ד כ י ע מ נ ו א ל נ ח, מיט זיין פּלאַן צו גרינדען א בעזונדערען אידישען שטאַאַט אין אַמעריקא. דיזער עכטער אַמעריקאַנישער איד איז געווען געריהרט פון די ליידען פון זיינע ברידער אין די אייראָפּעאישע לענדער. אין זיינע רייזען איבער אייראָפּא און אפריקא האָט ער זיך גוט בעקאַנט געמאַכט מיט די אידישע ליידען אין אַלע לענדער, און האָט בעשלאָסען צו טאָן וואָס ער קען צו רעטען זיין פאָלק פון אונטערגאַנג. ער האָט גוט פערשטאַנען, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען פיר אידען זיך צוריק אויפבויען אין פּאַלעסטינאַ, אָבער ער האָט דאַמאָלס געפונען, דאָס עס איז אַן אונמעגליכע זאַך לויט די עקסיסטירענדע אומשטענדען. דאָס לאַנד זעלבסט איז נאָך ניט געווען פערטיג אויפצונעהמען איהרע אַמאָליגע קינדער. ער האָט געדענקט, דאָס מען מוז דערווייל שאַפען פיר זיי א שטיקעל מקום מנוחה אין אַמעריקאַ. ער האָט זיך גענומען צו גרינדען א אידישען שטאַאַט אין ג ר א נ ד ־ א י י ל א נ ד, ניט ווייט פון באַפּפאַלאָ, אין דעם שטאַאַט ניו יאָרק. אָבער זיין אַרבייט איז ניט געקרוינט געוואָרען מיט דעם געווינשטען ערפאָלג. די אַרבייט איז געווען דער רעזולטאַט פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע און ער האָט זיך גענומען זי דורכפיהרען ניט פרעגענדיג ביי די מענשען, פיר וועלכע זי איז געווען געמיינט. די אַרבייט האָט נאָר דערמאָהנט אָן דער אַלטער שבועה, וואָס אידען האָבען געגעבען ביי די טייכען פון בבל, ווען זיי זיינען צום ערסטען מאָל אַרויסגעטריבען געוואָרען פון ירושלים: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני", דאָס די אידישע נאַציאָן וועט אייביג ניט פערגעסען ירושלים. אין 1844 איז ער אַרויס מיט אַן אַרטיקעל, וואָס איז שפּעטער געדרוקט געוואָרען אין א בעזונדער פּאַמפּלעט, אין וועלכען ער ווענדט זיך צום קריסטליכען פּובליקום צו העלפען די אידען זיך צוריק שטעלען אויף די פיס אַלס א פּאָליטיש־אונאָפּהענגיגעס פאָלק, און דערמיט אָפּווישען די זינד, וואָס זיי האָבען געזינדיגט געגען זיי מיט זייערע פערפאָלגונגען. אמת, ער איז געווען אונפּראַקטיש אין זיין אונטערנעהמונג, אָבער מיט זיין גרויסען פערשטאַנד האָט ער פאָראויסגעזעהען, דאָס ענדליך וועלען די קריסטליכע פעלקער זעלבסט איינזעהן, דאָס זיי מוזען העלפען דעם אידישען פאָלק צו ווערען זעלבשטענדיג און אויפהערען צו ליידען. „דער פּאָליטישער צושטאַנד אין טערקיי, סיריען, עגיפּטען און רוסלאַנד", שרייבט ער אין יענעם פּאַמפּלעט, „ווייזט, אַז א רעוואָלוציאָן מוז דאָרט פּאַרקומען, און דיזע רעוואָלוציאָן וועט מאַכען פיעל גרינגער צו גרינדען אין פּאַלעסטינאַ א אידען־שטאַאַט,

וועלכער וועט ברייננען דער וועלט דעם גליקליכען צושטאנד, אויף וועלכען מיר אלע האפען און בעטען גאט". ער ערקלערט אויך אין יענעם פאמפלעט, דאס פיר די קריסטליכע פעלקער זעלבסט וועט זיין פיעל בעסער, דאס פא־לעסטינא, דער געבורטסארט פון זייער געזעצגעבער און זיינע אפאסטאלען, זאל זיך געפינען אין אידישע הענט איידער אין מאחמעדאנישע. אין יאהר 1798 איז א אידישער שרייבער ארויס מיט אן אויפרוף צו די אידען אין דער גאנצער וועלט, זיי זאלען זיך ווענדען מיט א ביטע צו דער פראנצויזי־שער רעגירונג זי זאל אפנעהמען פאלעסטינא פון טערקיי און זי אפגעבען צו די אלטע בעלי בתים פון יענעם לאנד, צו די אידען. דיזער אויפרוף, ווי עס שיינט, האט געמאכט אן איינדרוק אויף נאפאלעאן דעם 1טען, וועלכער איז ארויס מיט א יאהר שפעטער מיט אן אויפרוף צו די אידען אין אזיען און אפריקא, זיי זאלען זיך פעראייניגען אונטער זיין פלאג און אפנעהמען פאלעסטינא אום צו גרינדען דארט אן אייגענע מלוכה. מיט 30 יאהר שפע־טער האט דער בעריהמטער אידישער געלעהרטער יאזעף סאלוואדאר גע־מאכט אזא סארט אויפרוף צו די אידען, און דער גרויסער דיזראעלי, שפע־טער לארד ביקאנספיעלד, האט דיזע אידעע אריינגעגעבען די העלדען פון זיינע בעריהמטע ראמאנען: „טאנקרעד", „דוד אלראי" און „קאניגגסבי".

דער 19טער יאהרהונדערט איז בעריהמט מיט דער ענטוויקלונג פון דער אידעע פון נאציאנאליזם ביי אלע אייראפעאישע פעלקער. עס פער־שטעהט זיך, דאס אויך די אידען זיינען בעאיינפלוסט געווארען פון דיזען גייסט. איינער פון די הויפט־וואונשען פון די אייראפעאישע מעכטען איז געוועזען צו פערניכטען די טערקישע מאכט אין אייראפא. ווען די גריכען האבען זיך אויפגעהויבען געגען טערקיי, האבען זיי געהאט גרויסע שטיצע פון ענגלישען פאלק (1821). אין 1829 איז גריכענלאנד פריי געווארען פון טערקישען יאך, און דאמאלס איז געלעגט געווארען דער גרונדשטיין צו דער בעפרייאונג פון אלע פעלקער אויף דער באלקאנישער האלב־אינזעל. די אידען האבען געהאט א טראדיציאן, דאס מיט דעם פאלען פון טערקיי וועט זיך אנהויבען די אידישע גאולה. די אידעע פון בעפרייען זיך פון גלות האט זיך אנגעהויבען מעהר און מעהר פערשפרייטען צווישען אידען, ווען די פער־פאלגונגען פון די אידען אין רוסלאנד און רומעניען זיינען געווארען אונ־ערטרעגליך. עס האבען זיך דאמאלס געבילדעט צוויי פארטייען מיט צוויי פערשיידענע שטרעבונגען — איין פארטיי האט בעשלאסען צו פערלאזען דעם עמק הבכא, רוסלאנד און רומעניען, און עמיגרירען נאך דער פרייער אמעריקא, און די אנדערע האט בעשלאסען זיך נעהמען צו ארץ ישראל, צו

בעארבייטען דאס לאנד און צו בעלעבען דאס פאלק אויף דעם באדען פון זייערע עלטערן.

אויך צווישען, די קריסטען איבערהויפט אין ענגלאנד, האבען זיך גע־פונען בעריהמטע מענער, וואס זיינען געווען מיט לייב און זעלע פיר די אידעע פון צוריקפיהרען די אידען אין ארץ ישראל און גרינדען דארט א אי־דישע מלוכה. אין 1852 איז ה א ל י נ ג ס וו א ר ט ה ארוים מיט א פראיעקט וועגען דעם, ווייל ער האט געפונען, דאס א אידען־שטאאט אין פא־לעסטינא וועט פערזיכערן די ענגלישע מאכט אין אינדיען. אין 1879 איז ס ע ר ל א ו ר ע נ ס א ל י פ א נ ט ארוים מיט א פלאן צו גרינדען אידישע קאלאניעס אין פאלעסטינא און ער זעלבסט האט זיך גענומען צו זיין דער פיהרער פון דיזער אונטערנעהמונג (ער האט אבער דערביי געהאט מי־סיאנערישע צוועקען). צו דער זעלבער צייט איז אן אנדער ענגלישער שטאאטסמאן, ק א ז א ל ע ט, געווען שטארק בעגייסטערט מיט דער אי־דעע צו גרינדען א אידען־שטאאט אין פאלעסטינא, ווייל דאס וועט זעהר פיעל נוצען ברייגגען די ענגלישע אינטערעסען אין סיריען. אבער ניט אלי־פאנט און ניט קאזאלעט האבען געקענט בעקומען די נעטיגע הסכמה פון טער־קיי צו פערווירקליכען זייערע פראיעקטען. אויך די אידען זיינען נאך ניט פארבערייט געווען צו נעהמען א פראקטישען אנטייל אין די פלענער פון די בריטישע שטאאטסמענער. די ארימע אידען זיינען אפילו גערן געווען געהן נאך פאלעסטינא, אבער די רייכע האבען ניט געוואלט געבען זייער שטיצע פיר דעם, ווייל זיי האבען ניט געגלויבט אין דער מעגליכקייט צו פערווירקלי־כען דיזען פלאן. די בעסטע קריסטליכע שרייבער, ווי אלכסנדר דיומא (זוהן), אין זיין פיעסע „לא פאם דע קלאד", און דזשארדזש עליאט, אין איהר „דניאל דעראנדא" (1876), האבען געזוכט צו געווינען דאס אידישע פוב־ליקום פיר דיזע אידעע. דזשארדזש עליאט האט גוט פערשטאנען די פסי־כאלאגיע פון די אידישע עשירים און געלעהרטע, דאס זיי האבען מורא אויס־צודריקען זייער וואונש איבער די ווידער־אויפלעבונג פון זייער אמאליגער גרויסקייט, מען זאל זיי ניט חושד זיין, דאס זיי זיינען ניט טריי צו די רע־גירונגען פון די לענדער, וואו זיי וואוינען. זי האט גוט פערשטאנען, דאס דער איינציגער פערבאנד, וואס האט דאס אידישע פאלק אין די גלות־לענ־דער פעראייניגט אין א גאנצעס, איז געווען די רעליגיאן, אבער די לעצטע צייט איז די רעליגיאן געווארען צו שוואך אום צו האלטען צוזאמען דאס אידישע פאלק, און די געפאהר, אז דאס אידישע פאלק זאל אונטערגעהן, ווערט אלע מאל גרעסער און שטארקער. אבער די וועלט, זאגט זי, קען ניט

קוקען גלייכגילטיג אויף די גסיסה פון א פאָלק, וואָס האָט פון אוראַלטע צייטען אָן בעפרוכטעט די פעלדער פון דער מענשהייט, און די אידען זעלבסט, וועלכע האָבען געצייגט דער וועלט אזא גרויסע מאָראַלישע קראַפט, דאַרפען ניט וועלען אונטערגעהן און פערשווינדען. פאַלעסטינא, זאָגט זי, איז דאָס איינציגע לאַנד, וואו די אידען קענען צוריק אויפלעבען און אָנהאַלטען זייער אַלטען עטהישען כאַראַקטער, וזייל, ווי דער תלמוד בעמערקט זעהר ריכטיג, די אידען, זייער תורה און זייער לאַנד זיינען איינס און טאָרען ניט זיין צושיידט. דיזע בעריהמטע קריסטליכע פרוי האָט געוויזען די אידען זייער ריכטיגען פּלאַץ צווישען די פעלקער און האָט געמאַכט ביטערע פאָרוואורפען צו די פעררעטער פון אידישען פאָלק, וועלכע ווילען ענטלויפען פון זייער הייליגער פליכט.

אין דעם מויל פון דעם העלד פון איהר ראָמאַן „דניאל דעראָנדא" האָט די בעריהמטע ענגלישע שרייבערין אריינגעלעגט אַן אויפרוף צו די לייטענדע מענער פון אידישען פאָלק: צו די געלט־מאַגנאַטען, צו די געלעהרטע, צו שטאַאטסמענער, זיי זאָלען זיך אַלע נעהמען מיט אַלע קרעפטען צו פערווירקליכען די אידעע פון צוריק בעלעבען דאָס אידישע פאָלק אין ארץ ישראל, דאָס וועט זיין א גליק ניט נאָר פיר זיי, נאָר פיר די גאַנצע וועלט, ווייל נאָר דאַן וועלען די אידען אין שטאַנד זיין צו פערווירקליכען די הייליגע אידעאַלען פון זייערע גרויכע פּראָפעטען.

אָבער לײדער האָט דיזער וויכטיגער אויפרוף קיין ווירקונג ניט געהאַט אויף די אידישע גרויסע מענשען פון ענגלאַנד און אַנדערע לענדער אין יענער צייט. זיי זיינען געווען צופרידען מיט דער עמאַנציפּאַציאָן, וואָס זיי האָבען בעקומען, און מעהר האָבען זיי ניט פערלאַנגט און בעסער האָבען זיי ניט פערשטאַנען. דזשאָרדזש עליאָט איז געשטאָרבען אין 1880 און האָט ניט דערלעבט צו זעהן, אויב איהרע ערהאַבענע ווערטער האָבען געמאַכט אַן איינדרוק אויף די אידישע הערצער. אָבער א קורצע צייט שפּעטער האָבען די אידען אָנגעהויבען צו פערשטעהן און צו פיהלען די וויכטיגקייט און די גרויסקייט פון איהר נשמה און פון איהר פערשטאַנד. דיזע ענדערונג אין די אידישע הערצער און די אידישע מוחות איז געקומען דורך די שרעקליכע פּאָגראָמען און פערפאָלגונגען פון אידען אין רוסלאַנד אין די יאָהרען 1881—1882.

מיר ווילען דאָ אין קורצען בעקאַנט מאַכען די לעזער מיט די פּערזאָנען, וועלכע זיינען די וואהרע לעהרער און גרינדער פון דעם מאָדערנעם ציוניזם. דער ערסטער, וועלכער איז אַרויס מיט דיזער אידעע, איז געוועזן

דער בעריהמטער אידישער געלעהרטער שמואל דוד לוצאטא (שד"ל), דער פראפעסאר פון פאדוא'ער ראבינער סעמינאר. דיזער געלעהרטער איז אין 1854 ארויס מיט א פראיעקט, מען זאל בעזעצען פאלעסטינא מיט אידען, וועלכע זאלען בעארבייטען דאס לאנד און מאכען עס בליהענד עקאנאמיש. מיט 3 יאהר שפעטער, אין 1857, איז ר' יהודה אלקאלאי ארויס מיט א ווערק אונטער'ן נאמען „גורל לה'", אין וועלכען ער האט פארגעשלאגען א פלאן ווי צוריקצוקעהרען דאס אידישע פאלק אין פאלעסטינא און עס בעזעצען דארט אלס אקערבויער. אין יאהר 1862 איז ר' צבי הירש קאלישער, דער רב פון טהארן, ארויס מיט א ווערק „דרישת ציון", וועלכעס איז געווארען דער עלעמענטאר־בוך פון ציוניסטישען אידעאל. אלקאלאי איז געווען דער ערסטער צווישען די ארטהאדאקסישע רבנים, וועלכער האט ארויסגעזאגט דעם געדאנק, דאס שיבת ציון איז אפהענגיג פון די אידען זעלבסט. די אידען דארפען גרינדען א קאמפאניע פיר דיזען צוועק, ווי מען גרינדעט א שיף־קאמפאניע אדער אן אייזענבאהן־קאמפאניע, מיט דער נעטיגער סומע געלט, און צו פערהאנדלען מיט'ן סולטאן, ער זאל אפגעבען פאלעסטינא צו די אידען, זיי זאלען זיך דארט בעזעצען און צאהלען איהם א געוויסע סומע געלט יעהרליך אויף די זעלבע קאנדיציאנען, ווי ער טוט עס מיט איינציגע אנדערע לענדער און נאציאנען, וועלכע געפינען זיך אונטער זיין אויבערמאכט און שוץ. אלקאלאי'ס פלאן איז געבליבען נאר א טהעארעטישער פראיעקט און האט קיין פראקטישע נוצען ניט געבראכט. דאגעגען איז קאלישער'ס פלאן געווען פיעל פראקטישער. אין זיין „דרישת ציון" איז ער ערסטענס ארויס מיט ראיות פון אידישע קוועלען, דאס די אידען פון רעליגיעזען שטאנדפונקט מוזען אליין אנפאנגען צו טאן עטוואס אום פטור צו ווערען פון זייער גלות און צוריק קומען צו זייער אלטער היים; דאס וועט זיין אתחלתא דגאולה, דער אנפאנג פון דער ערלעזונג פון די לאנגע ליידען און פערפאלגונגען. דאן האט קאלישער, ניט קוקענדיג אויף זיין טיפען אלטער, זעלבסט בערייזט איינציגע שטעדט אין דייטשלאנד, און עס איז איהם געלונגען צו גרינדען איינציגע פעראיינען מיט'ן צוועק צו העלפען אידען בעזעצען זיך אין ארץ ישראל און בעארבייטען דארט לאנד. דער ערסטער פעראיין איז געגרינדעט געווארען פון איהם אין יאהר 1861 אין דער שטאדט פראנקפורט־אם־מאין.

די ערסטע קאלאניע, וואס איז געגרינדעט געווארען דורך זיין אגיטאציאן, איז געווען ביים ים כנרת. אבער לײדער האט דיזע קאלאניע ניט גע־

האט קיין ערפאלג. ער האט אבער ניט גערוהט און האט צוגעצויגען צו זיין פלאן די פיהרער פון „אליאנס איזראעליט”, שארל נעטטער און אלבערט קאהן, וועלכע האבען אנגעהויבען צו נעהמען א גרויסען אינטערעס אין דער לאגע פון די אידען אין אריענט, און אין יאהר 1870 איז געגרינדעט געווארען נעבען יפו אן אגריקולטור־שולע מיט'ן נאמען „מקוה ישראל”, וועלכע האט געבראכט פיעל נוצען צו דער אידעע פון קאלאניזירען פאלעסטינא, הגם די אידען פון מזרח־אייראפא האבען פיעל מעהר ערווארט פון דיזער שולע פיר דיזען צוועק.

א גרויסע ווירקונג האט געהאט די אגיטאציאן פון קאלישער אויף דעם סאציאל־דעמאקראט משה העסס. דאס איז געווען אן אונגעוועהנליכער מענש. אין פאליטיק איז ער געווען א ראדיקאל. ער איז געווען א שטארקער געגנער פון רעפארמירען דאס יודענטום און איז געווען פיר ארטהאדאקסיע, הגם ער איז ניט געווען קיין אנהענגער פון רעליגיאן. ער איז געווען אן ערנסטער סטודענט פון פילאזאפיע, האט גוט פערשטאנען פאליטישע עקאנאמיע און איז געווען איינער פון די בעסטע זשורנאליסטען און רעדאקטארען אין דייטשלאנד. ער איז געווען גוט בעוואנדערט אין דער תלמודישער ליטעראטור, דאך איז ער פריהער געווען ווייט פון אידישען פאלק און זיינע אינטערעסען. אבער צוויי זאכען האבען איהם צוריק געבראכט צו זיין פאלק. די גרויסע מאראל, וועלכע די אידען האבען איינגעריכטעט אין דער וועלט, און די שרעקליכע פערפאלגונגען, וועלכע זיי האבען אומזיסט אויסגעליטען און לײדען נאך יעצט פון זייערע שונאים. איבערהויפט האט די לעצטע אורזאך פערוואנדעלט דעם קאסמאפאליט העסס אין א הייסען נאציאנאליסט. אונטער דעם איינפלוס פון קאלישער'ס „דרישת ציון” האט העסס אנגעשריבען זיין „ראם אונד יערוזאלעם” (לייפציג 1862), וועלכעס איז געווארען א קלאסישעס ווערק פון דער ציוניסטישער ליטעראטור. דאס בוך איז געשריבען אין א פארמע פון בריף, און די געדאנקען, וועלכע ער זאגט ארויס, זיינען געשטיצט אויף בעווייזען פון געשיכטע, טהעאלאגיע און פילאזאפיע. די אידען קענען ניט אונטערגעהן ניט דורך זעלבסטמארד פון אינוועניג און ניט דורך די פערניכטונג און פערפאלגונגען פון אויסען. מיט ביטערען שפאט בעגיסט ער די פראגרעסיווע דייטשע יהודים, וועלכע גלויבען ניט און אנערקענען ניט די אידען אלס א ראסע און א נאציאן, און ווילען פערניכטען יעדען שטריך פון זייער געזיכט, וואס צייגט, דאס זיי שטאמען פון אידען. אבער זייער גאנצע מיה העלפט זיי ניט צו מאכען גלייך זייערע געקרייזעלטע האאר און מאכען קורצער זייער לאנגען נאז. דיזע אי-

דישע אסימילאטאָרען האבען זיך אָפּגעקעהרט פון זייער פאָלק און זייגען אוועק צו די דייטשען אום צו בעקומען א ביסעל עמאנציפּאציאָן. זיי האָבען פערוואָרפען זייער אַלטעס פאטערלאנד אום צו בעקומען א נייעס, א נאָכגעמאכטעס, ווייל מען האָט זיי געגעבען א לעק האָניג; דאָס דערמאָהנט דעם רוימישען וואָרט: „אובי בענע איבי פּאטריא" (דאָרט איז מיין פאטערלאנד, וואו עס איז מיר גוט). אָבער זייער קריכען אויף אַלע פיער פאר זייערע נייע ברידער פון זייער נייעם פאטערלאנד האָט זיי גאָר ניט געהאָלפען, ווייל די דייטשען האָבען נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט זיי צו פערפלוכען און די אידישע ראסע, און דעם זידעל־וואָרט: „העפּ! העפּ!", וואָס זיי האָבען אימער אויסגעשריען, ווען זיי האָבען דערזעהען א אידען אין גאָס, הערט מען נאָך עד היום אין דייטשע שטעדט, ווען א איד געהט דורך די גאָס. וויל דער איד, דאָס די אומות העולם זאָלען איהם רעספּעקטירען, זאָל ער פריהער לערנען זיך זעלבסט רעספּעקטירען אויף'ן גרונד פון זיין גלענצענדער פערגאנגענהייט, וואָס האָט ניט קיין גלייכען אין דער געשיכטע פון אַלע אנדערע פעלקער.

העסס איז אויך געווען געגען דער אידיש־דייטשער רעפאָרמע אין רעליגיאָן. דיזע רעפאָרמע איז ניט געמאכט געוואָרען צו פערשטארקען דעם גלויבען אין אידישע הערצער, נאָר אום צו קריגען בירגער־ און פּאָליטישע רעכטען. די אידען האָבען מעהר פערלאָרען פון דיזער רעפאָרמע ווי זיי האָבען געוואונען פון די רעכטען. זיי האָבען פּשוט פערקויפט די בכורה פיר א טאָפּ לינזען. זיי האָבען זיך ענטזאָגט פון זייער נאציאָנאַליזם, פון דער משיח־אידעע, ד. ה. פון אמת'ען פּראָגרעס, ווי די אידישע נביאים האָבען עס פאָראויסגעזאָגט, און וואָס האָבען זיי דערפאר? די זעלבע פעראכטונג און נאָך מעהר ווי פריהער. די רעפאָרמע האָט ניט אָפּגעשאַפט דעם אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד. אין געגענטייל, ער וואקסט מעהר דאָרט פון טאָג צו טאָג. ווען די נביאים האָבען פאָראויסגעזעהען די גליקליכע צוקונפט פון דער גאנצער מענשהייט, האָבען זיי ניט בעריהרט דעם גייסט פון נאציאָנאַליזם. אין געגענטייל, זיי האָבען געזאָגט, דאָס אין יענער גליקליכער צוקונפט וועלען געהן פילע פעלקער האנט־אין־האנט צו גרינדען דעם לאנג־געווינשטען וועלטפרידען. „והלכו עמים רבים ואמרו לכו ונלכה באור ה'", ד. ה. פעלקער וועלען בלייבען, אָבער די בעציהונגען צווישען זיי און די שטרעבונגען וועלען זיין פרידליכע.

אָבער די נייע בלוטבעדער, וואָס רוסלאנד האָט אָנגעהויבען צו פערשאַפען אידען זינט דעם יאָהר 1881, האָבען אין זיי אויפגעוועקט דעם אַל-

טען נאַציאָנאַל־געפיהל. זיי האָבען אָנגעהויבען קומען צו דער איבערציי־גונג, דאָס זיי קענען גאָרניט ערוואַרטען פון דעם ליבעראַליזם פון די קריסט ליכע פעלקער און זיי מוזען האָבען אַן אייגענע היים, וואו זיי זאָלען זיין זעלבשטענדיג און ניט ערוואַרטען מעהר קיין חסדים פון די אומות העולם. די שרעקליכע רעאַקציאָן, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם האָט פערשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּאַ, האָט געעפענט די אויגען פון אַלע אידען און זיי האָבען אָנגעהויבען צו טראַכטען מיטלען, ווי ענדליך פּטור צו ווערען פון די שרעקליכע ליידען פון דעם לאַנגען, ביטערען גלות. רומעניען האָט זיך אָפּגעזאָגט נאָכצוקומען די פּונקטען פון בערלינער טראַקטאַט פון יאָהר 1878, לויט וועלכען זי האָט זיך פערפליכטעט צו געבען איהרע אידען פולע עמאַנציפּאַציאָן. צום אונגליק איז ביקאָנספיעלד אראָפּ אַלס פּרעמיער־מיניסטער פון ענגלאַנד און גלאַדסטאָן האָט פערנומען זיין שטעלע (1880). אין רוסלאַנד איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקעהרעניס זינט אלכסנדר דער 3טער איז אַרויף אויפ'ן טראָן (1881). אין פיעלע שטעדט האָט מען געשלאָגען אידען און גערויבט זייער האָב און גוטס, און דאָס איז געשעהען מיט דער צו־שטימונג פון דער רעגירונג. די אידען זיינען געווען געצוואונגען צו נעה־מען דעם וואַנדער־שטעקען און זוכען אַ שטיקעל מקום מנוחה. דער איינ־ציגער אָרט, וואו זיי האָבען געקענט רעכנען אויף אַ פריינדליכע אויפנאַה־מע, איז געווען אַמעריקאַ. די אידען פון מערב־אייראָפּאַ, דערזעהענדיג די גרויסע מאַסען אונגליקליכע רוסישע אידען, האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון זייער לעטאַרגישען שלאָף, אין וועלכען זיי זיינען געווען פערוויגט פון זייער האַלב־עמאַנציפּאַציאָן, און האָבען זיך אָנגעהויבען פערטראַכטען וועגען זייער צוקונפט און אויך וועגען דער צוקונפט פון כלל ישראל. די אידען פון דער גאַנצער וועלט האָבען זיך אָנגעהויבען פיהלען אַלס איין גאַנצעס פאָלק, די ליידען פון איין טייל האָבען אָנגעהויבען שטאַרק מיטפיהלען די אַנדערע טיילען. אָבער דיזער מיטגעפיהל איז געווען צו בעמערקען אין אָנפאַנג נאָר ביי אַ קליינעם טייל פון די אידען אין מערב־אייראָפּאַ. דער וואַהרער נאַציאָנאַל־געפיהל האָט אויפגעפלאַקערט אין די הערצער פון די ליידענדע רוסישע אידען. דאָס אידישע פאָלק האָט ערנסט אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען קאָלאָניזירען ארץ ישראל און זיך צוריקקעהרען צו דער אַלטער היים; זאָגאַר די אידען, וואָס האָבען עמיגרירט נאָך אַמעריקאַ, האָבען געבראַכט מיט זיך דיזע אידעע.

דעם ערסטען גרונדשטיין צו קאָלאָניזירען פּאַלעסטינאַ האָט געלעגט די קאָלאָניע „פתח תקוה" אין 1878, ניט ווייט פון יפו. דיזע קאָלאָניע האָט

איבערגעלעבט פערשיידענע צייטען און יעצט איז זי די גרעסטע פון אלע פאלעסטינישע קאלאניעס. עס איז וויכטיג צו בעמערקען, דאס דיזע קא-לאניע איז געגרינדעט געווארען ניט פון די רוסישע עמיגראנטען, נאר פון די אידען, וואס האבען געוואוינט אין ירושלים און אנדערע שטעדט אין ארץ ישראל. הגם די קאלאניע „פתח תקוה" האט די ערסטע צייט ניט געהאט קיין גרויסען ערפאלג, האט עס ניט אפגעשראקען די אידישע נאציאנאלים-טען אין רוסלאנד, וועלכע האבען זיך אנגערופען מיט'ן נאמען „חובבי ציון". די מעהרהייט פון דיזע „חובבי ציון" זיינען געווען יונגע סטודענטען פון כארקאווער אוניווערזיטעט, וועלכע האבען ארגאניזירט די ערסטע גרופע פון עמיגראנטען נאך ארץ ישראל אונטער'ן נאמען „בילו" — דאס זיינען די ראשי תבות פון די ווערטער אין ישעיה: „בית יעקב לכו ונלכה", ד. ה. „הויז יעקב (אידען) קומט און לא'מיר געהן!" דיזע גרופע האט געגרינ-דעט אין ארץ ישראל די ערסטע קאלאניע פון רוסישע אידען אונטער'ן נא-מען „ראשון לציון" (1882). דיזע בעגייסטערטע קאלאניסטען האבען די ערסטע צייט געליטען זעהר שטארקע דחקות אין אלע הינזיכטען, אבער דאס האט זיי ניט אפגעשראקען צו פארטזעצען זייער אידעאל. דער סוף איז, דאס דיזע קאלאניע איז יעצט דער שטאלץ פון גאנצען נייעם ישוב.

אין דער זעלבער צייט האבען אנדערע בעגייסטערטע ציוניסטען מיט אונבעשרענקטער ענערגיע, אבער אהן מאטעריעלע מיטלען, געגרינדעט קא-לאניעס: אין גליל „ראש פנה", אין יהודה „נס ציונה", אין שומרון „זכרון יעקב". די לעצטע קאלאניע איז געגרינדעט געווארען צום אנדענקען פון בעראן עדמונד ראטהשילד'ס פאטער „יעקב". בעראן עדמונד ראטה-שילד איז בעוואוסט אונטער'ן נאמען דער „נדיב", ווייל ער האט געשטיצט מיט אן אונגעהייערער סומע (הונדערט מיליאן פראנקס) די אידישע קאלא-ניזאציאן אין ארץ ישראל. די קאלאניע „זכרון יעקב" איז בעזעצט מיט עמיגראנטען פון רומעניען. באלד נאכדעם האט זיך אנגעהויבען צו גרינ-דען א גאנצע רייהע פון קאלאניעס. עס איז ניט אוועק א יאהר עס זאל זיך ניט גרינדען א נייע קאלאניע. אזוי זיינען געגרינדעט געווארען די קאלאניעס „יסוד המעלה" (1883), „עקרון" און „גדרה" (1884). אין דעם זעלבען יאהר האט זיך אנגעהויבען צו גרינדען די קאלאניע „משמר הירדן". די קאלאניע „באור טוביה" האט זיך געגרינדעט אין 1888, „רחובות" אין 1890, „עין זיתון" און „מוצא" אין 1891, „מעתולה" און „ארטיף" אין 1896, און „מחנים" אין 1899 דורך גאליציאנער אידען. פון דיזע קאלאניעס האבען זיך איינִיגע אפגעטיילט און האבען געגרינדעט בעזונדערע קאלאניעס אונ-

טער פערשיידענע נעמען. איינינע פון זיי זיינען אויפגעוואקסען צו שטעט־לאך. מאנכע פון זיי האבען זעהר פיעל געליטען ביז זיי זיינען געקומען צו דער שטופע זיי זאָלען קענען זיין אונאָפּהענגיג. אין דער צייט, ווען די גרויסע וועלט־מלחמה האט אויסגעבראָכען, זיינען די מעהרסטע פון זיי שוין געווען אין אַ זעהר בליהענדען צושטאנד. איבערהויפּט די קאָלאָניע „זכרון יעקב", וועלכע איז בעליבט ביים באראָן ראָטהשילד. דער בליהענדער צו־שטאנד פון דער קאָלאָניע האט ערמוטיגט דעם ענגלישען טרוימער לאורענס אָליפאנט צו פעראינטערעסירען דעם באנקיר ראָטהשילד אזוי, דאס ער איז פערטיג געווען צו אָפּפערן אַ קאפּיטאל פון 100 מיליאָן פראנק צו דעם צוועק פון קאָלאָניזאציאָן אין פּאלעסטינא. ווען ניט דיזע שטיצע פון באראָן ראָטהשילד און די שטיצע פון פערשיידענע חברות „חובבי ציון" און אנדע־רע מנדבים, וואלט די קאָלאָניזאציאָן אין ארץ ישראל קיין ערפאָלג ניט גע־האט, איבערהויפּט, ווייל די ערסטע קאָלאָניסטען זיינען געווען מענשען אָהן שום ערפאהרונג אין ערד־ארבייט. ראָטהשילד האט ניט נאר געבאָרגט צו די קאָלאָניסטען געלט אויף קליינע פּראָצענטען און קליינע אויסצאָהלונ־גען, נאר ער האט אויך, אויף זיין אייגענער רעכנונג, געבויט הייזער צום וואוינען, סינאגאָגען און אנדערע עפענטליכע הייזער; ער האט זיי בעזאָרגט מיט די נייעסטע מאשינעריע נעטיגע צו ערד־ארבייט און ויין־פּראָדוקציאָן. ער האט איינגעשטעלט די גרויסע בעריהמטע וויין־פּרעסען אין דעם יקב (קעלטער) פון „זכרון יעקב" און געשאפען דורך דעם אַ גרויס וויין־געשעפט אין דער גאנצער וועלט פיר די נייע קאָלאָניסטען. באראָן ראָטהשילד האט געזוכט צו שאפען און פערברייטערן אויך אנדערע אינדוסטריען אין פּאלעס־טינא, אָבער זיין אריינמישען זיך אין אלעס האט מאנכעס מאל געשאדט, ווייל עס האט געשטערט דעם אייגענעם אונטערנעהמונגס־גייסט פון די קאָלאָניס־טען. דער באראָן זעלבסט האט עס ענדליך פערשטאנען און האט דעריבער איבערגעגעבען דעם אינטערעס פון די קאָלאָניסטען אין די הענט פון דער געזעלשאפט יק"א (אידישע קאָלאָניזאציאָן־אסאָציאציאָן). דיזע געזעלשאפט האט איינגעפיהרט נייע מעטהאָדען אין דער אדמיניסטראציאָן און מעהר וויסענשאפטליכע פערבעסערונגען און האט דערמיט געבראכט גרויס ערפאָלג דעם גאנצען נייעם ישוב.

דער גרויסער ערפאָלג פון דעם נייעם ישוב האט איבערהויפּט צו פער־דאנקען צוויי זאכען: דער פרייגעביגער הילף פון באראָן עדמונד ראָטה־שילד און דער ענערגישער טעטיגקייט פון דער יק"א. דיזע צוויי זאכען האָ־בען געהאָלפען די קאָלאָניסטען בייצוקומען אלע שוועריגקייטען און צו שטע־

לען זיך אויף א פעסטען פוס, אויף וועלכען זיי זיינען געשטאנען די לעצטע צייט ביז פאר דער גרויסער וועלט־מלחמה. דערביי דארף מען אויך ניט פער־געסען די גרויסע הילף, וואס דער נייער ישוב האט בעקומען פון די פערשיי־דענע חברות און פעראיינען פון די „חובבי ציון", וואס זיינען געגרינדעט גע־ווארען אין רוסלאנד, דייטשלאנד, גאליציען, ענגלאנד און אמעריקא. פיעל האט געהאלפען צו פערברייטערן אינדוסטריע און אגריקולטור אין פאלעס־טינא צווישען די אידען דער סירישער קאלאניזאציאן־פאנד, וואס איז גע־גרינדעט געווארען פון קריסטען אונטער לארד שעפטסבורי אין לאנדאן. אי־בערהויפט האבען די רוסישע אידען פיעל געהאלפען מיט געלט און מיט מענ־שען צו שטעלען דעם ישוב אויף א פעסטען באדען. אין די לעצטע 40 יאהר האבען עמיגרירט איבער הונדערט טויזענד אידען נאך פאלעסטינא און די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען רוסישע אידען. מערקווירדיג איז, דאס די רוסישע אידען האבען פארטגעזעצט זייער עמיגראציאן נאך פאלעסטינא זא־גאר ווען דער צושטאנד פון די קאלאניעס איז ניט געווען גלענצענד. דאס האט געצייגט, דאס זיי גלויבען פעסט אין דיזען אידעאל, אזוי דאס קיין זאך האט זיי ניט אפגעשראקען, און דאס האט צוגעגעבען מוט צו די פיהרער און פילאנטהראפען ניט אפצושטעלען זיך אין מיטען וועג און פארטצוזעצען זייער פרוכטבארע ארבייט.

א גרויסען איינפלוס האט געהאט אויף די ציון־בעוועגונג דר. לעא פינסקער (געשטארבען אין 1891), דער ערסטער איד אין רוסלאנד, וואס האט אנערקענט די וויכטיגקייט פון פאלעסטינא אלס א אידישע היים. ער האט פיעל ענטהוזיאזם ארויסגערופען מיט זיין פאמפלעט „אויטאעמאנציפאציאן!". מיט דיזען פאמפלעט האט זיך אנגעהויבען א ברייטע און שטארקע בעוועגונג צווישען די רוסישע אידען צו בעלע־בען איבער־א־נייס דאס אלטע אידישע לאנד, צו בעזעצען זיך דארט, בע־ארבייטען דארט די ערד, און אין זינען האבען צו מאכען עס פיר זייער אמת'ע היים און אוועקווארפען די חלומות, דאס אידען וועלען קריגען פולע רעכטען אין אלע לענדער, וואו זיי זיינען צוזעעט און צושפרייט. די אורזאך, וואס האט דר. לעא פינסקער געמאכט פיר א הייסען נאציאנאליסט, זיינען געווען די פאגראמען אויף אידען אין רוסלאנד אין 1881. פינסקער איז געווען בעוואוסט אין רוסלאנד אלס א טיכטיגער דאקטאר פון מעדיצין און אלס א גרויסער געלעהרטער, און דעריבער האט זיין אריינטרעטען אין לאגער פון די חובבי ציון געהאט א גרויסען איינפלוס אויף די ציון־בעוועגונג. אבער דער גרעסטער פערדינסט זיינער איז אין דעם קליינעם

ווערק זיינעם אונטער'ן נאָמען: „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן" אין דער דייטשער שפּראַך (1883). ער האָט זיין נאָמען ניט אונטערגעשריבען, נאָר „אַ רוסי־שער איד". עס איז שווער צו בעהויפּטען, אויב פּינסקער איז געוועזען בע-קאַנט מיט דער אידעע פון העסכ׳ און דזשאָרדזש עליאָט וועגען דער אידען־פראַגע, אָבער יעדענפאַלס זיינען זיינע אַרגומענטען אין זיין בראָשורע זעהר אָריגינעל און געהערען צו איהם זעלבסט. דער גרעסטער אונגליק פון אי־דישען פאָלק, זאָגט ער אין דער בראָשורע, איז, וואָס אין אַלע צייטען און אַלע לענדער האָט מען ניט אָנערקענט די אידען אַלס אַ פאָלק, וועלכעס האָט דאָס רעכט צו האָבען דאָס, וואָס אַלע פעלקער האָבען, נאָר אַלס איינצעלנע טויטע אַטאָמען. און וואָס עס איז נאָך פיעל ערגער אין דיזער פראַגע איז דאָס, וואָס די אידען זעלבסט האָבען זיך שוין גערעכענט טויט אַלס אַ פאָלק אָהן קיין האָפנונג איבער׳ן נייעם אויפצולעבען, און דעריבער קען יעדעם לאַנד, יעדעם פאָלק און יעדע רעגירונג בעהאַנדלען די אידען ווי זיי ווילען. די אידען האָבען געדאַרפט פאָדערן אַן אָרט אין דער גרויסער וועלט, וואו זיי זאָלען קענען ענטוויקלען זייערע נאַציאָנאַלע פעהיגקייטען צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער. בעסער איז פאַלעסטינאַ, אָבער ווען דאָס איז ניט מעגליך, האָט פּינסקער געדענקט, מוז רע־ט זיין אַן אַנדער אָרט אַלס אַ מקום מנוחה. פאַלעסטינאַ, נאָך זיין מיינונג, איז הייליג אין רעליגיעזען זין, אָבער די אידען קענען מאַכען אַן אַנדער לאַנד הייליג, ווען זיי וועלען פאָרט־זעצען צו פערשפּרייטען די אידעאַלען פון זייערע גרויסע נביאים. דער עיקר איז, נאָך זיין מיינונג, דאָס אידען זאָלען האָבען אַ מקום מנוחה.

הגם פּינסקער האָט ניט דוקא געפאָדערט פאַלעסטינאַ אַלס אַ מקום מנוחה פיר אידען, איז ער באַלד געוואָרען דער צענטער פון די „חובבי ציון" וועלכע זיינען דאַמאָלס געוועזען די בעסטע אידען אין רוסלאַנד, ווי פּ ר אָ - פ ע ס אָ ר מ אַ ק ס מ אַ נ ד ע ל ש ט אַ ם, מ ש ה ל י ב ל י ל י ע נ - ב ל ו ם, פּראָפעסאָר ה. ש פּ י ר אַ, דער רעדאַקטאָר פון „המליץ" אַ ל כ ס נ ד ר צ ע ד ע ר ב ו י ם, דער שריפטשטעלער ל ע ו ו ל ע - ו ו אַ נ ד אַ, דער געלעהרטער ר' ש מ ו אַ ל י ו ס ף פּ י ן, דער גרוי־סער גביר ק. ז. וו י ס אָ צ ק י און פיעלע אַנדערע. אויך אין אויס־לאַנד האָט פּינסקער'ס פּאַמפלעט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. דר. י צ ח ק ר י ל ף, דער בעריהמטער ראַבינער אין מעמעל (פּרייסען), איז געוואָרען אַן איבערגעבענער חובב ציון און האָט אָנגעשריבען אַ בראָשורע אונטער דעם נאָמען „ארוכת בת עמי" (די רפואה פיר מיין פאָלק), אין וועלכער ער האָט אויסגעדריקט דעם געדאַנק, דאָס די איינציגע רפואה צו היילען דאָס

אידישע פאָלק איז צו קאָלאָניזירען פאַלעסטינאַ. פינסקער איז דאַן געוואָרען דער פיהרער פון די חובבי ציון אין רוסלאַנד. דאָס ערסטע, וואָס די חובבי ציון אין רוסלאַנד האָבען געטאָן, איז געווען צו שיקען אַ פּעטיציאָן צו דער רעגירונג וועגען אַן ערלויבניס צו גרינדען אַ חברה, וואָס זאָל האָבען דעם צוועק צו העלפען די אידען קאָלאָניזירען ארץ ישראל. די פּעטיציאָן איז איבערגעגעבען געוואָרען צו צעדערבוים'ען אין פּעטערבורג, ער זאָל עס : ויס-ווירקען פון דער רעגירונג די ערלויבניס. דאָס איז ניט אַזוי גיך געשאַפען געוואָרען. עס האָט גענומען איינינע יאָהר ביז די רעגירונג האָט עס בעוויליגט. דערווייל האָט זיך אָרגאַניזירט אַ חברה אונטער דער פיהרערשאַפט פון פינסקער, און ליליענבלום איז געוואָרען דער סעקרעטער פון דער חברה. ליליענבלום איז אין גרונד געווען דער בעוועגענדער גייסט פון דער אָרגאַניזאציאָן און אַלע מיטגלידער זיינען געווען בעגייסטערט מיט דער אידעע פון קאָלאָניזירען נאָר פאַלעסטינאַ און ניט קיין אַנדער לאַנד. ער האָט געשריבען צו זיין פריינד יהודה ליב גאָרדאָן, דעם פּאָעט: „איך בין בשום אופן ניט איינפערשטאַנען מיט איהך, דאָס די אידען זאָלען געהן נאָך פאַלעסטינאַ דורך אַמעריקאַ. פיר אונזער צוועק איז איין זעלאָט (קנאי) אין ירושלים פיעל טייערער פון הונדערט עדיסאָנס אין אַמעריקאַ". פינסקער איז געגאַנגען מיט'ן שטראָם, הגם ער איז ניט געווען שטאַרק פערליבט אין דער אידעע פון פאַלעסטינאַ. ער האָט אונטערגענומען אַ רייזע נאָך בערלין, פּאַריז און אַנדערע גרויסע אידישע צענטערן און האָט פעראינטערעסירט פיעלע רייכע אידען צו נעהמען אַנטייל אין דער בעוועגונג. באַלד האָט זיך בעוויזען די נויטווענדיגקייט צו מאַכען אַ קאָנפערענץ פון די פערשיידענע צווייגען צו מאַכען אָרדנונג אין דער אָרגאַניזאַציאָן און צו אויסאַרבייטען מעטאָדען ווי אַנצוגעהן מיט דער אַרבייט. די קאָנפערענץ האָט ניט געקענט פאָרקומען אין רוסלאַנד, ווייל די רעגירונג האָט נאָך ניט געגעבען די הסכמה אויף דעם פאַלעסטינער פעראיין, און זי איז דעריבער פאָרגעקומען אין קאַטטאָוויטץ (פּרייסען). דיזע קאָנפערענץ האָט שטאַטגעפונען דעם 6טען נאָוועמבער 1884 אין דעם הונדערט-יעהריגען געבורטסטאָג פון דעם בעוואוסטען פילאַנטהראָפּ משה מאָנטעפיאָרע. צו דער קאָנפערענץ זיינען געקומען דעלעגאַטען פון ניט ווענינער ווי פופציג אָרגאַניזאַציאָנען. דאָס איז געווען די ערסטע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון די ציוניסטען, פון וועלכע מיט 13 יאָהר שפּעטער איז אַרויסגעוואַקסען דער ערסטער ציוניסטען-קאָנגרעס אין באַזעל.

די ארבייט פון קאָלאָניזירען פּאַלעסטינאַ האָט לאַנגזאַם פּראָגרעסירט, געווים מיט אייניגע שטערונגען און אָפּהאַלטונגען, ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען פון אַזאַ וויכטיגער אונטערנעהמונג. די נאַציאָנאַלע אידעע איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער און ברייטער. אין פערשיידענע טיילען פון דער וועלט האָבען זיך געגרינדעט אַלץ מעהר און מעהר נייע אָרגאַניזאַציאָנען. דער שופר של משיח, די אויפלעבונג פון אידישען פאָלק, האָט זיך אָנגעהויבען הערען פון איבעראַל; אין אַמעריקאַ האָט עממאַ לאַזאַרוס אָנגעהויבען שטורמען די זעעלען מיט איהרע האַרצרייסענדע קלאָג־לידער איבער דעם גרויסען בראָך פון אידישען פאָלק, איבערהויפּט פון די אידען אין רוסלאַנד; פּראָפעסאָר הערמאַן שאַפּירא פון היידעלבערג האָט אָנגעהויבען ערנסט צו דענקען וועגען גרינדען אַ אידישע אוניווערזיטעט אין ירושלים; דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש האָט געגרינדעט די בעריהמטע ביבליאָטהעק אין ירושלים. אין יענער צייט איז אַרויס אשר גינצבערג מיט אַ שאַרפער בייסענדער קריטיק אויף די גאַנצע ציוניסטישע בעוועגונג, איבערהויפּט געגען דער אידעע פון קאָלאָניזאַציאָן און דעם פּאָליטישען ציוניזם. אַלס אַ גרויסער דענקער מיט אַ זעהר רייכען סטיל אין העברעאיש, וואָס האָט כמעט קיין גלייכען ניט אין דער נייער אידישער ליטעראַטור, האָט ער באַלד געקראָגען פיעלע אָנהענגער און האָט געשאַפען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציאָן צו דער אידעע פון קאָלאָניזאַציאָן און פון גרינדען אַ אידישען פּאָליטישען צענטער אין פּאַלעסטינאַ. גינצבערג איז באַלד געוואָרען אַ זעהר וויכטיגע פיגור אין דער ציוניסטישער בעוועגונג און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אַלע ציוניסטישע פערזאַמלונגען. ער איז אָנפאַנגס געוועזען אַ תלמיד פון דר. פּינסקער. אָבער זעהר גיך האָט ער אַריבערגעוואַקסען זיין רבי'ן. אין יאָהר 1886 איז גינצבערג, אָדער ווי ער איז נאָכהער בעקאַנט געוואָרען, „אחד העם", אַריבער פון דער אימעניע (לאַנדגוט) גאָפּישיצאַ (קיעווער גובערניע) נאָך אָדעס. דיזעס יאָהר איז דער ווענדפּונקט פון דער נאַציאָנאַל־אידעע אין דער אידישער געשיכטע אין רוסלאַנד. זיין אַריינטרעטען אַלס מיטגליד פון אָדעסער קאָמיטעט פיר פּאַלעסטינער אַנגעלעגענהייטען האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט מעהר צו פערברייטערן זיינע אידעען איבער דיזען געגענשטאַנד, און דעריבער איז ער געוואָרען אַ גרויסע אויטאָריטעט אין דיזער בעוועגונג און האָט בעקומען אַ גרויסע מאַסע אָנהענגער, וואָס האָבען איהם אָנערקענט אַלס זייער פיהרער פיר אַ לאַנגע צייט. די הויפּט־קראַפט פון „אחד העם" איז בעשטאַנען אין דער וואונדערבאַרער שפּראַך פון זיינע גלענצענדע אַרטיקלען, וואָס ער

האָט געדרוקט אין די העברעאישע צייטשריפטען. זיין בליק אויף דעם טרויעריגען צושטאַנד פון די אידען אין אַלע לענדער האָט געשפּילט אַ קלענערע ראָלע. די רוסישע אידען זיינען פון די אַלטע דורות אָן גע־וועהנט צו אָפּגעבען כבוד אַ מענשען מיט גרויסע גייסטיגע פעהיגקייטען, אַ מענשען מיט אַ לשון למודים. און דעריבער האָבען זיי באַלד אָנערקענט „אחד העם" פיר זיינע אונגעוועהנליכע מעלות אַלס אַ דענקער און שריי־בער, הגם ער איז דאַמאָלס אַלט געווען ניט מעהר פון 33 יאָהר, און ביז דאַן האָט ער קיין מאָל ניט פּובליצירט זיינע געדאַנקען אין קיין שפּראַך, און איז בעוואוסט געווען צו אייניגע פון זיינע זעהר נאָהענטע בעקאַנטע. אין יאָהר 1889 איז „אחד העם" אַרויס מיט זיין ערסטען קריטישען אַרטיקעל אין „המליץ" אונטער'ן טיטעל „לא זו הדרך" (ניט דאָס איז דער וועג). דער אַרטיקעל האָט געמאַכט אַן אונגעוועהנליכען רושם אויף אַלע העברע־אישע לעזער מיט זיין לאָגיק, און מיט זיין אונגעוועהנליכען סטיל צווישען אַלע פּובליציסטישע שרייבער, וועלכע האָבען געשריבען אָדער ריין־ביבלישע העברעאיש, אָדער תלמודישע שפּראַך. „אחד העם" האָט זיך בענוצט מיט אויסדריקען פון די פילאָזאָפישע שרייבער פון מיטעלאַלטער, ער האָט זיי אָבער אַזוי קונסטפול געברויכט, דאָס יעדע פראַזע האָט בעצויבערט דעם לע־זער מיט איהר עסטהעטיק און מיט איהר לאָגיק. די לעזער האָבען אָנגעהויבען אָנערקענען „אחד העם"'ס סטיל אַלס דעם ריכטיגען העברעאישען סטיל, און האָבען בעטראַכט די מעהרסטע שרייבאַרט פון די אַנדערע שרייבער אַלס געשמאַקלאָז. „אחד העם" האָט אָבער געוויזען, דאָס ער איז מעהר פון אַ סטי־ליסט, דאָס דער וואהרער ווערט פון זיין שרייבען זיינען זיינע אידעען, הגם דאָס ערסטע, וואָס האָט צוגעצויגען די לעזער צו זיינע אַרטיקלען, איז געווען זיין וואונדערבאַרער סטיל. עס איז געווען אַ גרויסע זעלטענהייט צווישען העברעאישע שרייבער צו דענקען טיף און אין דער זעלבער צייט אַרויס־ברייננען די געדאַנקען קלאָר און פּאָפּולער אין אַן אָנציהענדער שפּראַך. און דעריבער האָט ער מיט זיין שרייבען געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג באַלד ווי ער איז אַרויף אויף די סצענע פון ליטעראַטור, און זיינע אידעען גע־גען דער ריכטונג און די אָרדנונגען, וואָס האָבען געהערשט אין דער וועלט פון ציוניזם, האָבען בעקומען פיעלע אָנהענגער. ער איז אייגענטליך ניט גע־קומען צו צושטערען די אידעאַלען פון נאַציאָנאַליזם, וועלכע זיינען שוין דאַמאָלס געווען טיף איינגעוואָרצעלט אין די הערצער פון פיעלע אידען, נאָר צו ענדערן זיי און געבען זיי אַן אַנדער פאָרמע, וועלכעס איז, נאָך זיין מיינונג, געווען מעהר וויכטיג און מעהר דורכפיהרבאַר לויט די אומ־

שטענדען. נאָך זיין מיינונג איז די אידעע פון קאָלאָניזירען פאַלעסטינא און בויען דאָרט אַ נייע ממשלה נאָך צו פריה צו אָנהייבען דורכפיהרען אין פּראַקטיק. אידען דאַרפען פריהער זיין גייסטיג פערטיג און פעראייניגט צו דיזער גרויסער אונטערנעהמונג. אָבער כל זמן דאָס איז נאָך ניט אַזוי, וועט די אידעע פון אויפלעבען דאָס אידישע פאָלק פּאָליטיש אין זיין אַלטער היים זיין אַ דורכפאַל. „וואָס טויג פיר אונז אַ לאַנד, ווען אפילו זי איז שוין פערטיג פיר אונז“, פרעגט ער, „ווען מיר זיינען ניט פערטיג פיר דאָס לאַנד?“ די קאָלאָניזאַציאָן, ווי זי געהט אָן, איז נאָר אַן ענטפער אויף די עגאָאיסטישע און מאַטעריעלע פאָדערונגען פון די אידישע מאַסען. דאָס פאָלק איז פערפאָלגט, פערטריבען פון זיינע וואוינונגען, האָט געליטען הונגער, און דאָס האָט מען געוואָלט פערענטפערן מיט דער קאָלאָניזאַציאָן פון ארץ ישראל. אָבער ניט מיט אַזאַ אופן בילדעט מען אַ נאַציאָן. די מאַסען מוזען זיין פאָרבערייט צו אָפּפערן, צו ליידען אַלערליי נויטען, יעדער איינציגער מענש, יעדער יחיד, מוז זיין בערייט צו ליידען אום דעם כלל צו בעזאָרגען, די מאַסען מוזען זיין פאָרבערייט צו שווערער ארבייט און אויסדויער אום צו דערגרייכען אַ צוועק פיר דאָס גאַנצע פאָלק, זאָגאַר ווען דאָס זאָל נעהמען אַ לאַנגע צייט, פיעלע דורות.

דיזער אַרטיקעל איז געווען אַ שרעקליכע באָמבע אין דעם לאַגער פון די חובבי ציון, וועלכע זיינען דאָך געווען איבערצייגט אין די וויכטיגקייט פון זייער שטרעבונג, ווען מען זאָל זאָגאַר נאָכגעבען, דאָס „אחד העם“ איז אין פּרינציפּ גערעכט. פיר צוגעוועהנען די אידישע מאַכען צו אַרבייטען פיר'ן כלל, פיר צוגעוועהנען זיי צו אַרבייטען פיר אַ גרויסען נאַציאָנאַלען צוועק, איז דער פּלאַן פון קאָלאָניזאַציאָן דער בעסטער מיטעל; דאָס איז דער בעסטער מיטעל פיר אָנהייבען ארויסצושלעפּען זיי פון גלות. ניט אין די גלות־לענדער קענען אידען ווערען עכטע נאַציאָנאַליסטען, צו זיין בערייט צו אַרבייטען פיר'ן כלל. דאָס קען נאָר זיין אין דעם לאַנד פון זייערע עלטערן; נאָר אין זייער אַלטער היים קען זיך ענטוויקלען דער אמת'ער נאַציאָנאַלער גייסט. די אידישע פּרעסע האָט באַלד אויפגענומען דיזע פראַגע צו דיסקוטירען. פיעלע זיינען ארויס מיט אַ שאַרפער, בייסענדע קריטיק נעגען „אחד העם“'ס אידעען. ער האָט אָבער אַלע אַטאַקעס אויף זיין טעאָריע לאָגיש און קאַטעגאָריש אָפּגעענטפערט און צוריקגעשטויסען. ער האָט זיך מיט גרויס עקשנות געהאַלטען ביי זיינע בעהויפּטונגען און טעאָריע, דאָס די אידען זאָלען בעטראַכטען פאַלעסטינא אַלס זייער היים נאָר דאַן, ווען זיי וועלען גוט פערשטעהן די גרויסע און וויכטיגע בעדייטונג פון דער אי־

דעע פון נאציאנאליזם, און די פליכטען, װאס עס ליגען אויף זײ צו פערזי־כערן די עקסיסטענץ פון אידישען פאלק און זײן צוקונפט. יעצט, אז דער רעליגיעזער געפיהל איז פיעל שװאכער געװארען בײם אידישען פאלק, דארף דער נאציאנאל־געפיהל פערנעהמען זײן פלאץ. דיזער געפיהל מוז יעצט זײן דער לעבענס־נערװ פון דער אידישער נאציאן. „אחד העם" האט ניט



אשר גינצבערג („אחד העם").

געגעבען א גרעסערען װערט צו דער עמיגראציאן פון די אידען אין פאלעס־טינא געגען זײער עמיגרירען נאך אמעריקא. װײל פאלעסטינא איז ניט אין שטאנד צו פערזיכערן דאס מאטעריעלע לעבען פון די עמיגראנטען און פעסטשטעלען זײער עקאנאמישען צושטאנד, איז פיר זײ גלײכער צו עמי־גרירען נאך אמעריקא. פאלעסטינא איז אן אידעאל, װאס מוז װארטען

ביז ער וועט קענען דורכגעפיהרט ווערען אין דער פּראַקטיק. נאָך פּאַלע־סטינאַ קענען יעצט פאָהרען נאָר אַזעלכע אידען, וואָס האָבען געננג מיטלען און געננג געדולד צו אַרבייטען ביז זייער אַרבייט וועט האָבען אַן ערפאָלג, ווען זייערע האָפנונגען וועלען ערפילט ווערען. מענשען, וואָס מוזען עמי־גרירען אום צו פערבעסערן באַלד זייער לאַגע, טאָרען ניט עמיגרירען נאָך פּאַלעסטינאַ, ווייל דאָס קען פערערגערן און זאָגאַר פערניכטען דעם גאַנצען פּלאַן און די גאַנצע האָפנונג פון אידישען פאָלק. אום מעהר זיך און אַלע־מען צו איבערצייגען, דאָס זיינע אידעען זיינען ריכטיג, האָט ער דריי מאָל אונטערגענומען אַ רייזע נאָך פּאַלעסטינאַ. פון דיזע רייזען איז ער אַרויסגע־קומען מיט אַרטיקלען אונטער׳ן נאָמען „אמת מארץ ישראל״ (די וואהרהייט פון וואָס עס טוט זיך אין ארץ ישראל), אין וועלכע ער האָט ערקלערט, דאָס קאָלאָניזאַציאָן אין פּאַלעסטינאַ פאָדערט ראַדיקאַלע ענדערונגען, ווייל, ווי זי ווערט יעצט געפיהרט, שאַדעט זי דעם גאַנצען פּלאַן. ער האָט אויסגעפונען, דאָס נאָך 10 יאָהר זינט די קאָלאָניעס זיינען געגרינדעט געוואָרען זיינען זיי נאָך אַלץ נויטבעדערפטיג און קענען נאָך אַלץ ניט שטעהן אויף אייגענע פיס, זיי מוזען נאָך אַלץ אָנקומען צו ראָטהשילד׳ס הילף, די קאָלאָניסטען זיינען נאָך אַלץ ניט צוגעוועהנט צו ערד־אַרבייט און מוזען זיך בענוצען מיט דער אַרבייט פון די אַראַבער. נאָך ערגער, ער האָט אויסגעפונען, דאָס די נייע קאָלאָניסטען האָבען זיך נאָך ניט בעפרייט פון דעם זעלבען שלעכטען איינפלוס, אונטער וועלכען זיי זיינען געווען אין אייראָפּאַ; דאָס צווישען זיי איז קיין אחדות ניטאָ, זיי זיינען מקנא איינער דעם צווייטען, און זיי־נען זאָגאַר ביטערע שונאים צווישען זיך; דאָס זייער אַרט בעהאַנדלען די אַראַבער מאַכט די לעצטע פיר זייערע ערנסטע שונאים, און דאָס מוז שאַדען דעם גאַנצען ישוב. אין 1891 האָט ער בעזוכט ירושלים און ווען ער האָט גע־זעהען ווי אַ געזעמעל פון פיעלע אידען פון פערשיידענע לענדער שטעהען ביים „כותל מערבי״ און וויינען אויף׳ן אַלטען חורבן, איז איהם אַרויף אויף׳ן געדאַנק: דיזע שטיינער זיינען אַ סימבאָל פון אונזער לאַנד, און דיזע מענ־שען זיינען אַ סימבאָל פון אונזער פאָלק. וועלכע פון דיזע חורבות איז גרע־סער? און איבער וועלכע דאַרפען מיר מעהר טרויערן? אַ לאַנד קען זיין צושטערט, אָבער, ווען דאָס פאָלק האָט נאָך אין זיך לעבענסקראַפט, קענען נאָך אויפשטעהן אַ זרובבל, אַן עזרא, אַ נחמיה און זייערע נאָכפאָלגער און קענען עס צוריק אויפשטעלען און איבער־אַ־נייעס איבערבויען; אָבער, ווען דאָס פאָלק זעלבסט איז רואינירט, ווער וועט אויפשטעהן פיר איהם, און פון וואַנען זאָל קומען זיין הילף?

דאָס איז אין קורצען די נאַציאָנאַלע פילאָזאָפיע פון „אחד העם"'ס אַרטיקלען, וועלכע זיינען בעזונדער אָפּגעדרוקט אין פיער ביכער אונטער'ן טיטעל „על פרשת דרכים". צווישען די צוויי, דעם לאַנד און דעם פאָלק, איז דאָס פאָלק ערסט, נאָכדעם איז דאָס לאַנד. אמת, „אחד העם" אָנער־קענט, דאָס אַזוי ווי אַ פאָלק קען ניט זיין אָהן אַ לאַנד, אַזוי מוז דאָס אידי־שע לאַנד זיין נאָר ארץ ישראל. אין דעם איז ער ניט איינפערשטאַנען מיט דר. פינסקער און אַנדערע, דאָס אידען קענען צוריק אויפלעבען אויך אויף אַן אַנדער טעריטאָריע; אידען מוזען צוריק האָבען זייער לאַנד ארץ ישראל, אָבער דאָס פאָלק מוז פריהער גייסטיג אויפלעבען, און נאָכדעם קען עס זיך נעהמען צוריק אויפבויען דאָס לאַנד און דאַן וועט עס האָבען אַן ערפאָלג. ער אָנערקענט אויך, דאָס דער עכט אידישער גייסט, דער אמת'ער נאַציאָ־נאַלער גייסט, און די וואהרע אידישע נאַציאָנאַלע קולטור קענען צוריק אויפ־לעבען און זיך ענטוויקלען ווי עס געהערט צו זיין נאָר אין פאַלעסטינאַ. אָבער דיזעס לאַנד וועט קיין מאָל ניט לעזען די עקאָנאָמישע זייט פון דער אידען־פראַגע. די מעהרסטע פון די אידען מוזען בלייבען אין פרעמדע לענ־דער און דאָרט פיהרען זייער סאָציאַלעס און מאַטעריעלעס לעבען. אָבער זייער גייכטיגע אויפלעבונג קען ניט זיין אין קיין אַנדער לאַנד, ווי נאָר אין פאַלעסטינאַ; דער עכטער אידישער גייסטיגער צענטער מוז זיין פאַלע־סטינאַ און ניט קיין אַנדער לאַנד. אין פאַלעסטינאַ וועלען זיי ניט בעגעג־נען די הינדערניסען, וועלכע שטערען זיי אין אַנדערע לענדער צו ענטוויק־לען אַ ריינע עכט אידישע קולטור. מיט איין וואָרט „אחד העם" פראָפּאַ־גאַנדירט פיר אַ ג י י ס ט י ג ע ן ציוניזם. פיר איהם האָט דער ערפאָלג פון דער קאָלאָניזאַציאָן קיין ווערט ניט, זאָגאר ווען דאָס זאָל האָבען דעם גרעסטען ערפאָלג, ווען אידען זאָלען זאָגאר צוריק אויפלעבען פּאָליטיש אין פאַלעסטינאַ, ווען גייסטיג בלייבען זיי די זעלבע ווי זיי זיינען יעצט אין די גלות־לענדער.

און צו צייגען דער וועלט, דאָס ער איז ניט בלויז אַ טעאָרעטיקער, נאָר ער וויל אויך אין דער פּראַקטיק דורכפיהרען זיינע אידעען, האָט ער גע־גרינדעט פון זיינע אָנהענגער אַ פעראיין אונטער'ן נאָמען „בני משה", וועל־כער איז געגרינדעט אויף'ן עיקר „תחית ישראל על אדמת ישראל" (די אויפ־לעבונג פון ישראל אויף דעם באָדען פון ישראל). די פּראָגראַם פון דיזען פעראיין איז ערקלערט אין זיין מערקווירדיגען אַרטיקעל „דרך החיים", וואו ער ערקלערט די פּרינציפּען פון גייסטיגען ציוניזם. זיין נאַציאָנאַליזם איז אַ גייסטיגער און שטעהט העכער פון מאַטעריעלען ציוניזם. צו דיזען צוועק

האָט ער געגרינדעט אין רוסלאַנד די פערלאַג־געזעלשאַפט „אחיאסף", די וויכטיגע מאָנאַטשריפט „השלוח", און האָט געגרינדעט אין יפו, מיט דער הילף פון דער „אַלליאַנס איזראַעליט", דאָס אידישע גימנאַזיום. דער פעראיין „בני משה" האָט עקסיסטירט ניט מעהר ווי אַכט יאָהר און האָט אין גאַנצען געהאַט ניט מעהר ווי צוויי הונדערט מיטגלידער; אָבער ניט אַכטענדיג דערויף האָט ער געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף'ן גאַנצען ציוניסטישען גייסט, און אייניגע פון די פיהרער זיינען נאָך יעצט מיט דער איבערצייגונג, דאָס דיזע אידעע מוזען זיין דער הויפּט־צוועק פון דעם נייעם ציוניזם.

אָבער די גאַנצע בעוועגונג פון ציוניזם אין רוסלאַנד, רומעניען און גאַליציען איז געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם. די אידען אין די מערב־לענדער פון איירָאָפּאַ האָבען קיין אַנטייל ניט גענומען אין דיזער בעוועגונג און זיינען זאָגאַר פיינדליך געווען צו איהר. די רוסישע אידען, ניט אַכטענדיג אויף זייער גרויסע צאָהל (6 מיליאָן נפשות) און זייער איבערגעבענהייט מיט לייב און זעלע צו דער אידעע פון בעלעבען דאָס פאָלק אויף'ן פּאָליטישען באָדען, האָבען גאָרניט אָדער זעהר ווייניג געקענט טאָן פיר דיזען פּלאַן, ווייל זיי זיינען פּאָליטיש געווען פּאַראַליזירט און זיינען געווען געבונדען די הענט מיט די פיס. די צייט פון דער רעגירונג פון אלכסנדר דעם 3טען און אין אָנפאַנג פון דער רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם 2טען איז דער ציוניזם אין רוס־לאַנד אונטער'ן נאָמען פון „חבת ציון" געווען נאָר אַ פּאָרבערייטונג צו הערצל'ס פּאָליטישען ציוניזם. די בעוועגונג אין רוסלאַנד איז געווען פער־בונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען. יעדע קלייניגקייט האָט געמוזט געמאַכט ווערען דורך שתדלנות ביי די רוסישע בעאַמטע, עס האָט געמוזט געמאַכט ווערען, ווי מען זאָגט, דורך די הינטערסטע טירען. די ערלויבנים צו גרינ־דען די חברה אין אָדעס אָדער אַ קאָמיטעט צו שטיצען די קאָלאָניזאַציאָן אין פּאַלעסטינאַ איז געקומען דורך די שתדלנות פון צעדערבוים, דער רעדאַק־טאָר פון „המליץ", ערסט מיט אייניגע יאָהר שפּעטער. דר. פינסקער האָט שטאַרק מורא געהאַט, דאָס די רוסישע רעגירונג וועט זיין ניט פריינדליך צו דיזער בעוועגונג און וועט שטערען אין אַלע וויכטיגע אונטערנעהמונגען אין דיזער זאַך, און דעריבער האָט ער זיך געפיהלט געצוואונגען צו פער־קלענערן די טעטיגקייט פון דעם פּראָגראַם ביז צום קלענסטען מינימום. אין 1887, ווען אייניגע אידישע סטודענטען זיינען געווען פערמישט אין אַ פּאָליטישען פּראָצעס, האָט פינסקער געהייסען ליליענבלום'ען פערברענען אַלע ביכער און דאָקומענטען פון דעם אָדעסער ציוניסטישען קאָמיטעט, ווייל

די סטודענטען זיינען געווען ציוניסטען און זייערע נעמען האָבען אייניגע מאָל פיגורירט אין דיזע ביכער. פינסקער זעלבסט האָט דאָן געוואָלט רעזיגנירען פון זיין שטעלע אַלס פיהרער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. אויסער דעם זיינען דאַמאָלס פאָרגעקומען צאַנקערייען צווישען די פיהרערס פון ציוניזם וועגען די פּלענער און מעטאָדען, און די שניידענדע און בייסענדע קריטיק פון „אחד העם" האָט פיעל פערערגערט די לאַגע. די האָפנונגען אויף דעם ערפאָלג פון דער קאָלאָניזאַציאָן זיינען געווען ווייט פון צופרידענשטעלענד. דער ציוניזם האָט זיך בעוועגט אין אַ זעהר שמאָלען קרייז, און אום צו מאַ־כען פון איהם אַ וועלט־בעוועגונג צווישען די אידען פון אַלע לענדער האָט מען געמוזט האָבען אַ פיהרער אַ בעוואוסטען שטאַאטסמאַן. די דייטשע, פראַנצויזישע און ענגלישע אידען זיינען געווען ווייט פון צו נעהמען אַנטייל אין דיזער בעוועגונג; זיי האָבען נאָך געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון קאָסמאָפּאָליטיזם און ברידערליכקייט פון אַלע מענשען אין דער וועלט, און דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיי נאָך ניט אויפגעוועקט פון דיזען זיסען שלאָף. די אידען אין אויסלאַנד, וואָס האָבען געהאָלפען זייערע רוסישע אונגליקלי־כע געדריקטע ברידער, האָבען עס געטאָן מיט אַ פילאַנטהראָפּישען גע־פיהל, אָבער ניט ווייל זיי האָבען געזוכט צו פערווירקליכען די אידעע פון איבער־אַ־ניים אויפלעבען דאָס אידישע פאָלק. באַראָן דע הירש האָט אָפּגעגעבען זיינע מיליאָנען צו העלפען די רוסישע אידען, אָבער ער האָט עס געטאָן אין דער ווייטער אַרגענטינאַ און האָט ניט געגלויבט אין ישוב ארץ ישראל. באַראָן ראָטהשילד האָט, אמת, אָנפאַנגס געהאָלפען די פּאַלעסטינישע קאָלאָניעס, נאָר מיט אַ פילאַנטהראָפּישען געפיהל, ער האָט וועניג געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון צוריק אויפלעבען דאָס אידישע פאָלק. דער גאַנצער עסק פון קאָלאָניזירען פּאַלעסטינאַ איז דאַמאָלס געווען נאָר אַ צדקה־זאַך. די חובבי ציון האָבען עס געוואָלט מאַ־כען פיר אַ נאַציאָנאַלע בעוועגונג, וואָס זאָל פעראינטערעסירען דאָס גאַנ־צע אידישע פאָלק. עס האָט אָבער געפעהלט דער ריכטיגער מאַן דערצו. ענדליך איז דער מאַן ערשינען אין דער פּערזאָן פון ט ה ע אָ ־ אָ ר ה ע ר צ ל, אַ איד פון מערב־אייראָפּאַ.

און באמת נאָר אַ מערב־איד איז געווען פעהיג צו שטעהן אָן דער שפּיץ פון דער גרעסטער אידישער בעוועגונג אין אונזער צייט. אַ רוסישער איד, זאָגאַר מיט הויכער בילדונג, מיט אַ גרויסען נאָמען, ווי דר. פינסקער, פּראָ־פעסאָר מאַנדעלשטאַם, אוסישקין, טשלענאָוו, או. ד. גל., וואָלט פיר קיין פאַל ניט געקענט שטעהן אויף דער מדרגה פון אַ פאָלקספיהרער צוליב דעם אַליין,

וואָס זיין לאַגע אין רוסלאַנד איז געוועזן צו נידריג און זיין איינפלוס אין אויסלאַנד איז געוועזן צו אומבעדייטענד. דער פיהרער האָט געמוזט זיין אַ איד פון מערב, וואָס זאָל האָבען אַן איינפלוס אויף די וועסטליכע אידען. און צום גליק פון דער ציוניסטישער בעוועגונג איז די פיהרערשאַפט אָנגע־קומען צו אַזאַ פּערזאָן, ווי טהעאָדאָר הערצל, אַ מאַן מיט אַ מאַיעסטעטי־שען אויסזעהן, מיט אַ הויכער אינטעליגענץ, מיט אַ טיפען פּאָליטישען פער־שטאַנד, אַ גענִיאַלער אָרגאַניזאַטאָר, מיט אַ גרויסער איבערגעבענהייט צו זיין פאָלק. דיזע אַלע וויכטיגע אייגענשאַפטען מיט דעם בעצויבערנדען איינפלוס פון זיין פּערזענליכקייט, האָבען איהם געמאַכט פיר אַ פאָלקס־פיהרער אָהן קיין שום פּראָטעסט פון אימיצען, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ גאָט־געזאַלבטער. קאַלישער, העסס, סמאָלענסקין און פינסקער זיינען גע־ווען די פאָרלויפער פון הערצל. זיי האָבען געמאַכט דעם וועג פיר איהם, פיר דיזען גרויסען פאָלקספיהרער פון אונזער צייט. און דאָס איז דער סוד, וואָרום הערצל האָט געהאַט אַזאַ גרויסען ערפאָלג: ער איז געקומען אין דער ריכטיגער צייט, ווען אַלעס איז געווען פאָרבערייטעט צו זיין אָנ־קומען. אין זיין „יודענשטאַאַט" האָט ער ניט אַרויסגעזאָגט קיין אָריגינע־לע אידעען, ער האָט דאָרט ווידערהאָלט נאָר דאָס, וואָס זיינע פאָרגענגער האָבען אַרויסגעזאָגט. זיינע געדאַנקען געפינען מיר קלאָר אין פינסקער'ס „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן", אין דר. רילף'ס שרייבען, אין ליליענבלום'ס און לעוואַנדאַ'ס ווערק. פינסקער'ס „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן" איז זאָגאַר מיט מעהר געפיהל געשריבען געוואָרען ווי הערצל'ס „יודענשטאַאַט".

עס איז שוין, ווי עס שיינט, אַזוי בעשערט, דאָס דער גרעסטער טייל פון די הויפּט־פיהרער פון דעם אידישען פאָלק זיינען געקומען צו זייער היי־ליגער אַרבייט פון אויסען. אויך הערצל איז געקומען צו זיין הויכער שטע־לע ביים אידישען פאָלק פון אויסען; ער האָט כמעט זיין גאַנצעס לעבען פערבראַכט ניט צווישען אידען, און זאָגאַר אין אַזאַ ספערע, וועלכע איז געווען גענען אידען. ער איז געבאָרען געוואָרען אין בודאַפּעסט (אונגאַרן), האָט געענדיגט די אוניווערזיטעט אַלס יוריסט. זיין עקסיסטענץ האָט ער געמאַכט אַלס זשורנאַליסט. ער איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע מיט־גלידער פון דעם שטאַב פון דער בעריהמטער וויענער צייטונג „נייע פרייע פּרעסע". ער האָט זיך אימער געפונען אין אַ קריסטליכער ספערע, וואו ער איז געווען בעריהמט מיט זיין אונגעוועהנליכען שענעם רעדען, עסטהעטישען שרייבען, מיט זיינע אַריסטאָקראַטישע מאַניערען, און האָט קיין מאָל ניט גע־האַט די געלעגענהייט צו קומען אין נאָהענטע בעציהונגען מיט זיינע ברידער,

די אידען. מערקווירדיג, דאָס גראַדע דיזער צושטאַנד האָט געפיהרט דער צו, דאָס הערצל איז געוואָרען בעקאַנט מיט אידען און זייער לאַגע. די קאָנטאָר פון דער „נייער פרייער פרעסע" האָט איהם געשיקט אַלס קאָרעס־פאָנדענט פון דער צייטונג נאָך פאַריז. דאָס איז געווען אין יאָהר 1894, גראַדע אין דעם יאָהר ווען דער בעריהמטער דרייפוס־פּראָצעס האָט פער־הילכט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. די בעשולדיגונג פון אַ אונשולדיגען מענשען נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ איד, האָט שטאַרק געריהרט הערצל'ס עדעלע וואהרהייטליבענדע הארץ און דאָס האָט איהם דערמאָהנט די גרוי־סע טראַגעדיע פון זיין אונגליקליכען פאָלק, פון די אידען. ער האָט גענו־מען נאָכדענקען די אוננאָרמאַלע לאַגע פון אידישען פאָלק אין אַלע לענדער, ווי אַלע האָבען געגען איהם אַלערליי פאָראורטיילען, ווי אַלע האַסען איהם מעהר פון אַ ווילדער חיה, און יעדער ערלויבט זיך צו טרעטען דעם אידען ווי אַ וואָרם, ווען ער גיט אַפילו קיין אורזאַך ניט דערצו, ווי דער איד איז בע־רויבט פון אַלע מענשליכע רעכטען — און דער רעזולטאַט פון דעם נאָכ־דענקען איז געווען דער „יודענשטאַאט". עס קען זעהר זיין, דאָס ער איז ניט בעקאַנט געווען מיט די פּראָיעקטען פון זיינע פאָרגענגער וועגען דיזען גע־גענשטאַנד, אָבער דער געגענשטאַנד איז פון איהם בעהאַנדעלט געוואָרען זעהר לאָגיש. עס צייגט, דאָס ער האָט זאָרגפעלטיג אַנאַליזירט די אידישע טראַגעדיע, און האָט דעם ענין בעאַרבייט אַלס אַ פּראַקטישער פּאָליטיקער און אַן עכטער שטאַאטסמאַן. אַזוי ווי זיינע פאָרגענגער איז אויך הערצל געגאַנגען צום וואָרצעל פון דעם אידישען אונגליק. דער אונגעהייערער דרוק, וואָס די אידען האָבען פיעלע יאָהרהונדערטער געליטען אין די קריסטליכע לענדער, האָבען זיי געמאַכט פיר אויסוואורפען און צוזאַמען מיט דעם פיר געפעהרליכע קאָנקורענטען אויף אַלע געביטען פון לעבען, אין עקאָנאָמישער ווי אין פּאָליטישער הינזיכט. מיר זיינען, זאָגט הערצל, דאָס וואָס דער געטאָ האָט געמאַכט פון אונז. מיר זיינען געוואָרען בעריהמטע פינאַנציע־רען, ווייל דאָס לעבען אין מיטעלאַלטער האָט אונז געטריבען דערצו. דאָס זעלבע ווערט אויך יעצט ווידערהאָלט. די היינטיגע קאָנדיציאָנען פון לע־בען טרייבען אונז דערצו; און דעריבער זיינען מיר ווידער פעראַכטעט. מיר זיינען געצוואונגען ארויסצוגעבען אַ צו גרויסע צאָהל פון מיטעלמעסיגע אינטעליגענטען, וועלכע קענען ניט געפינען אין פּראַקטישען לעבען דעם ריכ־טיגען פּלאַץ, און דעריבער זיינען זיי אַ געפאהר פיר דעם סאָציאַלען צו־שטאַנד, ווי דער צוּוואוקס פון אונזער רייכטום. געלעהרטע אידען אָהן רייכ־טום ווערען יעצט סאָציאַליסטען. מיר מוזען אַלזאָ שטאַרק ליידען אין דעם

קלאסען=קאמף, ווייל מיר שטעהען צווישען די סאציאליסטען און די קאפי־טאליסטען. דיזע לאגע וועט זיך ניט ענדערן ביז די אומשטענדען וועלען זיך ענדערן. די „אידען=פראגע”, זאגט הערצל אין דער איינלייטונג פון זיין ווערק, איז א רעסטעל פון דער מיטעלאלטערליכער צייט, פון וועלכער די ציוויליזירטעכטע פעלקער, ווייזט אויס, קענען זיך ניט אפשאקלען, זאגאר ווען זיי זאלען וועלען. די אידען=פראגע עקסיכטירט בעזונדערס דארט, וואו די אידען געפינען זיך אין גרויסע צאהלען. וואו די פראגע עקסיסטירט ניט, שאפען די אידען זי דארט מיט זייער עמיגראציאן. מיר עמיגרירען נאטירליך אין אזעלכע ערטער, וואו מען פערפאלגט אונז ניט, און דארט רופט אונזער עקסיסטענץ ארויס פערפאלגונג. אזוי איז עס אין יעדען לאנד, און אזוי וועט עס בלייבען איבעראל, זעלבסט אין די העכסט ציוויליזירטע לענדער, אפילו פראנקרייך מאכט קיין אויסנאהמע ניט אין דיזער הינזיכט. די אונגליקליכע אידען שלעפען יעצט אריין אנטיסעמיטיזם אין ענגלאנד, זיי האבען עס שוין אריינגעבראכט אין אמעריקא.

די אידען=פראגע מוז אלזא געלעזט ווערען אויף דעם פאליטישען באזיס. איהר קענט ניט לעזען די אידען=פראגע דורך געקינצעלטע מיטלען, ווי צום ביישפיל דורך אגריקולטור, אין די לענדער, וואו די אידען וואוינען שוין דארט, ווייל זיי מוזען ווערען קאנקורענטען צו די בויערן פון לאנד. די ערטער אין דייטשלאנד און רוסלאנד, וואו די אידען האבען זיך אנגעהויבען צו בעשעפטיגען מיט ערד=ארבייט — דיזע ערטער זיינען געווארען אנטי־סעמיטיש. קען אסימילאציאן לעזען די אידען=פראגע? דאס איז מעגליך נאר דורך געמישטע חתונות, און דא שטעהען די פאראורטיילען, וואס די קריסטען האבען געגען אידען, ווי אן אייזערנע וואנט. די רייכע אידען, צוליב זייערע גרויסע קאפיטאלען, קענען עס נאך אפט דערגרייכען, אבער די מיטעלע קלאס אידען קען עס זעהר זעלטען דורכפיהרען. אבער די גרעסטע שטערונג צו געמישטע הייראטען איז דאס אידישע פאלק זעלבסט. די געשמאקען אין דיעטע (עסען און טרינקען), געוואוינהייטען, מנהגים און שפראך זיינען זעהר פערשיידען ביי אידען און אנדערע פעלקער, בעזונדערס זיינען פערשיידען די געפיהלען און די מאניערען. דאס אלעס שטערט דעם אידען צו אסימילירען זיך מיט אנדערע פעלקער. עס זיינען דא, פערשטעהט זיך, אויסנאהמען, אבער דער כלל ישראל איז געגען אסימילאציאן. אזעלכע אסימילאטארען זיינען אידען, וועלכע טויגען פיר אונז ניט. און דאס, וואס טויג ניט פיר אונז, איז גלייכער עס זאל אוועקגעהן פון אונז. אבער די אמת'ע נאציאנאלע אידען קענען ניט און ווילען ניט אוועק פון אונז, און



טהעאָדאָר הערצל.

דעריבער וועלען מיר בלייבען און מוזען בלייבען אידען. דאָס אידישע פאָלק קען ניט פערניכטעט ווערען, ווייל זיינע אויבערע פיינד דערלאָזען עס ניט. דער אידישער נאַציאָנאַליזם קען ניט צושטערט ווערען, דאָס האָט בעוויזען דער 2,000־יעהריגער גלות מיט אַלע שרעקליכע רדיפות און יסורים, וואָס די אידען האָבען איבערגעליטען אין דיזער גאַנצער לאַנגער צייט. און ער דאַרף טאַקע ניט צושטערט ווערען, ווייל די וועלט מיט די אַנדערע פעלקער ברויכט צו האָבען אידען".

„צוויינען פון אידישען פאָלק קענען פאַלען און אונטערגעהן, אָבער דער גזע, דער שטאַם, מוז בלייבען אויף אייביג".

„אָבער ווי אַזוי? וואָס איז דער פּלאַן? דער פּלאַן איז — דאָס אַ אידישער שטאַאַט זאָל געגרינדעט ווערען אין פּאַלעסטינאַ אָדער אַרגענטי־נאַ, מיט דער הסכמה פון די מעכטען, וואָס בעהערשען יעצט איינע פון די דערמאָהנטע מדינות, און אונטער דעם שוץ פון די אייראָפּעאישע מעכטען. צו דיזען צוועק זאָלען געגרינדעט ווערען צוויי פעראיינען, אָדער חברות. איינע זאָל אויסאַרבייטען אַ וויסענשאַפטליך־פּאָליטישען פּראָיעקט, און די אַנדערע זאָל שאַפען די נעטיגע פינאַנצען דערצו — צום ווענינגסטען 250 מיליאָן דאָללאַרס. דיזער פינאַנץ־פעראיין זאָל קאָנטראָלירען די עמיגראַ־ציאָן, אָרגאַניזירען מסחור און אינדוסטריע אין דעם נייעם לאַנד, איינאָרד־נען אין לאַנד וועגען, בריקען, אייזענבאַהנען, טעלעגראַפען, רעגולירען די טייכען און בויען הייזער. צוערסט זאָל זיך בעזעצען אין לאַנד די אָרימערע קלאַס, די אַרבייטער, ווייל דיזע נויטיגען זיך גלייך אין אַ מקום מנוחה, און ווייל אָהן זיי קען קיין לאַנד ניט עקסיסטירען. די אַרבייטער וועלען שאַפען געשעפטע, דאָס געשעפט וועט שאַפען מערק, די מערק וועלען צוציהען אַ נייעם גרויסען צואוואַקס פון סוחרים, וועלכע וועלען קומען אָהין אויף איי־גענע הוצאות און אויף אייגענע ריזיקע. דאַן וועט אָנהייבען אָנקומען אַ העכערער סאָרט עמיגראַנטען. די אַרבייט, וואָס וועט אָנגעווענדט ווערען צו פערבעסערן דאָס לאַנד, וועט פערגרעסערן און פערמעהרען דעם ווערט פון דער ערד, און די אידען וועלען דאַמאָלס פערשטעהן, דאָס אַ נייער קרייז פון טעטיגקייטען האָט זיך געעפענט פיר זיי און עס וועט זיך ענטוויקלען ביי זיי אַ גייסט פון אונטערנעהמונג".

הגם הערצל דערמאָהנט אין דעם אויבען ציטירטען אויסצוג צוויי לענ־דער אַלס פּאַסענד פיר אַ פּאָליטישען אידישען שטאַאַט: אַרגענטינאַ און פּאַלעסטינאַ, דאָך איז ער מעהר גענייגט געווען צו פּאַלעסטינאַ. אַרגענ־טינאַ איז איהם געווען געפעלען אַלס אַ פּאָליטישעס לאַנד פיר אידען אין

מאַטעריעלער הינזיכט, ווייל זי איז איינס פון די פרוכטבאַרסטע לענדער אין דער וועלט. פערנעהמט אַ זעהר גרויסען שטח, האָט אַן אויסגעצייכענ-טען קלימאַט און איז זעהר שיטער בעזעצט. דערפאַר איז פּאַלעסטינאַ אונ-זער היסטאָרישע היים. דער נאָמען „ארץ ישראל" אַליין איז זעהר אָנציה-ענד פיר אונזער פאָלק. אַ זעהר גרויסער טייל פון אונזער פאָלק ווערט בע-צויבערט פון דעם געדאַנק פון „ארץ ישראל". ווען דער סולטאַן וואָלט אונז אָפּגעגעבען ארץ ישראל, וואָלטען מיר געוויס דערפאַר רעגולירט די טערקי-שע פינאַנצען, אַ זאַך, וואָס איז זעהר וויכטיג פיר טערקיי. „די אידען וואָל-טען דאָרט געוואָרען אַ סאָרט פעסטונג צו בעשיצען אַזיען געגען די אייראָ-פּעאישע מעכטען, וועלכע שטרעבען זי איינצושלינגען, זיי וואָלטען געוואָ-רען אַ מאַכט צו פערברייטערן ציוויליזאַציאָן אין אַזיען און אָפּשאַפען די אונוויסענהייט און באַרבאַריזם, וואָס הערשט נאָך דאָרט. די ערטער, וואָס זיינען הייליג פיר דעם קריסטענטום, וואָלטען אידען פערזאָרגט מיט גאַראַנ-טירטער זיכערהייט. אַז אַלע זאָלען צופרידען זיין". אין דיזע ווערטער האָט הערצל געוואָלט בערוהיגען טערקיי און די קריסטליכע פעלקער וועגען זאַכען, פאַר וועלכע זיי האָבען געקענט מורא האָבען. הערצל האָט אָבער דאַמאָלס נאָך ניט געקענט וויסען, דאָס די גרעסטע געגנער זיינע צו דיזער אידעע וועלען זיין די אידען זעלבסט. און זאָגאַר ניט די אַסימילאַטאָרען, ווייל פאַר זיי האָט ער ווייניג מורא געהאַט, נעגען זיי איז ער געווען פאָר-בערייטעט. זיין מערקווירדיגער פּלאַן איז געוואָרען אַ געגענשטאַנד פון קריי-טיק, טאַדעל און שפּאָט, זאָגאַר פון אַזעלכע אידען, וואָס האָבען געדאַרפט מיט שמחה לויפען אונטער זיין פאָהן. אָבער דאָך האָט דיזע פּאָלעמיק געהאַט אַ גוטען רעזולטאַט — זי האָט ערוועקט אינטערעס ביי די אידישע מאַסען צו דיזען וויכטיגען געגענשטאַנד. די אידען אין די מערב-לענדער האָבען וואהרשיינליך גאָר ניט געלעזען הערצל'ס „יודענשטאַאט". זיי האָבען פון זייער קינדהייט איינגעזויגען מיט דער מוטער'ס מילך, דאָס די אידען זיינען ניט קיין פאָלק, דאָס זייער פאָטערלאַנד איז דאָס לאַנד, וואו זיי זיינען גע-באָרען, און וועלכע האָט זיי געגעבען פולע אָדער איינינע רעכטען. פיר זיי איז די גאַנצע אידעע פון צוריק בעלעבען דאָס אידישע פאָלק געווען אַ פוסטע פאַנטאַזיע. דאַגעגען האָט אַ גרויסער טייל פון די אידען, וואָס וואוינען אין די לענדער, וואו זיי ווערען שטאַרק געדריקט און געהאַסט, מיט ענטהויז-אַזם אויפגענומען הערצל'ס פּלאַן. זיי זיינען אייגענטליך געווען פאָרבע-רייט פון די פריהערדיגע אַגיטאַטאָרען פיר דיזע אידעע — פון סמאָלענסקין און פינסקער. דער פּאָליטישער ציוניזם פון דר. הערצל איז זיי געווען צום

הארצען. די ערשיינונג פון הערצל אויף דיזען געביט איז געווען אַ דבר בעתו. די רוסישע אידען האָבען לאַנג אויסגעקוקט אויף אַ גרויסען אידען פון מערב־אייראָפּאַ, וואָס זאָל נעהמען די זאַך אין זיינע הענט. מיט זיין ערשיינען האָט הערצל אויפגעוועקט אין זיי פרישע האָפנונגען, דאָס זייערע ווינשען פון לאַנג וועלען דאָך ענדליך מקוים ווערען.

הערצל האָט זיך ניט צופרידען געשטעלט מיט אַ טעאָרעטישען פּראָיעקט. ער האָט זיך גלייך גענומען צו זיין דורכפיהרונג. דער אידישער שטאַאַט איז געוואָרען אַ טייל פון זיין פּערזאָן, ער האָט זיך ניט געקענט צושיידען מיט איהם. דער פּלאַן איז געוואַקסען אין זיינע אויגען אין דער לענג און אין דער ברייט, אין דער הויך און אין דער טיף, וואָס מעהר ער האָט געדענקט אין איהם. די העברעאישע און אידישע צייטונגען האָבען באַלד בעקאַנט געמאַכט די אידישע וועלט מיט זיין פּלאַן, און האָבען אָנגעפילט די הערצער פון אַ גרויסען טייל פון די רוסיש־אידישע מאַסען מיט האָפנונג און טרויסט. צווישען די אידען אין מערב האָט דאָס ווערק „דער יודענשטאַאַט" אַרויסגערופען הייסע דעבאַטען. אין וויען איז הערצל אָנערקענט געוואָרען אַלס דער בעסטער, פאַסענדסטער פערטרעטער פון אידישען נאַציאָנאַליזם. פיעלע טויזענדער אידען אין וויען האָבען איהם געשיקט אַן אַדרעס, אין וועלכען זיי האָבען זיך פערפליכטעט איהם צו העלפען מיט וואָס זיי וועלען קענען אום דורכצופיהרען זיין גרויסע אונטערנעהמונג, דאָס זעלבע האָט געטאָן דער וויענער פעראיין מיט'ן נאָמען „קדימה" און פיעלע וויכטיגע פּערזאָנען פון דער אידישער קהלה אין וויען, ווי דר. בירנבוים, דר. שנירער און דר. קאָקעש. דאָס בוך „דער יודענשטאַאַט" איז אַזוי בעקאַנט געוואָרען אין דער וועלט, דאָס דער סולטאַן אַבדול חאַמיד האָט זיך פעראינטערעסירט אין דעם און האָט בסוד געשיקט אַ שליח מיוחד, דעם קאַוואַליער ניעוולינסקי, צו הערצל'ען, און האָט איהם פערשפּראָכען צו געבען אַ טשאַרטער אויף פּאַלעסטינאַ פיר די אידען, אויב די אידישע שרייבער וועלען געברויכען זייער גאַנצען איינפלוס אויף די אייראָפּאַאישע פּרעסע זי זאָל אויפהערען העצען די מעכטען געגען איהר צוליב דער בעהאַנדלונג פון די אַרמעניער (דער סולטאַן האָט געגלויבט, דאָס די מערב־אידען האָבען די גאַנצע אייראָפּאַאישע פּרעסע אין זייערע הענט). אַזעלכע געשיכטען האָט מען אין יענער צייט דערצעהלט. אויב עס איז אַ פאַקט אָדער אויסגעטראַכט, איז ניט בעוואוסט, יעדענפאַלס ציינט עס, דאָס דער „יודענשטאַאַט" האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם אין דער צייט, ווען ער איז ערשינען. אין אַ קורצער צייט איז הערצל'ס נאָמען געוואָרען בע־

וואוסט אין דער גאנצער וועלט. הונדערטער טויזענדער מענשען זיינען שוין געווען צוגעבונדען צו איהם מיט'ן טיפסטען און שטארקסטען גלויבען. ער האט אויפגעוועקט פיעלע פון די מערב-אידען פון זייער לעטארגישען שלאף אין בעטרעף פון דער אידען-פראגע, און פיעלע זעהר וויכטיגע און בעריהמ-טע פערזאנען האבען איהם אנערקענט אלס פיהרער פון דער גאנצער אידי-שער וועלט. עס האבען אנגעהויבען צו שטיצען זיין פלאן גרויסע מענשען ווי דר. פריעדלענדער אין לאנדאן, דר. גידעמאן אין וויען, דר. דיננער אין האללאנד, דר. מאקס נארדאו, דר. באדענהיימער אין קאלן, דר. קאמענקא אין וויען, און זעהר פיעלע פון די חובבי ציון אין רוסלאנד און רומעניען.

דאן האט זיך הערצל גענומען צו שאפען אן עפענטליכען מיינונג וועגען זיין פאליטישען ציוניזם. הגם פיעלע צייטונגען האבען געשטיצט זיין אידעאל, האט ער דאך געפונען פיר נעטיג צו גרינדען א ספעציעלען זשור-נאל, וואס זאל זיך אפגעבען נאר מיט דער פאליטישער ציון-פראגע. צו דיזען צוועק האט ער אין 1897 אנגעהויבען ארויסגעבען אין וויען א וואכענ-צייטונג מיט'ן נאמען „די וועלט", אין וועלכער עס האבען אנטייל גענומען די בעסטע קרעפטען צווישען די ציוניסטען פון יענער צייט, און וועלכע ער זעלבסט האט רעדאקטירט. עס איז בעשלאסען געווארען צו רופען א קאנ-גרעס פון דעלעגאטען פון אלע צויניסטישע פעראיינען אלס ערסטער שריט צו אנהויבען רעאליזירען דיזע גרויסע אונטערנעהמונג. דורך דעם קאנגרעס זאלען די אידען מאכען די ערסטע בעוועגונג צו העלפען זיך זעלבסט און בע-קאנט מאכען די וועלט מיט זייערע אונגעהייערע ליידען, מיט זייערע האפ-נונגען אלס א פאלק און מיט זייערע פלענער, ווי אזוי צו דערגרייכען זיי-ער צוועק. עס איז בעשטימט געווארען, דאס דער קאנגרעס זאל זיך פערזאמ-לען אין מינכען (באיערן) אין זומער פון יאהר 1897. די אידעע פון צוזא-מענרופען א קאנגרעס האט ארויסגערופען א שטארקע אפאזיציאן ביי א גרויסען טייל אידען. כל זמן דער ציוניזם איז געווען נאר א טעאריע, הא-בען די געגנער פון איהם קיין גרויסען וועזען ניט געמאכט און זייערע בע-ציהונגען צו איהם זיינען געווען אונבעשטימט, אבער ווי זיי האבען דער-זעהען, דאס ער הויפט אן צו ווירקען אין דער פראקטיק, האבען זיך די געג-נער פון ציוניזם אויפגעשטעלט אויף זייערע פיס צו הינדערן די אונטער-נעהמונג מיט וואס זיי קענען. אפענע פיינדשאפט צום קאנגרעס דאבען ארויסגעוויזען ערסטענס די אסימילאטארען. זיי האבען געזעהען אין דעם קאנגרעס א גרויסע געפאהר, וועלכע וועט אונטערגראבען זייער לאגע. און צווייטענס האבען אויך די אידען, וואס זיינען טריי דעם יודענטום, און

איבערהויפט די גאַנץ פרומע קלאַס, אָנגעהויבען צו קעמפּפען געגען דעם פּאָ־ליטישען ציוניזם. נאָך זייער מיינונג נאָך איז די גאַנצע בעוועגונג אַ סאָרט כפירה אין דעם עיקר הדת וועגען משיח. אויך די רעפאָרמער זיינען צוגע־שטאַנען צו זיי. ווייל נאָך זייער מיינונג איז די ציון־בעוועגונג געגען דער אי־דישער מיכיאָן, לויט וועלכער אידען דאַרפען בלייבען אויף אייביג אין די גלות־לענדער אום צו פערשפּרייטען די פּרינציפּען פון דער אידישער רעלי־גיאָן וועגען אחדות הבורא און גערעכטיגקייט צו אַלע מענשען. דער ציוניזם איז געווען פערדעכענט דאַמאָלס אַלס אַ שעדליכע בעוועגונג פיר די לענדער, וואו אידען וואוינען. פּראָפעסאָר לודוויג גייגער האָט געשטעלט ציוניזם אויף איין ליניע מיט אַנטיסעמיטיזם, און האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, דאָס ציוניסטען אין דייטשלאַנד דאַרפען פערלירען זייערע בירגער־רעכטען. עמיל הירש פון טשיקאַגאָ האָט בעשולדיגט הערצל׳ען און נאָרדאו, דאָס זיי מאַכען געלט פון זייער פּראָפּאַגאַנדאַ פיר דעם ציוניזם. דער בעריהמטער סינסיננאַ־טיער רעפאָרם־ראַבינער דר. י. מ. וויס איז אַרויס מיט ביטערע זלזולים אויף׳ן ציוניזם אין אַרטיקלען, וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין „אַמעריקאַן איזראַעלייט״ און אין זשורנאַל פון היברו יוניאָן קאָללעדזש, וואו ער האָט אָנ־גערופען די ציוניסטען פערדעטער, היפּאָקריטען און פאַנאַטישע נאַרען. אין איירָאָפּאַ האָבע די רעפאָרמער גערונערט געגען דעם ציוניזם אין אַלע טעמפּ־לען. און די ציוניסטישע בלעטער זיינען אַלע אין חרם אַריינגעלעגט גע־וואָרען. „אחד העם״ האָט אין „השלוח״ אויך אָנגעגריפען דעם ערסטען קאָנ־גרעס און האָט איהם געשטעמפּעלט אַלס אַ „תועה ומתעה״, דאָס ער פער־פיהרט דאָס אידישע פאָלק מיט פאַלשע האָפנונגען. „די אידישע הילף״, שרייבט ער, „מוז קומען ניט פון דיפּלאָמאַטען, נאָר פון נביאים״. די דייטשע געגנער האָבען נאָך פאַר דעם קאָנגרעס אַגיטירט, דאָס דער קאָנ־גרעס זאָל גאָר ניט שטאַטפינדען, ווייל דאָס קען זעהר פיעל שאַדען די אי־דען אין אַלע לענדער: עס וועט זיך אַרויסווייזען, דאָס די אידען מיינען נאָך, אַז זיי זיינען אַ פאָלק, און ווילען נאָך עקסיסטירען אַלס אַזעלכעס. די־זע פּראָטעסטען האָבען געפיהרט דערצו, דאָס הערצל האָט בעשלאָסען ניט אָפּהאַלטען דעם קאָנגרעס אין מינכען, ווי ער האָט פריהער בעשלאָסען, נאָר אין באַזעל, אין דער שווייץ.

ניט אַכטענדיג אויף אַלע פּראָטעסטען האָט דער קאָנגרעס שטאַטגע־פונען אין אויגוסט 1897, און דאָס איז געווען אַ מאָראַלישער זיג פיר די ציוניסטישע אידעע. דאָס איז געווען דאָס ערסטע מאָל אין 19 הונדערט יאָהר זינט אידען זיינען אין גלות, דאָס זיי זיינען צוזאַמענגעקומען פון אַלע

וועלט־טיילען דורך פערטרעטער אלס א נאציאן ; עס איז געווען דאס ערסטע מאל זינט דער אידישער שטאאט יהודה איז חרוב געווארען, דאס די אידען האבען הויך און אפען פראקלאמירט פאר דער גאנצער וועלט זייער רעכט צו לעבען אלס א נאציאן זייער אייגענעם לעבען אין דעם לאנד פון זייערע עלטערן. די 204 אידישע דעלעגאטען אין באזעלער קאסינא, וועלכע זיינען געווען פון פערשיידענע פארטייען פון פאלק : ארטהאדאקסען, רעפארמער, סאציאליסטען, אנארכיסטען, אטהעאיסטען, האבען קלאר בעוויזען, דאס די אידישע לאגע אלס א נאציאן האט בעריהרט אלע הערצער, און דאס די־זע פערזאמלונג איז ווירקליך דאס גאנצע אידישע פאלק אין מיניאטור. דער קאנגרעס האט אנגענומען דעם בעשלוס, דאס דער הויפט־ציל פון ציוניזם איז — צו גרינדען א „געזיכערטע היים פיר דאס אידישע פאלק אין דעם לאנד פון זיינע עלטערן". עס מאכט ווייניג אויס, וואס די גרויסע אי־דישע פילאנטהראפישע פעראיינען, ווי די „אלליאנס איזראעליט", די „וויע־נער אלליאנץ", די „אידישע קאלאניזאציאן אסאציאציאן" (יק"א) זיינען גע־ווען געגען דעם ציוניזם, אדער דאס אייניגע וויכטיגע מענשען האבען פון איהם ניט געוואלט וויסען ; די פרינציפען, וואס דער ציוניזם האט פראקלא־מירט פאר דער וועלט, די האפנונגען, וואס ער האט ערוועקט אין אידישע הער־צער, און די סימפאטיע, וואס ער האט געקראגען, דאס אלעס ענטפערט גענוג אויף אלע אידישע ווינשען און שטרעבונגען. די אידען זיינען א נאציאן און וועלען עס קיין מאל ניט אויפהערען צו זיין. זייער נאציאנאלער ציל קען דערגרייכט ווערען נאר אין דעם לאנד, וועלכעס זיי רעכנען פיר זייער איי־גענטום. די אנדערע נאציאנען פון דער וועלט מוזען העלפען די אידען צו דערגרייכען דיזען צוועק. דאס וועט זיין א טובה ניט נאר פיר די אידען, נאר אויך פיר די אומות העולם.

די ציוניסטען זיינען אנערקענט געווארען אלס די געזעצליכע פער־טרעטער פון דעם אידישען פאלק. עס איז בעשלאסען געווארען צו גרינדען אין לאנדאן א אידישע קאלאניאל־באנק מיט א קאפיטאל פון 50 מיליאן דאללאר מיט'ן צוועק צו קויפען אין ארץ ישראל לאנד, וועלכעס זאל גע־הערען צום אידישען פאלק. די אקציעס פון דיזער באנק זיינען אין א קור־צער צייט פערקויפט געווארען צו אידען פון דער גאנצער וועלט. עס איז אר־גאניזירט געווארען אן אקציאנס־קאמיטע, אין וועמעס הענט עס זיינען איבער־געגעבען געווארען אלע געשעפטען וואס זיינען נוגע דעם ציוניזם. אלס צענ־טערן פירן ציוניזם זיינען ערוועהלט געווארען די שטעדט : לאנדאן, בער־לין און קאנסטאנטינאפעל. די פיהרער פון ציוניזם האבען זיך יעצט גע־

מאַכט אַלס זייער אויפגאַבע צו בעקומען פון סולטאַן אַ טשאַרטער מיט דער צושטימונג פון די אייראָפּעאישע מעכטען. נאָך דעם ערסטען קאָנגרעס און די גאַנצע צייט ביז הערצל׳ס טויט האָבען די ציוניסטישע פיהרערס געאַרבייט צו דערגרייכען דיזען צוועק. דער סולטאַן אַבדול־האַמיד איז נאָך דאַמאָלס געווען דער זעלבסטהערשער און די לעזונג פון דער טשאַרטער־פראַגע איז געווען אויסשליסליך אין זיינע הענט; אָבער דאָס איז אויך בעוואוסט, אַז דער סולטאַן וואָלט עס אַנדערס ניט געטאָן סיידען מיט דער הסכמה פון די הויפּט־מעכטען פון אייראָפּאַ, איבערהויפּט איז נעטיג געווען דערצו די הסכמה פון ענגלאַנד, די אַלטע פריינדין פון טערקיי, און דייטשלאַנד, וועלכע איז געוואָרען אַ שטאַרקע פריינדין פון טערקיי צוליב פּאָליטישע צוועקען. עס פערשטעהט זיך, דאָס מען האָט געדאַרפט האָבען גוטע פריינד אין לאָנדאָן און אין בערלין, וועלכע זאָלען האָבען אַן איינפלוס אויף די רעגירונגען, צו געווינען זיי אויף דער זייט פון דעם ציוניזם. אין 1898 איז דער קייזער ווילהעלם געווען אויף בעזוך אין פּאַלעסטינאַ, און הערצל מיט נאָך איינינגע ציוניסטישע פיהרער זיינען געקומען אַהין און זיינען עמפּפאַנגען געוואָרען פון קייזער ניט ווייט פון די טויערן פון ירושלים. נאָכדעם האָט הערצל געהאַט אַן אוידיענץ ביים סולטאַן אין 1901 און דאַן צוויי מאָל אין 1902. אין 1903 האָט ער בעזוכט רוסלאַנד און האָט פערהאַנדעלט וועגען דעם מיט׳ן מיניסטער פון אינערן פ אָ ן פּ ל ע ה װ ע. אין 1904 האָט ער בעזוכט צו דיזען צוועק דעם איטאַליענישען קעניג וויקטאָר עמאַנועל און דעם פּאַפּסט אין רוים. שוין פריהער האָט איהם דער מאַיאָר עוואַנס פון ענגלאַנד געפרעגט, וואָס פערשטעהט ער אונטער׳ן וואָרט נאַציאָן? און הערצל האָט געענטפערט: „אַ נאַציאָן“, נאָך מיין מיינונג, „איז אַ היסטאָרישע גרופּע פון מענשען, וועלכע זיינען צוזאַמענגעקניפּט דורך די שנאה פון אַן אַלגעמיינעם פיינד“. לעגט צו דאָס וואָרט „אידיש“ צו דיזער בעשטימונג און איהר וועט פערשטעהן, וואָס איך פערשטעה אונטער דעם נאָמען „די אידישע נאַציאָן“. הערצל׳ס פּלאַן איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען און מען האָט אָנגעווענדט אַלע קרעפטען צו בעקאַנט מאַכען מיט דיזען פּלאַן אַלע ציוניסטען ווי אויך די אייראָפּעאישע מעכטען.

עס איז בעשערט געווען, דאָס הערצל זאָל שטאַרבען ניט זעהענדיג זיין פּלאַן פערווירקליכט. אויסער ענגלאַנד, וועלכע איז אימער געווען פריינדליך צו אידען און האָט מיט׳ן גאַנצען האַרצען געוואָלט העלפען זיי, האָבען די וועלט־מעכטען דעם ציוניזם ניט געהאַלטען פיר וויכטיג, און האָבען איהם געשענקט וועניג אויפמערקזאַמקייט. פראַנקרייך, דייטשלאַנד און רוסלאַנד

האבען יעדע געהאט א בעזונדערען עגאאיסטישען אינטערעס אין פאלעסטינא. יעדע פון זיי האט געהאט צו מאכען א בעזונדער פרעטענזיע צו געווינען דארט די פאליטישע מאכט, ווען די טערקישע מאכט וועט געבראכען ווערען — א זאך, אויף וועלכע מען האט זיך שטענדיג געריכט. פראנקרייך האט גע־עטרעבט צו בעקומען פון דער טערקישער רעגירונג קאנצעסיאנען צו בויען אייזענבאהנען און צו גרינדען שולען אין פאלעסטינא אום צו געווינען דארט א גרויסען איינפלוס. דייטשלאנד האט אלע קרעפטען אנגעווענדט צו קאלאני־זירען פאלעסטינא מיט א גרויסער דייטשער בעפעלקערונג; רוסלאנד האט זיך מיה געגעבען צו גרינדען דארט מאנאסטירען צו פערברייטען דארט דעם פראוואסלאווגעם קריסטליכען גלויבען, וועלכער וועט צוציהען א גרויסע מא־סע פילגרימער נאך פאלעסטינא. די אידען האבען דאך ניט אויפגעהערט זייער פראפאגאנדא וועגען ערווערבען ארץ ישראל פיר זייער היים. גרוי־סע מענער זיינען צוגעשטאנען צו זיי און האבען געהאלפען צוגעבען מוט צו דיזען פערלאנג. מענשען ווי: נארדאו, יארק, שטיינער און בערנארד לאזאר פון אידען; און פון קריסטען: דער עסטרייכער באראן מאנטייפפעל, די באראנעסע פאן סוללנער, פראפעסאר מאזאריק, פראפעסאר ביארנסאן פון נארוועגען, די ענגלענדער האגגארד און האל קעין, דער אמעריקאנער טהאמאס דעווידסאן און דער רוסישער בעריהמטער שריפטשטעלער מאקסים גארקי — האבען געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דיזע בעוועגונג צווישען אידען, אבער האבען קיין עפעקט ניט געמאכט אויף די רעגירונגען. אויך די אידען זיינען באלד געקומען צו דער איבערצייגונג, דאס די פערווירקלי־כונג פון דער ציוניסטישער אידעע וועט נעהמען א לאנגע צייט, עס קענען אוועקגעהן פיעלע דורות ביז זייער האפנונג וועט ווערען א ווירקליכקייט. א גרויסער טייל פון דער שולד, וואס די זאך האט ניט דערגרייכט איהר ציל אין הערצל׳ס צייט, ליגט אויף די רייכע אידען, וועלכע האבען ניט געוואלט שאפען די סומע געלט, וואס הערצל האט געפאדערט צו בעצאלען דעם סול־טאן אבדול חאמיד פאר דעם טשארטער אויף פאלעסטינא, וועלכער האט זיך דאמאלס שטארק גענעטיגט אין געלט און איז בערייט געווען צו געבען אידען א טשארטער. ביי דער ערסטער אודיענץ ביים סולטאן אין 1901, האט הערצל אזוי שטארק נושא חן געווען ביי דיזען הערשער, דאס ער האט איהם געגעבען דעם ארדער מעדזשידי און הערצל איז געווען פול האפנונג, דאס ער וועט דעם טשארטער בעקומען, ווען ער וועט קריגען די נעטיגע סו־מע געלט. קומענדיג פון קאנסטאנטינאפעל נאך לאנדאן האט ער געהאלטען א רעדע פאר די מאקקאבעאנס, אין וועלכער ער האט אויסגעדריקט גרוי־

סע האָפנונג, דאָס זיין פּלאַן וועט דורכגעפיהרט ווערען, דאָס ער וועט קריגען אַ טשאַרטער, ווען ער וועט נאָר האָבען אַ מיליאָן און אַ האַלב פונט סטערלינג (זיבען און אַ האַלב מיליאָן דאָללאַר) צו די 10 מיליאָן פונט סטערלינג פון דעם קאָלאָניאַל-פאָנד, וואָס ער האָט שוין אָרגאַניזירט. אָבער זיין האָפנונג צו בעקומען דיזע סומע פון די אידישע עשירים איז ניט ערפילט געוואָרען. די אידישע עשירים האָבען זיך אויסגעלאַכט פון גאַנצען פּלאַן. די אָרימע אידישע קלאַס איז, פערשטעהט זיך, ניט אין שטאַנד געווען צו שאַפען אַזאַ סומע געלט, און אַזוי איז פון הערצל׳ס מיה גאָרניט געוואָרען.

די גאַנצע צייט איז הערצל געווען פיר פּאַלעסטינאַ אַלס אַ אידישע היים, הגם איז זיין „יודענשטאַאַט" איז ער ניט געווען אויסשליסליך פיר פּאַלעסטינאַ — ער וואָלט צופרידען געווען, דאָס אידען זאָלען האָבען אַ היים אַבי-וואו. ביי איהם איז אַרגענטינאַ אויך גוט געווען. הערצל איז געקומען צום אידישען פאָלק אַזוי ווי פון אויסענווייניג, ער האָט נאָר געקענט זעהן די פּראַקטישע זייט פון דער אידישער פראַגע. ער האָט זיך ניט געקענט רעכנען מיט די היסטאָרישע געפיהלען פון פאָלק, מיט זיינע אַלטע זכרונות. מיט דער צייט האָט ער אויך אָנגעהויבען צו פיהלען שטאַרקער וואָס פּאַלעסטינאַ איז פיר דעם אידען, ער האָט מיט דער צייט אָנגעהויבען צו פערשטעהן די גייסטיגע, די אידעאַלע בעדייטונג, וואָס פּאַלעסטינאַ האָט פיר אידען. די נעהענטערע בעקאַנטשאַפט זיינע מיט די אידען דורך די ציוניסטישע פיהרער פון די מזרח-אידען האָט אין איהם ערוועקט און ענטוויקעלט דעם וואַהרען סענטימענט, וואָס דער אמת׳ער איד האָט פיר פּאַלעסטינאַ און ער איז געוואָרען אַ ריכטיגער פּאַלעסטינער ציוניסט. ער האָט גוט פערשטאַנען וואָס פּאַלעסטינאַ איז פיר אַ אידען, וואָס פיר אַ היסטאָרישע בענקענים דער איד האָט פיר דיזעס לאַנד, ווי הייליג עס איז פיר איהם, און דאָס קיין אַנדער לאַנד קען ניט זיין ביי איהם אַזוי ליב ווי זיין אַלטעס פאַטערלאַנד. אַלס שטאַאַטסמאַן האָט ער אָפטמאָל ניט געקענט שטימען מיט זיינע געפיהלען אין דיזער פראַגע. די צייט האָט געוויזען, דאָס דער פּאַלעסטינער אידעאַל איז כמעט ניט מעגליך צו פערווירקליכען. מען איז געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס דער כיטרער אַבדול-האַמיד איז פאַלש מיט זיינע הבטחות, דאָס ער וויל אויסנוצען דעם ציוניזם צו דער פערווירקליכונג פון זיינע פּלענער און דעריבער מוז דער גאַנצער פּלאַן פון בעקומען פּאַלעסטינאַ פיר אידען אַלס אַן אייגענע היים אָפּגעלעגט ווערען אויף אַן אַנדערע גינסטיגע צייט. די אַלטע געזעצען פון טערקיי צו הינדערן אידען איינצואוואַנדערן אין פּאַלעסטינאַ, וועלכע זיינען שאַרפער געוואָרען אין 1906,

האָבען קלאָר בעוויזען, דאָס די האָפנונג פון אידען צוריקצוקעהרען זיך נאָך פּאַלעסטינאַ איז אַ פוסטער חלום ביי די יעצטיגע אומשטענדען. דערווייל אָבער איז די לאַגע פון די אידען אין רוסלאַנד און רומעניען געוואָרען ערגער, די נויט דאָרט האָט געשטיגען מיט יעדען טאָג און האָט געפאָדערט באַלדי־גע הילף. די אידישע נאַציאָנאַלע פראַגע איז געוואָרען שאַרפער. עס האָט געמוזט געמאַכט ווערען אַן ענדערונג אין דעם פּראָגראַם, כאָטש אויף אַ קור־צע צייט. אמת, פּאַלעסטינאַ מוז פערבלייבען דער ענד־ציל פון דער אי־דישער האָפנונג, אָבער די דערגרייכונג פון דיזען ציל געהערט צו אַ ווייטער, אונבעשטימטער צייט. וואָס טוט מען אָבער יעצט? די געדולד האָט ענד־ליך זיך אויסגעשעפּט ביי די אידען פון זייערע לאַנגע ליידען, די האָפנונג אויף געטליכע בעפרייאונג ווערט אַלע מאָל שוואַכער מיט דער אָפּשוואַ־כונג פון דער רעליגיאָן צווישען די אידישע מאַסען. הערצל האָט געפיהלט, דאָס די אידען וועלען ניט אין שטאַנד זיין דורכלעבען נאָך אַ יאָהרהונדערט ביי די יעצטיגע סאָציאַלע און פּאָליטישע צושטענדען פון די אַנדערע פעל־קער, און בלייבען פעסט ביי זייער רעליגיאָן און ערהאַלטען די אייגענשאַפ־טען פון זייער ראַסע. אויב ניט פּאַלעסטינאַ, קען אפשר דערווייל אַן אַנדער לאַנד פערגרינגערן די אידישע ליידען און אויפהאַלטען אין זיי זייער רעלי־גיעזען גייסט, זייער נאַציאָנאַל־געפיהל און זייער האָפנונג אויף פּאַלעסטינאַ? אַ לאַנד, וואָס זאָל דינען אַלס אַ סאָרט נאַכטלאַגער?

אין דיזער פראַגע זיינען די הויפּט־געגנער געווען די רוסישע ציונים־טען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך דאַמאָלס געבילדעט די „ציוני ציון“ (די ציון־ציוניסטען), דאָס הייסט די עסענץ פון די נאַציאָנאַלע ציוניכטען. אַן דער שפּיץ פון די „ציוני ציון“ איז געשטאַנען מ נ ח ם מ ע נ ד ע ל א ו ס י ש ק י ן פון יעקאַטערינאָסלאַוו, אַ מאַן מיט אַ הויכער אַלגעמיי־נער בילדונג, אָבער אַ הייסער ציוניסט לויט דער אַלטער אידישער טראַדי־ציאָן. אוסישקין מיט זיינע אַנהענגער האָבען געגלויבט, דאָס אַן אַנדער טעריטאָריע אויסער פּאַלעסטינאַ איז אַ מין פערראַט צו דער הייליגער אי־דעע פון שיבת ציון, זאָגאַר ווען די אַנדערע טעריטאָריע זאָל אָנגענומען ווע־רען אַלס אַ דערווייליגע אכסניה. בעסער צו פאָרטזעצען אַ לאַנגזאַמע קאָ־לאָניזאַציאָן אין פּאַלעסטינאַ איידער אָנצוהייבען בויען אַ אידישע היים אויף אַן אַנדער לאַנד. עס פערשטעהט זיך, אַז דיזע מיינונג איז געווען מעהר צום הארצען פון די רוסישע ציוניסטען און פון אידישען פאָלק אין אַלגעמיין, וועלכעס איז היסטאָריש צוגעבונדען צו פּאַלעסטינאַ מעהר ווי 3,000 יאָהר. הערצל אָבער אַלס שטאַאַטסמאַן האָט געזוכט אַ באַלדיגע לע־

זונג פון דער ברענענדער אידישער פראגע אין רוסלאנד און רומעניען. עס זיינען דאך געגרינדעט געוואָרען קאָמיטעטען צו זוכען אן אנדער טעריטאָ־ריע. עס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען די אינזעל ציפּרוס (קפריסין) אין 1899, אָבער דיזער פאָרשלאג איז פערוואָרפען געוואָרען אויף'ן 3טען קאָנ־גרעס, ווייל די דעלעגאטען, וואָס האָבען אויסגעפאָרשט דיזע אינזעל, האָבען געגעבען א ניט גינסטיגען בעריכט וועגען איהר. אין 1901 האָבען די דייטשע ציוניסטען פאָרגעשלאָגען אלס טעריטאָריע פיר אידען על־אריש אויף דער האלב־אינזעל סיני, וואָס ליגט צווישען מצרים און פאלעסטינא. די ענגלישע ציוניסטען האָבען אויך איינגעשטימט צו דיזען פלאן און האָבען אויסגעווירקט ביי דער ענגלישער רעגירונג איהר הסכמה צו געבען די אידען, וואָס וועלען זיך דאָרט בעזעצען, פולע אויטאָנאָמיע. עס איז ערוועהלט גע־וואָרען א קאָמיסיאָן פון ענגלישע, דייטשע און פאלעסטינישע ציוניסטען צו בעזוכען דאס לאנד. אָבער די מרגלים האָבען געבראכט ניט קיין צופרי־דענשטעלענדע ידיעה פון דעם פיזישען צושטאנד פון דעם לאנד און דער פלאן איז פערוואָרפען געוואָרען. די טעריטאָריאליסטען האָבען זיך דאמאָל געווענדעט צו אפריקא. די ענגלישע רעגירונג האָט דורך דזשאָזעף טשעמבער־לעין געגעבען איהר הסכמה צו גרינדען אין אוגאנדא, אסט־אפריקא, א קאָלאָניע פון אידען און האָט זיי פערשפּראָכען צו געבען א געוויסע אויטאָ־נאָמיע זיך אויפצופיהרען און לעבען לויט זייערע נאציאָנאלע געזעצען און מנהגים און אליין בעשטימען בעאמטע פון זיך צו רעגירען די קאָלאָניע. עס פערשטעהט זיך, אונטער דער קאָנטראָל פון דער ענגלישער רעגירונג. די ציוניסטען פון די מערב־לענדער פון אייראָפּא זיינען צופרידען געווען מיט דיזען פּראָיעקט. די רוסישע ציוניסטען אָבער זיינען געווען שטארק דאגעגען און האָבען פּראָטעסטירט געגען דעם פלאן. אין סעפּטעמבער פון יאָהר 1902 האָבען די רוסישע ציוניסטען צוזאמענגערופען אין מינסק א קאָנגרעס. אויף דיזען קאָנגרעס זיינען צוזאמענגעפאָהרען 500 דעלעגאטען, וועלכע האָבען אָנ־גענומען א רעזאָלוציאָן צו גרינדען א נאציאָנאל־פאָנד אויסשליסליך פיר דעם צוועק צו קאָלאָניזירען פאלעסטינא. נאָך איידער די ענגלישע רעגירונג האָט ארויסגעגעבען איהר הסכמה צו גרינדען א אידישע קאָלאָניע אין מזרח־אפריקא האָבען די רוסישע ציוניסטען שוין געמאכט א שטארקע אגיטאציאָן געגען דיזען פּראָיעקט. די פראגע איז פאָרגעקומען אויף'ן 6טען קאָנגרעס אין באזעל אין יאָהר 1903, און זי האָט ארויסגערופען א גרויסען שטורם. אום איינצושטילען די רוסישע דעלעגאטען האָבען דר. הערצל און מאקס נאָרדאו ערקלערט, דאס מען דענקט גאָר ניט אויפצוגעבען די ציון־פראגע.

די קאלאניע פון מזרח־אפריקא ווערט בעטראכט נאר אלס א דערווייליגער מקום מקלט פיר די פערפאלגטע אידען אין רוסלאנד און רומעניען. אייניגע טעג האבען געדויערט די דעבאטען וועגען דיזער פראגע. ענדליך איז בע־שלאסען געווארען צו שיקען אן עקספעדיציאן נאך אוגאנדא, אין מזרח־אפ־ריקא, צו בעטראכטען דעם ארט און צו זעהן ווי וויט ער פאסט פיר א אי־

מנחם מענדעל אוסישקין.

דישע קאלאניע. די וויכטיגסטע פון די רוסישע ציוניסטען האבען פערלאזען די פערזאמלונג און זיינען ארום מיט א ביטערען געוויין, בעטראכטענדיג דיזע רעזאלוציאן אלס א טויט־קלאפ פיר זייער הייליגע אידעע וועגען שיבת ציון. „אחד העם" האט אנגעשריבען א זעהר בייסענדען ארטיקעל אויף די־זען צופאל און האט שטארק אטאקירט דעם פאליטישען ציוניזם.

דער אוגאַנדאַ־פּלאַן האָט געשאַפען אַ קריזיס אין ציוניזם. ער האָט געבראַכט אַ שפּאַלטונג צווישען די מזרח־ציוניסטען און די מערב־ציוניסטען. אַ אידישער סטודענט אין פּאַריז מיט׳ן נאָמען לובאַן, וועלכער איז משוגע געוואָרען פון פערדראָס, האָט געוואָלט ערמאָרדען נאָרדאו׳ן. אין דער צייט, ווען דער 6טער קאָנגרעס האָט געהאַלטען זיינע זיצונגען, האָט אוסישקין פערזאַמעלט אַ בעזונדער קאָנגרעס פון די איבערגעבענע ציוניסטען אין דער קאָלאָניע „זכרון יעקב". מיט איינעגע מאָנאַטען שפּעטער האָבען זיך די רוסישע ציוניסטען פערזאַמעלט אין חאַרקאָוו און האָבען בעשלאָסען צו שיקען צו הערצל׳ען אַ דעלעגאַציאָן, ער זאָל גאַרניט טאָן וועגען דער אוגאַנדאַ־פּראַגע ביז דעם 7טען קאָנגרעס, און דערווייל זאָל ער די געלטען פון נאַציאָנאַל־פאָנד געברויכען אויסשליסליך פיר קאָלאָניזירען פּאַלעסטינאַ; און ווען ער וועט ניט איינשטימען דערויף, וועלען די רוסישע ציוניסטען אויפהערען צו שיקען זייערע בייטראַגען צום אַלגעמיינעם ציוניסטישען פאָנד. דעם 11טען אַפּריל 1904 איז אָנגעקומען אין וויען אַ דעלעגאַציאָן פון דריי וויכטיגע ציוניסטען: ראָזענבלום, בעלקאָווסקי און טעמקין, און האָבען איבערגעגעבען אין דער אַנוועזענהייט פון דעם גרויסען אַקציאָנס־קאָמיטע די געשריבענע פאָדערונג פון די רוסישע ציוניסטען. מיטגלידער פון דעם גרויסען אַקציאָנס־קאָמיטע האָבען געזעצליך ניט געקענט אַריינגעהן מיט די דעלעגאַטען אין פערהאַנדלונגען, ווייל די אוגאַנדאַ־פּראַגע איז בע- שלאָסען געוואָרען פון אַ מאַיאָריטעט פון 6טען קאָנגרעס. הערצל און דאָס אַקציאָנס־קאָמיטע האָבען געמוזט איבערטראָגען ביטערע שטורמדיגע אַטאַקעס פון די רוסישע ציוניסטען. דיזער אולטימאַטום מיט די אַטאַקעס פון די רוסישע ציוניסטען האָבען געהאַט אַ זעהר שלעכטע ווירקונג אויף זיין גע־ זונדהייט און מיט דריי חדשים שפּעטער (דעם 3טען יולי 1904) איז הערצל געשטאָרבען פון האַרץ־קלעמענים. די ציוניסטען האָבען שטאַרק חרטה גע־ האַט אויף זייערע האַנדלונגען געגען הערצל׳ען, אָבער זייער אַגיטאַציאָן גע־ גען דעם אוגאַנדאַ־פּלאַן האָבען זיי ניט אויפגעגעבען. אויף׳ן 7טען קאָנגרעס, וועלכער האָט שטאַטגעפונען דעם 30טען יולי 1905, האָט די מאַיאָריטעט פון די דעלעגאַטען פערוואָרפען דעם אוגאַנדאַ־פּלאַן, ווייל ער איז געגען דעם באַזעלער פּראָגראַם. עס האָבען זיך אָבער געפונען אָנהענגער פון דיזען פּלאַן און דיזע האָבען געגרינדעט אַ בעזונדער אָרגאַניזאַציאָן אונטער׳ן נאָמען „י. ט. א.", ד. ה. „אידישע טעריטאָריעלע אָרגאַניזאַציאָן", צו וועלכער עס זיינען באַלד צוגעשטאַנען די פּועלי ציון — דאָס זיינען אידישע אַרביי־ טער־סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען פיר די אידעע צו גרינדען אַ אידישען

שטאאט, אָבער זיי זיינען ניט שטארק מקפיד עס זאָל דוקא זיין אין ארץ ישראל. אָן דער שפּיץ פון דער נייער אָרגאַניזאַציאָן זיינען געשטעלט געוואָרען ישראל זאַנגוויל, דער בעריהמטער ענגלישער שרייבער, און פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם פון קיעוו. דער צוועק פון דיזער אָרגאַניזאַציאָן איז געווען צו שאַפען און פערזיכערן אַ היים פיר פערפאָלגטע אידען. אָבער דער פּלאַן איז פון אָנהייב אָן געווען אַ דורכפאַל, ניט נאָר ווייל זאַנגוויל איז ניט געווען דער מענש צו זיין אַ פיהרער פון אַ גרויסער פּאָליטישער אָדער עקאָנאָמישער בעוועגונג, נאָר איבערהויפּט ווייל דעם פּלאַן האָט געפעהלט דער גייסט, אין וועלכען אַ גרויסער אידעאַל קען פערווירקליכט ווערען. דער טעריטאָריאַליזם איז בעשאַפען געוואָרען אין די מוחות פון די פּייגלינגען, וועלכע זעהענדיג ווי די געדולד האָט געפּלאַצט ביי די אידען פון זייערע טויזענד־יעהריג ליידען, האָבען בעשלאָסען צו שאַפען פיר זיי אַ שטיקעל מקום מנוחה פיר אַ קורצע צייט, הגם עס קען זיין ניט זעהר זיכער. וואָלט די „י. ט. א.” געהאַט דעם צוועק צו העלפען אויף דערווייל די ליידענדע אידען, ווי דער אַרגענטינאַ־פּלאַן, וואָלט ער פערדינט זעהר ווענינ צו ווערען קריטיקירט. אָבער די „י. ט. א.”־בעוועגונג האָט געהאַט אַלס ציל פיעל מעהר — זי האָט געוואָלט פערטרעטען דעם אָרט פון ציוניזם אין די אידישע הערצער; זי האָט זיך פערמאָסטען צופרידען שטעלען די אידישע נאַציאָנאַל־געפיהלען, בעזאָרגענדיג זיי נאָר מיט מאַטעריעלע מיטלען. און ווייל עס האָט דיזער בעוועגונג געפעהלט אַ נשמה, אַן אידעאַל, דעריבער איז זי געווען אַ דורכפאַל. די „י. ט. א.” האָט זיך געלאָזען זוכען אַ לאַנד פיר אידען ניט נעהמענדיג אין אָנבעטראַכט די אידישע פערגאַנגענהייט, זייערע טראַדיציאָנען, וועלכע בינדען זיי צו אַ געוויסען היסטאָרישען לאַנד. די „י. ט. א.” האָט אין איין און דער זעלבער צייט פאָרגעשלאָגען פיר אַ אידישע היים פערשיידענע לענדער: צירענאַאיקאַ, קאַנאַדאַ, אויסטראַליען, מעסאָפּאָטאַמיען און דאַנגאָלאַ. נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג האָבען זיי אויסגעפונען, דאָס דיזע אַלע לענדער טויגען ניט פיר אידען, און דאַן האָבען זיי פאָרגעלעגט אַ פּלאַן צו בעזעצען אַ גרויסע צאָהל אידען אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ, אָבער ניט אין די ערטער, וואו זיי האָבען זיך שוין בעזעצט אין די פריהערדיגע צייטען, ווי ניו יאָרק, פילאַדעלפיא, באַלטימאָרע א. אז. וו., נאָר אין טעקסאַס, אום זיי זאָלען זיך ניט ווארפען צופיעל אין די אויגען פון דער אַמעריקאַנישער בעפעלקערונג. מען האָט פיר אַ צייט געשיקט אידען נאָך אַמעריקאַ אין שיפען, וועלכע זיינען געגאַנגען צו דעם פּאָרט פון גאַלוועסטאָן, טעקסאַס, אָבער דער פּלאַן איז דורכ-

געפּאַלען, ווייל דאָס לעבען פון די זידליכע שטאַאַטען איז ניט געווען אָנציה־ענד פיר די עמיגראַנטען, וואָס זיינען אָנגעקומען דורך גאַלוועכטאָן, און זיי זיינען אין אַ קורצער צייט אַוועק פון דאָרט און זיך בעזעצט אין די מזרח־שטעדט. מיט דעם טויט פון פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם אין 1912 איז די

ישראל זאַנגוויל.

גאַנצע בעוועגונג שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרען, און אויך די עמיגראַציאָן דורך גאַלוועסטאָן איז דורכגעפאַלען. זאַנגוויל, דער פיהרער פון „י. ט. א.", האָט זיך ענדליך ענטזאַגט פון דעם טעריטאָריאַליזם און איז ווידער אי־בערגעגאַנגען צום ציוניזם.

די גרויסע וועלט־מלחמה האָט אויף'ן ציוניזם קיין שלעכטע ווירקונג ניט געהאַט. הערצל'ס טויט איז געווען אַ גרויסער פערלוסט פיר דעם ציוניזם, אָבער האָט ניט געשטערט זיין ווייטערע ענטוויקלונג; אין געגענטייל, הערצל'ס טויט האָט געווירקט אויף די ציוניסטען, דאָס זיי זאָלען זיך מיט מעהר ענערגיע נעהמען דורכצופיהרען די פּלענער פון זייער גרויסען פיהרער. מען האָט פאָרגעשלאָגען נאָרדאו זאָל פערנעהמען הערצל'ס פּלאַץ, אָבער ער האָט זיך ענטזאָגט, ווייל ער האָט זיך ניט געפיהלט גענוג פעהיג צו פאָרטזעצען זיין ארבייט. נאָר ד ו ד וואָלפזאָהן האָט ענדליך איינגעשטימט צו פערנעהמען הערצל'ס אָרט נאָך דעם, ווי די וויכטיגסטע ציוניסטען האָבען איהם פערשפּראָכען זייער שטיצע. די יאָהרען נאָך הערצל'ס טויט זיינען פערבראַכט געוואָרען אין פעראייניגען די פערשיידענע קרעפטען און אין פּראָפּאַגאַנדאַ. מען האָט ניט פערגעסען אויף איין מינוט דעם פּאָליטישען צוועק פון דעם ציוניזם. אָבער מען האָט זיך בעוואָפענט מיט געדולד צו וואַרטען אויף אַ גינסטיגען מאָמענט, און די היסטאָרישע אידישע געדולדיגקייט האָט זיי געהאָלפען ניט צו פערלירען דעם מוט. מען האָט אָנגעהויבען צו נעהמען אין בעטראַכט און צו לעזען פערשיידענע פראַגען, וואָס זיינען נוגע צו ארץ ישראל, און עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ ספּעציעלע פּאַלעסטינאַ־קאָמיסיאָן. די קולטור־אַרבייט, וועלכע איז פריהער געשטאַנען אין הינטערגרונד, איז יעצט געוואָרען פון די ברענענדע פראַגען, וועלכע מען האָט זיך מיט ענערגיע גענומען צו לעזען. עס האָט זיך שנעל ענטוויקעלט אַ גלענצענדעס סיסטעם פון ערציהונג; עס זיינען געגרינדעט געוואָרען אַ גימנאַזיום און אַ שולע פיר מיידלאך אין יפו, אין וועלכע אַלע לעהר־געגענשטאַנדען זיינען געלערנט געוואָרען אין דער העברעאישער שפּראַך. דאָס זעלבע איז איינגעפיהרט געוואָרען אין אַלע אַנדערע שולען אין די קאָלאָניעס און אין די שטעדט. די וויכטיגסטע ערשיינונג אין אידישען לעבען אין ארץ ישראל אין די לעצטע 25 יאָהר איז די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע איז געוואָרען אַן אמת'ע לעבעדיגע שפּראַך: די מוטערס פערזויגען זייערע קינדער מיט העברעאישע וויגלידער, די קינדער שפּילען זיך און רעדען צווישען זיך העברעאיש, און אויך די דערוואַקסענע געברויכען נאָר העברעאיש אין אַלע זייערע געשעפטען און האַנדלונגען. העברעאישע צייטונגען, ווי דער „חבצלת" פון פרומקין און דער „הצבי" פון בן יהודה, וועלכער איז שפּעטער פערוואַנדעלט געוואָרען אין „האור", האָבען פיעל געהאָלפען צו דער בעוועגונג פון העברעאיש. די „מזרחים", אָדער די שטרענגע אָרטהאָדאָקסישע ציוניס־

טען, האבען אויך געגרינדעט לעהר־אנשטאלטען אין יפו און ירושלים, ווי דער „תחכמוני“, אן ארטהאדאקסישעס גימנאזיום, און אנדערע שולען אויף די יסודות פון דער ארטהאדאקסיע. אין ירושלים געפינען זיך מעהר פון 60 טויזענד אידען. אין ארץ ישראל איז ניטא נאך א שטאדט מיט אזא צאהל רייכער אידישער בעפעלקערונג. אבער אין בילדונג זיינען די ירושלים'ער אידען ווייט הינטערשטעליג. זייער פרומקייט ערלויבט זיי ניט זיך צו פיעל בעשעפטיגען מיט וועלטליכע ידיעות. דאגעגען איז די שטאדט יפו א נעסט פון בילדונג. די ליבעראלע אידען זוכען דעריבער בעסער זיך צו בעזעצען אין יפו. צו יפו איז צוגעבויט געווארען פון געבילדעטע אידען א פארשטאדט מיט'ן נאמען „תל אביב“, וועלכע איז בעריהמט אין גאנצען לאנד מיט איהרע שענע בנינים און רייכקייט. די מעהרסטע איינוואוינער פון דיזער פארשטאדט זיינען אינטעליגענטע אידען.

עס איז געקומען א צייט, ווען די ציוניסטען האבען אויפגעהערט צו פיהלען א נויטווענדיגקייט צו קריגען א טשארטער אויף פאלעסטינא. דאס איז געוועזען אין יאהר 1908, ווען די יונג־טערקען האבען ארונטערגעזעצט דעם דעספאטישען סולטאן אבדול־חאמיד און האבען ארויסגעגעבען א נייע ליבעראלע קאנסטיטוציאן. עס האט זיך דאמאלס געגרינדעט א קאמיטע אונטער'ן נאמען „דאס קאמיטע פון פעראייניגונג און פראגרעס“, וועלכעס האט געהאט דעם צוועק צו פעראייניגען די פערשיידענע עלעמענטען פון לאנד צו געהן האנט־אין־האנט צום ציל פון פראגרעס און פרייהייט. אמת, דיזעס קאמיטע האט געהאט זיין ציל צו פעראייניגען אלע פעלקערשאפטען פון טערקיי אין איין אטאמאנישע אימפעריע, א שטרעבונג, וואס איז דורכאויס געגען דער שטרעבונג פון די ציוניסטען, אבער פון דער אנדערער זייט זיינען די ציוניסטען שוין לאנג געקומען צו דער איבערצייגונג, דאס פון דעם דעספאטישען סולטאן אבדול־חאמיד, קענען זיי קיין גוטעס ניט ערווארטען. זיי האבען מעהר געקענט ערווארטען פון דער נייער קאנסטיטוציאן, וועלכע גיט זיי דאס רעכט צו קאלאניזירען דאס לאנד און שאפען א קולטור נאך זייער אייגענעם וואונש און געשמאק. אונטער א פרייער קאנסטיטוציאן וואלט פיר די ציוניסטען געוועזען מעגליך צו בעקומען אויטאנאמיע אהן בעזונדערער שוועריגקייט, ווען זיי וואלטען דארט געהאט א מאיאריטעט. לויט דעם גייסט פון די יונג־טערקען איז דער פרינציפ פון צענטראליזירען די רעגירונג אפגעשאפט געווארען: יעדע פראווינץ האט געזאלט זיך פיהרען און רעגירען לויט איהרע בעדערפניסען און איהרע קאנדיציאנען. אזא ארדנונג האט געפאסט זעהר צום וואונש פון די ציוניסטען

און באמת האָבען די אידישע קהלות קיין מאָל ניט געלעבט אזוי רוהיג אין ארץ ישראל, ווי אין די זעקס יאָהר פון 1908, ווען די קאָנסטיטוציאָן איז אַרויסגעגעבען געוואָרען, ביז 1914, ווען די גרויסע מלחמה האָט אויס־געבראָכען.

א ביישפּיל פון דעם גרויסען אויסוואוקס פון דעם אידישען נאַציאָנאַל־גייסט אונטער דער נייער פרייהייט קען דינען די מחלוקה וועגען דער שפּראַך־



פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם.

פראגע אין דעם פּאָליטעכניקום אין חיפה, וועלכע איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1913. דיזע אַנשטאַלט איז געבויט געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון דעם אידיש־דייטשען „הילפס־פעראיין" אין בערלין. די מיטלען צו אויס־בויען דאָס פּאָליטעכניקום האָבען געגעבען א טייל די דייטשע יהודים,

אָבער דעם מעהרסטען טייל האָבען געגעבען די אַמעריקאַנישע אידען. אין אַלע אידישע לעהר־אַנשטאַלטען איז העברעאיש שוין דאַמאָלס געווען די הערשענדע שפּראַך, אויף וועלכער אַלע לעהר־געגענשטענדען זיינען געווען ערקלערט. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס פּאָליטעכניקום האָט ניט געדאַרפט מאַכען קיין אויסנאַהמע אין דיזער הינזיכט. גאַנץ אַנדערש האָבען געקוקט אויף דיזע פראַגע די פיהרער פון „הילפספעראיין" אין בערלין. זייער דייטשער פּאַטריאָטיזם האָט זיי דיקטירט, דאָס אין פּאָליטעכניקום זאָל די הערשענדע שפּראַך זיין די דייטשע און ניט די העברעאישע, אום דורך די דייטשע שפּראַך צו פערשפּרייטען און פערשטאַרקען דעם דייטשען איינפלוס אין לאַנד. דייטשלאַנד האָט לאַנג געקוקט מיט קנאה, וואָס די פראַנצויזישע שפּראַך ווערט מעהר און מעהר פערשפּרייט אין פּאַלעסטינאַ, און איז געווען זעהר צופרידען מיט דעם, וואָס דער „הילפספעראיין" האָט זיך איינגעשפּאַרט איינצופיהרען די דייטשע שפּראַך אַלס הערשענדע אין פּאָליטעכניקום. ווען די פראַגע איז אין 1913 פערהאַנדעלט געוואָרען אין קוראַטאָריום (פערוואַלטונג) אין בערלין, איז בעשלאָסען געוואָרען, ניט קוקענדיג וואָס איינינע פון די דירעקטאָרען האָבען פּראָטעסטירט געגען דעם, דאָס די דייטשע שפּראַך זאָל זיין די הערשענדע אין פּאָליטעכניקום. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס די ציוניסטישע דירעקטאָרען פון קוראַטאָריום האָבען רעזיגנירט. די אידישע פּרעסע אין אַלע לענדער האָבען אויפגעהייבען אַ גוואַלד געגען דער גרויסער עולה, וואָס די בערלינער יהודים האָבען געטאָן צום אידישען פאָלק און זיין שפּראַך. אויך די אַמעריקאַנישע אידען, וואָס האָבען געגעבען גרויסע סומעס געלט, ווי דער בעוואוסטער פילאַנטהראָפּ דזשייקאָב שיף און אַנדערע, האָבען פּראָטעסטירט געגען דער גרויסער עולה. איבערהויפּט איז דער געשריי געווען גרויס אין פּאַלעסטינאַ. דאָרט איז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, ווי איין פּערזאָן, אַרויס מיט אַ הילכיגען פּראָטעסט געגען די דייטשע מה־יפית'ניקעס, די מיטגלידער פון „הילפספעראיין". די אידישע לעהרער פון אַלע אידישע שולען זיינען אַרויס אין אַ סטרייק געגען דער רעזאָלוציאָן פון דעם „הילפספעראיין", האָבען געגרינדעט נייע שולען, און די שילער פון די פריהערדיגע שולען, וואָס האָבען זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון די דייטשע יהודים, האָבען אויך געסטרייקט און האָבען פערלאָזען די אַלטע שולען. די ביטעס פון דעם פאָרשטעהער אָדער פיהרער פון פעראיין, פּאָל נאַטהאַן, און די מעשים פון זיין געהילף אפרים קאָהן אין ירושלים, וועלכער האָט געוואָלט צווינגען די אידען צו אויפגעבען דעם סטרייק מיט דער הילף פון דער טערקישער רעגירונג, האָבען גאָרניט

געהאָלפען. די אידען אין פּאַלעסטינא האָבען געפיהרט א מלחמת מצוה פיר די עהרע פון זייער הייליגער נאַציאָנאַלער שפּראַך, אזוי ווי אמאָל זייערע בעריהמטע העלדען די מאַקקאַבעער (חשמונאים) האָבען געקעמפּט פיר די עהרע פון זייער פאָלק. אויף זייער זייט זיינען געווען די בעסטע אידען פון אייראָפּא און אמעריקא, וועלכע האָבען פעראַנשטאַלט גרויסע מאַס־מיטינגען, דורכגעפיהרט רעזאָלוציאָנען, אין וועלכע זיי האָבען פערדאַמט די שטרעבונגען און די ארבייט פון די אידיש־דייטשע אסימילאַטאָרען, און האָבען געשאַפען גרויסע סומען געלט צו העלפען די סטרייקערס און זייערע נייע שולען. דער פאַקט האָט בעוויזען, דאָס דער אידיש־נאַציאָנאַלער אידעאַל, פון וועלכען די שפּראַך־אויפלעבונג איז א וויכטיגער טייל, איז שטאַרק גענוג צו געווינען א שטרייט געגען אזא מעכטיגער אסימילאַציאָנס־קראַפט, ווי דער אידיש־דייטשער „הילפספעראיין”.

דאָס אַלעס האָט געמאַכט דער 2,000־יעהריגער חלום פון פאָלקס־אויפלעבונג אין פּאַלעסטינא אָהן אויטאָנאָמיע און אָהן דער גאַראַנטיע פון טערקיי אָדער פון אַנדערע מעכטען. די ליבע און טרייע צובינדליכקייט צו ארץ ישראל האָט איינגעפלאַנצט אין דעם הארצען פון דעם אידישען פאָלק דעם גלויבען, אז דאָס לאַנד איז זיינס, ניט אַכטענדיג, וואָס עס איז דערוייל אין פרעמדע הענט, און ווען עס האָט זיך איהם געמאַכט די מעגליכקייט צו נעהמען זיך ענערגיש עס בעאַרבייטען, האָט ער בעוויזען, דאָס ער קען אויפטאָן אין זיין לאַנד וואָס קיין אַנדערער קען ניט. אזוי אז די קריסטליכע און מאַחמעדאַנישע שונאים האָבען בעוואונדערט די ענערגיע און פעהיגקייט, וואָס די אידען האָבען געצייגט אין בעאַרבייטען זייער לאַנד. אין ווענינגער ווי 40 יאָהר האָט דער איד בעוויזען, אז ער קען זיין און איז זעלבסט דער שמיד פון זיין שיקזאַל, און קען זעלבסט שאַפען פיר זיך א גוטען עקאָנאָמישען צושטאַנד און קולטור־פּראָגרעס אין דעם לאַנד, וועלכעס ער איז געקומען צו בעפרייען פון זיין טויזענד־יעהריגער וויסטקייט און צו מאַכען עס בליהען דורך זיין ענערגיע און פלייס. אז דאָס לאַנד ארץ ישראל האָט א בעזונדער אָנציהונגס־קראַפט פיר אידען פון אַלע לענדער, בעווייזען קלאָר די פערשיידענע קליידער, שפּראַכען און געזיכטס־קאָלאָרען פון דער אידישער בעפעלקערונג יעצט אין ארץ ישראל. מען בעגעגענט דאָ אידען פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער, פון אמעריקא, פון קליין אזיען, ארם־נהרים (מעסאָפּאָטאַמיען), פּרס, קורדיסטאַן, מאַראָקקאָ, רייכע אידען פון בוכארא, ערד־ארבייטער פון יעמען אין דרום־אראַביען. אויסער די ערד־ארבייט האָבען די אידען אין די עטליכע צעהנדליג יאָהר ענטוויקעלט א היבשען מסחור. די אי-

דישע באַנק האָט פיעל געהאָלפען צו שאַפען אַ קרעדיט פיר אַלע קלאַסען אידען אין ארץ ישראל, ערד־אייגענטימער, סוחרים, או. אַנד., און ניט נאָר פיר אידען נאָר אויך פיר קריסטען און מאַהמעדאַנער. די „בצלאל־שולע" פיר קונסט, אונטער דער פיהרערשאַפט פון פּראָפעסאָר באָריס שאַץ, האָט געשאַפען אַ נייעם צווייג פון אידישער קונסט. די פּראָדוקטען פון דיזער קונסטאַרבייט זיינען געווען אויסגעשטעלט אין פערשיידענע שטעדט פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ, וואו זיי זיינען פערקויפט געוואָרען אין גרויסע מאַסען. אייניגע אַמעריקאַנישע רייכע אידען האָבען זיך גענומען צו ענטוויקלען אין ארץ ישראל די קליידונג־געשעפטען, אָבער די גרויסע מלחמה האָט אויסגעבראָכען און האָט צושטערט זייערע פּלענער.

מיט דעם אַריינטרעטען פון טערקיי אין דעם גרויסען וועלט־קריג האָט פּאַלעסטינאַ באַלד דערפיהלט די ליידען, וואָס דיזע מלחמה האָט געבראַכט צו אַלע פעלקער, נאָהענט און ווייטע. דאָס לאַנד איז באַלד אָפּגעשניטען געוואָרען פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע האַנדעלס־פּלעצער. פּאַלעסטינאַ האָט באַלד אָנגעהויבען צו פיהלען איהר אונבעהאָלפענקייט, ווייל זי האָט אימער געדאַרפט אָנקומען צו אַנדערע לענדער, זיי זאָלען זי בעזאָרגען מיט פיעלע נעטיגע זאַכען צום לעבען, וועלכע עס פעהלען איהר. די טערקישע רעגירונג, וועלכע איז אימער געווען ליבעראַל צו אידען אין צייט פון פרידען, איז יעצט געוואָרען זעהר טיראַניש. אויסער דעם, וואָס אַ גרויסע צאָהל אידישע יונגע לייט זיינען צוגענומען געוואָרען אין דער אַרמעע און מען האָט מיט גוואַלד צוגענומען פון זיי אַלעס, וואָס זיי האָבען געהאַט, זיינען פיעלע אידען, וואָס זיינען ניט געווען קיין אָטאָמאַנישע אונטערטאַנען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון לאַנד און די אידען פון יפו זיינען כמעט אין גאַנצען פון שטאָדט אַרויסגעטריבען געוואָרען. דזשעמיל פּאַשאַ, אין וועמעס הענט עס איז איבערגעגעבען געוואָרען דער שיקזאַל פון אַ זעהר גרויסען טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג, האָט געשטעלט דאָס לאַנד אין קריגס־צושטאַנד, און דאָס פאָלק אין אַלגעמיין און די אידען איבערהויפּט זיינען רואינירט געוואָרען. טויזענדער אידען זיינען מיט גוואַלד אַרויסגעזעצט געוואָרען אויף אַמעריקאַנישע שיפען און זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרען אין אַלעקסאַנדריען, עגיפּטען, וואו זיי זיינען געפאַלען צו לאַסט אויף די אידישע קהלה ביז עס איז אָנגעקומען הילף פון די פעראייניגטע שטאַאַטען און מען איז אין שטאַנד געווען פיעלע פון זיי צו איבערשיקען נאָך אַמעריקאַ. דער גירוש איז געווען מיט אַזאַ אכזריות, דאָס מען האָט קיין אָרדנונג ניט אין זינען געהאַט: קינדער זיינען געווען צושיידט פון עלטערן, ווייבער פון

זייערע מענער או. אז וו., און זעהר פיעלע זיינען אין טומעל גאר דער'הרג'עט געוואָרען. די ארבייט פון די ציוניסטען איז ערקלערט געוואָרען פיר אונגע-זעצליך און שעדליך. אייניגע פון די ציוניסטישע פיהרערס זיינען אריינ-געוואָרפען געוואָרען אין געפענגניס, פיעלע אַנדערע, איבערהויפּט די לעהרער און די פּרינציפּאַלען פון די שולען, זיינען צולאָפען אין די לענדער פון די אַלליאירטע און נאָך אַמעריקאַ.

צום גליק איז יעצט געשעהען אַ עראייגניס, וואָס טרעפט איבער אַלעס, וואָס האָט ביז יעצט פּאַסירט. דיזע עראייגניס האָט געמאַכט די האָפ-נונג פון די ציוניסטען פיר אַ ווירקליכקייט און האָט אַנערקענט די אי-דעע'ס היסטאָרישע תביעה אויף דאָס לאַנד פון זייערע עלטערן, אויף ארץ ישראל, אַלס אַ גערעכטע. אין דיזער צייט האָבען אייניגע יונגע לייט פון די אידען אין אַלעקסאַנדריען בעשלאָסען צוזאַמענצושטעלען אַ קליינע אַרמעע צו העלפען די אַלליאירטע צו דערגרייכען זייער צוועק — איינפיהרען אין דער וועלט דעמאָקראַטיע און העלפען די קליינע אונטערדריקטע פעלקער זיך בעפרייען פון דעם יאָך פון די שטאַרקע מעכטען און ווערען זעלבשטענדיג. ענגלאַנד האָט זיך דאַמאַלס פאַרבערייט אַפּצונעהמען די דאַרדאַנעללען פון טערקיי. די פאַרבערייטונג איז געשעהען אין עגיפּטען. דאַמאַלס איז אַרויס וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, אַ הייסער ציוניסט, אַ זשורנאַ-ליסט פון רוסלאַנד, וועלכער איז דאַמאַלס געווען אין עגיפּטען צוזאַמען מיט אַנדערע אַרויסגעטריבענע מיט אַ פּלאַן צו אָרגאַניזירען אַ אידישע אַרמעע צו העלפען ענגלאַנד. ער האָט פאָרגעשלאָגען אַ פּלאַן צום גענעראַל דזשאָהן מאַקסוועלל, צו בילדען אַ ציוניסטישען רעגימענט סאָלדאַטען צו העלפען ענגלאַנד אין איהר קריג געגען טערקיי. מיט דיזען רעגימענט האָט זשאַבאָ-טינסקי גערעכענט צו פערשטאַרקען די אידישע תביעה אויף פּאַלעסטינאַ. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען. מען האָט בעשטימט אַלס קאָמאַנדיר פיר דיזען רעגימענט אַ געוויסען יונגען העלד דזש. ה. פּאַטערסאָן, וועלכער איז אַ שטאַרקער פערעהרער פון דער אידישער ראַסע. דיזער רעגימענט איז בעשטאַנען פון 500 יונגע ציוניסטען און האָט געקראָגען דעם נאָמען „ציון מיול-קאָרפּוס" (אַ קאָרפּוס פון רייטער אויף מויל-עזלען). אין די ערסטע טעג פון פריהלינג פון יאָהר 1915 איז דער אידישער קאָרפּוס סאָל-דאַטען איינגעשוואָרען געוואָרען דורך דעם אויבער-ראַבינער פון אַלעקסאַנד-ריען צו דינען טריי צו די אַלליאירטע און דעם 2טען אַפּריל זיינען זיי שוין געווען אין לאַגער און האָבען אָנגעהויבען זיך איבען אין דער מיליטער-קונסט. דער סימבאָל אויף זייער פלאַג איז געווען דער מגן דוד. די שפּראַך,

וואָס איז געברויכט געוואָרען ביי דעם לערנען די אידישע סאָלדאַטען, איז געוועזען העברעאיש. דער אַרמעע־קאָמאַנדיר האָט דיזען קאָרפּוס ניט געשיקט אין די טראַנשעען (טרענטשעס), נאָר ער האָט זיי בענוצט צו שאַפען וואַסער און אַנדערע נעטיגע זאַכען פיר די סאָלדאַטען אין די טראַנשעען. שפּעטער זיינען זיי געשיקט געוואָרען צו דער דרום־זייט פון דער האַלב־אינזעל גאַלליפּאָלי, וואו זיי האָבען געשטריטען צוזאַמען מיט אַנדערע קאָרפּוסען. אייניגע פון זיי זיינען דער'הרג'עט געוואָרען, אַנדערע זיינען פערוואונדעט געוואָרען. זייער העלדענמוט האָט בעשריבען דער פּאָלקאָווניק פּאַטערסאָן אין יאָהר 1916 אין זיין בוך אונטער'ן נאָמען: „מיט די ציוניסטען אין גאַלליפּאָלי“, אין וועלכען ער לויבט אין הימעל זייער העלדישקייט און די איבערגעבענהייט פון זייערע אָפיצערען, און בעריכטעט, דאָס פיעלע פון זיי האָבען בעקומען מעדאַלען פיר העלדענטאַטען. ער בעשרייבט די הייסע ברידערליכקייט, וואָס האָט עקסיסטירט צווישען די אידישע סאָלדאַטען פון דיזען קאָרפּוס, מיט וואָס פאַר אַ טרויער זיי פלעגען צו קבורה ברייננגען אַ אידישען סאָלדאַט, וואָס איז געפאַלען אויף'ן שלאַכטפעלד; מיט וואָס פיר אַ ליבע און איבערגעבענהייט זיי פלעגען בעהאַנדלען אַ פערוואונדעטען סאָלדאַט, ווי זיי פלעגען איהם אַרומנעהמען און קוסען און טרייסטען און טאָן אַלעס מעגליכעס אום צו פערגרינגערן זיינע ליידען. אָבער שפּעטער אין הערבסט האָבען זיך די ענגלענדער און די פראַנצויזען איבערצייגט, דאָס דער פּלאַן צו נעהמען די דאַרדאַנעללען איז אַ דורכפאַל, און זיי האָבען בעשלאָסען צוריקציהען זייערע אַרמעען פון דאָרט. דער „ציון מיול־קאָרפּוס“ איז צוריק אַוועק נאָך עגיפּטען. דאָרט האָט די ענגלישע רעגירונג צולאָזען דעם קאָרפּוס און האָט דערביי שטאַרק געריהמט דעם מוט און די העלדישקייט פון די ציוניסטישע סאָלדאַטען. דיזע 500 אידישע סאָלדאַטען זיינען געוועזען די ערסטע זינט דער אויפשטאַנד פון בר כוכבא (אין 2טען יאָהרהונדערט נ. קר.) צו קעמפּפען געגען פרעמדע הערשער, וואָס האָבען פערכאַפּט דאָס לאַנד פון זייערע עלטערן.

איז עס געוועזען אַן אינסטינקט־געפיהל אָדער אַ פּאָליטישע רעכנונג, דאָס אידישע יונגע לייט האָבען בעשלאָסען צו אָפּפערן זייערע לעבענס אום צו העלפען די ענגלענדער אין זייער שטרייט געגען טערקיי? עס איז צו גלויבען, דאָס ביידע זאַכען צוזאַמען זיינען עס געוועזען. די ענגלישע רעגירונג, ווי אויך דאָס ענגלישע פאָלק, איז אימער געוועזען זעהר פריינדליך צו דער אידישער ראַסע. די אידען האָבען בעקומען אין ענגלאַנד אַלע פּאָליטישע רעכטען ניט נאָר אין געזעץ־בוך, נאָר אויך אין דער פּראַקטיק. אַ איד אַ

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי.

סיטי מעיאר (בירגער־מייסטער) האט מען בעגעגענט אין ענגלאנד ניט נאר אין דער פראווינץ, נאר אויך אין לאנדאן. א פאאר מיטגלידער פון בריטישען קאבינעט זיינען אידען און א איד איז דארטען געווען טשיעף־דזשאסטיס (הויפ־ריכטער) פון דעם גאנצען לאנד. די ענגלענדער'ס פערעהרונג און פערגעטערונג פון דעם אלטען טעסטאמענט, פון דער אידישער הייליגער שריפט, האט געשאפען אזא גרויסע פריינדשאפט און סימפאטיע צווישען דיביידע ראסען — דער אידישער ראסע און דער אנגלא־זאקסישער. הערצל און אנדערע פארנעהמע ציוניסטען האבען דעריבער נאר ענגלאנד אנפערטרויט די אידישע קאלאניאל־באנק, דעם פונדאמענט פון דעם ציוניזם, און זיי וואלטען דיזע קיין אנדערען לאנד ניט אנפערטרויט. אבער כל זמן ענגלאנד האט זיך גערעכענט פיר א פריינד צו טערקיי, האט זי גארניט געקענט טאן פיר דעם ציוניזם אין פאלעסטינא. די גרויסע מלחמה האט אין גאנצען געענדערט די לאגע און האט געמאכט זאכען מעגליך, וועלכע זיינען פריהער געווען אונמעגליך. ענגלאנד האט ניט נאר ערקלערט קריג געגען טערקיי, נאר זי האט אויך געשיקט אן ארמעע אין דאס הייליגע לאנד און האט עס ארויסגעריסען פון די טערקישע הענט. אין א גאנץ קורצער צייט האבען די בריטישע ארמעען איינגענומען פיעלע שטעדט אין פאלעסטינא: באר שבע, אשקלון, עזה, יפו, ירושלים און נאך אנדערע, און האבען גענומען אין געפאנגענשאפט פיעלע סאלדאטען פון די טערקען. ירושלים האבען די ענגלענדער גערעטעט פון צושטערונג. ענדליך איז ענגלאנד ארויס דעם 2טען נאוועמבער פון 1917 מיט אן אפענער דעקלאראציאן צו לארד ראטהשילד אין פאלגענדע ווערטער: „די רעגירונג פון זיין מאיעסטעט (דעם ענגלישען קעניג) גיט מיט פערגעניגען איהר בייפאל צו עטאבלירען אן אייגענע היים פיר אידען אין פאלעסטינא און זי וועט טאן איהר בעסטעס צו פערווירקליכען דיזען פאקט, עס פערשטעהט זיך זעלבסט, דאס די אידען וועלען קיין! בייזעס טאן דער בעפעלקערונג פון אנדערע רעליגיאנען".

דיזע ענגלישע דעקלאראציאן האט אזוי איבערראשט די ציוניסטען, דאס זיי האבען כמעט ניט געגלויבט וואס זיי הערען. אבער די ווירקליכקייט האט גענומען די אויבערהאנט. הערצל'ס מערקווירדיגע ווערטער אין זיין „אלטניילאנד": „אויב איהר ווילט איז עס ניט קיין אויסגעטראכטע זאך" האבען זיך בעוויזען אלס ריכטיג. די וויכטיגסטע מאכט פון די אלליאירטע, ענגלאנד, די הויפט־געגנעריין געגען דייטשען מיליטאריזם, האט אנערקענט דעם וואונש און פערלאנג פון דעם אידישען פאלק, צו אנערקענען זיין היסטארישעס רעכט אויף פאלעסטינא. די דעקלאראציאן איז גע-

וועו אַ זאך, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט פריהער זעהר ערנסט גע־
שטודירט און גוט אויסגעפּאָרשט מיט דער הילף פון ציוניסטישע פיהרער:
נחום סאָקאָלאָוו און דר. יחיאל טשלענאָוו פון מאָסקווא. מעהר פון אַלע אַנ-
דערע האָט געהאַט אַ ווירקונג אין דיזער הינזיכט אויף די ענגלישע רעגירונג
דר. ח י י ם ו ו י י צ מ אַ ן. דר. ווייצמאַן איז אַ גרויסער תלמודיסט און
גוטער העברעער. אין זיין פריהער יוגענד איז ער אַוועק פון רוסלאַנד נאָך
דער שווייץ און האָט דאָרט געענדיגט אַן אוניווערזיטעט מיט'ן טיטעל דר.
דער כעמיע, און איז נאָכדעם געוואָרען פּראָפעסאָר אין דער אוניווערזיטעט
פון מאַנטשעסטער אין ענגלאַנד. ער איז בעקאַנט געוואָרען אַלס ציוניסט
דורך זיין אַגיטירען פיר די אידעע צו גרינדען אַן אוניווערזיטעט אין
ירושלים. די גרויסע וועלט=מלחמה האָט איהם געשאַפען אַ מעגליכקייט
צו שפּילען אַ גרויסע ראָלע אין דער פערווירקליכונג פון דער אידישער
2,000=יעהריגער האָפנונג. איהם איז געלונגען צו שאַפען אַ נייעם עקס-
פּלאָדירענדען שטאָף, וועלכען די ענגלישע רעגירונג האָט געברויכט זעהר פיעל
אין דיזער מלחמה געגען דייטשלאַנד. מען דערצעהלט, דאָס ער האָט זיך
ענטזאַגט צו נעהמען פון דער רעגירונג וועלכע עס איז בעלוינונג פיר דיזע
ערפינדונג, נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער געבעטען פון ענגלאַנד צו העלפען
פערווירקליכען די אידיש=ציוניסטישע האָפנונג. דיזעס האָט געווירקט, דאָס
ענגלאַנד האָט זיך ערנסט גענומען צו לעזען דיזע וויכטיגע פראַגע. אין דער
זעלבער צייט האָט נחום סאָקאָלאָוו אונטערגענומען אַ רייזע נאָך פראַנקרייך
און איטאַליען אום צו בעקומען די הסכמה פון דיזע צוויי לענדער פיר אַ אי־
דישע פּאַלעסטינאַ. אין לאָנדאָן האָט זיך אָרגאַניזירט אַ ציוניסטישעס פּאָ־
ליטישעס קאָמיטע פון דר. חיים ווייצמאַן, נחום סאָקאָלאָוו, לאָרד ראָטה־
שילד, דזשאָזעף קאָהען, דר. מאָזעס גאַסטער, לעאָן סיימאָן, דר. טשלענאָוו,
דעם אַמעריקאַנישען סופרים קאָורט ריכטער לואיס בראַנדייס, דר. סטעווען
וויז, דר. האַררי פריעדענוואַלד, לעווין=עפּשטיין און דזשייקאָב דע האַאז.
אין פריהלינג פון יאָהר 1917 האָט באַלפאָור, דער ענגלישער מיניסטער פון
אויסערן, בעזוכט קאַנאַדאַ. קומענדיג אין אָטטאָוואַ האָט ער געשיקט רו-
פען צו זיך קלאַרענס דע=סאָלאַ, דעם פּרעזידענט פון קאַנאַדער „פעדערייש אָן
אָוו זייאָניסטס" און האָט מיט איהם געהאַלטען אַ לאַנגען געשפּרעך וועגען
דעם ציוניסטישען פּראָגראַם און האָט איהם ערלויבט צו פערעפענט־
ליכען, דאָס ער, באַלפאָור, איז אין גרוים סימפּאַטיע מיט דער ציוניס־
טישער בעוועגונג. דיזע אויכערונג פון מיניסטער באַלפאָור איז געווען

אן אנזאגער פון דער ענגלישער דעקלאראציאן, וועלכע איז ערשינען אין נא-וועמבער 1917.

באלד נאכדעם האבען געפאלגט וויכטיגע מאמענטען זעהר געשווינד איינער נאך דעם אנדערען. די אסימילאטארען אין ענגלאנד און אמעריקא



דר. חיים ווייצמאן.

האבען זיך פלוצלינג געפונען אין א צושטאנד, פון וועלכען זיי האט זיך קיין מאל ניט געחלום'ט. זיי האבען זיך בעריהמט, דאס זיי זיינען די אמת'ע טרייע פאטריאטען און איבערגעבענע צום פאטערלאנד, און דעריבער האבען זיי גערעכענט, דאס צו זיין א ציוניסט איז א פערברעכען, עס קאמפראמע-

טירט דעם נאָמען איד. פּלוצלינג קומט ארויס די ענגלישע רעגירונג און אנערקענט די וויכטיגקייט פון ציוניזם, און דער פּרעזידענט ווילסאָן זעלבסט איז זעהר געניייגט צו דער ציוניסטישער בעוועגונג. זיי האָבען זיך דערזעהען אין אַ לעבערלכער לאַגע, צו וועלען צייגען דער וועלט, דאָס זיי זיינען גרעסערע און בעסערע פּאַטריאָטען פון דער ענגלישער רעגירונג און פון דעם פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאטען. די מה־יפית־פּרעסע פון די אַסימילאַטאָרען און אַנטי־נאַציאָנאַליסטען איז ווידער ארויס מיט שימפּפרייען אויף דעם ציוניזם און האָט נאָך אַמאָל גע'טענה'ט, דאָס ציוניזם איז ניט און קען ניט זיין אין האַרמאָניע מיט'ן עכטען אַמעריקאַניזם. אין ענגלאַנד איז דער „באָארד אָוו דעפּיוטיס” ארויס מיט אַ לעבערליכען קאָמפּראָמיס, דאָס הגם די אידען זיינען קיין בעזונדערע נאַציאָן, דאָך דאַרף מען זעהן העלפען די אידען, וואָס ווילען זיך בעזעצען אין פּאַלעסטינאַ און מאַכען זי פיר זייער היים. זיי האָבען דאָס געמוזט צוגעבען נאָך דעם, ווי זיי האָבען זיך איבערצייגט, דאָס עס איז מעהר קיין האָפנונג ניטאָ צו געווינען דעם קאַמף. די סימפּאַטיע, וואָס דזשייקאָב שיף האָט די לעצטע צייט געצייגט צו דער ציוניסטישער בעוועגונג, ווייזט קלאָר, דאָס דער ציוניסטישער אידעאַל האָט די לעצטע צייט אַריינגעדרונגען אין אַזעלכע קרייזען, וועלכע זיינען פריהער געוועזען פיר איהם פערבאַריקאַדירט.

דעם 10טען דעצעמבער 1917 האָט דאָס ענגלישע מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל א ל ל ע נ ב י איינגענומען ירושלים. דאָס איז אויסגעקומען אין דיזען יאָהר אין דער וואָך פון חנוכה. דאָס איז געוועזען פינף וואָכען נאָך דעם, ווי דער ענגלישער מיניסטער פון אויסערן, באַלפאָור, האָט געשריבען צו באַראָן ראָטהשילד דעם בעוואוסטען בריף מיט דער דעקלאַראַציאָן. דיזער זיג האָט געמאַכט פולער די ענגלישע דעקלאַראַציאָן און די שמחה פון די נאַציאָנאַליסטען גרעסער און שטאַרקער. ווי עס זאָל זיך ניט ענדיגען די גרויסע מלחמה, וועט ארץ ישראל געוויס ניט אָפּגעגעבען ווערען צוריק צו טערקיי. אפילו ווען דייטשלאַנד זאָל געווינען די מלחמה, וואָס עס שיינט יעצט אונמעגליך, קען מען זיך אויך ניט פאָרשטעלען, אַז אַלע קריסטליכע פעלקער זאָלען איינשטימען פּאַלעסטינאַ אָפּגעבען צוריק צום טערק. ענגלאַנד וועט קיינמאָל ניט אָפּלאָזען דאָס לאַנד פּאַלעסטינאַ, וואָס זי האָט יעצט איינגענומען, און וועט אויך קיין מאָל ניט ענדערן איהר פערשפּרעכען וועגען פּאַלעסטינאַ אַלס אַ היים פיר אידען.

דעם 23טען דעצעמבער 1917 האָט דר. סטעווען ווייז געהאַלטען אַ רעדע אין קאַרנעגיע האָל וועגען דער ענגלישער דעקלאַראַציאָן און האָט צווי־

שען אַנדערע זאַכען געזאָגט: „מיר פרייען זיך איבער אַ קליינינקייט — איבער אַ „שטיקעל פּאַפּיר" (דאָס איז קייזער ווילהעלם'ס אויסדרוק וועגען דעם טראַקטאַט מיט בעלגיען, וואָס ער האָט געבראָכען), אָבער דיזעם שטי־קעל פּאַפּיר איז געשריבען אין ע נ ג ל אַ נ ד. עס איז אונטערגעשריבען פון דער ע נ ג ל י ש ע ר רעגירונג, און דעריבער איז עס ה י י ל י ג און א ו נ צ ו ש ט ע ר ב אַ ר". אָבער יעצט איז ניט מעהר די רעדע וועגען ענגלאַנד, וועלכע וועט געוויס מקיים זיין איהר הבטחה; יעצט איז די פראַ־גע: וועלען די אידען טאָן וואָס עס איז זייער פליכט צו טאָן? „מענשען, געלט און אָרדנונג, דאָס זיינען די דריי זאַכען, וואָס די אידען דאַרפען יעצט שאַפען", האָט געזאָגט דר. בראַנדייס, דער ריכטער פון יונייטעד סטייטס סופרים קאָורט אויף דער קאָנפערענץ פון דעם פּראָוויזאָרישען ציוניסטי־שען קאָמיטע דעם 16טען דעצעמבער 1917. ווער עס איז גוט בעקאַנט מיט די גרויסע ענטהוזיאַסטישע געפיהלען, וואָס פילען יעצט אָן צום ציוניזם די אידיש'ע הערצער פון אַלע קלאַסען, וועט אויף איין אויגענבליק ניט צווייפלען, דאָס די אויבען־דערמאָהנטע דריי זאַכען וועלען געשאַפען ווערען פון אי־דישען פאָלק, און דאָס די אידען וועלען בעזיגען דאָס לאַנד דורך פרידליכע מיטלען פון האַנדעל און אַגריקולטור, נאָך דעם, ווי ענגלאַנד האָט עס בעזיגט מיליטעריש. יעצט איז געקומען די שטופע פון זעלבסט־עמאַנציפּאַציאָן, און עס איז צו האָפען, דאָס אידען וועלען ניט פערפעהלען צו טאָן זייער פליכט אין דיזען גרויסען ה י ס ט אָ ר י ש ע ן מ אָ מ ע נ ט.

פערבעסערונגען.

צו באַנד XII זייט 27.

די אידישע אסימילאַטאָרען אין אונגאַרן האָבען געמיינט, אַז דורך רעפאָרמע אין יודענטום וועלען זיי נושא חן זיין ביי די קריסטען און דער פאָראורטייל געגען זיי וועט אין גאַנצען פערשווינדען. זיי האָבען זיך אָבער ביטער געטוישט אין 1882 דורך דעם בלוט־בלבול (עלילת־דם) פון טיסאַ־עסלאַר. אין דיזען אָרט איז קורץ פאַר פסח פון דעם אָנגעגעבענעם יאָהר פערשוואונדען אַ בויערן־מיידעל אסתר סאָלימאָסי (שאָלימאָשי), און דאָס האָט געפיהרט צו דעם חשד, דאָס אידען האָבען זי אומגעבראַכט צו רעליגיעזע צוועקען. דאָס געריכט האָט אָהן קיין שום גרונד געמאַכט דערפון אַ פראָצעס פון אַ רעליגיעזען מאָרד געגען דער אידישער געמיינדע פון טיססאַ עססלאַר. צו דיזען טייוועלשען צוועק זיינען אַרעסטירט געוואָרען די צוויי קינדער פון יאָזעף שאַרף, דעם שמש פון שול—שמואל, 5 יאָהר אַלט, און מאָריץ, 14 יאָהר, וועלכע מען האָט איינגערעדט און איינגעשראָקען צו זאָגען עדות געגען זייערע עלטערן און אַנדערע מיטגלידער פון דער געמיינדע, און אויף די עדות פון אונפעראַנטוואָרטליכע קינדער זיינען פיעלע אידישע פאָרשטעהער אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגנים. מעהר ווי אַ יאָהר און אַ האַלב האָט אונגאַרן געקאָכט מיט ראַכע געגען אידען, אויפגערייצט דורך די אַנטיסעמיטען אין דער פרעסע און קירכע. די גערעכטיגקייט האָט ענדליך געזיגט, ווייל דער גרונד פון דער בעשולדיגונג איז געווען צו שוואַך אַפילו פיר אַ אידען־פיינדליכען געריכט, אָבער דיזער טרויעריגער פאַל האָט די אידען אין אונגאַרן געוויזען, אַז אַסימילאַציאָן איז ניט קיין בעוואָרענים געגען דעם פינסטערען פאָראורטייל פון קריסטען געגען אידען.

צו זייט 140.

איינער פון די בעדייטענדסטע סאָציאַליסטישע שרייבער איז בנימין פייגענבוים, אַ פרוכטבאַרער פובליציסט איבער אַלגעמיינע סאָציאַלע און אידישע קולטורעלע פראַגען. ער איז דער למדן צווישען די אידישע סאָציאַליסטען.

צו זייט 146.

די „פרייע אַרבייטער שטימע” ווערט רעדאַקטירט פון ש. יאַנאָווסקי, דעם פובליציסט און איבערזעצער פון ראַדיקאַלע ליטעראַטור אין אידיש.

צו זייט 147.

רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט” איז דער פּאָעט און פובליציסט א. ליעסין.

צווישען די פּראָמינענטע אידישע שריפטשטעלער אין אַמעריקאַ דאַרפען נאָך דערמאָהנט ווערען: דער דיכטער נפתלי הערץ אימבער, דער פערפאַסער פון דער ציוניסטישער הימנע „התקוה” און פון מעהרערע שריפטען אין ענגליש איבער אידישע ענינים, און געציל (געאָרג) זעליקאָוויץ, דער פיעליעהריגער מיטאַרבייטער פון „טאַגעבלאַט”, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אַלס שרייבער אין אידיש און העברעאיש. פון זעליקאָוויץ'ס שריפטען אין העברעאיש זיינען ווערט צו דערמאָהנען זיינע רייזע־בילדער פון אַפריקאַ אַרויסגעגעבען פון דער חברה „תושיה” אונטער דעם טיטעל „ציורי מסע”.

רעגיסטער

פון נעמען און ענינים.

די לאַטיינישע (גלחישע) ציפערן בעצייכנען די בענדער; די געוועהנליכע ציפערן בעצייכנען די זייטען.

די לאַטיינישע ציפערן בעצייכנען ווי פאָלגט: I—ערסטען באַנד, II—צווייטען, III—דריטען, IV—פערטען, V—פינפטען, VI—זעקסטען, VII—זיבעטען,, VIII — אַכטען, IX — נײַנטען, X — צעהנטען, XI — עלפטען, XII—צוועלפטען.

אָ שטעהט אין דייטשע און לאַטיינישע נעמען אָנשטאָט (ae) ä, (oe) ö, און אין פראַנצויזישע אָנשטאָט eu, oeu. עס ווערט אָבער געלעזען איינפאַך ע.

נעמען, וועלכע מען געפינט ניט אונטער דעם בוכשטאַב ח זאָל מען זוכען אונטער כ, און אַזוי פערקעהרט.

א

אָאַסטלער, ריטשאַרד IX 342.
אבא אריבא IV 118.
ר׳ אבא בר כהנא IV 120.
אַבאָלאַרד V 21.
אבא מרי פון לונעל V 446.
אַבאַנקורט X 114.
אַבבאַס IV 242.
אַבדאַללאַה IV 233, 243.
אַבד-אַל-מאַליק (כאַליף) IV 241.
אַבדול אַזיז (סולטאַן פון מאַראָקאָ) XI 284.
אַבדול-האַמיד (סולטאַן) XI 223; זיין אַרונטערזעצונג פון טראָן XI 228.
אַבדול-חאַמיד (סולטאַן) II 197; VIII 194.
אַבדול-לאַטיף I 178.
אַבדול-מומען V 332.
אַבדול-מעדזשיד X 113; XII 83.
אַבד-על-קאַדער X 373.
אַבדור-רחמן, אַבדער-ראַחמאַן (כאַליף אין שפּאַניען) IV 243, 316; V 326.
אַבדער-ראַחמאַן דער 2טער (כאַליף אין שפּאַניען) IV 252.
אַבדער-ראַחמאַן דער 3טער IV 243; V 326, 337.
ר׳ אבהו (אמורא) IV 119.
אַבו אַבדאַללאַס V 280.
אַבו איסאַ (פאַלשער משיח) V 312.
אַבו-בעקער IV 234; V 306.
אבוהב, ר׳ יצחק V 515; VIII 375.
אַבו-טאַלעב IV 233.
אַבול אַבבאַס IV 242.
אַבולאַפיאַ, מאיר הלוי V 437.
אַבולאַפיאַ, משה X 348.
אַבולאַפיאַ, שמואל V 432.
אַבולעפיאַ, אברהם V 453.
אַבולעפיאַ, ר׳ טודרוס V 453.
אַבולפעדאַ I 380.
אַבונאָוואַס (דיכטער) IV 260.
אַבו-סעיד-אלחסין I 76.

אַבו־פאָדל, חסדאי V 345.
אַבו קאַריבאַ IV 144.
אביי און רבא IV 127.
אבים (מלך יהודה) I 255.
אבישי I 241.
אביתר I 241.
ר׳ אביתר (גאון) V 333.
אבן־אַבבאַס V 344.
אבן־אָדיאַ, שמואל IV 143.
אבן־באַטוטאַ I 76.
אבן־פאַרוח VIII 383.
אבנר I 243.
אבנר פון בורגאָס (משומד) V 430.
אבן־ראַיעק IV 245.
אבן שאַלביב V 346.
אבן תבון (פאַמיליע) V 390.
אַבערדין (גראַף) IX 336; XI 279.
אָבערטיר X 208.
אַבראַמאָוויטש, שלום יעקב XII 57.
אברבנאל, שמואל V 434, 494; VIII 286.
אברבנאל, יצחק V 512; VIII 285.
אברבנאל, יהודה לעאָן VIII 286.
אברהם אבינו I 223.
אברהם אבן אַלפאַכאַר V 348.
אברהם אבן עזרא V 352, 356.
אברהם פון בריסטאָל V 420.
אברהם בנבנשתי (בענוועניסטע) V 500.
אברהם אבן דאַוד V 353, 358.
אברהם בן דוד V 389.
אברהם בן חייא V 347.
אברהם בן חסדאי V 440.
אברהם הנגיד V 442.
אברהם זכות VIII 268.
אברהם יכין VIII 386.
ר׳ אברהם מיימון V 399.
אברהם פאָרכאָווניק V 404.
אבשלום I 247.
אַגאַטאַי IV 300.
אַגאַטהאָקלעס III 102, 114, 120.
אַגאַמעמנאָן II 27.
אַגאַססיז I 4.
אַגאָראַקריטאָס II 187.
אַגאַריסטע II 172.
אַגיזבאַרד (בישאָף) V 323.
אַגילולף IV 186.
אַגינאַלדאָ XI 178.
אָגינסקי X 228.
אַגיס II 225.
אַגנעס (קייזערין) VI 422; V 139.
אַגעזילאַוס II 240.
אַגעסאַנדער II 306.
אַגריפפאַ (קעניג) IV 35.
אַגריפפאַ דער 2טער IV 40.
אַגריפפאַ, מאַרקוס וויפסאַניוס III 375, 382.
אַגריפפאַ, מענעניוס III 55.
אַגריפפינאַ די אינגערע III 423.
אַגריקאָלאַ, גאַיוס יוליוס III 435.
אַגריקאָלאַ, געאָרג VII 183.
אָדאָ (גראַף) IV 381.
אָדאָאַקער IV 167.
אָדאָיעווסקי (קניאַז) VIII 508.
אַדאַלבעראָן (בישאָף) V 78.
אַדאַלבערט (גראַף) IV 412.
אַדאַלבערט (בישאָף) IV 422.
אַדאָלף פון נאַססאַו (ערץ־בישאָף) V 139; VI 27.
אַדאָלף פון אַלטענאַו (בישאָף) V 379.
אַדאַמאָוויטש, מאַריאַ X 307.
אָ׳דאָננעל IX 367.
אַדאַשעוו VII 336.
אַדדאַמס, דזשעין XI 283.
אָדדי (פאַמיליע) V 246.
אַדהערבאַל III 128, 252.
אדוניהו I 247.
אַדימאַנטוס II 155.
אָדיססעאוס II 27, 34.
אֶדיפּוס II 19.
אַדלער, הענרי XII 119.
אדלער, יעקב (אַקטיאָר) XII 150.
אַדלער, ר׳ נתן XII 73.
אַדלער, סיירוס XII 111.
אַדלער. שמואל XII 121.
אַדעלגיס IV 331.
אַדעלהאַרד (מאָנאַך) V 116.
אַדעלהיים IV 412.
אַדעלעיד IX 460.
אַדענאַנט IV 121.
אָדענאַטהוס (פון פאַלמיראַ) III 441.
אֲדראַסטוס II 22.

אַדריאַן (פון אַסטאַדע) VI 70.
אַדריאַן דער 6טער (פּאַפּסט) VI 196.
אַדריאַן (בישאָף) VI 382.
אַדריאַן (פּאַטריאַרך) VII 468.
אַדריאַנוס I 379.
אדרת, ר' שלמה בן V 444.
אדרת, יוסף VIII 272.
אהוד (איינער פון די שופטים) I 232.
אַהוראַמאַזדאַ (גאָט פון ליכט ביי די פּרסיים) I 426.
אָ' היגגינס IX 418.
אָהם X 122.
אהרון הכהן I 330, 333.
ר' אהרון בן משולם V 437.
ר' אהרון הלוי V 444.
אהרון פון ניקאָמעדיען VIII 263.
אהרון פון קאָנסטאַנטינאָפּעל (קאַראַאים) VIII 263.
אהרון יאַראָסלאַוו VIII 443.
ר' אהרון מטולטשין VIII 461.
ר' אהרון קאַרלינער VIII 496.
אהרימאַן (גאָט פון פינסטערניס ביי די פּרסיים) I 427.
אָהרענטהאַל (באַראָן) XI 195.
אובֿאַראָוו X 300.
אָובער X 145.
אוגאַנדאַ XII 205.
אַוגוסט פון זאַקסען (קורפירסט) VI 226.
אַוגוסט דער 2טער (קעניג פון פּוילען) VIII 17, 466.
אַוגוסט דער 3טער (קעניג פון פּוילען) VIII 18, 144, 466.
אַוגוסטין דער 1טער (קייזער פון מעקסיקאָ) IX 406.
אַוגוסטיניוס (מיסיאָנער) IV 225.
אַוגוראַקולום III 39.
אַוגורען (פּריסטער) III 24.
„אַוגסבורגער אינטערים" VI 218.
אודאָין IV 182.
אודינאָט X 356.
אוהלאַנד (דיכטער) X 29, 54.
אוהריך XI 59.
אָוואַנדאַ VI 41.
אָוואַרען IV 336, 337.
אָוויד, ז. אָווידיוס.
אָווידיוס, פּובליוס נאַזאָ (דיכטער) III 407.
אָוויט (בישאָף) V 300.
דע אָוויס, יאָאַן V 502.
אָוועלינג, עלעאָנאָר X 448.
אָווערבעק, פריעדריך X 147.
אוטאָפּיאַ (בוך) VII 60.
אויטאָנאָמיע פון אידישע קהלות VIII 475.
אויל מרודך I 115, 300.
אויערבאַך, בערטהאָלד XII 16.
אולוס III 253.
אולוס הירציוס (רוימישער קאָנסול) III 367.
אולוס וויטעלליוס III 427.
אולמאַן (אונגאַרישער רב) XII 22.
אולפילאַ (בישאָף) IV 211.
אולריך פון ווירטעמבערג V 161.
אולריך פאָן הוטטען (הומאַניסט) VI 89.
אולריך פאָן יונגינגען VII 479.
אולריך, קאַרל פּעטער VIII 186.
אולריקע, עלעאָנאָראַ VIII 16.
אונגאַרן V 292; קעניג סטעפאַן דער הייליגער און די בויערן VII 489; קרייץ-צוג אונטער דער אָנפיהרונג פון געאָרג דאָזאַ VII 490; אויפשטאַנד פון די לייבאייגענע VII 491; דאָזאַ'ס גרויזאַמער טויט VII 493; טערקיי'ס אָנגריף אויף אונגאַרן VII 493; סטעפאַן באַטשקאַי VII 495; רעוואָלוציאָן געגען עסטרייך X 109; אויסגלייך מיט עסטרייך XI 43.
פאָן אונרוה X 98.
אוסאַרטעסען דער 3טער (קעניג פון עגיפּטען) I 145.
ר' אוסטריאַ דאָן זשואַן (חואַן) VI 377; VII 85.
אוסישקין, מנחם מענדעל XII 204.
אוסקווע, ר' שמואל VIII 305.
אָוען, ראָבערט X 393.
אָוערסבערג X 89.
פאָן אָוערסוואַלד X 83, 94.
אורבאַן דער 2טער (פּאַפּסט) V 4.
אורבאַן דער 5טער (פּאַפּסט) V 264.
אורבאַן דער 6טער (פּאַפּסט) V 172.
אורבאַן דער 8טער (פּאַפּסט) VI 414.

פאַז אורבינאָ, ראַפאַעל סאַנציאָ VI 65.
אורוגואַי IX 421.
אורוך I 106, 123.
אורוסאָוו (פירסט) XII 94.
ר' אורי הלוי VIII 373.
אוריאל (ערץ־בישאָף) VIII 316.
אוריאל אַקאָסטאַ VIII 377.
אוריה I 247.
אוריהו (נביא) I 285.
אורכאַן (סולטאַן) VII 496.
אורסיני (פאַרטיי) V 142.
אַורעליאַ III 318.
אַורעליאַן (רוימישער קייזער) III 400.
אַורעליאַנוס דאָמיציוס III 442.
אַורעליוס מאַרקוס IV 108, 182.
אורקיצאַ IX 420.
אושאַ IV 239.
אַזוד על־מולק XI 232.
אָזיאַנדער VI 229.
אַזיז (קעניג פון עמעסאַ) IV 42.
אַזינאַי IV 69.
אַזעלליאָ III 270.
ד' אַזעלליאָ (מאַרקיז) X 337.
ד' אַזעלליאָ, מאַססימאָ XII 68.
אַזשעראַ IX 228.
אחאב (מלך ישראל) I 256, 257.
ר' אחאי פון שבחי (גאון) V 316.
אחז (מלך יהודה) I 271.
אחזיה (מלך יהודה) I 262.
אחזיהו בן אחאב I 260.
אחיה השילוני I 340, 351.
אחימלך I 241.
אַחמעד דער 3טער VIII 90.
אַחמעד (פערסישער קרוין־פרינץ) XI 232.
אַחמעט שייטאַן פאַשאַ VIII 268.
אַחרימאַן (אַהרימאַן) IV 41. ז. אויך אַהרימאַן.
אַטהאַ, סאַלוויוס III 427.
אַטהאַולף IV 158.
אַטהאַנאַגילד IV 193.
אַטהמאַן (כאַליף) IV 239.
אַטהען II 97.
אַטהענאָדאָרוס II 306.
אַטהעניאַ II 331.
אַטהעניאַ (שקלאַפען־קאָמאַנדיר) III 298.
אַטהענישע שלאַכט מיט די פערסיער II 136.
אַטהענישער זיג ביי מאַראַטהאָן II 139.
אַטהענישע עקספעדיציאָן נאָך סיציליען II 226.
אַטהען'ס אָפמאַך מיט ספּאַרטאַ II 176.
אַטהענע II 64.
אָטוואָש XII 25.
אָטט IX 258.
אָטטאָ דער 1טער, דער גרויסער (קעניג פון דייטשלאַנד) IV 480, 413; V 338.
אָטטאָ דער 2טער IV 413; V 363.
אָטטאָ דער 3טער IV 415.
אָטטאָ דער 4טער (פון ברוינשווייג) V 33.
אָטטאָ פון בראַנדענבורג V 378.
אָטטאָ פון וויטטעלסבאַך V 30, 34.
אָטטאָ פון נאָרדהיים IV 424.
אָטטאָ פון פרייזינג (היסטאָריקער) V 117.
אָטטאָ הוינריך (אַרכיטעקט) VI 81.
אָטטאָ פון נעריק VII 182.
אָטטאָ פון באַיערן IX 402.
אַטטאַלוס IV 157.
אַטטאַלוס פון פערגאַמום II 306; III 151.
אַטטאַלוס פון פערגאַמום דער 3טער III 172.
אָטטאָקאַר (גראַף) V 30.
אָטטאָקאַר פון בעהמען V 137.
אָטטאָקאַר דער 1טער (בעהמען) V 34.
אָטטאָקאַר דער 2טער (בעהמען) V 460.
אַטטוואָוד IX 344.
אַטטיוס (דיכטער) III 181.
אַטטיוס קלאַוזוס III 37.
אַטטילאַ IV 161; זיין טויט IV 165.
אַטטילוס, קאַיוס רעגולוס III 131.
אַטטיליוס, מאַרקוס רעגולוס (קאָנסול) III 125.
אַטיאַ III 565.
אַטראַס, ר' יצחק VIII 406.
אָטרעפּיעוו, גריגאָרי (מאָנאַך) VII 361.

דע אַיאַלאַ פּעראַ לאַפּעץ (דיכטער) V 285.
אַיאַמאַ IX 239.
איבסען, הענריק X 135.
איבראַהים IX 397.
איגאַר VI 400.
איגואַלאַ IX 406.
איגנאַטי (אַרכיעפּיסקאָפּ) VII 373.
איגנאַטיעוו XII 86.
איגעלסטראָם VIII 198.
איגר, ר' עקיבא X 260.
אידען:
1) ביבלישע צייטען — אורצייט פון אידישען פאָלק I 223; פעריאָדע פון די ריכטער I 232; ערסטע דריי קעניגען I 237; רעגירונג פון דודין I 243; רעגירונג פון שלמה'ן I 248; צוטיילונג פון דער מלוכה אין צוויי קעניגרייכען I 252; פעראייניגונג פון די צוויי קעניגרייכען I 256; אונטערגאַנג פון דעם קעניגרייך ישראל I 269; קעניגרייך יהודה אונטער אשור און בבל I 275; דער קאַמף מיט בבל און דאָס פאַלען פון יהודה I 285; אידען אין גלות בבל און די פערסישע הערשאַפט I 295; זיג פון כורש'ן און די אידישע האָפנונגען I 300; מאַטעריעלע און גייסטיגע קולטור פון אידישען פאָלק I 322; אַקערבוי און האַנדעל I 322; פאַמיליען-לעבען, געזעלשאַפט, רעגירונג I 325; רעליגיאָן I 330; די נביאים I 340; שפּראַך און ליטעראַטור I 345; קונסט און וויסענשאַפט I 346; בוי-קונסט I 354; אינדוסטריע I 356.
2) אונטער גריכישער הערשאַפט — אלכסנדר מוקדון און די הערשאַפט פון די פּטאָלעמעער II 327; גריכיש-סירישע הערשאַפט אין יהודה II 337; אויפשטאַנד פון די חשמונאים (יהודה מכבי) II 349; מלחמות פיר אונאָפּהענגיגקייט, יונתן און שמעון II 364; אידישע ליטעראַטור אונטער גריכישער הערשאַפט II 376; אונהאָפּהענגיגקייט פון יהודה אונטער די חשמונאים II 385; די פירסטען שמעון און יונתן הורקנוס II 388; אידישע פּאַרטייען אין די צייטען פון יונתן הורקנוס II 393; אַריסטאָבולוס, אלכסנדר ינאי, סאַלאָמאַ אלכסנדראַ II 404; קריג צווישען הורקנוס און אַריסטאָבולוס II 416; אידישע קולטור אין יהודה און מצרים II 425; אידיש-גריכישע פילאָזאָפיע II 432.
3) אונטער רוימישער הערשאַפט — הורקנוס דער 2טער און אַנטיפּאַטער IV 4; אַנטיגאָנוס IV 8; הורדוס דער 1טער IV 11; הורדוס'עס יורשים IV 21; גייסטיגעס לעבען אין יהודה און אין די גלות-לענדער IV 34; רוימישע הערשאַפט אין יהודה IV 32; אונרוהען אין קאַליגולאַ'ס צייטען און אַגריפּפּאַ דער 1טער IV 36; אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה IV 49; יודענטום אין ארץ ישראל און אין די גלות-לענדער IV 64; ענטשטעהונג פון קריסטענטום IV 72; תלמודישע צייט, פּאַלעסטינאַ און די גלות-לענדער IV 83; יודענטום און קריסטענטום, אידישע ליטעראַטור IV 93; דער אויפשטאַנד פון בר כוכבא I 103; די אידען אין בבל IV 107; דער תלמוד IV 108; ר' יהודה הנשיא IV 112; פערפאַסונג פון דער משנה IV 113; די נשיאות און די תלמודישע שולען אין ארץ ישראל IV 114; די נשיאים אין טבריה IV 115; די תוספתא אָדער ברייתות IV 116; די אמוראים IV 117; די בעלי אגדה IV 119; אידישער צענטער אין בבל IV 120; פּאַלעסטינאַ אונטער דער הערשאַפט פון די קריסטליכע קיסרים IV 127; הלל דער 2טער IV 128; יוליאַנוס דער אַפּאָסטאַט IV 131; אונטערגאַנג פון די נשיאות אין ארץ ישראל IV 133; תלמוד ירושלמי IV 133; אידען אין בבל און אַראַביען IV 140; דער תלמוד בבלי IV 145; חתימת התלמוד IV 146.

4) אין מערב־איראָפּאַ:

א) עלטערע צייט — אין איטאַליען, פראַנקרייך, גערמאַניען און שפּאַניען V 299; אידען אין אייראָפּאַ פון 7טען ביז'ן 10טען יאָהרהונדערט V 322; יודענטום אונטער דער גייסטיגער פיהרערשאַפט פון אידען אין שפּאַניען און פראַנקרייך V 329; אידען אין אייראָפּאַ און די קרייצ־צוגען V 348; גייסטיגעס לעבען פון אידען אין קריסטליכער אייראָפּאַ V 379; אידישער צענטער אין דייטשלאַנד V 407; אידען אין פראַנקרייך און ענגלאַנד ביז דעם גירוש V 409; דאָס אידישע בירגערליכע לעבען אין שפּאַניען V 424; קאַמף פון תלמודישען יודענטום געגען פילאָזאָפיע V 436; טרויעריגער צושטאַנד פון אידען אין דייטשלאַנד V 456; אידען אין איטאַליען און פּוילען V 477; לעצטער יאָהרהונדערט פון אידישער קולטור אין שפּאַניען V 492; גירוש שפּאַניען V 512.

ב) פון מיטען 17טען ביז מיטען 18טען יאָהרהונדערט — אידען אין עסטרייך VIII 399; אין פּרייסען VIII 402; געמיינדע אין האַמבורג VIII 404; אין איטאַליען VIII 409; מאַראַנאָס אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל VIII 413; מאַראַנאָס אין האָללאַנד VIII 415; צוריקקעהר פון אידען אין ענגלאַנד VIII 417; צוריקקעהר פון אידען אין פראַנקרייך VIII 421; שבתי צבי־בעוועגונג אין 17טען יאָהרהונדערט VIII 424.

ג) עפּאָכע פון מענדעלסאָן — העברעאישע ליטעראַרישע טעטיגקייט אין מענדעלסאָן'ס צייט VIII 448; קאַמף פיר בילדונג אין עסטרייך VIII 449; אָנפאַנג פ״י עמאַנציפּאַציאָן VIII 451; דאָהם'ס בוך וועגען אידען VIII 453; אַבבאַט גרעגואַר אין פראַנקרייך VIII 453.

5) אין רוסלאַנד — אידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד V 401; רוסלאַנד'ס שנאה צו אידען VIII 503; יעקאַטערינאַ די 1טע און אַננאַ איוואַנאָווּנאַ VIII 504; ברוך לייבאָוו VIII 505; קייזערין עליזאַבעטאַ פּעטראָוונאַ VIII 505; אַנטאָניאַ סאַנטשעס VIII 507; יעקאַטערינאַ די 2טע VIII 508; פּוילישע אידען אונטער רוסישער הערשאַפט VIII 511.

6) אין פּוילען און ליטא:

א) פון עלטערע צייטען ביז 1648 — אידישע קאָלאָניעס אין פּוילען V 401; באָלעסלאַוו'ס פּריווילעגיעס V 485; קאַזימיר דער גרויסער V 485; אידען אין ליטא V 489; אידישע אויטאָנאָמיע אין פּוילען VIII 335; סיגיזמונד דער 1טער VIII 337; פערפאָלגונגען אין פּוילען VIII 339; אידען אונטער סיגיזמונד דעם 2טען און סטעפאַן באַטאָרי VIII 342; בעשרענקענדע געזעצען אין ליטא VIII 343; הערשאַפט פון די קלעריקאַלען VIII 345; פּראָצעסען פון עלילת דם VIII 347; מיכל יאָזעפאָוויטש VIII 351; דער קהל און די ועדים VIII 353; ערציהונג, חדרים, ישיבות VIII 355; רבנישע ליטעראַטור VIII 357; ר' מרדכי יפה VIII 359; די קבלה VIII 361; מתתיהו דעלאַקרעט VIII 361; ר' יצחק פון טראָקי, מחבר פון „חזוק אמונה" VIII 362;

ב) פון מיטען 17טען ביז מיטען 18טען יאָהרהונדערט — אידישע אויסשלאַכטונגען אין דעם אויפשטאַנד פון באָגדאַן כמעלניצקי (גזירות ת״ח) VIII 458; די ווידער־אויפבליהונג פון אידישע געמיינדעס אין פּוילען VIII 465; עלילת דם פּראָצעסען VIII 467; מערדערייען פון די היידאַמאַקען VIII 470; זשעליעזניאַק און גאָנטאַ VIII 471; די שחיטה אין אומאַן VIII 471; אידישע אויטאָנאָמיע VIII 473; דער קהל און די ועדים VIII 475; שבתי

צבי-בעוועגונג אין פוילען VIII 481;
די פראנקיסטען VIII 483; אנפאנג
פון חסידיזם VIII 487; ר׳ ישראל
בעל שם טוב VIII 489; קאמף געגען
חסידיזם, די מתנגדים VIII 498;
דער ווילנער גאון געגען חסידיזם
VIII 499; השכלה-בעוועגונג VIII
501; שלמה מיימן VIII 501.

7) אין טערקיי — אידען
אין טערקיי VIII 262; גייסטיגער
צענטער אין ארץ ישראל VIII 265;
גראציא מענדעס VIII 269; יוסף
נשיא VIII 271; שלמה אשכנזי VIII
278; רבנות אין ארץ ישראל VIII
274; ר׳ יוסף קארו VIII 275;
דער אר״י VIII 277; ר׳ יצחק
לוריא VIII 278; ר׳ חיים וויטאל
VIII 279; ליטעראטור VIII 284;
אידען אין טערקיי אין 17טען יאהר-
הונדערט VIII 383; שבתי צבי
VIII 385; נתן העזתי VIII 388;
שמואל פרימא VIII 390; סעקטע
פון שבתי צבי VIII 393.

8) אין איטאליען —
קולטורעלער פארטשריט און רעכט-
לאזיגקייט VIII 284; שמואל
אברבנאל VIII 286; פאלשע משיחים
VIII 287; שלמה מולכו VIII 291;
אידען אין פאפסט׳ס מדינה VIII 296;
פערברענונג פון תלמוד VIII 297;
אידען אונטער דער וועלטליכער הער-
שאפט אין איטאליען III 299; אי-
דישע ליטעראטור VIII 302; ר׳ יוסף
הכהן און זיין „עמק הבכא" VIII
306; „שלשלת הקבלה" VIII 306;
פאעזיע VIII 307; די דיכטערינס
דבורה אסקארעללי און שרה סוללאם
VIII 307; דער הומאניזם און דאס
פריידענקען VIII 308; עזריה דע
ראססי (מן האדומים) VIII 309;
יהודה אריה די מודינה VIII 310;
יוסף דעל מעדיגא VIII 310.

9) אין שפאניען און
פארטוגאל — אונטער דער
הערשאפט פון די אראבער V 304;
קולטור אונטער די אראבער V 315;
אויפבליהונג פון יודענטום אין שפא-
ניען V 337; רבנו משה בן מיימון
(רמב״ם) V 391; דאס אידישע
בירגערליכע לעבען אין שפאניען
V 424; לעצטער יאהרהונדערט פון
אידישער קולטור אין שפאניען V
429; מאראנאס אין שפאניען און
פארטוגאל VIII 365, 367.

10) אין האללאנד — ערסטע
האללענדישע אידישע קאלאניע, יעקב
טירادא VIII 373; האללענדישע גע-
מיינדע VIII 375; ר׳ מנשה בן
ישראל VIII 376; אוריאל אקאסטא
VIII 377.

11) אין דייטשלאנד:

א) אין דער צייט פון דער רעפאר-
מאציאן — מאקסימיליאן דער 1טער
VIII 311; די שתדלנים VIII 313;
יאהאן פפעפפערקארן VIII 315;
יאהאן רייכלין VIII 316; לוטהער
און די אידען VIII 320; קאמף
פיר אידישעם רעכט VIII 323;
עלילת דם אין באיערן VIII 325;
פערפאלגונגען אין ווארמס VIII
327; פערפאלגונגען אין בעהמען
VIII 329; ר׳ יום טוב ליפמאן
העללער VIII 331; ליטעראטור
VIII 332; דער פלפול VIII 334;
ר׳ ישעיה הורוויץ, דער מחבר פון
„שני לוחות הברית" (של״ה) VIII
334.

ב) עפאכע פון מענדעלסאן — משה
מענדעלסאן VIII 438; איבערזע-
צונג פון דער תורה VIII 443; זיין
„ירוזאלעם" VIII 445; העברעאי-
שע ליטעראַרישע טעטיגקייט אין מענ-
דעלסאן׳ס צייט VIII 448; דער
„מאסף" VIII 448; ר׳ נפתלי הערץ
וויזעל VIII 449; קאמף פיר ביל-
דונג אין עסטרייך VIII 449;
ר׳ יחזקאל לאנדא VIII 451; אנ-
פאנג פון עמאנציפאציאן VIII 451;
דאהם׳ס בוך וועגען אידען VIII 453.

12) נייע צייט:

א) ערב פראנצויזישע רעוואלו-
ציאן — דאהם׳ס בוך וועגען אידען

X 153 ; אידען אין פרייסען
154 ; אין עסטרייך X 157 ; אין
פראַנקרייך X 158 ; נידערלאַנד, ענג-
לאַנד, שווייץ און סקאַנדינאַוויען X
161 ; אין פוילען X 163 ; אוי-
סערהאַלב אייראָפּאַ X 165 ; אַסימי-
לאַציאָן און נאַציאָנאַליזם X 167.
ב) עפּאָכע פון דער ערסטער עמאַנ-
ציפּאַציאָן — עמאַנציפּאַציאָן אין
פראַנקרייך X 168 ; עמאַנציפּאַציאָן
אין אַנדערע לענדער פון פראַנצויזי-
שער הערשאַפט X 189 ; עמאַנציפּאַ-
ציאָן אין דייטשלאַנד X 196 ; אידען
אין עסטרייך X 211 ; אידען אין
פוילען אין דער צייט פון דער לעצ-
טער צוטיילונג X 218 ; נייער אידי-
שער צענטער אין רוסלאַנד X 225.
ג) עפּאָכע פון דער ערסטער רעאַק-
ציאָן — קאַמף פיר גלייכע רעכטען
אין דייטשלאַנד X 241 ; רעליגיעזע
רעפאָרמע אין דייטשען יודענטום X
259 ; קולטור-קאַמף אין עסטרייך
X 275 ; אונטערדריקונג אין רוס-
לאַנד X 286 קליינע אידישע צענ-
טערן אין אייראָפּאַ און אויסער איי-
ראָפּאַ X 330.
ד) עפּאָכע פון דער צווייטער עמאַנ-
ציפּאַציאָן פון 1848 ביז 1881 —
אידישע דעפּוטאַטען אין דייטשען
פאָלקס-פּאַרלאַמענט XII 1 ; גבריאל
ריעססער XII 2 ; רעאַקציאָן פון די
50ער יאָהרען XII 3 ; עמאַנציפּאַ-
ציאָן אין עסטרייך און אונגאַרן XII
17 ; איבערגאַנג צו רעפאָרמעס אין
רוסלאַנד XII 30 ; פראַנקרייך אין
דער צייט פון דער צווייטער רעפּוב-
ליק און דער צווייטער אימפּעריע
XII 64.
13) נ י י ע ס ט ע ג ע ש י כ-
ט ע — אידען אין רוסלאַנד XII
85 ; ניקאָלאַי דער 2טער XII 90 ;
באַלקאַנישע לענדער XII 102 ;
אַמעריקאַ, ספּרדישע און דייטשע
פּעריאָדעס XII 111 ; רוסישע פּע-
ריאָדע XII 130 ; אידישע לי-
טעראַטור אין אַמעריקאַ XII 145,
146 ; אידישעס טעאַטער אין אַמערי-
קאַ XII 149 ; אידישע פעראַיינען
אין אַמעריקאַ XII 149 ; אידישע
אָרדענס אין אַמעריקאַ XII 151 ;
אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקאַ XII
161 ; אידען אין אויסטראַליען XII
161 ; אין זיד אַפריקאַ XII 163 ;
ציוניזם XII 167 ; ענגלאַנד'ס דע-
קלאַראַציאָן וועגען פּאַלעסטינאַ פיר
אידען XII 219.
איוואַ-לוז דער 4טער I 109.
איוואַן דער 2טער וואַסיליעוויטש (גרוי-
פירסט) V 298.
איוואַן דער 3טער V 491.
איוואַן דער שרעקליכער (גראָזני) VII
333.
איוואַן אַלעקסייעוויטש VII 442.
איוואַן דער 6טער VIII 183.
איוואַנס (אַדמיראַל) XI 269.
איזאַאַק דער 2טער (ביצאַנץ) V 39.
איזאַבעללאַ פון ענגלאַנד V 47.
איזאַבעללאַ פון קאַסטיליען V 277, 508.
איזאַבעללאַ IX 369.
איזאַבעללאַ (שפּאַנישע פּרינצעסין) XI
16.
איזאַגאָראַס II 115.
איזאָקראַטעס II 310.
איזבל I 256, 257.
איזיאַטעס IV 70.
איזידאָר (בישאָף) V 304.
איזידאָרישע דעקרעטאַליען IV 377.
איזמאַאיל פּאַשאַ X 412.
איזאָאוס II 310.
אַיזין, געאָרג VIII 53.
איזענבראַנד וואָלף VII 320.
איזראַעל, דניאל VIII 394.
איזראַעלי, יצחק V 319.
איזראַעלי, בנימין V 331.
איטאָ (יאַפּאַנישער פּרינץ) XI 173,
242.
איטאַליען :
1) ע ל ט ע ר ע צ י י ט — הער-
שאַפט פון די נאָרמאַנען און אונ-
טער-איטאַליען V 240; וויסקאָנטי V
243 ; די קאָנדאָטטיערי V 244 ; די
באַליאָני V 246 ; די מעדיטשי V

249 ; סאַוואָנאַראָלאַ V 253 ; ווענעציאַ V 256 ; קאָלאַ ריענצי V 261 ; קירכען־שטאַאַט V 264 ; נעפּאָטיזם V 265 ; ליטעראַטור : פּעטראַרקאַ V 266 ; באָקאַטשיאָ V 267.
2) אין נייערער צייט — אין 16טען יאָהרהונדערט IX 377 ; אין 18טען יאָהרהונדערט IX 379 ; פּאַפּסט פּיאוס דער 7טער IX 382, 383; דער אויפשטאַנד IX 388; דזשוסעפּפּע מאַצציני IX 390 ; גאַריבאַלדי X 379 ; איינהייט פון איטאַליען X 385 ; סאָציאַליזם פון 1901 ביז 1912 XI 127 ; קעניג וויקטאָר עמאַנועל דער 3טער XI 201 ; אויסברוך פון דעם וועזוּביוס XI 202 ; קריג מיט טערקיי וועגען טריפּאָלי XI 203;
איטורבידע IX 406 ;
אייבשיץ, יהונתן VIII 407, 429.
אייגען פון סאַוואָיען VII 305.
אייגען (פּרינץ) VIII 88.
אייגעניוס דער 3טער (פּאַפּסט) V 369.
אייגעניוס דער 4טער (פּאַפּסט) V 501.
אייזעביוס I 95.
אייזעביוס (בישאָף) IV 127.
אַייזענמענגער, יאָהאַן VIII 408.
אַייזענשטאַדט, מיכל X 287.
אייזענשטיין, י. ד. XII 145.
אַייזעקס, דזש. י. XII 163.
אַייזעקס, י. א. XII 163.
אַייזעקס, מאיר ס. XII 134.
אַייזעקס, נאַטהאַניעל XII 165.
אייזשעניע, קעניגין פון פראַנקרייך XI 58.
אַייכהאָרן X 37, 51.
אַייכעל, יצחק VIII 447 ; X 204.
אַיילון, ר' שלמה VIII 428.
איינאַטטען (גענעראַל) XI 41.
איינהאַרד IV 343, 370.
איינהאָרן, דוד XII 11, 25.
איינהאָרן, דר. מאַקס XII 141.
דעל'איל, בריער XI 157.
אילדיקאָ IV 165.
אילובידי I 273.
איללאַריאָן (מיטראָפּאָליט) V 403.
אימבער, נ. ה. XII 224.
איממאַ IV 343.
אינאַרוס II 288.
אינג־טסאָנג VIII 45.
אינדיען — I 78 ; פעלקער I 79 ; קאַסטעס I 80 ; בראַהמינען I 83 ; מאַנו'ס געזעץ־בוך I 85 ; בודהאַ I 87 ; מאַכט פון די פּריסטער I 89 ; געמיינדע־לעבען I 93 ; קולטור־לעבען I 95 ; אַרכיטעקטור און סקולפּטור I 97 ; וויסענשאַפטען I 99 ; אידען אין I 100 ; עראָבערונג דורך די ענגלענדער VIII 71; אָסט־אינדישע קאָמפּאַניע VIII 74 ; אינדיען און פּערסיען XI 229.
איננאָצענץ (פּאַפּסט) V 33.
איננאָצענץ דער 2טער (פּאַפּסט) IV 432; V 360.
איננאָצענץ דער 3טער (פּאַפּסט) V 78, 72, 377, 405.
איננאָצענץ דער 4טער (פּאַפּסט) V 50, 53, 458.
איננאָצענץ דער 5טער (פּאַפּסט) V 64, 263.
איננאָצענץ דער 8טער (פּאַפּסט) V 265,
איננאָצענציוס (איננאָצענץ דער 2טער) IV 432.
אינקוויזיציאָן אין שפּאַניען V 87, 508.
איסאַורוס, לעאָ V 327.
איסטהמישע שפּילען II 125.
איסטלעיק X 149.
